STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06144

ESEYEN

Menahem Boraisha

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



מנחם באָריישאָ

מנחם באָריישאָ

ע ס י ע ן

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina

Copyright by:
M. BORAISHA,
New York (U.S.A.)

וועגן אַלע ענינים פון פאַרלאַג זיך ווענדן:

EDITORIAL "IDBUJ"

BOULOGNE SUR MER 671 — T. E. 62-9566 — BUENOS AIRES

מנחם באַר״שא

עס״ען

פאַרלאַג ״ידבוך״
ביי דער
״געזעלשאַפט פאַר ייִדיש-וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע״
בוענאָס-אײַרעס

1956

אינהאַלט:

הקדמה — שרה באַריישאַ — 7
איך דערמאָן זיך — אַדאַ באַריישאַ־פּאַגעל — 9
„כנסת״ — ייִדישער פּאַרלאַמענט
(לעצטער אַרטיקל פון מנחם באַריישאַ, טאָג פאַר זיין פּטירה) — 27

1. יידן און יידישקייט אין אַמעריקע:

וואוהין גייט איר, ייִדישע יוגנט פון היינט? — 37
מיר, דער דור — 46
איינער פון אונדז — 51
אַמעריקאַנער ייִדן וואָס לויפן פון ייִדישקייט — 56
ווי אַזוי קענען מיר אויפהאַלטן ייִדישקייט אין אַמעריקע? — 66
וואָס געווינען מיר פון „פאַרשטענדיקונג״ צווישן ייִדן און קריסטן? — 76
יוגנט אויפן וועג צו ייִדישקייט — 83
די שטילע רעוואָלוציע אין די „ייִדישע צענטערס״ — 90
ווי זאָלן אַמעריקאַנער ייִדן באַערן די קדושים? — 96
געשפּאָלטענע פּערזענלעכקייט — 103
„גודוויל״ — דער ייִדישער און קריסטלעכער נוסח — 109
„רעוואָלוציע״ ביי די רעפאָרם־ייִדן — 115
דער יונגער דור און דער טעמפּל — 121
רעליגיעזע ייִדישקייט — 127
פרייע ייִדן און פרומע ייִדן וועגן דער צוקונפט פון ייִדישקייט — 133
וועלטלעכע ייִדישקייט — 145

2. ישראל און די תפוצות:

אונדזער חשבון־הנפש פאַר אַ נייער אויסלייזונג — — — — — — — — — — — — 153
אַ דור וואָרט אויף אַ ניי וואָרט — — — — — — — — — — — — — — 161
ארץ־ישראל, אונדזער שותף אָדער יורש? — — — — — — — — — — 169
פאַרלייקענונג פון ייִדיש און פון גלות — — — — — — — — — — — — 178
„בונד" און „בונדיזם" — — — — — — — — — — — — — — — — — 185
די בויער פון ישראל — — — — — — — — — — — — — — — — — 191
ייִדישע נויט און „אתה בחרתנו" — — — — — — — — — — — — — 198
אונדזער ליטעראַטור און אונדזערע שפּראַכן — — — — — — — — — — 206

3. אין דער אַלטער היים:

בריסק — מיין היימשטאָט — — — — — — — — — — — — — — — — 215
פון די טעג וואָס גייען — — — — — — — — — — — — — — — — — 223
וואַרשע — אַ נישט־דערקענטע שטאָט — — — — — — — — — — — — 230
י. ל. פּרץ, דער רבי — — — — — — — — — — — — — — — — — — 236
אַ לעגענדע פון אַ פאָלק, אַ צויבער פון אַ יום־טוב — — — — — — — — 240

הקדמה

ביים לעבן האָט מנחם געפּלאַנעוועט אַרויסצוגעבן אַ בוך עסייען. דאָס איז אים ניט געווען באַשערט. מיר — מיין טאָכטער און איך — האָבן איבערגענומען די עובדה צו פאַרווירקלעכן זיין ווונטש.

דאָסדאָזיקע בוך איז אַ זאַמלונג פון מנחמס געקליבענע עסייען, וואָס זענען דערשינען אין פאַרשידענע צייטשריפטן במשך פון 35 יאָר — צווישן 1914 און 1949.

די זאָרג פאַרן יידישן קיום, פאַרן יידישן המשך, וואָס איז געווען די אַקס פון מנחמס וועלט־באַנעם, פון זיין גאַנצן דיכטערישן גאַנג, איז אויך דער לייט־מאָטיוו פון די עסייען.

אין דעם בוך ווערן אָנגערירט אַלערליי פּראָבלעמען, אָבער זיי זענען אַלע געבונדן מיט איין געדאַנק און איין פאַרעם: די אמונה און דעם בטחון אין יידישן קיום.

שרה באַריישאַ

אַדאַ באַריישאַ-פּאַגעל

איך דערמאָן זיך

זכרונות וועגן מיין פאָטער, מנחם באַריישאַ ע״ה, 1949—1888

איך האָב דאָס לעצטע מאָל געזען דעם טאַטן צוויי טעג פאַר זיין פּטירה. דאָס איז געווען דאָנערשטיק, דעם 10טן פעברואַר, 1949. פאַרנדיק פון דער רעדאַקציע אַהיים, פלעגט דער טאַטע, איין מאָל אָדער צוויי מאָל אַ וואָך זיך אַריינכאַפּן אויף אַ האַלבער שעה, פאַרברענגען מיט די קינדער, שמועסן אַ ביסל. דאָס מאָל, ווען ער איז געקומען, איז אין דרויסן געווען זייער קאַלט, דער הימל — אָנגעלאָדן מיט שווערע, גרויע וואָלקנס. דער טאַטע האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די קעלט. ווען ער איז אַריין אין שטוב, איז ער געווען זייער בלייך. איך האָב געזען, ער ליידט יסורים, אָבער מיר האָבן זיך ביידע פּרובירט מאַכן נישט־וויסנדיק. איך האָב אים געגעבן טיי, און צו־ביסלעך איז אים לייכטער געוואָרן.

מיין טעכטערל דבורה, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען זעקס יאָר, האָט צוגענומען ביים „זיידע מעני״ די שאָקאָלאַד וואָס ער האָט געבראַכט, און אַוועק צו זיך אין צימער מיט אַ חברטע. מיין יינגעלע, דער צוויי־יאָריקער אהרן, האָט זיך נישט געקענט שפּילן מיט דער עלטערער שוועסטער, האָט ער זיך געדרייט אַרום אונדז; געבראַכט צו שלעפּן אַ קאַסטן צאַצקעס צו ווייזן דעם זיידן; זיך געגרויסט מיט די נייע ווערטער וואָס ער קען שוין זאָגן, און פריידיק געלאַכט פון זיידנס נחת. צווישן דעם טאַטן און אהרלען איז געווען אַ גרויסע ליבשאַפט. דאָס קינד איז אַרויף צום זיידן אויפן שויס און זיך איינגענורעט. דער זיידע האָט

אים געהאַלטן פעסט אַרומגענומען, און דער קליינער איז געזעסן רויִק, זיך צו־געהערט ווי מיר שמועסן.

עס האָט אָנגעהויבן שנייען. איך האָב געהאַט אַ גוטן תירוץ איינצורעדן דעם טאַטן, אַז איצט קען ער נישט גיין אַהיים. ער איז טאַקע געבליבן מער ווי צוויי שעה. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ געפונענע גליק. אין די לעצטע חדשים האָבן מיר זעלטן ווען געהאַט אַ געלעגנהייט צו פאַרברענגען אַ לענגערע צייט. דער טאַטע האָט געוווּסט, אַז ער איז ערנסט קראַנק, האָט ער יעדע פרייע מינוט אָפּגעגעבן זיין אַרבעט אויף „משה" און „חשבון אויפן אַש" און האָט אַ סך געלערנט.

די צוויי שטילע שעה יענעם נאָכמיטיק האָבן איינגעהילט דאָס צימער אין וואַרעמקייט און געמיטלעכקייט. דאָס איז געווען מער ווי די ליבשאַפט פון אַ טאַטן און זיין קינד. אַזאַ ליבשאַפט ברענגט נישט אַלעמאָל נאָענטקייט. דאָס איז געווען די אינטימקייט און די אָפנקייט פון גוטע פריינד, וואָס קענען רעדן און שווייגן צוזאַמען. די דאָזיקע פריינדשאַפט האָט זיך פאַרפלאַנצט אין מיין קינד־הייט, און איז געוואַקסן צוזאַמען מיט מיר. אָנהייבנדיק פון אונדזערע ערשטע לאַנגע שפּאַצירן, ווען איך האָב זיך פעסט אָנגעהאַלטן אין טאַטנס האַנט און פּרובירט צופּאַסן מיינע קינדערשע טריט צו זיין לאַנגן, אימפּעטיקן שפּרייז; ביז צו די סאַמע לעצטע יאָרן, ווען מיר זענען עטלעכע זומערן געווען צוזאַמען אויפן דאָרף. נאָכן אָפּזיצן עטלעכע שעה ביים שרייבטיש, פלעגט דער טאַטע אַרויסקומען פון צימער און זאָגן: „אפשר וואָלט מען זיך אַ ביסל דורכגעפאָרן? נעם די מאַ־שין". איך האָב געלאָזן די מאַשין בלאָנדזשען איבער די רויִקע, דאָרפישע וועגן, פאַרביי וועלדער, לאָנקעס, טייכלעך. דער טאַטע לעבן מיר, האָט געריכערט, שווייגנדיקערהייט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, ביז אין דער שטילקייט און דעם אימפּעט פון פאָרן האָט זיין מידקייט נאָכגעלאָזט...

דער טאַטע פלעגט מיר זאָגן: „לערן זיך אויס צו טראַכטן מיטן האַרץ". ער האָט מיך געלערנט, דורך זיין באַגיין זיך מיט מיר, אַז ליבשאַפט דאַרף מען נישט נאָר קענען געבן, נאָר נעמען אויך. ער האָט מיר געגעבן, און אַלעמאָל געלאָזט פאַר מיר אַן אָפענע טיר צוצוקומען צו אים. איך האָב מיט אים געקענט רעדן וועגן אַלץ, און ער האָט וועגן אַלץ גערעדט מיט מיר.

אַוודאי האָבן מיר זיך געאַמפּערט, אַמאָל זיך שטאַרק געקריגט, ווייל דער טאַטע האָט זיך געקענט לייכט אָנצינדן, און איך אויך. איך האָב געהאַלטן, אַז ער פאָדערט פון מיר צופיל, און איך האָב זיך געבריקעט. איצט, האָבנדיק אַליין קינדער, פאַרשטיי איך דעם טאַטן, פאַרשטיי אויך, אַז זיין פאָדערן פון מיר איז געווען אַ המשך אין זיין פאָדערן פון זיך אַליין. ער האָט זיך געלערנט אי זיך,

אי מיר, זיך צו צאַמען. דאָס אַמפּערן זיך איז געווען אַ טייל פון אונדזער אַפּגע־קייט, און האָט אונדז נעענטער געמאַכט, ווייל ווען דער טאַטע פלעגט זיך אַרומ־זען, אַז זיין כּעס איז געווען צו־שאַרף, אָדער איגנאָנצן נישט באַרעכטיקט, האָט ער זיך פאַר מיר אַנטשולדיקט. דאָס האָט ער געטון, אַפילו ווען איך בין געווען אַ קינד. (דאָ איז געקומען צום אויסדרוק זיין זעלטענע ערלעכקייט. בנוגע צו זיך אַליין ווי אַ קינסטלער, אַז ער האָט דערזען זיינע שוואַכקייטן, האָט ער געזוכט זיי גובר צו זיין. און אויך ווי אַ פאָטער, האָט ער זיך נישט געשעמט מודה זיין, אַז ער איז געווען נישט גערעכט).

און איצט בין איך געזעסן קעגנאיבער דעם טאַטן, מיך האָט געגלעט זיין שטיל, צערטלעך קול. אין דרויסן איז געפאַלן אַ געדיכטער שניי, ס׳איז שוין געווען פינצטער. דאָס צימער, ווו מיר זענען געזעסן, איז געווען אַ ליכטיקע וואַרעמע נעסט. מיר האָבן געשמועסט וועגן „דערוואַקסענע״ ענינים, און דאָך האָב איך געהאַט דעם אימפּולס זיך איינצונורען ביים טאַטן אויפן שויס.

ענדלעך האָט דער טאַטע באַשלאָסן, אַז ס׳איז שוין צייט צו פאָרן אַהיים. ער האָט מיר געמוזט צוזאָגן, אַז ער וועט נעמען אַ טעקסי. ער האָט זיך געזעגנט מיט די קינדער, אָנגעטאָן דעם מאַנטל מיטן הוט. מיר האָבן זיך צעקושט. איך האָב אים צוגעפירט צו דער טיר און געזאָגט: „אַ ביסל געדולד, פּאַפּאַ, נאָך אַ חודש, צוויי, ס׳וועט ווערן וואַרעם, וועסטו זיך פילן בעסער״. פון קאָרידאָר דרויסן האָט ער מיר געענטפערט: „אוודאי, קינד ס׳וועט זיין גוט״. ער האָט זיך פאַרדרייט צו די שטיגן, און מער האָב איך אים נישט געזען. דאָס זענען געווען די לעצטע ווערטער וואָס איך האָב געהערט פון טאַטן: „ס׳וועט זיין גוט״...

שבת, עלף אין דער פרי, ווען איך האָב אָנגעקלונגען אַהיים, האָט מיר די מאַמע געזאָגט, אַז דער טאַטע האָט געהאַט אַ האַרץ־אַטאַקע, זי פאָרט מיט אים אין שפּיטאָל, און זי וועט מיר טעלעפאָנירן פון דאָרט. איר קול האָט זיך איבער־געבראָכן. איך האָב זיך אַרומגעדרייט אין שטוב, פון איין צימער אין אַנדערן, געשפּירט אין מיין גאַנץ וועזן, אַז דאָס איז דער סוף, און נישט געוואָלט, נישט געקענט גלייבן. אין מוח איז געווען הויל, און אין דער הוילקייט האָט נישט אויפגעהערט פּויקן: „זאָל אים נאָר נישט ווי טאָן, זאָל אים נאָר נישט ווי טאָן!״.

האַלב נאָך צוועלף האָט די מאַמע טעלעפאָנירט. צוויי ווערטער: ער איז אַוועק.

איצט האָב איך געוווּסט. די מאַמע האָט מיר געזאָגט, איז עס דאָך אמת. איך האָב געוווּסט, און נאָך אַלץ נישט געוואָלט גלייבן. איך האָב געווינטשט, אַזוי ווי מיט דעם געוויין וועט אפשר אָפּגעווישט ווערן אַ שרעקלעכע זאַך, ווי ווען איך

האָב קינדוויז געוויינט און דער טאַטע האָט מיך געטרייסט, און אַלץ איז ווידער געוואָרן גוט, ווי פריִער.

ערשט מאָרגן, אויפן בית־עולם, ווען איך האָב געזען ווי מען לאָזט אַראָפּ דעם ארון, ווען איך האָב געזען, ווי מען וואַרפט אַרויף די ערשטע פּלאַכטעס ערד, האָב איך באַנומען — איינגעזאַנצן באַנומען — אַז מען נעמט מיר צו דעם טאַטן.

אין דער ערשטער צייט פון בענקעניש, וואָס האָט נישט געוואָלט אָפּלאָזן, אין דער מוראַדיקער שטילקייט פון דעם טאַטנס נישט־זיין, האָב איך געזוכט עפּעס אַ קאָנטאַקט מיט אים, און געוואָלט לייענען זיינע לידער. נאָר איך האָב דערהערט זיין קול, און נישט געקענט וויטער לייענען...

איצט ווייס איך, אַז די בענקעניש וועט בלייבן אַ טייל פון מיר. איצט לייען איך דעם טאַטן — דאָס געבליבענע פון אים — הער זיין קול, און ער איז מיט מיר. איך טראַכט וועגן אים, געדענק זיינע רייד, און ער איז דאָ. ער איז דאָ אין מיין בענקשאַפט נאָך אים, און אין די אַלע יאָרן, וואָס מיר זענען געווען צוזאַמען. ווייל די יאָרן זענען דער שטאַרקערער אמת, ווי דער אמת פון טויט. זיי זענען דער „יאָ״, וואָס דער טאַטע האָט מיר איבערגעלאָזן — מיין טרייסט...

...אין פרייד פון דער נשמה איז מענטש דיר ליב און טייער
אַ שיין פון זעלבן ליכט, אַ פונק פון זעלבן פייער״.

(דער „גייער״)

**
*

אויף דער וואַנט קעגנאיבער דעם טאַטנס שרייב־טיש זענען געהאָנגען צוויי פאָטאָגראַפיעס: איינע פון זיין פאָטער, אהרן נח גאָלדבערג, די אַנדערע — פון י. ל. פּרץ. ווען איך בין אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר, האָט דער טאַטע מיר געגעבן אַ מתנה פּרצעס אַלע ווערק: „כדי דו זאָלסט אויך קענען שפּירן דאָס ליכט, אונטער וועלכן איך בין געגאַנגען״.

מיין זיידע, אַ ייִד אַ הדרת־פּנים, מיט שטרענגע אויגן און אַ ברייטער, קרעפּטיקער באָרד, איז געווען אַ מלמד. ער איז געווען אַ משכיל און אַ חובב־ציון. אויף דער עלטער האָט ער געשריבן שירים. אין טאַטנס טישקעסטל זענען געלעגן עטלעכע העפטן, געדיכט פאַרשריבן מיט דעם זיידנס ציכטיקן כתב, פון אַ לאַנגער פּאָעמע אין לשון־קודש: „אהבת אמת״. דער זיידע אהרן נח איז געווען דער פּראָטאָטיפּ פון נחן אין „גייער״.

אין שטוב ביים זיידן איז געווען אַ גרויסע אָרעמקייט. פון די 13 קינדער וואָס די באָבע דוואָשע האָט געבוירן, האָט זי אַכט דער ערד אָוועקגעגעבן. זיי זענען, פשוט, אויסגעגאַנגען פון הונגער, אָדער — ווייל ווען אַ קינד איז קראַנק

געוואָרן, איז נישט געווען מיט וואָס צו צאָלן דעם דאָקטער אָדער קויפן רפואות. דעם טאַטן האָט מען אַ נאָמען געגעבן מנחם, ווייל פאַר אים זענען דריי קינדער איינס נאָכן אַנדערן געשטאָרבן. דער טאַטע האָט קינדוויז אַ סך געקרענקט, זיך שטאַרק געמאַטערט, און האָט זיין גאַנץ לעבן דערנאָך כראָניש געליטן פון פּי־זישע שוואַכקייטן. ביים טאַטן איז אַלעמאָל פאַרבליבן דער טעם פון דחקות אין די קינדער־יאָרן. ער האָט זעלטן גערעדט וועגן דעם, אָבער אַפילו ווען ער האָט שוין געהאַט אַלץ, וואָס ער דאַרף, האָט ער מיט אַפּעטער, קינדערשער הנאה, זיך געפרייט מיט יעדער נייער און שיינער זאַך, האָט אַלץ טיף געשעצט און געהיט.

בלויז איין מאָל האָב איך געהערט פון אים אַ מעשה מיט אַ פּסח־מאַנטל, און כאָטש ס׳איז שוין געווען יאָרן און יאָרן נאָך דער פּאַסירונג, האָט דעם טאַטנס קול געציטערט ביים דערציילן: איינמאָל פּסח, ווען ער איז אַלט געווען 10 יאָר, האָט ער נישט געהאַט קיין מאַנטל אויף יום־טוב. קיין נייעס איז דאָס נישט געווען, אָבער די מאַמע האָט געוואָלט ער זאָל האָבן וואָס אָנצוטאָן. האָט זי אַהיימ־געבראַכט אַ האַלב־אָפּגעטראָגענעם בגד, וואָס איינער פון די רייכע שטאָט־באַ־לעבאַטים האָט געשענקט, און געזאָגט צום יינגל: „מעסט עס אָן". דער בחור האָט אָנגעקוקט דעם מאַנטל, וואָס איז געווען פון אַ משונהדיקן גרין־ברוינעם קאָליר, און דאָס האַרץ איז אים איינגעפאַלן. אָבער ער האָט געפאָלגט דער מאַמען. ער האָט זיך אַליין אָנגעקוקט: דער מאַנטל איז געווען צו ברייט, פון די לאַנגע אַרבל האָט מען נישט אַרויסגעזען די הענט, די פּאָלעס האָבן זיך נאָכגעשלעפּט. דאָס יינגל איז געבליבן שטיין אָן לשון, נישט געקאָנט אויפהייבן די אויגן צו קוקן אויף דער מאַמען, זיך געשעמט, וואָס זי קוקט אויף אים. ער האָט אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין פון בושה און כעס, אַראָפּגעריסן פון זיך דעם מאַנטל, אים אַ וואָרף געטון אויפן דיל, און אַרויסגעלאָפן פון שטוב...

אַלעמאָל, ווען דער טאַטע האָט זיך אויסגעפּוצט צו גיין ערגעץ, האָט ער אַ גלעט געטון דעם ווייכן שטאָף פון אָנצוג, צערעכט־געמאַכט דעם שניפּס, אַ קוק געטון אויף זיך אין שפּיגל, און אין די אויגן ביי אים האָט געלויכט אַ האַלב־פאַרשעמטע, טיפע פרייד.

דער טאַטע פלעגט תמיד באַשטיין, אַז ווען די מאַמע דאַרף עפּעס פאַר זיך, מוז ער מיטגיין און איר העלפן אויסקלייבן. ער איז געווען זייער שטאָלץ מיט דער מאַמעס שיינקייט, און פון פּוצן זי האָט ער געהאַט אַ סך הנאה...

ווען ער איז אַלט געווען אַכצן יאָר, איז זיין מאַמע קראַנק געוואָרן. דעם טאַטנס עלטערע דריי ברידער — ישראל, מאיר און אברהם (אברהם גאָלדבערג, געוועזענער רעדאַקטאָר פון וואַרשעווער „היינט") זענען דעמאָלט שוין נישט געווען

אין דער היים. געבליבן זענען דער טאַטע און דער יינגסטער ברודער, דער 15־יאָריקער לייבל (לייב גאָלדבערג, שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר פון מאָסקווער „עמעס", וואָס איז משמעות אומגעקומען אינאיינעם מיט אַנדערע סאָוועטיש־יידישע שרייבערס). די צוויי בחורים האָבן דעם גאַנצן ווינטער, ביז די מאַמע איז געזונט געוואָרן, געפירט די באַלעבאַטישקייט אין שטוב: איינגעקויפט, געקאָכט, געראַמט.

די דאָזיקע אַקטיווע משפּחהדיקייט האָט זיך ביים טאַטן שפּעטער פאַרקניפּט מיט אַ שאַרפן חוש פאַר אָרדענונג: „אַלץ וואָס איז מיינס, אַלץ וואָס באַלאַנגט צו מיר, דאַרף זיין שיין, דאַרף זיין אין אָרדענונג". ווען די מאַמע און איך זענען געקומען קיין אַמעריקע, האָבן מיר געפונען אַ פול־איינגעאָרדנטע שטוב מיט מעבל, מיט אַלץ וואָס מע דאַרף אין אַ ווירטשאַפט. דאָס האָט דער טאַטע אַליין אָנגעגרייט. שפּעטער האָט ער געקויפט פּראַכטפולע אָריענטאַלישע טעפּיכער, וואָס ליגן עד־היום אין שטוב. ער האָט ליב געהאַט אָרומצובלאָנקען אין די אַנטיק־קראָמען, פלעגט אַהיימברענגען אויסגעקלאַפּטע טאַצן פון מעש און קופּער, טשי־קאַווע אויסגעשניצטע פיגורן פון חיות.

אויך אין זיין שרייבערישער ווירטשאַפט האָט דער טאַטע געהאַלטן אויסער־געוויינטלעכע אָרדענונג. אין זיין טישקעסטל זענען די נאָטיצן, מאַנוסקריפּטן, בליי־פעדערס, געלעגן יעדער אויף זיין אָרט. איך האָב געוווסט, אַז איך טאָר נישט צוגיין אַפילו בעמען אַ מאַרקע. דער טאַטע האָט אַליין געגעבן. נאָך זיין טויט, ווען מיר האָבן דורכגעקוקט זיינע פּאַפּירן, האָבן מיר אָן שוועריקייטן געפונען אַלץ, וואָס מיר האָבן באַדאַרפט: די בריוו זענען געלעגן אין אַ באַזונדער שאַכטל לויט מחברים, אין אַן אייזערנער שראַנק זענען געלעגן, אין באַזונדערע טעקעס, זיינע אייגענע אַרטיקלען, קריטיק וועגן זיינע ווערק, די דריי אָדער פיר כתב־ידן פון „גייער", אאַז"וו.

בכלל איז דער טאַטע געווען זיין פינקטלעך. ווען ער האָט עפּעס צוגעזאָגט, האָט ער תמיד געהאַלטן וואָרט. איך געדענק נישט, ער זאָל מיך האָבן אַמאָל אַנ־טוישט. אויף אַ באַשטעלונג אין שטאָט, איז ער געקומען צו דער מינוט. ווען אים איז אָנגעקומען אַ בוך פון אַ קאָלעגע, בפרט נאָך פון אַ יונגן שרייבער, האָט ער תיכף אָנגעשריבן יענעם אַ בריוול.

ער האָט געאַרבעט און באַאַרבעט יעדן ליד, אַרטיקל, עסיי, נישט אַרויסגע־לאָזט פון האַנט, ביז ער איז נישט געווען זיכער, אַז ער קען עס בעסער נישט מאַכן. (דאָס ליד „כדאי כדאי" פון קאַפּיטל „וועג אין וואַלד" פון „גייער", האָט ער גע־שריבן אַ יאָר צייט). די דאָזיקע גרינטלעכקייט, דעם דרך־ארץ פאַר אַלץ, וואָס מע נעמט זיך אונטער צו טון, און וואָס איז, אין תוך, דרך־ארץ פאַר זיך אַליין,

האָט דער טאַטע מיט מיר געקנעלט פון קינדווייז אָן. גרינטלעכקייט איז געווען אַ טייל פון זיין אינטענסיווקייט. פון אַ פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט, אָבער, האָט זיין אינטענסיווקייט צומאָל אָנגענומען אַ צו־שאַרפע פאָרעם:

אין אָוונט ביי וועטשערע האָב איך מיט מיין גאַנצער ניין־יאָריקער גדלות געמאָלדן:

„ווייסט, איך האָב היינט איבערגעלייענט אַ גאַנץ בוך אין דריי שעה צייט".

דעם טאַטנס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן, און איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז איך בין אַריינגעפאַלן. ער האָט געזאָגט, שוין אַ ביסעלע צו געלאַסן, ווי שטענדיק, ווען די ערשטע פייערלעך פון כעס האָבן זיך אין אים צעגליט:

„אַזוי גאָר? אַ גאַנץ בוך אין דריי שעה?"

איך האָב זיך געהאַלטן ביים מייניקן: „יאָ, אין דריי שעה".

„און זאָג מיר, איך בעט דיך, ווי גרויס איז דאָס בוך?"

„אַ, אַרום 200 זייטלעך".

„אַהאַ. מיינט עס, ווייניקער ווי אַ מינוט אַ זייטל, ריכטיק?"

„מסתמא".

„און דו האָסט פאַרשטאַנען וואָס דו האָסט געלייענט?"

„אוודאי האָב איך פאַרשטאַנען!"

„גוט, מיר וועלן זען. וועסט מיר באַלד ברענגען דאָס ביכל".

נאָך וועטשערע האָט זיך דער טאַטע אָוועקגעזעצט מיר קעגנאיבער ביים גרויסן, קיילעכדיקן טיש אין עסצימער, האָט אַוועקגעלייגט זיין טאַשן־זייגערל לעבן זיך, און געזאָגט צו מיר:

„לייען איבער, זיי מוחל, איין זייטל — ווו ס'איז, לייען פאַר זיך. דערנאָך וועסטו מיר דערציילן, וואָס דאָרטן שטייט".

מיר האָבן זיך אָנגעקוקט. דעם טאַטנס בליק האָט מיך געהאַלטן, ווי אין אַ רייף. איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן צום בוך, געלייענט, און אין דער אָנגע־צויגענער שטילקייט, האָט מיך די גאַנצע צייט פאַרפאָלגט דער טעמפּער טיק־טאַק פון דעם טאַטנס זייגערל.

ווען איך האָב פאַרענדיקט, האָב איך אָפּגערוקט דאָס בוך פון זיך.

„פאַרטיק?"

„יאָ".

„עס האָט גענומען דריי מינוט".

איך האָב איינגעביסן די אונטערשטע ליפּ, זיך געפילט נאַריש, אָבער געווען גרייט צו דערציילן וואָס איך האָב געלייענט. דער טאַטע האָט מיך באַטראַכט פון אונטער זיינע געדיכטע ברעמען, און ערנסט, אָבער שוין רויק געזאָגט:

„ביכער שלינגט מען נישט, אַדע, מע צעקייט זיי. און נישט נאָר ביכער, אַלץ אַזוי. אַלץ וואָס מע טוט, דאַרף מען טון גרינטלעך".

איך האָב אָפּגעצויגן דעם אָטעם: „יאָ, איך ווייס".

דער טאַטע איז צו מיר צוגעגאַנגען, מיך אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און געזאָגט, ווייך: „נו, גוט, טאָכטער, ס'וועט זיין געגוג אויף היינט. גיי טו וואָס דו דאַרפסט".

**
*

דער טאַטע האָט אַלע מאָל געחלומט זיך באַזעצן אויפן דאָרף. אַפילו אין די לעצטע חדשים, ווען זיין גוף, אַן אויסגעמאַטערטער פון אַלע יאָרן שווערער אַרבעט, האָט זיך אָנגעהויבן אונטערצוגעבן דער קראַנקייט וואָס האָט זיך אַזוי גרויזאַם שנעל אַנטוויקלט, האָט ער געהאַלטן אין איין טענהן: ווען איך קריג אַ דירה אין אַ שטיבל ערגעץ אויסערן שטאָט ווי כ'וועל האָבן אַ פּאָר ביימלעך ביים פענצטער און אַ לאַנקע צו זיצן, וועט מיר בעסער ווערן. דער חלום איז געבליבן —אַ חלום.

דער טאַטע האָט נישט געקענט שרייבן ווען אַ מויער איז געשטאַנען קעגנ־איבער. ער האָט געמוזט האָבן אָפּנקייט, ווייטקייט. אין דער דירה, ווו ער האָט געוווינט די לעצטע פערצן יאָר, האָבן די פענצטער ביי זיין שרייב־טיש אַרויס־געקוקט אויף קליינע, פּריוואַטע שטיבלעך און שטילע גערטנדלעך. ביינאַכט האָבן פון ווייטן געפינקלט די ליכט פון דער דזשאָרדזש וואַשינגטאָן בריק. דאָ איז דעם טאַטן געווען גוט. פונדעסטוועגן, ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ געלעגנהייט, פלעגט ער אין מיטן ווינטער אָוועקפאָרן אויף עטלעכע טעג אין דאָרף, אויף אַ גויאישער פאַרם: „דאָרט קען מען מיך נישט, איך וועל מיט קיינעם נישט דאַרפן רעדן". נאָך אַ דריי־פיר טעג פון זיין מיט זיך, פלעגט ער קומען צוריק אַ דערפרישטער און אַן אויסגערוטער.

זומער 1939, ווען ער האָט געאַרבעט אויפן קאַפּיטל „וועג אין וואַלד" פון „גייער", איז געשען אַ מאָדנער צופאַל, כמעט אַזוי ווי פון אַ מעשה־ביכל, אָבער דאָך רעאַל און ווונדערלעך, ווי אַלע צופאַלן. דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען געפאָרן קיין פּיקסקיל, אין אַ זומער־קאָלאָניע. אין האָטעל איז געווען טומלדיק, און דער טאַטע האָט נישט געקענט אַרבעטן. אין פרימאָרגן איז ער אַרויס שפּאַ־צירן, זיך פאַרנומען אויף אַ נייעם וועג, און דערזען, ביים ראַנד פון וואַלד, אַ קליינע, פאַרשלאָסענע כאַטע. די כאַטע איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט, צוקומען צו איר האָט מען געקענט נאָר דורך אַ פעלד פון הויכע, ווילדע זאַנגען. דער טאַטע איז נתפּעל געוואָרן. אפשר וועט ער דאָ האָבן אַ ווינקל פאַר זיך! דער

אייגנטימער פון דער קאָלאָניע, דעם טאַטנס אַ גוטער פריינד, האָט אַריינגעשטעלט עטלעכע פרישע שויבן און אויפגעהאָנגען אַ נייעם, גלאַנציקן שלאָס. אינעווייניק, אויף די ווענט פון גלאַטן, שמעקעדיקן סאָסנע־האָלץ, האָט דער טאַטע צעהאָנגען עטלעכע בילדלעך. מע האָט דאָרטן אַריינגעשטעלט אַ טיש מיט אַ לאָמפּ, צוויי שטולן, און ס'איז געוואָרן אַ ווירטשאַפט! יעדן פרימאָרגן, גלייך נאָך פרישטיק, האָט דער טאַטע, אַ גליקלעכער, דורכגעשפּאַנט דאָס זאַגגיקע פעלד צום שטיבל, און אַזוי, ביים ראַנד פון סודותדיקן, שאָטנדיקן וואַלד, מיט דעם פויגל־געטריל צווישן די ביימער, און דעם טרוקענעם שאָרך פון בלעטער אונטער די גיכע, לייכטע טריט פון וואַלד־חיהלעך, האָט דער טאַטע געשריבן דאָס קאַפּיטל „וועג אין וואַלד".

די לעצטע זעקס־זיבן זומערן האָט דער טאַטע מיט דער מאַמען געוווינט אין אַ מער „באַלעבאַטיש" שטיבל אין דער זעלבער קאָלאָניע, אויף אַ קליין בערגל, בישט צו־נאָענט, און דאָך בישט צו־ווייט פון די שכנים. דער טאַטע האָט ליב געהאַט, מע זאָל קומען צו אים צוגאַסט אין די אָוונטן. (מיט די איינ־וווינער פון דער דאָזיקער קאָלאָניע האָט דער טאַטע געפירט שמועסן וועגן ייִדיש־קייט אין אַמעריקע און שפּעטער געשריבן וועגן דעם אַ סעריע אַרטיקלען אין „טאָג").

אויף אַ שמאָלן פּאַס ערד לענגאויס דעם שטיבל, האָט דער טאַטע פאַרפלאַנצט אַ בלומען־גאָרטן. ער האָט פון שטאָט געבראַכט פעטע, נאַרהאַפטע ערד, האָט יעדן טאָג אויסגעריסן די ווילדע גראָזן וואָס האָבן געדראָט צו דערשטיקן די יונגע פלאַנצן. איינמאָל אין אַ זוניק נאָכמיטאָג זענען מיר געזעסן אויף דער לאַנקע, און דער טאַטע האָט פּלוצים באַמערקט, אַז דער שטאָנג פון אַ בלימל האָט זיך איינ־געבראָכן, דאָס רויטע קעפּל העגנט פאַרחלשט, האָט ער פאַרזיכטיק אויפגעהויבן דאָס בלימל און עס אוועקגעלייגט אויף דער האַנט, און מיט אַ קול פון באַוווּנ־דערונג און טרויער, האַלב צו זיך, האָט ער שטיל געזאָגט: „סאַראַ צאַרט באַשע־פעניש דאָס איז!"

„ווער־זשע זענען די יחידים וואָס מען רופט זיי בלומען?
איז דאָך יעדער גאָר אַ רבים אין אַן איינס צונויפגענומען,
איז דאָך יעדער איינס דער סכום פון אַלע זיינע גלידער,
און דער סכום פון אַלע סכומים ווערט אַ גרויסער יחיד ווידער.
יחיד־וועלט — איז איינציקער און אַלץ אַזוי פאַרקניפּט אינאיינעם,
אַז וואָס אַלץ איז יעדן איינציקנס, און קיינער איז נישט איינער".

(„וועג און וואַלד")

דער טאַטע האָט זייער ליב געהאַט „מוּווִיס". פון גוטע פילמען איז אָפּגע־רעדט, נאָר ער פלעגט אַריינגייען אין אָוונט אויף אַ צוויי־שעה, זיך אָפּצורוען איי־דער ער זעצט זיך שרייבן: „זאָלן זיי מיר דערציילן אַ מעשה". ער האָט אין דעם בילד אַלעמאָל געפונען עפּעס פון וואָס הנאה צו האָבן, ווער שמועסט נאָך, אַז מע האָט געוויזן נאַטור־סצענעס, אָדער חיות. דעם טאַטן האָבן תמיד פאַרכאַפּט פילמען פון דזשאָנגל־לעבן. אָבער פון אַלע חיות, האָט ער צום שטאַרקסטן ליב געהאַט הינט.

אין זומער האָבן טאַטע־מאַמע פאַרבראַכט אויף אַ פאַרם אין ליבערטי. דאָרט איז געווען אַ גרויסער, ברוינער הונט, האַלב־עסקימאָ. צווישן דעם טאַטן און דער האַלב־ווילדער, כיטרער און שטאַלצער חיה איז פון ערשטן טאָג אָן גע־וואָרן אַ טיפע צוגעבונדנקייט. רעקס האָט זיך אָפּגעקילט אַפילו צו זיינע באַלע־באַטים, האָט זיך צוגעהערט נאָר צום טאַטן. דער טאַטע האָט צו רעקסן גערעדט יידיש: „ברענג מיר דעם שטעקן; לייג זיך אַוועק". מע איז געגאַנגען צוזאַמען אויף לאַנגע שפּאַצירן אין וואַלד. ווען דער טאַטע איז געזעסן אויפן גאַניק און האָט געליינט, איז רעקס געלעגן שטילערהייט ביי זיינע פיס. צו־לאַנג פלעגט רעקס נישט קענען פאַרטראָגן, וואָס דער טאַטע האַלט די אויגן אין ביכל. פלעגט ער אַוועקלייגן די מאָרדע צו אים אויף די קני: „איך בין דאָ!" ביז דער טאַטע האָט אים נישט אַ גלעט געטון איבערן קאָפּ.

נאָכן זומער האָט דער טאַטע אַ לאַנגע צייט געבענקט. דעם צווייטן זומער איז ער ווידער געפאָרן אויף דער פאַרם, און דעם גאַנצן וועג אַהין איז ער געווען זייער בערוועז, מורא געהאַט, אפשר וועט רעקס אים נישט געדענקען. ווען מען איז אָנגעקומען, האָט דער טאַטע גלייך געפרעגט: „ווו איז רעקס ?" מע איז גע־גאַנגען אויסזוכן דעם הונט, און דער טאַטע האָט אָן אָנגעשטרענגטער געוואַרט אויפן גאַניק. ענדלעך האָט זיך רעקס באַוויזן. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט, שטומער־הייט. דאַן האָט זיך רעקס צעבילט און זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן טאַטן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז דער טאַטע איז שיעור נישט אומגעפאַלן. דער הונט האָט זיך געיאָגט אין אַ ראָד אַרום טאַטן, געקוקט אים אין פּנים, און נישט אויפגעהערט בילן. דער טאַטע, אַ צעשמייכלטער פון גליק, האָט זיך איינגעבויגן, אַרומגענומען רעקסן, איינגעגנורעט דאָס פּנים אין זיין געדיכטער, ווייכער פעל, אים געמורמלט אין אויער, און אין זיינע אויגן זענען געשטאַנען טרערן.

***

איך פלעג מאָנען ביים טאַטן, אַז ער איז מיר שולדיק פיר און אַ האַלב יאָר. דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן פון וואַרשע איידער איך בין געבוירן געוואָרן, און

מיר האָבן זיך געזען צום ערשטן מאָל, ווען די מאַמע און איך זענען געקומען קיין אַמעריקע נאָך דער מלחמה.

דאָס איינלעבן זיך איז אונדז ביידן נישט גרינג אָנגעקומען. דער טאַטע איז נישט געווען געוווינט צו אַ קינד אין שטוב. איך בין געווען געוווינט נאָר צו דער מאַמען און אַן אַם. איך האָב דערזען אַ מענטש וואָס איז דער מאַמען נישט פרעמד, אָבער מיר — יאָ, און מיט דעם מאַן, — מיין טאַטן — וועל איך איצט מוזן וווינען אונטער איין דאַך. דער טאַטע האָט דערזען אַ מיידעלע — זיין אייגנס, אָבער פרעמד — ווייל זי האָט גערעדט פויליש. פאַרן טאַטן — איז מיין פויליש־רעדן געווען די גרעסטע מחיצה צווישן אונדז. (שפּעטער, ווען איך האָב געלייענט זיין פּאָעמע „פוילן״, האָב איך פאַרשטאַנען זיין אַנטיפּאַטיע צו דער פוילישער שפּראַך). ער האָט אָנגעהויבן אונדזער באַקאַנטשאַפט מיט אַן אולטימאַטום, אַז פון איצט אָן און ווייטער זאָל איך רעדן בלויז ייִדיש. „דו ביסט אַ ייִדיש קינד, און ייִדישע קינדער רעדן ייִדיש״. איך האָב זיך שטאַרק געוועהרט קעגן דער דאָזיקער „רע־וואָלוציע״ — און קעגן אים. „אויף מיר וועסטו נישט שרייען!״ האָב איך איינמאָל אַרויסגעפּלאַצט, „איך וועל דיר אויסלערנען, ווי צו זיין אַ טאַטע!״

דער טאַטע האָט אין גיכן איינגעזען, אַז מיט שאַרפע פאָדערונגען און אומ־געדולד וועט ער ביי מיר נישט פועלן, נישט קיין דערנענטערונג, און נישט קיין ייִדיש. האָט ער אָנגעשטעלט אַ פּריוואַטע לערערין צו קנעלן מיט מיר די „טרו־קענע״ גראַמאַטיק און וואָקאַבולאַר. ער אַליין פלעגט מיר ברענגען מתנות: ייִדישע מעשה־ביכלעך מיט אַ סך בילדער, און האָט געלייענט פאַר מיר. ער פלעגט מיך נעמען אויפן שויס און זינגען מיט מיר ייִדישע לידלעך. די מעשהלעך, וואָס דער טאַטע האָט זייער שיין געלייענט, האָט מיך פאַרכאַפּט; און די באַטעמטע לידלעך, וועלכע ער האָט געזונגען מיט אַזויפיל התפעלות און צערטלעכקייט, איז געווען אַ מחיה צו הערן. ביסלעכוויז, האָט ער מיך איינגענומען. איבערהויפּט האָב איך נישט געקענט ביישטיין זיין אָפּנעם אָנקווועלן פון מיר נאָכדעם ווי איך האָב שוין אַליין געקענט לייענען אַ מעשהלע, אָדער זינגען אַ לידל. און — איך האָב הנאה געהאַט פון זיך אַליין!

דערנאָך איז עס שוין געוואָרן, ווי מיר וואָלטן זיך אַלעמאָל געקענט. די פּראָבלעם פויליש איז פאַרשוווּנדן. אויסער ייִדיש אינדערהיים, איז מיר צוגעג־קומען ענגליש אין שול און אין גאַס מיט מיינע פריינד.

וואָס נענטער דער טאַטע איז מיר געוואָרן, אַלץ אייגענער איז מיר געוואָרן אַלץ, וואָס אים איז געווען טייער. — מיר האָבן, פּשוט, געלעבט ייִדיש. דאָס איז געווען דער וואַרעמער קלימאַט אין שטוב, וואָס האָט מיך איינגעהילט און וואָס איך האָב איינגעזאַפּט אַזוי נאַטירלעך, ווי די לופט וואָס איך האָב געאָטעמט. די

יידישע ביכער און זשורנאַלן, וואָס האָבן פול געמאַכט די שענק אין טאַטנס אַרבעט־צימער; מיין וויסן, אַז דער טאַטע שאַפט אויף יידיש, אַז ער און די קאָלעגן, וואָס קומען צו אונדז, און נאָך אַ סך אַנדערע דאָ און מעבר לים זענען די, וואָס שרייבן די דאָזיקע ביכער, — דאָס אַלץ האָט געמאַכט יידיש לעבעדיק, אַקטועל, קאָנקרעט פאַר מיר. איך פלעג זיך צוהערן, ווען דער טאַטע האָט פאָרגעלייענט זיינע לידער, ווען ער און זיינע חברים האָבן זיך היציק געאַמפּערט וועגן ליטעראַטור און יידישן קיום. מען האָט גערעדט וועגן מענטשן און עפּיזאָדן פון אַמאָל און היינט, דערציילט מעשיות פון גאָר דער וועלט, און איך האָב געשפּירט אַן עקזאַלטאַציע, אַ ברויזנדיקע שפע פון וווקס און וויסן און אויפטו. פאַר מיר איז יידישקייט געוואָרן און געבליבן — געבונדן מיטן עבר, מיטן איצט און מיטן כסדרדיקן ווערן.

איך בין געוואַקסן אין דער משפחה־נעסט פון דעם טאַטנס נאָענטסטע קאָלעגן: אָפּאַטאָשו, לאַפּין ע״ה, און זיי צו לאַנגע יאָר, לייוויק, גלאַנץ, אויערבאַך, טרונק. זיי פלעגן כסדר קומען און איך האָב זיי געקענט פון קינדוויייז אויף. און די שרייבערס, וואָס זענען נישט געווען קיין בני־בית אין מיין טאַטנס שטוב און וואָס איך בין געוואַקסן נאָר אין דער נאָענטקייט פון זייערע נעמען, זענען מיר געווען ווייטע קרובים.

דער טאַטע און זיין דור, אַ ריזן־דור פון שאַפערס און בויערס, איז דער קוואַל, פון וועלכן איך נעם וואָס איך דאַרף, און גיי ווייטער. און דער טאַטע אַליין איז פאַר מיר: מנחם — פּאָעט און עסייאיסט, פון וועמען איך לערן זיך. און דאָך ווען איך לייען אים, כאָטש איך לייען אים קריטיש, ווי יעדן שרייבער, הער איך אין דעם קול פון דער דיכטער־געשטאַלט אויך דאָס קול פון מיין טאַטן...

ווען נאָמבערג האָט באַזוכט ניו־יאָרק, האָבן אונדזערע פריינד אים געמאַכט אַן אָוונט ביי זיך אין שטוב. מען איז געזעסן אויפן דיל אויף קישעלעך. נאָמבערג האָט מיך איינגעלאַדן — אַ דאַמע פון אַכט יאָר — צו טאַנצן. ער איז געווען נישט קיין סך העכער פון מיר. אַ דאַרער, אַ זשוואַווער. אין זיין טונקל־הויטיק, טיף־געקאַרבטן פנים האָבן העל געגליט צווי קלוגע, בלויע אויגן. כאָטש ער איז געווען קראַנק, האָט ער זיך זייער לייכט און פלינק געדרייט מיט מיר אַרום צימער...

יידישקייט איז פאַר מיר אויך — יום־טוב. אין שטוב האָבן מיר געפייערט אַלע יום־טובים. דער טאַטע האָט מיך באַקענט מיט זייער היסטאָריש־טראַדיציאָנעלן שורש. ראש־השנה און יום־כיפור זענען מיר נישט געגאַנגען אין שול, ווי אַ סך פון מיינע חברטעס, אָבער איין מאָל האָט דער טאַטע מיך גענומען צו תשליך ביים טייך אין פּאַרק, און מיר דערקלערט דעם מנהג. יום־כיפור פלעגט די מאַמע פאַסטן, דער טאַטע — קיינמאָל נישט. אָבער יענעם טאָג האָט ער נישט געשריבן. אין שטוב איז געווען שטיל, אַן אַנדער שטילקייט ווי געוויינטלעך, אַן ערנסטקייט,

אָבער נישט קיין אומעט. נאָכן „דריטן חורבן" איז יום־כּיפּור געוואָרן פאַרן טאַטן אַ שווערער טאָג. אין שול האָט אים געצויגן, אָבער גיין האָט ער נישט געקענט. פלעגט ער זיך אַרומדרייען אין שטוב, פּרובירט אַריינקוקן אין אַ ספר, און ווען דאָס איז נישט געגאַנגען, איז ער אַרויס אין גאַס און שפּאַצירט עטלעכע שעה.

מער ווי אַלע יום־טובים האָב איך זיך געקוויקט מיט פּסח. פאַר מיר איז דאָס געווען דער פּייערלעכסטער און אימפּאָזאַנטסטער פון אַלע פייערטעג. שוין נאָכן ווינטער — דער פאַרק פרידיק צעגרינט, די לופט יונג און שמעקעווּדיק, דורכ־געגומען מיט אַ ווייטער, זיסער בענקשאַפט... מיר פלעגן גיין אויף ביידע סדרים צום פעטער מאיר — דעם טאַטנס עלטערער ברודער. דאָרט זענען זיך צונויפ־געקומען אַרום דרייסיק מענטשן, און מען האָט אָפּגעריכט אַן עכט טראַדיציאָנעלן סדר. אויף דעם לאַנגן, ווייס־באַדעקטן טיש, זענען שטאַלץ געשטאַנען דריי פאַר היכע, געשעניצטע זילבערנע לייכטער. די ליכט האָבן שטיל, איינגעהאַלטן גע־ציטערט, געגרויכערט זיך, און די גאַנצע געשפּאַנטקייט פון יום־טוב איז געווען אין די צאַפּלדיקע פלעמלעך. דער פעטער מאיר האָט געטראָגן אַ ווייסע זיידענע יאַרמלקע און זיך אָנגעלענט אַן אַ גרויסן, אויסגעהאַפּטענעם קישן אויפן היסב־בעט. איך האָב געפרעגט די פיר קשיות, און דער פעטער, צוזאַמען מיטן טאַטן, האָבן אויסגעזונגען די הגדה מיטן ניגון פון זיידן אהרן נח. דער פעטער: ווירדיק, געלאַסן, האָט אַ ביסל אַריינגעברומט אין דער קורצער, שפּיציקער באָרד. דער טאַטע, אַ פאַרדביקטער מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, האָט זיך געוויגט, אַזוי ווי ביים שרייבטיש אינדערהיים. נאָך דער סעודה, ווען מען האָט געעפנט די טיר פאַר אליהו הנביא און מע איז פאַרטיק געוואָרן מיטן חד־גדיא, האָט דער טאַטע אויס־געטרונקען עטלעכע קעלישקעס פון דער מומע פאַיעס היימיש־געמאַכטן, זאַנפטן ראָזשינקע־וויין און זיך צעזונגען. דער טאַטע פלעגט אַ סך זינגען אין דער היים, אָבער קיינמאָל איז ער זיך נישט פאַרגאַנגען מיט אַזאַ התלהבות ווי פּסח ביים סדר: חסידישע ניגונים, יידישע לידלעך, און דער גאַנצער עולם אַרום טיש איז אַריינגעצויגן געוואָרן, האָט מיטגעזונגען, צוגעפּאַטשט.

אין שפּעטערדיקע יאָרן האָבן מיר געפּראַוועט דעם סדר אינדערהיים. נאָך דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד, איז די שטימונג געווען אומעטיק. דער טאַטע האָט געזאָגט די הגדה שטילער, אין אַ פאַרשטיקט קול און ביים פּסוק: „קנעכט זענען מיר געווען" פלעגט ער וויינען. איך האָב פאַרשטאַנען, דאָך בין איך געווען צו־פרידן ווען מען האָט פאַרענדיקט דאָס זאָגן און אָנגעהויבן זינגען. פאַר מיר איז פּסח דער סימבאָל פון באַפרייונג, פון בטחון, און אַזוי מוז מען עס פייערן, דער עיקר צוליב די קינדער. דעם פאָלקס־טרויער דאַרפן זיי וויסן, אָבער מע טאָר נישט אַריינפאַלן אין עצבות. נאָך דער הגדה איז דער טאַטע אַליין מונטערער

געוואָרן, און מיר האָבן, ווי אַלעמאָל, געזונגען. די אַלטע, היימישע לידלעך, דער משפּחה־נוסח האָט אָנגעוואַרעמט און אָנגעפילט מיט פרייד, און ס'איז גוט גע־ווען, וואָס אַלע זענען צוזאַמען.

*****

דער טאַטע איז תמיד געווען זייער צוריקגעהאַלטן מיט מיר. קינדוויז, ווען איך פלעג זיך אימפּולסיוו אַרויפוואַרפן אויף אים, זיך צוטוליען, פלעגט ער מיך האַלטן אַ מינוט, פעסט און וואַרעם, געבן אַ קוש, און מיט אַ האַלב־פאַרשעמטן, צערטלעכן שמייכל, זאָגן: „נו, טראָג זיך שוין אָפּ". שפּעטער, האָב איך דאָס אויפ־געהערט צו טון, און מיר איז געווען גוט פשוט צו זיצן לעבן אים, אָדער זיין אין זעלבן צימער. איך האָב זיך אויסגעלערנט צו דערקענען די סובטעלע, שטומע ניו־אַנסן פון זיין ליבשאַפט: אַ פלוצימדיקער, ווייכער בליק האָט אונדז פאַרבונדן, ווי אַ סוד; אַ שמייכל האָט אונדז איינגעשלאָסן אין נאָענטקייט. ווען איך בין געווען ביי זיך אין צימער, געטון היימאַרבעט אָדער געלייענט, פלעגט ער אַריינקומען, מיר אַ שויבער־טון די האָר, זאָגן: „ווי גייט עס?" ווען איך האָב אָנגעהויבן אַרויס־צוגיין אין אָוונט, פלעג איך כמעט שטענדיק, ביים קומען אַהיים, טרעפן דעם טאַטן זיצנדיק אין זיין ווייכער שטול, כלומרשט לייענענדיק אַ בוך.

איינמאָל, שוין נאָך מיין חתונה, ווען איך בין געווען ביי טאַטע־מאַמע צו־גאַסט, בין איך קראַנק געוואָרן. עס האָט נישט געהאַט קיין זין צו פאָרן אַהיים, און איך בין פאַרבליבן ביי זיי. איך האָב געהאַט הויכע טעמפּעראַטור און אַ שטאַרקן קאַפּווייטיק, און דער דאָקטער האָט מיר געגעבן עפּעס צום שלאָפן. ווען איך האָב געעפנט די אויגן אין דער פרי, האָב איך דערזען, אַז דער טאַטע זיצט קעגנאיבער. ער האָט גאָרנישט געטאָן, נאָר געזעסן, און ווי לאַנג ער איז געווען אין צימער איידער איך האָב זיך אויפגעוועקט, האָב איך קיינמאָל נישט איבער־געפרעגט. איך האָב זיך צעשמייכלט, און געזאָגט: „זע נאָר, דער קאָפּ טוט מיר שוין נישט וויי". דאַן האָט זיך דער טאַטע אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען, און מיט אַ לייכטן דרוק אויף מיין אַקסל געזאָגט „גוט, קינד" און אַרויס פון צימער.

*****

איך פלעג בענקען נאָכן טאַטן, אַפילו ווען ער איז נאָך געווען צווישן אונדז. שבת־יונטיק, אָדער אין די אָוונטן, ווען דער טאַטע איז געזעסן ביי זיך אין צימער און געאַרבעט, איז ער געוואָרן אַן אָפּגעזונדערטער, אַן אָפּגעשלאָסענער. דעמאָלט איז ער נישט געווען מיין טאַטע, נאָר דער אַנדערער — די דיכטער־גע־שטאַלט וואָס געהערט נאָר זיך אַליין און דעם, וואָס ער שאַפט.

דערפאַר איז עס געווען אַ יום־טוב ווען דער טאַטע האָט געהאַט צייט צו פאַרברענגען מיט אונדז, ווען ער, די מאַמע און איך, זענען צוזאַמען געגאַנגען אין טעאַטער אָדער צו אַ קאָנצערט. עס איז געווען נאָך מער יום־טוב, ווען דער טאַטע האָט פאַרבראַכט מיט מיר אַליין. ער האָט זיך תמיד געמיט אָפּצוגעבן מיר וויפל צייט ער האָט נאָר געקענט, און איך האָב ביי אים געמאָנט. אַלעמאָל, ביז צו די סאַמע לעצטע טעג, האָב איך געהאַט די זיכערקייט, אַז ווען איך דאַרף אים, וועט ער זיין, און ווען איך האָב אים זייער געדאַרפט, האָט נישט איין מאָל פּאַסירט אַז ער האָט אוועקגעלייגט זיין אַרבעט, און איז געקומען.

מיר זענען געווען זייער שטיל אין די שעהן וואָס דער טאַטע האָט געאַרבעט. הינטער דער פאַרמאַכטער טיר פלעג איך הערן, ווי ער שפּאַנט הין און צוריק, פון פענצטער צו דער טיר, פון טיר צום פענצטער, האָב איך געוווסט, אַז ער איז פאַרקלערט, אַז ער גרייט זיך. ווען איך האָב געהערט ווי ער ברומט אונטער שטילערהייט עפּעס אַ ניגון, האָב איך געוווסט, אַז ער זיצט שוין ביים טיש, וויגט זיך. און ווען ס'איז געוואָרן אינגאַנצן שטיל, האָב איך געוווסט, אַז ער שרייבט. פון צייט צו צייט פלעגט ער אַרויסקומען, אַ שווייגנדיקער, זיך מאַכן אַ גלאָז טיי אָדער קאַווע און צוריקגיין צו זיך. דעמאָלט האָבן מיר נישט גערעדט צו אים. נאָר ווען ער איז אַרויסגעקומען פון זיין צימער, און האָט אַליין אָנגעהויבן רעדן, האָבן מיר געוווסט, אַז ער האָט פאַרענדיקט זיין אַרבעט.

***

יעדן מאָל נאָכדעם ווי דער טאַטע האָט אָנגעשריבן אַן עסיי אָדער אַ ליד, פלעגט ער עס איבערלייענען דער מאַמען. מיטן לייענען הויך, האָט ער פאַר זיך אָביעקטיוויזירט דאָס געשריבענע, און דער מאַמעס מיינונג, ווי אַ לייענער, איז פאַר אים געווען וויכטיק. צייטנווייז, פלעג איך אויך זיין הערבײַ. איבערהויפּט אין די צען יאָר וואָס דער טאַטע האָט געאַרבעט אויפן „גייער" האָב איך געהערט גאַנצע סצענעס און ציקלען לידער פון כתב־יד.

אין לעצטן קאַפּיטל „גייער", שוין כמעט ביים סוף, איז דאָ אַן עפּיזאָד ווו דאָס יינגסטע קינד, די צוויי־יאָריקע שפרה, ווערט מסוכן קראַנק און מע ריכט זיך אויפן ערגסטן. אָבער — זי לעבט איבער דעם קריזיס.

ווען דער טאַטע האָט דאָס ערשטע מאָל געשריבן די דאָזיקע סצענע, האָט זי זיך געענדיקט טרויעריקער.

דער טאַטע האָט אַמאָל געהאַט אַ יינגערע שוועסטערל שפרה. ער האָט זי זייער ליב געהאַט — אַ פּרעכטיק מיידעלע מיט רויטע האָר, אָבער צו דריי יאָר

איז זי אַוועק פון דער וועלט. ביים ערשטן שרייבן, האָט ער אויך די קליינע שפרה פון בוך אָפּגעגעבן דעם מלאך־המות. ווען ער האָט דער מאַמען און מיר געלייענט די סצענע פון דעם קינדס טויט, זענען מיר געבליבן פאַרשטיינערט. ס'איז שוין געווען צופיל. די מאַמע האָט זיך געבעטן: „אַזוי פיל קינדער זענען ביי נחן געשטאָרבן, און דאָ ביים סוף פון בוך — ווידער. דער שלוס־אַקאָרד וועט זיין אַ יאוּשדיקער. פאַרוואָס?" דער טאַטע האָט זיך אויך געקווענקלט, געזאָגט, אַז אַזוי האָט עס פּאַסירט ביי זיין טאַטן — נח גייט שוין פון זיך אַליין.

איך האָב געטענהט: „דיין טאַטע — דער אַנדערער נח — איז גענוג געשטראָפט געוואָרן. וועסט דאָך מיר נישט זאָגן, אַז ס'איז אים געקומען. אָבער דאָרט — האָט מען זיך נישט גערעכנט העלפן. דעם נחן האָסטו שוין געגעבן זיין חלק צער. דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפט לערנען פון דעם טרויער, האָט ער שוין געלערנט. איצט איז נישטאָ מער קיין סיבה פאַרוואָס די קליינע זאָל שטאַרבן. וועסט נחן נאָר אומנישט מאַטערן — און אונדז אויך. גיב אים אָפּ דאָס קינד".

דער טאַטע האָט זיך באַטראַכט. ער האָט די סצענע איבערגעשריבן, און שפרהלע איז געבליבן לעבן.

***

אין איינעם פון זיינע בריוו צו דער מאַמען, האָט דער טאַטע געשריבן: „דו ביסט די אייזערנע בריק איבער וועלכער איך גיי".

אַזוי איז עס געווען, במשך די גאַנצע פערציק יאָר פון זייער זיין צוזאַמען. דער טאַטע — מיט זיין ברען, וואָס האָט דורכגעגליט אַלץ, וואָס ער האָט געטון; דער טאַטע מיט דער אומרו און ראַנגלעניש פון אַ שעפערישער נאַטור, מיט זיין טיפער זאָרג פאַרן יידישן קיום, האָט געדאַרפט לעבן זיך האָבן אַ מענטש וואָס איז פאַרשטענדיק, סענסיטיוו און האָט די זעלבע אינטערעסן וואָס ער. דאָס האָט ער געהאַט אין דער מאַמען. מיט דער רויקייט און ראַפינירטקייט פון איר געמיט, מיט איר געדולד, מיט איר קענען האַלטן זיך — און אים — איז זי תמיד געווען פאַרן טאַטן אַן אָנשפּאַר, אַ זיכערקייט־פונקט.

אין פאַרשיידענע צייטן — און ס'זענען געווען צייטן פון אַן אַ שיעור קלע־נערע און גרעסערע דאגות — און אויך נחת — דערהויפּט אין פאַרבינדונג מיט דעם טאַטנס ליטעראַרישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, האָט ער אַלעמאָל געוווּסט, אַז ער האָט פאַר וועמען זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן. אין זיין דיכ־טערישער און זיך־זוכעניש, אין פעריאָדן פון שאַפן, איז ער געווען אָנגעוויזן אויף זיך אַליין, אָבער די מאַמע האָט באַשאַפן אַרום אים די אַטמאָספערע פון

באַרויקונג און דערמוטיקונג וואָס איז נייטיק געווען כדי ער זאָל קענען אומגע־שטערט אַרבעטן — און ער האָט דאָס טיף געשעצט.

אָט דער וואַרעמער צוטרוי, דאָס טיילן זיך מיט אַלץ, זיין צערטלעכקייט צו איר, איז בולט אין די וויטערדיקע ציטאַטן פון דעם טאַטנס אַ בריוו צו דער מאַמען, געשריבן פון דאָרף, וווהין ער איז געפאָרן זיך אָפּצורוען. דער בריוו איז נישט דאַטירט, אָבער דער אינהאַלט דייט אָן אויף דער שפּעטערדיקער פּאָעמע „חשבון אויפן אַש“, איז ער מסתמא געשריבן געוואָרן אַרום 1945—1946.

„שרהל טייערע:

עס ווילט זיך רעדן... דורך דער צייט האָב איך דאָ געמאַכט אַ סך נאָטיצן, אָבער איך האָב זיך נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געמאַטערט.

מינוטנווייז טראַכט איך: אפשר איז עס גאָרנישט קיין טעמע. קונסט מוז דערזען די דראַמע פון איינצלנעם מענטשן. דאָ ווערט די דראַמע פון איינצלנעם פאַרשלונגען פון דער פּיין און טויט פון טויזנטער. וואָס באַטרעפט דער איינצל־נער מענטש? און דאָך האָט דער מענטש „געלעבט“, געהאָפט, זיך געראַנגלט... עס איז געווען גענוג כוח צו אַרבעטן און קריגן דאָס געווער פאַר דער לעצטער שלאַכט. הייסט עס, אַז אויך אין דעם שרעקלעכסטן גיהנום איז דער מענטש געבליבן מענטש, און מע דאַרף אים קענען דערזען.

...איך מוז באַנעמען דעם זין פון דעם, וואָס איז געשען, אַנדערש האָט מיין אייגן לעבן קיין זין נישט... פאַרן „גייער“ האָב איך אַלץ געהאַט אין זיך. וואָס איך האָב נישט געהאַט, האָב איך דערלערנט. דאָ האָב איך אין זיך אפשר נישט מער ווי ברעקלעך. וואָס דאָרט איז געשען, שטייגט אַריבער יעדע מענטשלעכע און טיוולשע פאַנטאַזיע. אויב מע זאָל עס אָנרופן „לעבן“, זענען עס אַזעלכע פּראָצעסן פון לעבן, וואָס מע דאַרף זיך אַליין דערפּייניקן צו זייער זין. איז — ווי וועל איך עס טון?

...ווען עמעצער נעמט מיך אַוועק ערגעץ אין אַ וואַלד ווו איך זאָל זיין אינ־גאַנצן אָפּגעזונדערט פון לעבעדיקע מענטשן — אפשר וואָלט עס מיר אַ ביסל גרינגער אָנגעקומען.

איך דערצייל עס דיר נישט צוליב דעם ווייל איך באַקלאָג זיך, חלילה, ניין! איך דערצייל דיר בלויז צוליב דעם, ווייל מיר ווילט זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן, און אפשר נאָך צוליב עפּעס — זאָלסט מיר פון וייטן אָנווינטשעווען, אַז עס זאָל מיר קלאָרער ווערן אַ ביסל אין מוח.

עס איז נאַכט, און די פליגעלעך קלאַפּן אין דער דראָטענער נעץ פון פענצ־טער. וועל איך אויסלעשן, און זיי נישט רייצן מיטן ליכט.

זיי רויק. עס קומט דיר די רו. און דאַרפסט זיך צוגרייטן — מיט דעם וואָס בייט אויף מיר, וועל איך נישט זיין קיין גרינגער ביסן....

דיין מ נ ח ם".

***

יענעם דאָנערשטיק פאַרנאַכט, ווען דער טאַטע האָט זיך מיט מיר געזעגנט — צום לעצטן מאָל — האָט ער מיר געזאָגט: „עס וועט זיין גוט".

געדענק איך די ווערטער דעם טאַטנס, און עס דערמאָנט זיך מיר, וואָס זאַוול רימער האָט אַמאָל געזאָגט:

די שיין איז דאָ און וואַרט אויף דיר,
און וועסט עפענען די טיר,
ווי העלער מאָרגן אויף די וועגן,
וועט זי דיר אויפקומען אַנטקעגן,

„כנסת“ – ייִדישער פּאַרלאַמענט

דער לייטאַרטיקל פּאַרן „טאָג“ וואָס מנחם האָט געשריבן אַ טאָג פאַר זיין פּטירה. דאָס איז די לעצטע זאַך וואָס ער האָט געשריבן. מיר ברענגען איך דעם פאַקסימיל פון דאָזיקן אַרטיקל.

מיר האָבן געוווּסט, אַז ווען די ייִדישע מלוכה וועט זיך דאַרפן אָרגאַניזירן ווי אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, וועלן פאַרקומען וואַלן, עס וועט אויסגעקליבן ווערן אַ פאַרלאַמענט, און דער פאַרלאַמענט וועט זיך צונויפקומען, שאַפן די רעגירונג, שטודירן און אָננעמען די קאָנסטיטוציע און טון אַלץ וואָס ער דאַרף טון. אָבער כאָטש מיר האָבן זיך צו דעם געגרייט, איז די הייַנטיקע געשעעניש אין ירושלים אַ גרויסער היסטאָרישער יום־טוב.

ווען ד״ר חיים ווייצמאַן וועט הייַנט אַרויפגיין אויף דער טריבונע און עפענען די ערשטע זיצונג פון דער אויסגעוויילטער כנסת, וועט ער פאַקטיש עפענען דעם ערשטן פאַרלאַמענט אין דער ייִדישער געשיכטע.

מיר האָבן נישט געוווּסט פון אַזאַ אינסטיטוציע פון פאָלקס־דערוויילטע רעגירער אין די צייַטן פון ערשטן בית. אונדזערע מלכים זענען געווען דאָס וואָס מען רופט אויף הייַנטיקן לשון — אויטאָקראַטן, אַליינהערשער. זיי האָבן געהאַט יועצים, ראַט־געבער, וואָס זיי האָבן זיך אַליין גענומען. די איינציקע, וואָס האָבן געהאַט „קאָנטראָל“ איבער די הערשער, זענען געווען די נביאים, אויב די הערשער האָבן זיך צו די נביאים צוגעהערט. די „קאָנסטיטוציע“, וואָס אין איר נאָמען זענען די נביאים גע־גאַנגען שטראָפן די מלכים, איז געווען די תורה, גאָטס געבאָט.

ביז די מלכים האָט ביי ייִדן געהערשט מער דעמאָקראַטיע. אָבער די דעמאָקראַ־טיע האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם וואָס אַנשטאָט אַ מלך, וואָס האָט אויפגעשטעלט אַן אייגענע דינאַסטיע, האָט איבערן פאָלק געהערשט אַ שופט, געהערשט אַזוי לאַנג

ווי ער האָט געלעבט. נאָך זײַן טויט האָט מען געקליבן אַן אַנדער שופט, אָבער כּל־זמן ער האָט געלעבט, איז ער אויך געווען אַליין דער פירער.

די ערשטע פאַרזאַמלונג, וואָס דערמאָנט אַ הײַנטיקן פּאַרלאַמענט, איז געווען די כּנסת־הגדולה, וואָס איז אײַנבאַרופן געוואָרן אין די צײַטן פון עזרא און נחמיה מיטן אומקער פון גלות בבל. פון יענער כּנסת הגדולה האָט עס אויך דער איצטיקער ייִדישער פּאַרלאַמענט געצומען דעם נאָמען „כּנסת". אָבער דער ציל פון יענער כּנסת איז געווען אײַנצושטעלן קודם־כּל דאָס רעליגיעזע און טײַלווײַז דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן פון פאָלק. מיט קיין פּאָליטיק האָט זיך די כּנסת נישט פאַרנומען. ייִדישע „פּאָליטיק" איז געלעגן אין די הענט פריער פון דער פּערסישער אימפּעריע און נאָכדעם בײַ די יורשים פון אַלעקסאַנדער מוקדונס מלוכה. ערשט נאָכן נצחון פון די חשמונאים האָבן ייִדן גענומען פירן אַן אייגענע פּאָליטיק, און דאָס אויך נאָר אויף אַ קורצער צײַט. דערווײַל איז מיטן אויפקום פון דער חשמונאים־דינאַסטיע די כּנסת בטל געוואָרן. איר פּלאַץ האָט שפּעטער פאַרנומען דער סנהדרין. אָבער דער סנהדרין איז געווען אַ יורידיש־רעליגיעזע און נישט קיין פּאָליטישע אינסטיטוציע.

אַ סך נעענטער צו אַ „פּאַרלאַמענט" זענען ייִדן געקומען אין די צײַטן פון ייִדישער אויטאָנאָמיע אונטער דער אַמאָליקער מעכטיקער פּוילן. דער וועד ארבע הארצות, געפירט פון די גרויסע רבנים און חשובים פון יענער צײַט, האָט נישט נאָר געפּסקנט שווערע דין־תּורהס, נאָר האָט אויך געהאַנדלט אין פּראָבלעמען, וואָס האָבן געהאַט צו טון מיט דער זיכערקייט פון פאָלק, מיט ווידער־אויפבוי נאָך אומגליק, אאַז"וו. שפּעטער איז נאָכפּאָלעאָנען אײַנגעפאַלן צו באַשאַפן אַ ייִדישן „סנהדרין", פון וועלכן עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ חוזק.

דער ערשטער אמתער גלות־פּאַרלאַמענט איז געווען דער ציוניסטישער קאָנגרעס. אויף הערצלס רוף זענען קיין באַזעל געקומען דעמאָקראַטיש־דערווײלטע פאָרשטייער פון פאָלק. אָבער דער ציוניזם, באַזונדערס אין די ערשטע צײַטן, איז געווען נישט דאָס גאַנצע פאָלק, נאָר נישט מער ווי אַ פּאַרטיי, אַ באַוועגונג אין פאָלק.

אין די לעצטע דרײַסיק יאָר זענען געמאַכט געוואָרן פּראָבעס צו רופן ברייטערע גלות־פּאַרלאַמענטן. אַזוי איז בשעתו געווען דער ערשטער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָנגרעס. שפּעטער — די אַמעריקאַנער ייִדישע קאָנפערענץ. דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס האָט זיך פאַרנומען צו זײַן אַ פאָרשטייערשאַפט פון גאַנצן ייִדישן וועלט־פאָלק. אָבער אין בעסטן פאַל זענען עס געווען „פּאַרלאַמענטן" פאַר באַגרענעצטע אויפגאַבעס און זיי האָבן קיין שום אויטאָריטעט נישט.

I

editorial

„כנסת“ – ערשטער אידישער פּאַרלאַמענט

מיר האָבן געוואָלט, אַז ווען די אידישע מלוכה וועט זיך דאַרפֿן אָרגאַניזירן ווי אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, וועלן פּאַרקומען וואַלן, עס וועט אויסגעקליבן ווערן אַ פּאַרלאַמענט, און דער פּאַרלאַמענט וועט זיך צונויפֿקומען, שאַפֿן די רעגירונג, שאַפֿן און אָננעמען די קאָנסטיטוציע און טאָן אַלץ וואָס דאַרף טאָן. אָבער כאָטש מיר האָבן זיך צו דעם געגרייט, איז די היינטיקע געשעעניש אין ירושלים אַ גרויסער היסטאָרישער יום-טוב.

ווען דר. חיים ווייצמאַן וועט היינט אויפֿגיין אויף דער טריבונע און עפֿענען די ערשטע זיצונג פֿון דער אויסגעוויילטער כנסת, וועט ער פֿאַקטיש עפֿענען דעם ערשטן פּאַרלאַמענט אין דער אידישער געשיכטע.

מיר האָבן נישט געוואָלט [illegible] פֿון פּאַלקס = דער וועלטלעכער רעגירונג אין די צייטן פֿון ערשטן בית. אונזערע מלכים זענען געווען דאָס וואָס מען רופֿט אויף היינטיקן לשון – אויטאָקראַטן, אַליינהערשער. זיי האָבן געהאַט בעלי עצות, ראַטגעבער, וואָס זיי האָבן זיך אַליין אויסגעוויילט. די אָפּאָזיציע, וואָס האָבן געהאַט „קאָנטראָל“ איבער די הערשער, זענען געווען די נביאים, אויב די הערשער האָבן זיך צו די נביאים צוגעהערט. די „קאָנסטיטוציע“, וואָס אין איר נאָמען זענען די נביאים געגאַנגען שטראָפֿן די מלכים, איז געווען די תורה, גאָטס געבאָט.

קעגן די מלכים האָט בײַ אידן געהערשט די דעמאָקראַטיע. אָבער די דעמאָקראַטיע האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם וואָס אַנשטאָט אַ מלך, וואָס האָט אויפֿגעשטעלט אַן אויטאָריטעטישע דינאַסטיע, האָט איבערן פֿאָלק געהערשט אַ שופֿט, געהערשט אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט. נאָך זיין טויט האָט מען געקליבן אַן אַנדער שופֿט, אָבער כּל זמן ער האָט געלעבט, איז ער אויך געווען אַליין דער פֿירער.

די ערשטע פֿאַרזאַמלונג, וואָס דערמאָנט אַ היינטיקן פּאַרלאַמענט, איז געווען די כנסת הגדולה, וואָס איז אויפֿגעשאַפֿן געוואָרן אין די צייטן פֿון עזרא און נחמיה מיטן אומקער פֿון גלות בבל. פֿון יענער כנסת הגדולה האָט עס אויך דער איצטיקער אידישער פּאַרלאַמענט גענומען דעם נאָמען „כנסת“. אָבער דער ציל פֿון יענער כנסת איז געווען איינצושטעלן נאָרם כּל דאָס רעליגיעזע און [illegible] דאָס ווירטשאַפֿטלעכע לעבן פֿון פֿאָלק. מיט קיין פּאָליטיק האָט זיך די כנסת נישט פֿאַרנומען. אידישע „פּאָליטיק“ איז געווען אין די הענט פֿירער פֿון דער פּערסישער אימפּעריע און

די דערווײַלטע פֿאַרזאַמלונג, וואָס עפֿנט זיך הײַנט אין ירושלים, וועט אויך פֿאַרטרעטן נישט מער ווי אַ טייל פֿון ייִדישן פֿאָלק. אָבער דאָס איז דער טייל וואָס איז געוואָרן אַ פּאָליטישע נאַציע און זיין מלוכה־שאַפֿט פֿאַרקערפּערט די אידייע פֿון נאַציאָנאַלער גאולה. דאָס איז יענער טייל פֿון פֿאָלק, וואָס האָט זיך באַפֿרייט פֿון וועלכער נישט איז פּאָליטישער, עקאָנאָמישער, קולטורעלער אָפּהענגיקייט פֿון וועמען נישט איז. דאָס איז דער טייל וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ סוווערענע מלוכה.

צום ערשטן מאָל אין אונדזער געשיכטע וועט אַ פּאַרלאַמענט האָב אַ דעה איבער אַלץ וואָס איז נוגע אונדזער עקזיסטענץ: דער רעגירונג, פּאָליטיק, עקאָנאָמיע, סאָציאַלער אָרדענונג, יוריספּרודענץ, לעבנס־שטייגער. כאָטש דער פּאַרלאַמענט וועט זיך רופֿן מיטן אַלטן נאָמען „כנסת‟, וועט ער אָבער זיין אַ וועלטלעך־פּאָליטישע אינסטיטוציע, ווי די פּאַרלאַמענטן פֿון אַלע פֿרייע דעמאָקראַטישע מלוכות.

דאָס אָנרופֿן דעם מאָדערנעם וועלטלעכן פּאַרלאַמענט מיטן היסטאָרישן נאָמען „כנסת‟, שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם זיווג צווישן אונדזער געשיכטע און דער גאולה פֿון הײַנט, צווישן ווייטן עבר און ווייטן עתיד. און ס'איז מסתמא אויך נישט צופֿעליק וואָס די איינבאַרופֿער פֿון פּאַרלאַמענט האָבן זיין עפֿענונג באַשטימט אויף חמשה עשר בשבט, דעם ראש־השנה לאילנות. אויך אין דעם האָבן זיי געזען אַ סימבאָל.

אין עטלעכע טעג אַרום וועט צוזאַמענגעשטעלט ווערן אַ נייער קאַבינעט און נאָכדעם וועט דער פּאַרלאַמענט אַריבער צו זיינע נאָרמאַלע פֿונקציעס, וואָס די ערשטע פֿון זיי וועט זיין שטודירן און אָננעמען די קאָנסטיטוציע. מיר פֿון דאַנען וועלן נאָכשפּירן יעדע האַנדלונג פֿון דער כנסת. שטרענג־פּאָליטיש איז די כנסת נישט „אונדזער‟ פּאַרלאַמענט. מיר זענען אַמעריקאַנער בירגער און אונדזער פּאַרלאַמענט איז דער קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן. אָבער מיר זענען ייִדן וואָס האָבן דערלעבט צו זען די פּאָליטישע אויפֿלעבונג פֿון אַ טייל פֿון אונדזער פֿאָלק אויף אונדזער היסטאָרישער ערד, און קיינע פּאָליטישע מחיצות וועלן אונדז נישט אָפּגרענעצן פֿון דעם, וואָס עס וועט געשען צווישן די ווענט פֿון כנסת. די היסטאָרישע געבונדנקייט פֿון עם ישראל וועט מאַכן די כנסת אויך פֿאַר אונדזער פּאַרלאַמענט און קיינע פּשטלעך וועגן „דאָפּלטער לאָיאַלקייט‟ וועט די געבונדנקייט אין אונדז נישט אָפּשוואַכן.

2

נאָך בײַם בוי די ורשים פֿון אַלעקסאַנדער אָרדענס מלוכה. עפּעס נאָכן נצחון פֿון די חשמונאים האָבן איבער גענומען פֿירן אײַגענע פּאָליטיק, און דאָס אויך נאָר אויף אַ קורצער צײַט. דער וואָל איז אויסן אויפֿבלי פֿון דער חשמונאים=דינאַסטיע די כנסת בטל געוואָרן. איר פּלאַץ האָט שפּעטער פֿאַרנומען דער סנהדרין. אָבער אויך סנהדרין איז געווען אַ ורבנים=רעליגיעזע און נישט קיין פּאָליטישע אינסטיטוציע.

אַ סך נענטער צו אַ "פּאַרלאַמענט" זײַנען איבערגעקומען אין די צײַטן פֿון יידישער אויטאָנאָמיע אינטער דער אַמאָליקער אוקראַיִנער פּוילן. דער ועד ארבע הארצות, געפֿירט פֿון די גרויסע רבנים און חשובֿים פֿון יענער צײַט, האָט נישט נאָר עקאָנאָמישע שווערע דין=תורה'ס. נאָר האָט אויך געהאַנדלט און פֿאַרבונדן וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט דער סיכון פֿון פּוילן, מיט ווײַטער איבער נאָך אויסגעצײַכנט אי אויך. שפּעטער איז נאַפּאָלעאָן אײַנגעפֿאַלן צו באַשאַפֿן אַ יידישן "סנהדרין", פֿון וועלכן עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ חלום.

דער ערשטער אמת'ער גלות=פּאַרלאַמענט איז געווען דער ציוניסטישער קאָנגרעס. אויף הערצל'ס רוף זײַנען קיין באַזל געקומען פֿאַרטרעטער פֿון דער וועלטן פֿאַרשטייער פֿון פֿאָלק. אָבער דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די ערשטע צײַטן, איז געווען נישט דאָס גאַנצע פֿאָלק נאָר נישט מער ווי אַ פּאַרטיי, אַ באַוועגונג אין פֿאָלק.

אין די לעצטע צוואַנציק יאָר זײַנען געמאַכט געוואָרן פּראָבעס צו שאַפֿן פֿאַרשידענע גלות=פּאַרלאַמענטן. אַזוי איז באַשאַפֿן געוואָרן דער ערשטער אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס. שפּעטער – די אַמעריקאַנער יידישע קאָנפֿערענץ. דער יידישער וועלט=קאָנגרעס האָט זיך פֿאַרנומען צו זײַן אַ פֿאַרטרעטער פֿון גאַנצן יידישן וועלט=פֿאָלק. אָבער אין קיינעם פֿאַל זײַנען עס געווען "פּאַרלאַמענטן" פֿאַר לעגיטימע אויסגעקליבענע און האָבן קיין שום אויטאָריטעט נישט.

די דערוויילטע פֿאַרזאַמלונג, וואָס טרעפֿט זיך הײַנט אין ירושלים, וועט אויך פֿאָרשטעלן נישט מער ווי אַ טייל פֿון יידישן פֿאָלק. אָבער דאָס איז דער טייל וואָס איז געוואָרן אַ פּאָליטישע נאַציע און וואָס זײַן מלוכה'שע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט די אויסלייזונג פֿון נאַציאָנאַלער געולה. דאָס איז יענער טייל פֿון פֿאָלק, וואָס האָט זיך באַפֿרײַט פֿון וועלכער נישט איז פּאָליטישער, עקאָנאָמישער, קולטורעלער אָפּהענגיקייט פֿון פֿרעמדע נישט איז. דאָס איז דער טייל וואָס שאַפֿט מיט זיך פֿאַר אַ סאַווערענע מלוכה.

דעם ערשטן מאָל אין אונדזער געשיכטע וועט

אַ פּאַרלאַמענט האָבן אַ דירה אויבער אַלץ וואָס איז נוגע אונזער עקזיסטענץ: די רעגירונג, פּאָליטיק, עקאָנאָמיק, סאָציאַלער אַרבעט, וויסנשאַפֿט, לעבנס=שטייגער! כאָטש פֿאַר פּאַרלאַמענט וועט זיך רופֿן מיט'ן אַלטן נאָמען "כנסת", וועט ער אָבער זיין אַ וועלטלעך=פּאָליטישע אינסטיטוציע, ווי די פּאַרלאַמענטן פֿון אַלע פֿרייע דעמאָקראַטישע מלוכות.

דאָס אָנרופֿן דעם מאָדערנעם וועלטלעכן פּאַרלאַמענט מיט'ן היסטאָרישן נאָמען "כנסת" שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם צווייג צווישן אונזער געשיכטע און דער גאולה פֿון היינט, צווישן דבר און עתיד. און ס'איז אַוודאי אויך ניט צופֿעליק וואָס די אינאַוגוראַציע פֿון פּאַרלאַמענט האָבן זיי פֿאַרגעקומען באַשטימט אויף חמשה עשר בשבט, דעם ראש השנה לאילנות. אויך אין דעם האָבן זיי געזען אַ סימבאָל.

און עטלעכע טעג אַרום וועט צוזאַמענגעשטעלט ווערן אַ נייער קאַבינעט און נאָכדעם וועט דער פּאַרלאַמענט אַריבער צו זיינע נאָרמאַלע פֿונקציעס, וואָס די ערשטע פֿון זיי וועט זיין שטודירן און אָננעמען די קאָנסטיטוציע. מיר פֿון דאַנען וועלן נאָכשפּירן יעדע האַנדלונג פֿון דער כנסת. שטרענג=פּאָליטיש איז די כנסת ניט "אונזער" פּאַרלאַמענט. מיר זיינען אַמעריקאַנער בירגער און אונזער פּאַרלאַמענט איז דער קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן. אָבער מיר זיינען אייך וואָס האָבן דערלעבט צו זען די פּאָליטישע אויפֿלעבונג פֿון עם פֿון אונזער פֿאָלק אויף אונזער היסטאָרישער ערד, און קיינע פּאָליטישע מחיצות וועלן אונז ניט אָפּטרענען פֿון דער, וואָס עס וועט פּאַסירן צווישן די ווענט פֿון כנסת. די היסטאָרישע געוויסנהייט פֿון עם ישראל וועט מאַכן די כנסת אויך פֿאַר אונזער פּאַרלאַמענט און קיינע פּשטלעך וועגן "דאָפּלטער לאָיאַליטעט" וועט די געוויסנהייט אין אונז ניט אָפּשוואַכן.

אין דעם טאָג ווען דער ערשטער פּאַרלאַמענט אין אונזער געשיכטע וועט געעפֿנט, שיקן מיר אים אַ ברודערלעכן גרוס אין נאָמען פֿון אַמעריקאַנער אידנטום. זאָל קיינמאָל מער ניט אַוועקגענומען ווערן פֿון אונזער פֿאָלק די נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן מיט מדינת ישראל! זאָל די כנסת אייך אויך בלייבן דער סימבאָל פֿון אַ פֿרייער אידישער מלוכה'שאַפֿט! זאָל די כנסת פֿירן דאָס לעבן פֿון מדינת ישראל מיט חכמה, יושר און ווירטשאַפֿטלעכקייט און זאָל זי זיין אַ קוואַל פֿון שטאָלץ און באַוואונדערונג פֿאַר די אידן אין אַלע תפֿוצות. זאָל רוען די שכינה אויבער די זיצונגען פֿון דער כנסת — האָפֿט אין אייך פֿאַר דורות. אמן!

עסייען

אין דעם טאָג, ווען דער ערשטער פּאַרלאַמענט אין אונדזער געשיכטע ווערט געעפנט, שיקן מיר אים אַ ברידערלעכן גרוס אין נאָמען פון אַמעריקאַנער ייִדנטום. זאָל קיינמאָל מער נישט אָפּגעטון ווערן פון אונדזער פאָלק די נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן מיט מדינת־ישראל! זאָל די כנסת אויף אייביק בלייבן דער סימבאָל פון אַ פרייער ייִדישער מלוכהשקייט! זאָל די כנסת פירן דאָס לעבן פון מדינת־ישראל מיט חכמה, יושר און ווייטזעעוודיקייט און זאָל זי זיין אַ קוואַל פון שטאָלץ און באַוווּנדערונג פאַר די ייִדן אין אַלע תפוצות.

זאָל רוען די שכינה איבער די זיצונגען פון דער כנסת — היינט און אויף דור־דורות. אמן!

I

יידן און יידישקייט אין אמעריקע

וווּהין גייט איר, ייִדישע יוגנט פון היינט?

נעמט אָן די צווייענדיקייט!

אייערע טאַטעס האָבן געמיינט, אַז זיי קענען אייך באַפרייען פון יאָך פון צווי געשיכטעס: דער אַלמענעטשלעכער און דער ייִדישער. אייערע טאַטעס האָבן געמיינט — און איר האָט אַוודאי אַזוי געגלייבט, — אַז איר קענט זיך אַריינשטעלן אין פאָלק, צווישן וועלכן מיר וווינען, און דורך אים לעבן פשוט, גאַנץ און גרינג. טאַטעס ווילן מאַכן גרינג דאָס לעבן פאַר זייערע קינדער, גרינג לעבן לאָקט — און אַזוי איז עס געווען אין אַלע לענדער, וווּ עס האָט זיך אָנגעהויבן די עמאַנציפאַציע אין די לעצטע 150 יאָר.

זענען געווען דורות, שטיקלעך דורות, וועמען די איינרעדעניש האָט אָפּגעגאָלטן. אין די האָניק־טעג פון גלייכהייט, אין די סאַלאָנען פון דער אויפגעקומענער בורזשואַזיע און איר אינטעליגענץ, האָט דאָס וואָרט „מענטשהייט" געהאַט דעם טעם פון גוטן וויין, האָבן יונגע ייִדן אין דעם וויין פאַרטרונקען די געשיכטע פון זייער פאָלק און דאָס לעבן איז זיי געוואָרן פשוט און גרינג. אוודאי איז נאָכדעם געקומען די אויסניכטערונג און מ'האָט זיך דערוווּסט, אַז דער טויף־צעטל — דער גלחישער און קולטורעלער — האָט דעם גורל נישט אָפּגעשאַפט. אָבער מזלדיקע שטיקלעך דורות זענען יאָ געווען, און זיי האָט עס אָפּגעגאָלטן.

אַזוי איז אויך געווען שפּעטער, ווען די פאַרשיכורונג מיטן וואָרט „מענטשהייט" איז אַרונטער אין די קעלערן און טונקעלע געסלעך פון רעוואָלוציאָנערן וועלט־איבערבוי. אויך דאָ האָט מען מיט אַ גרינגן געמיט געפּראַוועט די לוויה פון „משיח און ייִדנטום" און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער בירגער פון דער גרויסער מענטשהייט קען גרינג און פויגלדיק אַוועקשפּאַנען פון דער אָפּקומעניש פון זיינע טאַטעס. דאָ איז די געזונטסטע אויסניכטערונג געקומען פון די פאַר־

וואָרצלטע אין פֿאָלק גופא; פֿון יענע, וועמעס אַלטן „משיח און ייִדנטום“ מ׳האָט אַזוי זינגענדיק באַגראָבן. זיי, די פֿאַרוואָרצלטע, האָבן זיך נישט געשראָקן פֿאַר זייער געשיכטע און זענען גרייט געווען צו שפּאַנען אין דער גרויסער מענטש־הייט אַריין מיט זייער לשון אויף די ליפּן און דער ירושה אויף די פּלייצעס.

אויך איר דאָ אין לאַנד האָט געהאַט אייער מזלדיקע צייט. חברשאַפֿט מיט דער „מענטשהייט“ איז אָנגעקומען גרינג, טירן זענען געווען אָפֿן, דאָס גאָלד פֿון אַמעריקאַנער „געלעגנהייטן“ איז געלעגן פֿריי אויף די גאַסן. מ׳האָט אַפֿילו גע־קענט נעמען דעם גרויסן, ייִדישן טלית און מאַכן דערפֿון אַ קליין, זיידן שאַליקל אויפֿן האַלדז, און דאָס האָט אויך קיינעם נישט געריסן די אויגן. אָבער אָן דעם זיידענעם שאַליקל איז געווען נאָך גרינגער.

היינט ווייסט איר שוין, אַז דאָס מזלדיקע שטיקל צייט רוקט זיך אַוועק. די „מענטשהייט“ ברענט שוין נישט אַזוי זיך צו חברן. טירן זענען אָפֿן בלויז מיט שמאָלע שפּעלטלעך; דאָס פֿרייע גאָלד פֿון די געלעגנהייטן האָט מען פֿון די גאַסן אויסגעראַמט און מען דאַרף עס זוכן אונטער דער ערד. פֿון אַלע זייטן — ווער מיט אַ שטייפֿער האַנט, ווער מיט אַ ווייכערער — טראָגט מען אייך אונטער אייערע ייִדישע אבות און מען זאָגט אייך: גייט צו אייגענע. ווייסט איר נישט אין וואָס עס באַשטייט דאָס לעבן פֿון די אייגענע, קענט איר צו זיי נישט קומען. און מיט יענע, וואָס זענען „מענטשהייט“, „אַמעריקע“, קענט איר נישט בלייבן. דרייט איר זיך אויף די ראַנדן פֿון סביבות, ווערט איר גייסטיקע פּסיכישע ראַנד־מענטשן, פֿאַלט איר ביי זיך אַרונטער, זוכט איר בייצוקומען קריוודעס און באַליידיקונגען מיט פּלייס, מיט אויפֿטוען, מיט איבעריאָגן, האָט מען אייך פֿיינט פֿאַרן איבער־יאָגן, מאַכט מען נאָך שטייפֿער צו די טירן פֿאַר אייך, ווערן שמעלער די ראַנדן, אויף וועלכע איר פּלאָנטערט זיך.

און דאָ, מיט דער מגפֿה פֿון טאָטאַליטאַרער הערשאַפֿט, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט, האָט אויפֿגעריסן אַ געשוויר פֿון שנאה צו ייִדן, וואָס האָט זיך געקליבן יאָרהונדערטער, און יאַטערט איבער דער ערד. פֿון אַלע צייטונגס־קעפּ, פֿון אַלע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן שרייט עס מיט: ייִדן, ייִדן, ייִדן! עס פֿאַלט אויף אייך די שנאה און דאָס רחמנות און דער דערוועקטער יושר; עס דערשלאָגן אין די אויערן די דרשות וועגן אייער שותּפֿותדיקן גורל מיטן פֿאָלק און אייער אחריות; מען רופֿט צום „קאַמף“ און איר ווילט שוין אפֿשר גיין און טון עפּעס. אָבער פֿריִער פֿון אַלץ ווילט איר אָנטאַפּן אין זיך דעם קנופּ, די פֿאַרבינדונג, דעם זין פֿון גורל,

וואָס זאָל באַרעכטיקן אייערע אָפּקומעניש און פּאַרענטפערן אייער גרייטקייט צום „קאַמף“.

***

זאָלן נישט קלינגען ווי אַ פאַרוואורף די רייד, אַז אויך די וועגן צום גורל אין זיך קלייבט איר אויס די גרינגסטע. נישט איר זייט שולדיק אין דעם: דאָס האָבן אייך טאַטעס און דורות פאַר אייך געלערנט צו זוכן גרינג לעבן, און אַנ־שטאָט צו גיין צום פאַרהוילענעם יידישן דראַנג אין אייך גופא, כאַפּט איר זיך אָן ביי לאָזונגען, וואָס לאָזן די רעטעניש פון אייער פּערזענלעכן, אינדיווידועלן צובונד צו יידיש נישט געלייזט.

אָט איז אייער ציוניזם. דער שטאָלץ מיט אַן אוראַלטער געשיכטע איז אַ פּאַרגיטיקונג פאַר באַליידיקונגען פון היינט און די העלדישע בויונג פון אַן אַלט־נייער אייגענער היים איז אַ קאָמפּענסאַציע פאַרן געפיל פון פרעמדקייט. אָבער נישט איר אַליין בויט די לייזונג — איר זייט בלויז די מיטפּילער און מיטגלויבער. בלויז געציילטע, זייער זעלטענע צווישן אייך, וועלן אַוועקוואַרפן זייערע היגע היימען און גיין זיך איבערבויען און אָנפילן זיך אַליין מיט דער טוואונג, וואָס ברענגט דעם פולשטענדיקן ענטפער.

האָט דער ציוניזם אייך געבראַכט צום באַגריף „פאָלק“ — ווי שטייט איר, פּערזענלעך, יעדער איינער פון אייך, אין אָט דעם פאָלק? וויפל האָט איר דער־קענט פון אים, אַז איר זאָלט דורך אים זיך אַליין דערקענען? וויפיל האָט איר דערפילט פון אים, אַז איר זאָלט דורך אים זיך אַליין דערפילן?

אייער „יידיש פאָלק“ איז אַן אַבסטראַקציע, אַ בוך און צייטונג־באַשעפעניש. נישט עס לעבט, נישט עס טראַכט, נישט עס האָט זיטן און געניג, נישט עס האָט הומאָר און פּאָעזיע, נישט שאַרפע רייד און שטומע חכמה. אייער אַבסטראַקט פאָלק טוט נאָר ליידן און האָפן אויף דערלייזונג — און וואָס קען אייך געבן אַזאַ מין פאָלק אין אייער טאָג־טעגלעך לעבן, אין אייער גאַרן צו געפינען אַ סביבה, אין וועלכער איר זאָלט דערפילן אַ פולע, גרינטלעכע, פאַרוואָרצלטע היימישקייט? ווי אַזוי קענט איר מיטלעבן און מיטשאַפן מיט אַזאַ פאָלק?

אָט איז אייער סאָציאַליזם. אין דער קומענדיקער קלאַסן־באַפרייונג וועלן אויך פאַרהיילט ווערן די יידישע וואונדן. הלוואי זאָלן זיי פאַרהיילט ווערן. אָבער וועט די רעטעניש „ייד“ אַליין געלייזט ווערן? איז זי געלייזט אין אייך? איר, וואָס איר קומט מערסטנס פון פאָלקס־היימען, ווו יידישקייט וואָלט געקענט זיין נאַ־

טירלעך און אײַך דערנעענטערן צו די סאַמע קוואַלן פֿון פֿאָלקס־לעבן — האָט איר אין זיך געליזט די רעטעניש?

אַוודאי זענען שולדיק די טאַטעס אײַערע, וואָס האָבן גלייביק זיך אײַנגערעדט, אַז אײַך וועט שוין מער קיינמאָל נישט אויסקומען אויף דער רעטעניש זיך אָנצושטויסן. דאָס האָבן זיי אַליין אײַך דערווײַטערט פֿון זיך, פֿון זייער שפּראַך, פֿון זייער שטייגער און טראַדיציעס. דאָס האָבן זיי אַליין אײַך אויסגעלערנט צו קוקן מיט ביטול און חוזק אויף זייער היסטאָריש לעבן און מאַכן פֿון זייער עקזיסטענץ אַ קוואַל פֿון אַנעקדאָטן און וויצן. אָבער הײַנט זער איר שוין, אַז ווען די רעטעניש „ייִד" נעמט־אָן ביים גאָרגל, האָבן די טאַטעס אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן און איר האָט — נישט.

און שוין אָפּגערעדט פֿון דער רעטעניש „ייִד" — וווּהין גייט איר מיט אײַער סאָציאַליזם? וווּהין טראָגט איר אים? מיט וועמען לעבט איר אין אים? אײַערע טאַטעס זענען מיטן סאָציאַליזם געגאַנגען צו אײַגענע, און צווישן זיך בשותּפֿות האָבן זיי אויפֿגעבויט אַ סבֿיבֿה, אין וועלכער עס איז געוואָרן טיפֿער גלויבן, שעפֿערישקייט. אויף זייער כּוח איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסע נײַע קולטור, צו וועלכער זיי גייען זיך איצט ראַטעווען פֿון אומעט. וואָס פֿאַר אַ סבֿיבֿה שאַפֿט איר? וואָס פֿאַר אַ נײַע ווערטן ברענגט איר אַרײַן אין פֿאָלקס־לעבן? איר, וועמעס אידעאַל פֿון לייזונג ליגט נישט איבער ווײַטע ימים, נאָר דאָ אויף אונדזער אײַגענער ערד — וואָס בויט איר אויף אָט דער ערד ווי יונגע ייִדן אין סאָציאַליזם?

און אָט איז אײַער קאָמוניזם מיט זײַן שטרענגער דיסציפּלין, מיט די כּסדרדיקע היץ־לאָזונגען און ברען־רופֿן, וואָס האַלטן דעם מוח און די עמאָציעס געשפּאַנט און לאָזן נישט איבער קיין ווינקל אין די געהירן פֿאַר פֿראַגעס, צווייפֿלען און זוכענישן. מאַרשן און דעמאָנסטראַציעס, שילדן און רעדעס; קעמערלעך מיט אײַנגעטיילטער אחריות; פּאָליטיק מיט באַהאַלטענע כּוונות; העראָישער רוף פֿון בלוט — הײַנט אויף די פֿעלדער פֿון שפּאַניע, מאָרגן פֿון כינע, איבערמאָרגן פֿון ערגעץ־אַנדערש... אין דעם סיסטעם פֿון נערוועזער געשפּאַנטקייט, אין פּאַנאַטיזם אַרום דער טאָטאַלער לייזונג אין ראַטנפֿאַרבאַנד ווערט פֿאַרטרונקען די רעגונג פֿון דער רעטעניש „ייִד". און אַז מען גיט אײַך נאָך דערצו אַ פֿאָלקס־פֿראָנט און אַ פּאַרטיי־פּראָגראַם מיט אַ קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, דאַרף דאָך דאָס פּינטעלע ייִד אוודאי זיך פֿילן באַפֿרידיקט.

און דאָך מוזן אײַך אײַערע אײגענע, צום פֿאָלקס־פֿראָנט באַקערטע פֿירער זאָגן מוסר פֿאַר אײַער פֿאַרקרימען די נעז און זיך אָפּקערן מיט חוזק פֿון דער

שפראַך און קולטור פון דעמזעלבן פאָלק, מיט וועלכן איר דאַרפט מאַכן אַ פּאַר־אייניקטן פראַנט. ווייל אין תוך זייט איר פרעמד פון דעם פאָלק. ווייל דיזעלבע פירער האָבן אייך פריער געלערנט דעם ביטול און חוזק, פאַר וועלכן זיי מוסרן אייך, און זאָל ווערן נישט נייטיק דער פאַראייניקטער פראַנט, און זאָל מען אָפּלאָזן אויף אַ ווייל דעם גייסטיקן שפּאַן און אייך לאָזן זיך פאַרטראַכטן, און זאָל פון דער לופט אַרום און פון אייך אַרויס אַ דריק־טון די רעטעניש „ייד", וועט איר בלייבן דיזעלבע עלנטע, אָן אַ סביבה, אָן פאַרוואָרצלונג, ווי די אַלע אַנדערע.

ווייל אַפילו אייער גיין אויפן שפּאַנישן פראַנט און זיך שטעלן קעגן די קוילן פון שונא איז גייסטיק אַ גרינגערער פּראָצעס ווי זיך איינשטעלן פערזענלעך אין יידישער פאַרוואָרצלטקייט. און מאַרשירן מיט פּראָטעסט־שילדן איז אַוודאי גרינ־גער. און זיך פאַרלאָזן אויף דער טאָטאַליטאַרער לייזונג פון ראַטנפאַרבאַנד איז אַוודאי און אַוודאי גרינגער.

גרינג איז צו פאַרשטופן די „ייד"־רעטעניש דעם יונגן סאָציאַליסט. און נישט ווייניקער גרינג, כאָטש אויבן־אויף מער יידישלעך, קומט עס אָן דעם יונגן ציוניסט. ס'איז גרינג פון אַלע זייטן, ווייל צום תוך זיך נישט צוגערירט, צו דער איינ־שטעלונג פון אַ טאָג־טעגלעכער שייכות מיטן יידישן לעבן נישט צוגעקומען.

***

נישט צו די, וואָס ווילן אויסטענצלען זייערע טעג, זענען די רייד געווענדט. די רייד זענען צו די, וואָס גאַרן צו באַנעמען די וועלט און זיך אַליין אין דער וועלט. און יענע ווייסן, אַז קיין דערגרייכונג קומט נישט אָן גרינג. קיין פולער מענטש, וואָס פאַר אַ באַרוף ער זאָל נישט האָבן אויסגעקליבן אין לעבן, איז צו זיין פולקייט נישט געקומען גרינג. און זיין אַ ייד איז אַ באַרוף.

עס זענען דאָ משפחות, וווּ אַ באַרוף גייט איבער בירושה פון קינד־צו־קינד. אין פּרימיטיוועווירטשאַפטן ווערט אַ געוויסער באַרוף אַ טראַדיציע, דער כאַ־ראַקטער פון דער משפחה. עס קאָנען זיין יחידים, וואָס רייסן זיך אָפּ און גייען אַוועק, אָבער דער ירושהדיקער באַרוף בלייבט אין זיי און וועט זיך אַמאָל אָפּרופן. און עס זענען דאָ משפחות, קבצנישע משפחות, וואָס האָבן זיך נישט דערשלאָגן צו קיין אייגענער נחלה. זיי וווינען אַלעמאָל ביי עמעצן אין אַ דירה. אַ מיטגליד פון אַזאַ משפחה ווערט געבוירן מיט אַ פעיקייט נישט צו לאָזן זיך איינגאַנצן פאַרשלינגען פון צוגעבונדנקייט צום פּלאַץ, צו היים. משפחה איז מער ווי היים. היים קאָן זיך בייטן און משפחה בלייבט.

מנחם באַרײַשאַ

אַ ייִד ווערט געבוירן מיט אַ טאַלאַנט זיך צו קאָנען צונויפשמעלצן מיט דער סביבה פון אַ פֿאָלק און אַ לאַנד און אין זיך בלייבן אַליין. דאָס איז דער טאַלאַנט פון פערזענלעכקייט. דאָס איז אַ טאַלאַנט פון אַ שכן־פֿאָלק, וואָס דאַרף נישט בויען קיין אייגענע מלוכה־אַפּאַראַטן, פּאָליציי, אַרמיי און געמויערטע פעסטונגען, און קאָן די אָפּגעשפּאָרטע ענערגיע פאַרווענדן אויף בויען אין זיך אַן אַנדער מין פעסטונגען.

און ווי מיט אַלע אַנדערע טאַלאַנטן, אַזוי איז אויך דאָ: דער אמתער טאַלאַנט ווערט געבוירן מיט כּוח, מיט געדולד, מיט אויסדויער, מיט גרייטקייט אויף אָפּקו־מענישן און קרבנות. אָן דעם אַלעם בלייבט ער בלויז אַ פּאָטענץ. און די וואָס זענען געבוירן געוואָרן מיטן טאַלאַנט צו זיין ייִדן, האָבן עס אַלעמאָל געוווּסט, האָבן אַלעמאָל געזאָגט: שווער צו זיין אַ ייִד.

איז דער ערשטער טריט צו ייִדישקייט זיך אָפּזאָגן פון וועלן גרינג לעבן און אָננעמען די שווערקייט. און דער צווייטער טריט איז: אָננעמען די צווייענדי־קייט פון סביבה און משפחה, פון לאַנד וווּ מען וווינט און פֿאָלק צו וועלכן מען געהערט, פון וועלט־געשיכטע און ייִדישער, פון סביבה־קולטור און אייגענער. און דער נאָענטסטער צוגאַנג צו דער משפחה — צום פֿאָלק — איז צום טאָג־טעגלעכן זייערן. איז — ווי קאָנט איר צוגיין צו ייִדן, דערפילן ייִדן, דערפילן היים אַרום זיך און היים אין זיך?

צו דער ייִדישער געשיכטע קאָן מען גיין דורך די טויערן פון אַלע שפּראַכן. צום אַבסטראַקטן „פֿאָלק", צום בוך־פֿאָלק, קאָן מען גיין דורך אַלע לשונות. צום ייִדישן וויסן, צו תּורה, כאָטש אויך די תּורה איז דאָ אין אַלע שפּראַכן, איז דער עכטסטער וועג — העברעיִש. צום ייִדישן לעבן, צו די קוועלנדיקע כּוחות אין אים, צו דער עכטקייט זיינער, צו זיין אויסדויער, חכמה, שמייכל, צו די טויזנט אופנים, וואָס עס האָט זיך געשאַפן זיך צו דערהאַלטן און בלייבן גאַנץ אין דער וועלט און מיט דער וועלט — צו דעם אַלעם איז דאָ נאָר איין טויער — ייִדיש.

וועט איר זאָגן: דאָס ייִדיש לעבן אַרום אייך האָט שוין אויפגעהערט צו רעדן ייִדיש. אַפילו טאַטעס און קרובים האָבן זיך שוין אָפּגעוווינט. אמת! אָבער וואָס ווייטער זיי האָבן זיך אָפּגערוקט פון ייִדיש, אַלץ ווייטער זענען זיי אַוועק פון זייער אייגענער עכטקייט און נאַטירלעכקייט. ווערט זיי שווער אויפן האַרצן און זיי ווילן זיך צוריק אָנכאַפּן ביי עפּעס וואָס איז זייערס, קערן זיי זיך אום צו ייִדיש. אָפּגע־רוקט האָבן זיי זיך נישט צוליב זיך, נאָר צוליב אייך. ווייזט איר זיי דעם מינדסטן

ווילן זיך צו דערנעענטערן צו ייִדיש, וועט איר זען מיט וואָס פאַר אַ פרייד זיי וועלן צוריקגיין.

אויך דאָ, אויף דער ערד פון אַמעריקע איז דאָס עכטסטע ייִדישע לעבן נאָך אַלץ אין ייִדיש. און עכט איז עס, ווייל עס איז דורך דעם מיטל פון שפּראַך און אַלע מיסטעריעס פון שפּראַך פאַרבונדן מיטן ייִדישן לעבן פון גאָר דער וועלט. און אויך פאַר אייך איז עס דער טויער נישט נאָר צום לעבן פון אימיגראַנטן־דור (דער אימיגראַנטן־דור איז בלויז דער געטרייסטער צו עכט־ייִדיש לעבן), נאָר צו ייִדיש לעבן אומעטום.

וועט איר פרעגן: ווי קאָנען זיך יונגע מענטשן, האַלב־צייטיקע און צייטיקע, נעמען איינלעבן אין אַ שפּראַך, פון וועלכער מען האָט קינדוויז געקראָגן בלויז אויפן שפּיץ מעסער און אפשר אויך דאָס נישט? און דאָ קומט דער ערשטער טריט צו ייִדישקייט: אָננעמען די שווערקייט. אוודאי איז עס נישט גרינג, אָבער עס וועט אייך אָנקומען גרינגער ווי יעדע אַנדערע שפּראַך. און אויב איר גרייט זיך צו דער שווערקייט פון קאָנען זיין ייִדן, נעמט אויף זיך די שווערקייט פון ווערן ייִדן.

**
*

מיר, די טאַטעס, זענען זיך אָפן מודה: אונדז איז אומעטיק אָן אייך. נאָך מער: אונדז איז אומעטיק צוליב אייך. מיר זעען ווי איר זענט אויסגעשעפּט געוואָרן פון כוח צו נעמען אויף זיך שווערע נסיונות, מיר שרעקן זיך פאַר אייך. און דאָך ווילן מיר נישט גלייבן, אַז דער כוח פעלט אין אייך אינגאַנצן. עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז דעם הונדערט ערשטן דור זאָל פאַרפעלן דאָס, וואָס הונדערט דורות פאַר אים האָבן פאַרמאָגט. מער נישט — מ׳האָט אייך איינגערעדט אַ גרינג לעבן און ביז איצט נישט געצווונגען זיך אַ גראָב צו טון אינעווייניק און אַרויס־שלעפּן די כוחות, וואָס זענען פאַרבאָרגן אין אייך.

אייער גאַנג צום ציוניזם, סאָציאַליזם, קאָמוניזם זאָגט עדות אויף אייך, אַז איר שפּירט דאָס באַדערפעניש אַ גראָב צו־טון. מ׳האָט קיין טיפערע גרונטן נישט געמאָנט פון אייך און דערביי איז עס געבליבן. אָבער איצט גייט אַ שווערע מאָנונג. אויף אַ גרויסן שטח פון דער ערד איז איינגעפאַלן דער בנין „פרייהייט". ס׳איז איינע פון די פּעריאָדישע קאַטאַסטראָפעס אין דער געשיכטע, פון איר גאַנג פאַר־אויס און צוריק, און מיט דעם חורבן פון דער „פרייהייט" פאַלט אויך די טאָלע־

ראַנץ, און די שטיינער פֿליִען אין די קעפּ פֿון „שכן". די רעטעניש „ייד" שרעקט ווי וואָלפֿן־אויגן אין דער נאַכט.

אַז איר קוקט אויף אונדז, די טאַטעס, זעט איר, אַז מיר זענען צעוויטיקט, צעבראָכן, אָבער נישט פֿאַרלוירן. פֿון וואַנען אונדזער שטייפֿקייט? איר האָט געהערט, אַז אין אַלע דורות זענען יידן איבערגעקומען קאַטאַסטראָפֿעס און האָבן זיך דערהאַלטן, ווייל זיי האָבן זיך געהאַלטן אָן גאָט. איר ווייסט, אַז פֿון אַ סך פֿון אונדז, אייערע טאַטעס, האָט זיך דער גלויבן אין גאָט אָפּגעטון. איז מיט וואָס האַלטן מיר זיך?

וואָס איז געווען פֿאַר אונדזערע טאַטעס „גאָט"? דער בונד מיט דער וועלט און העכסטן יושר פֿון דער וועלט דורכן פֿאָלק. גאָט איז געווען וועלט און העכסטער יושר. פֿאָלק איז געווען בונד צווישן אים און אונדזערע טאַטעס. דעם בונד פֿאַרמאָגן מיר אויך. ביי אונדז איז אויך פֿאָלק דער קנופּ פֿון אונדז מיט וועלט. ביי אונדז איז אויך פֿאָלק — דער קאָלעקטיוו, וואָס טראָגט פֿאַר אונדז דעם רעזערוואָר כוחות, דערפֿאַרונג, עקשנות, אויסדויער, שאַפֿונג, באַנייונג. ווען מיר, איינצלנע, ווערן פֿאַרבלענדט פֿון פּיין און עס דאַכט זיך, אַז אַלע קוואַלן פֿון אייגענע כוחות זענען אויסגעגאַנגען, ווענדן מיר זיך צום פֿאָלקס־רעזערוואָר און נעמען פֿון אים. צי מיר רופֿן דעם רעזערוואָר מיטן נאָמען „גאָט", צי מיר רופֿן אים מיט קיין נאָמען נישט — מיר ווייסן, אַז ער איז דאָ און מיר קאָנען גיין צו אים.

מיט אונדזער לעבן און דערפֿאַרונג פֿאַרגרעסערן מיר דעם רעזערוואָר, מיט אונדזער שאַפֿונג באַרייכערן מיר אים. מיר נעמען פֿון אים און גיבן אים צוריק — פֿאַר זיך, פֿאַר אַנדערע, פֿאַר אייך. און ווי אונדזערע טאַטעס זענען געשטאַנען ביי אים מיט אונדז, אַזוי ווילן מיר שטיין מיט אייך און פֿילן דעם המשך — דעם פֿונוואַנען און וווהין.

אונדז איז אומעטיק אָן אייך. און באַלד וועט אויך אייך ווערן אומעטיק אָן אונדז. איר וועט דערשפּירן דעם זין פֿון אונדזערע שווערע טריט, פֿון די גורלדיקע, די אָנגעלאָדענע. און איר וועט זען, אַז עס איז אַ סך גרינגער וויסנדיק צו טראָגן אויף זיך די לאַסט, איידער גיין מיט גרינגע טריט און כסדר פֿאַר דער לאַסט מורא האָבן.

מיר רופֿן אייך נישט אַוועקצוגיין פֿון ערגעץ. מיר אַליין זענען אומעטום: אין דער וועלט־קולטור, אין אירע אידייען, באַוועגונגען. פֿאַרקערט: יעדער שפּאַן אייערער צו דער רייכקייט פֿון דער וועלט, צו איר טראַכטן און שטרעבן, צו אירע אידעאַלן און קאַמפֿן איז אַ פֿרייד פֿאַר אונדז. עס איז בלויז אַ רוף צו דעם טיפֿן

עסייען

אויסגעטראָטענעם שטעג פון אונדזער אייגענעם פאַלקישן זיין, צו די קוואַלן פון אונדזער דערהאַלטונג. אַ רוף צו דער אומפאַרמיידלעכער צווייענדיקייט פון אונ־דזער גייסטיק לעבן, וואָס הערט אויף צו זיין צווייענדיק, ווען מען דערגרייכט צו איר און ווערט אַן איינס — אַ צונויפגעשמאָלצענע, האַרמאָנישע גאַנצקייט.

וויפל פון אייך וועלן גרייט זיין זיך לאָזן אָנלאָדן מיט דער שווערקייט פון גיין צום פאָלק און אים באַנעמען דורך זיין שפּראַך און דער עכטקייט פון זיין לעבן אויף זיין שפּראַך? אין וויפל פון אייך איז דער דראַנג צו דערקענטעניש פון זיך אַזוי גרויס, אַז איר זאָלט וועלן נעמען אויף זיך די אָנלאָדונג? עס מאַכט נישט אויס ווי גרויס די צאָלן וועלן זיין. אויף דורכצוברעכן אַ וועג פאַר אמתן דאַרף מען נישט קיין גרויסע מחנות. עס איז גענוג דער ווילן און עקשנות פון געציילטע. עס איז גענוג, ווען געציילטע זאָלן באַשאַפן אַרום זיך אַ סביבה פון עכטקייט און אינערלעכער שטאַרקייט, אַז דער ריח פון דער סביבה זאָל זיך פאַרשפּרייטן און גרייכן אויך אַנדערע.

מיר האָבן קיינמאָל נישט מורא געהאַט פאַר קליינצאָליקייט. אונדזער כּוח איז נישט אין מחנות. אונדזער המשך ציט זיך אין דער לענג — אַ סך טייכן, וואָס ברעכן זיך דורך אַלע קאָנטינענטן, און נישט קיין אין ברייטער ים. און אויך אין אייך זוכן מיר נישט די מחנה, נאָר די פּולע באַהעפטונג פון די, וואָס וועלן יאָ קומען. וועט איר קומען מער, וועט ווערן ברייטער דער טייך, שטאַרקער זיינע שטראָמען. וועט איר קומען ווייניקער — וועט זיין שמעלער דער טייך, דער היגער טייך, דער אַמעריקאַנער. וועלן אַנדערע טייכן, אויף אַנדערע קאָנטינענטן, ברייטער און שטאַרקער שלאָגן.

נישט אין המשך גייט עס — דער המשך וועט זיין. עס גייט אין אייך, וואָס איר וועט זיך אַליין נישט דערפילן, סיידן איר וועט אייער פּלאַץ געפינען אין המשך.

מיר, דער דור

צווישן אונדז מעגן מיר זיין אמתדיק און אויפריכטיק. מיר קענען זיך עס פֿאַרגינען. ווייל ווער זענען מיר, די מערסטע פון אונדז? אַ דור, וואָס האָט שוין דורכגעשפּאַנט צוויי־דריטל לעבן. ווער זענען די פּירערס, די טוערס, די מיט־גלידער פון אונדזער פּאַרטייען, באַוועגונגען, אָרגאַניזאַציעס, פֿאַראיינען, ברענ־טשעס? מענטשן אין די פופציקער און אַרום די פופציקער. אַנדערע — אַרום די זעכציקער. אַ סך האָבן שוין זוכה געווען צו ווערן זיידעס און באָבעס. מיר גאָלן די פּנימער און רעדן זיך איין, אַז אַ מענטש איז אַזוי יונג ווי ער פילט זיך. אָבער די קעפּ ווערן גרוי און עס קומט שוין אויס אָפטער צו גיין צו לוויות פון אייגענע, פון פריינט און חברים. און איז עס נישט אמת, אַז איצט, אָפטער ווי ווען עס איז פריער, דערמאָנען מיר זיך אָן אונדזערע טאַטעס און זיידעס און פילן זיך נענטער צו זיי?

מעגן מיר זיך פֿאַרגינען צו זיין אמתדיק צווישן זיך, בפרט, אַז קיינער, אוי־סער אייגענע, וועט זיך צו אונדז נישט צוהערן. אויך נישט אונדזערע קינדער. פֿאַר זיי זענען מיר שוין געוואָרן „די אַלטע״, און דאָס לשון אונדזערס, אפילו, אַז זיי פֿאַרשטייען עס, איז נישט זייערס. זענען מיר צווישן זיך אָן ענגע, אינ־טימע משפּחה און קענען רעדן משפּחהדיק.

צווישן די פינף מיליאָן ייִדן אין אַמעריקע זענען מיר כמעט די איינציקע וואָס פילן, אַז דער בראָך, וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק, האָט געטראָפן אונדז. אַנדערע פילן עס נישט אַזוי. פרעגט ביי אַ טעמפּל־ייִד: ביי וועמען האָט מען אומגעבראַכט זעקס מיליאָן נפשות — ביי די ייִדן פון אייראָפּע אָדער ביי אונדז אַלעמען? ער וועט זיך קווענקלען, פּלאָנטערן מיט דער צונג וועגן אונדזערע „מיטגלויבער״, וועגן אונדזער חוב צו די געליטענע; ער וועט צוזאָגן צו פֿאַר־גרעסערן זיין ביישטייערונג פֿאַר הילף און רעטונג, אָבער דער ערלעכער ענטפער וועט זיין: ניין, נישט ביי אונדז האָט מען די מיליאָנען נפשות אומגעבראַכט. מיר, די ייִדן פון אַמעריקע, זענען, ברוך־השם ניצול געוואָרן, דער בראָך טוט וויי, אָבער קיין שניט אין אייגענעם לייב איז עס נישט.

ע ס י י ע ן

פרעגט ביי די מערסטע הי־געבוירענע, ביי אונדזערע אייגענע קינדער. זיי וועלן אונדז קוקן אין די אויגן, זיך שעמען מודה צו זיין דעם אמת, אָבער דעם אמת ווייסן מיר: דער בראָך איז נישט זייערער. נישט מיר האָבן זיך געמיט אין זיי צו פאַרוואָרצלען דאָס געפיל, אַז וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזט אין די אַלטע היימען איז אויך זייערס, נישט מיר וואָלטן עס אפשר געקענט פאַרוואָרצלען, ווי שטאַרק מיר זאָלן זיך נישט מיִען — דאָס וואָס די אויגן זעען נישט, מוז בלייבן פרעמד. טוט זיי ווײ דאָס האַרץ אויף די אומגעקומענע ייִדן, בריט אין זיי אפשר דאָס געפיל פון נקמה אויף די אויסראָטער, אָבער פילן דעם בראָך ווי זייער אייגענעם, קענען זיי נישט, סיידן די מלחמה האָט זיי פאַרטראָגן צו די חורבות און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, סיידן זיי האָבן דעם בראָך דערזען מיט די אייגענע אויגן און עס האָט זיך אָנגעצונדן אין זיי די בלוט־נאָענטקייט צו די פאַרפייניקטע און געפייניקטע.

פרעגט אַפילו ביי אַ סך פון די וואָס האָבן פאַרלאָרן טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער און האָבן זיך די אויגן אויסגעוויינט. זיי האָבן געוויינט אויף זייער פערזענלעכן אומגליק, אויף זייער משפחה־אומגליק, נישט אויפן פאָלקס־אומגליק. אויב עס האָט זיי אָפּגעגאָלטן אין גוטן לאַנד אַמעריקע, אויב זיי האָבן זיך „אַרויפגעאַרבעט", פון היימישן לשון זיך אָפּגעפרעמדט און שעמען זיך אונטער אַ ביסל מיטן אַלטן „זשאַרגאָן", האָבן זיי אַוודאי פאַרלאָרן דאָס געפיל, אַז דער אומקום פון די מיליאָנען איז נוגע אויך זיי. זיי זענען אַמעריקאַנער, און מיט אַמעריקאַנער האָט עס נישט דירעקט וואָס צו טון.

מיר, דער אַלטער ייִדישער דור, זענען געבליבן כמעט די איינציקע, וואָס מיר האָבן דעם בראָך דערפילט ווי אונדזערן. עס זענען דאָ אַנדערע וואָס טראַכטן, וואָס זענען מיטן געדאַנק דערגאַנגען צו דעם, אַז אויב מען האָט פאַרשניטן אַ גאַנץ דריטל פון אַ פאָלק, מוזן די איבערגעבליבענע צוויי־דריטל אויספילן דעם גרויסן בלויז. זיי ווייסן, אַז עס דאַרף אַזוי זיין. מיר פילן עס. ווי ווייט מיר זענען נישט אַוועק פון אונדזערע אַלטע היימען, זענען מיר אַלעמאָל געווען צוגעבונדן צו זיי, ווי אַ בוים מיט די וואָרצלען צו דער ערד, פון וועלכער ער וואַקסט אַרויס, און מיר האָבן זיך אַלעמאָל געפילט זיכערער, ווייסנדיק, אַז אונדזער ערד איז ערגעץ דאָ און אונדזערע וואָרצלען ציִען חיונה פון איר. איצט האָט מען די וואָרצלען אַרויסגעריסן און די ערד אויסגעברענט, און מיר פילן, אַז מען דאַרף זיך צוריק פאַרוואָרצלען. עס איז אויסגעברענט געוואָרן די ערד פון די טאַטעס און זיידעס און מיר מוזן אַליין ווערן טאַטעס און זיידעס און פאַר־

פלאַנצן אין דער נייער ערד עפּעס אַזוינס, צו וואָס אונדזערע קינדער זאָלן זיך שפּעטער קענען ציִען, ווי מיר ציִען זיך צו דער ערד פון אונדזערע טאַטעס.

מיר רעדן צווישן זיך ווי אייגענע. די טאַטעס און זיידעס, די אומגעבראַכטע ברידער און שוועסטער, שטייען פאַר די אויגן און מיר מעגן זיך ערלעך פרעגן: האָבן מיר עפּעס אַזוינס פאַרפלאַנצט אין דער נייער ערד? וועלן אונדזערע קינדער, ווען זיי וועלן קומען אין אונדזער עלטער — און אפשר נאָך פריִער, — און וועלן זיך אומקוקן צוריק אויף אונדז — וועלן זיי אין אונדז געפינען דאָס, וואָס מיר זענען אַזוי מקנא אין אונדזערע טאַטעס און מאַמעס? האָבן אונדזערע טואונגען אין די אָרגאַניזאַציעס און פאַראיינען, אין די פּאַרטייען און באַוועגונגען ביי זיי איבערגעלאָזט אַזאַ בילד פון אונדז און פון אונדזער לעבן, אַז זיי זאָלן אונדז וועלן נאָכטאָן און זיין ווי מיר?

אַמאָל האָט מען אַזאַ פראַגע נישט געקאָנט שטעלן. היינט מעג מען שוין. אַמאָל האָט מען געטראַכט, אַז דאָס גליק פון די קינדער דאַרף באַשטיין אין דעם, אַז זיי זאָלן וויסן וואָס ווייניקער פון די מאַטערנישן און צרות, וואָס מיר אַליין זענען דורכגעגאַנגען. די קינדער זענען געוועןאַמעריקאַנער, נייע, פרייע מענטשן. וויפיל פון אונדז האָבן צו די קינדער אַרויפגעקוקט אַזוי שנעל ווי דאָס ענגליש האָט גענומען קלינגען אין זייערע מיילער? וויפל פון אונדז זענען בטל געוואָרן קעגנאיבער די דאָקטוירים און דענטיסטן, די אַדוואָקאַטן און בוכהאַלטערס און „טיטשערס", וואָס מיר האָבן אויפגעהאָדעוועט און האָבן זיך געיחוסט בלויז מיט זייער יחוס? היינט, ב"ה איז עס שוין געוואָרן אַביסל אַנדערש. מיר זענען אַביסל אויפגעקומען אין אונדזערע אייגענע אויגן. די יאָרן, וואָס רוקן זיך אָן, האָבן אונדז געצווונגען אַ קוק צו טון אויף צוריק, אויף זיך אַליין און דערזען וואָס פאַר אַ רייך און פילפאַרביק לעבן יעדער פון אונדז האָט איבערגעלעבט. אַ קינדהייט אין חדר, אין תלמוד־תורה; אַ יוגנט אין באַוועגונגען, אין רעוואָלוציע, אין אידעאַל; וואַנדערונג איבערן ים; צופּאַסונג צו אַ ניי לעבן, אַ נייער שפּראַך, אַ נייעם שטייגער. און וויפיל גילגולים איז מען דורכגעגאַנגען דאָ אין לאַנד גופא! וואָס ווייסן דערפון אונדזערע קינדער? מיר הייבן אָן צו זען, אַז די יידישע עם־הארצות, אין וועלכער מיר האָבן זיי דערצויגן, איז גאָרנישט געווען אַזאַ גליק; אַז פון זייער נישט־וויסן איז זיי גאָרנישט צוגעקומען; נישט קיין שטאָלץ, נישט קיין מענטשלעכע חשיבות, נישט אַפילו די פעיִקייט צו באַנעמען ווו זיי זענען אין דער וועלט. אָט גייען אויף זיי דיסקרימינאַציעס, אַנטיסעמיטיזם— פרעגט זיי פאַרוואָס קומט עס זיי? אָט לייענען צענדליקער טויזנטער פון זיי מיאוסע בלעטלעך וואָס שפּייען

ע ס י י ע ן

זיי אין פנים אַריין — פרעגט זיי, אויב זיי ווייסן, אַז מען שפייט זיי אין פנים אַריין! ערשט איצט באַנעמען מיר, אַז עס קאָן קומען אַ טאָג, ווען אונדזערע קינדער וועלן זוכן אָנשפּאַר אין אונדז, ווי מיר זוכן אין אונדזערע טאַטעס. וואָס וועלן זיי זעען אין אונדז? וואָס וועלן זיי נעמען פון אונדז?

מיר פון אונדזערע טאַטעס האָבן גענומען אמונה און בטחון. מיר האָבן גענומען ייִדישן געדולד און עקשנות. וועלן זיי דאָס אויך קענען נעמען פון אונדזער אַרבעט און טומלעריי אין פּאַרטייען, באַוועגונגען און אָרגאַניזאַציעס, ווען דאָס אַלץ איז זיי פרעמד און זיי פאַרשטייען צומאָל נישט דאָס, וואָס טרייבט אונדז אין די אָרגאַניזאַציעס אַריין? מיר האָבן זיך געהאָדעוועט אין דלות און דחקות, איז אַ לופט פון שווערער פּראַצע, פון גרעמעריי, פּאַריאַגטקייט, פּאַרהאַוועטקייט, זאָרג, עגמת־נפש. אָבער מיר האָבן אויך געזען אַ שבת און אַ יום־טוב, וואָס האָט די וואָך אַוועקגעווישט, און מיר קענען איצט זען די טאַטעס און מאַמעס נישט בלויז אין זייער וואָכעדיקן עול, נאָר אויך אין זייער שבת־יום־טובדיקער מנוחה און דערהויבנקייט. וואָס פאַר אַ בילד האָבן אונדזערע קינדער פון אונדז? גייט דורך אַ ייִדישע גאַס אַ פרייטיק־צו־נאַכטס. פינף קענדי־סטאָרס, דריי ווורשט־קרעמלעך, פיר שניידערס און פרעסערס, דריי פּרוכט־ און גרינס־געוועלבער אאַז״וו גייט דורך די זעלביקע גאַס אַ שבת פרי, אַ שבת בייטאָג, אַ שבת ביינאַכט. ווער רעדט שוין וועגן קליידער־געשעפטן, וועש־געשעפטן און כל־המינים אַנדערע! וואָס פאַר אַ בילד האָבן די קינדער פון די טאַטעס און מאַמעס אין די דאָזיקע סטאָרס, קרעמלעך, געוועלבער, געשעפטן? וואָס פאַר אַ שבת און יום־טוב זעען זיי אויף די עלטערן אַ גאַנץ גייענדיק יאָר אויסער ראש־השנה און יום־כיפור? און קענען די באַנקעטן און מיטינגען אין די אָרגאַניזאַציעס, צו וועלכע די קינדער גייען אַלץ איינס נישט, פאַרבייטן פאַר זיי די ימים־טובים? קען עס טון דער זונטיק אַפילו ווען ער איז שוין אַ רו־טאָג פאַר די אַרבעטער און איינקע פון די קרעמער? ווערט דער וואָכעדיקער טאַטע פון אַ גאַנצער וואָך גייסטיקער, דערהויבענער, באַשיינטער אין זיין זונטיק־רו? קענען מיר מיט אונדזער פאַרוואָכעדיקט און פאַרטומלט לעבן איבערלאָזן ביי אונדזערע קינדער אַזאַ בילד פון זיך ווי די טאַטעס אונדזערע האָבן איבערגעלאָזט ביי אונדז?

נישט מיר אַליין פרעגן ביי זיך די דאָזיקע קשיות. עס פרעגן אויך יענע מיליאָנען אומגעקומענע וואָס מיר, שאַרפער פון אַנדערע, פילן זייער אומקום און פילן, אַז מיר דאַרפן איינפלאַנצן דאָ אויף דער ערד יענע וואָרצלען, וואָס זענען מיט זייער אומקום דאָרט אויסגעריסן און אויסגעבערענט געוואָרן. און וואָס איז עס

געוועזן — דאָס אויסגעברענטע? עס זענען געווען חדרים און ישיבות, שולן און בתי־מדרשים, קינדער־שולן און ביבליאָטעקן, קרייזלעך און קלובן, צייטונגען און ביכער. אָבער איבער אַלעם איז עס געווען אַ שטייגער, אַ פירונג, אַ גאַנג אין לעבן. איבער אַלעם איז עס געווען אַ פּאַרוואָרצלטער נוסח, וואָס האָט דערצויגן מענטשן. עס מאַכט נישט וואָס אין וואָרשע זענען שוין אין די לעצטע יאָרן אויך אויף די ייִדישע גאַסן די קרעמלעך געווען אָפן אום שבת. דער שבת אַליין איז נישט בטל געוואָרן, נישט אויסגערונען. עס מאַכט נישט אויס וואָס די צאָל לערנער איז געוואָרן פאַרקלענערט — די תורה גופא איז נישט בטל געוואָרן, און אויך דער ציוניסט און סאָציאַליסט האָט געלערנט זיין תורה. און מער ווי געלערנט — ער האָט געלעבט זיין תורה, אין דעם איז באַשטאַנען דער כח פון יענעם לעבן, וואָס יעדער איינער האָט דאָרט געלעבט זיין אמונה — דער פרומער ווי דער נישט־פרומער. איינער האָט מקיים געווען די מצוותס פון שולחן־ערוך, דער צווייטער — די מצוותס פון ציוניזם — הכשרה, פּאָליטישער קאַמף, דער דריטער — די מצוותס פון סאָציאַליזם. דאָ האָבן מיר אויפגעהערט צו לעבן אונדזער תורה און אמונה. אַ ייִד איז אַ גבאי אין אַ שול און האַלט יום־טוב און שבת אָפן זיין געשעפט. אַ צווייטער איז אַ ציוניסט און טוט נישט מער ווי קלייבן געלט פאַרן ציוניזם. אַ דריטער איז אַ סאָציאַליסט און... שטימט אין די וואַלן פאַר אַ רעפּובליקאַנישן קאַנדידאַט. רייך איז איין זאַך, און לעבן איז אַן אַנדער זאַך. און אויב די מיליאָנען אומגעקומענע מאַנען פון אונדז, אַז מיר זאָלן אַריבערטראָגן אַהער דאָס וואָס איז דאָרט פאַרשניטן געוואָרן, מיינען זיי נישט בלויז די ישיבות און שולן און ביכער־פאַרלאַגן און ביבליאָטעקן. דאָס אַלץ מוז מען אַריבערנעמען, אוודאי! אָבער זיי מיינען אַ סך מער. זיי מיינען אַ נוסח פון לעבן, אַ גאַנצקייט. זיי מיינען — די מסירת־נפש, מיט וועלכער זיי אַליין האָבן אויפגעהיט זייערע גלויבנס, די פרומע ווי די נישט־פרומע. זיי מיינען — די גרייטקייט זיך מקריב צו זיין פאַר אַ גלויבן און אַ נוסח פון לעבן. זיי מיינען דעם כוח אויפצוהאַלטן די אייגענע ייִדישע און מענטשלעכע חשיבות און דערוועקן דרך־ארץ ביי די קינדער פאַר דעם וואָס מען איז. זיי מיינען — בויען אַ לעבן, פון וועלכן דורות זאָלן שפּעטער ציִען כוח און באַגייסטערונג.

מיר רעדן צווישן זיך, אָפן און ערלעך. פאַרשטייען מיר וואָס די מיליאָנען אומגעקומענע מאָנען פון אונדז? קענען מיר נאָך פון זיך אַרויסקריגן דעם כוח נאָכצוקומען זייער מאָנונג?

איינער פון אונדז

אין אַ האָטעל־צימער אין קליוולאַנד איז מיט עטלעכע חדשים צוריק גע־זעען מיט מיר אַ מענטש און האָט גערעדט. גערעדט לאַנג — עטלעכע שעה — גערעדט אייגנטלעך בלויז וועגן זיך. איך האָב אָבער אין די טענות זיינע געהערט נישט אים אַליין. איך האָב געטראַכט בשעת־מעשה: מען מוז די טענות איבערדער־ציילן. אָבער ווי אַזוי מאַכט מען עס? דער מענטש, וואָס רעדט, איז נישט קיין אַנאָנים. ער איז מיינער אַן אַלטער פריינט. אין זיין שטאָט איז ער דער מאָטאָר, וואָס באַוועגט די גאַנצע יידישע קולטור־אַרבעט.

זענען אַוועק אַ צוויי חדשים, און איינמאָל אַ פרייטיק, איז דער מענטש אַנגעפלויגן אַהער צו דעם צוזאַמענפאָר פון דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. געקומען פרייטיק איינדערפרי, קראַנק געוואָרן אין דעם זעלבן אָוונט און געזען האָב איך אים שוין אויף מאָרגן אין שפּיטאָל. אין אַ פּאָר טעג אַרום ווידער געזען. אָבער ווען איך האָב זיך געקליבן צו גיין אַ דריטן מאָל, האָט מען שוין דעם מענטשן געפירט אַהיים צו קבורה. מיין פריינטס רייד זענען שוין איצט זיכער נישט זיינע, נאָר די רייד פון דעם דור. דער טויט האָט מיר געגעבן רשות אים אָנצורופן ביים נאָמען, און זאָל דער נאָמען פון יוסף פעדערן בלייבן פאַרבונדן מיט די פאָלגנדע רייד:

„איר זאָגט, עס איז 28 יאָר זינט מיר האָבן זיך דאָ באַגעגנט? פאַר מיר איז עס מער. איידער איך בין געקומען קיין קליוולאַנד, אָנגעהויבן אויפצונעמען יידי־שע שרייבער, אָרגאַניזירן די קולטור־געזעלשאַפט, האָב איך געוווינט אין נוארק, און שוין דאָרט האָבן מיר אויפגעפירט הירשביינס אַ פּיעסע. זינט איך געדענק זיך, האָב איך געלעבט מיט דעם, וואָס מיר רופן יידיש וואָרט. אַלץ נאָכגעפאָלגט און קיין זאַך נישט פאַרפעלט. דראַמאַטישע קרייזן, קולטור־געזעלשאַפטן, לעק־ציעס, קינדער־שולן — בין אין אַלץ געווען און אויף קיין זאַך קיין כוחות נישט

געשאַנעוועט. און אָט ווער איך עלטער. וואָס עלטער איך ווער, אַלץ קלאָרער זע איך פאַר זיך די טאַטן. איך מאַך אַ סך־הכל פון מײַן לעבן, פרעג זיך צו וואָס איך בין דערגאַנגען און פרעג, צי האָב איך געוווּנען פאַר זיך מער ווי דער טאַטע. ניין, נישט מער! פאַרקערט: ער האָט געהאַט אַן וואָס זיך אָנצושפּאַרן אין אַן עת־צרה. איך האָב נישט. איך בין אַליין.

„דער טאַטע האָט געהאַט אַ ידיד, איינעם אַ ישראל־דוד. געווען אַ ייִד אַ למדן און אַ וועלטלעכער. געדענק איך אַ סצענע: געשטאַנען דער טאַטע איינמאָל אין אַ פּרימאָרגן אין טלית און תפילין און געדאַוונט. האָט מען אַרייַנגעבראַכט אַ טעלעגראַם. עס האָט געמוזט זיין אַ גרויס אומגליק, ווייל דער טאַטע האָט דורכ־געקוקט די טעלעגראַם, איז אַרײַנגעפאַלן אין גרימצאָרן, האָט אַראָפּגעריסן דעם של־ראש און אַ וואָרף געטון אויף דער ערד. איז די מאַמע אַוועקגעלאָפן צו ישראל־דודן און יענער איז גלייך געקומען. ער האָט זיך פאַרמאַכט מיטן טאַטן אין אַ באַזונדער חדר, זיי זענען אָפּגעזעסן אַ פאָר שעה. און אַז זיי זענען צוריק אַרויס האָב איך געזען, אַז דער טאַטע איז געגעזן געוואָרן. ער האָט צוריק געפונען זיין אמונה.

„וויפל מאָל האָב איך איבערגעלעבט די זעלבע צווייפלען, וואָס דער טאַטע! עס זענען געווען ביי מיר שווערע, פאַרצווייפלטע יאָרן. ווען ערגעץ זאָל זיין אַ ישראל־דוד, צו וועמען איך זאָל קענען גיין און אָנשעפּן זיך פון אים מיט אמונה, וואָלט איך ממש געפּייזעט צו אים. אָבער פאַר מיר איז קיין ישראל־דוד נישט געווען. עס האָט געקאָנט זיצן דאָ מיט מיר ד״ר זשיטלאָווסקי און מיך טרייסטן, אַז דער דור, וואָס וועט קומען נאָך אונדז, וועט זיך גרינגער געפינען אין אַ נייער אמונה. האָב איך געוואָלט, האָב איך געגלויבט, אָבער פאַר מיר אַליין האָט ער גאָרנישט געהאַט. איך ווייס נישט וואָס ישראל־דוד האָט געטון מיטן טאַטן די פאָר שעה הינער דער פאַרמאַכטער טיר. עפּעס האָט ער געוווּסט וואָס צו טון מיט אים. רביים האָבן געוווּסט וואָס צו טון מיט די, וואָס קומען צו זיי נאָך הילף. נישט ד״ר זשיטלאָווסקי, נישט עמעצער אַנדערש פון די נייע „רביים״ האָבן געוווּסט וואָס צו טון מיט אַ מענטשן, ביי וועמען דאָס געמיט איז געבראָכן. דער כוח איינצו־פלאַנצן אַ נייע אמונה אין מענטשן איז זיי נישט געגעבן געוואָרן. אפשר ווייל זיי האָבן אַליין קיין אמתע אמונה נישט געהאַט. נישט געהאַט וואָס צו געבן.

„מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מען אין דעטראָיט געמאַכט אַן עקספּערי־מענט. עס איז איינגעפאַלן די ייִדן דאָרט, אַז אויך מיר, די וועלטלעכע, קאָנען זיך מאַכט אַן אייגענעם מקום־קדוש. זאָל זיין אַ מין „טעמפּל״ מיט פרייטיק־צו־נאַכטסן,

אפשר מיט שבתים; זאָל מען שאַפן אַן אײגענע עדה און פירן אַן אײגן ייִדיש לעבן מיט אַ נוסח, מיט אַזאַ שטײגער, אַז פון אונדזער קולטור זאָל אַרויסוואַקסן עפּעס אַ דבר שבקדושה און אַ מענטש זאָל האָבן וווּ זיך אַהינצוטון. איז מען גע־גאַנגען צו אָרגאַניזאַציעס און געהאַלטן רעדעס װעגן דעם, האָט מען פּרובירט, געפּלאָנטעװעט און עס האָט זיך אױסגעלאָזט אַ בוידעם. משמעות — נישט געװען אין װאָס זיך אָנצוהאַלטן. אױף צו מאַכן אַ שול מיט אַ נוסח, מיט פּרײטיק־צו־נאַכטסן, דאַרף מען האָבן מער װי ליטעראַטור; און דער תמצית פעלט, דער יאָדער פעלט, און מיט שאָלעכץ אַלײן קען מען עס נישט מאַכן.

„און אַז איר װעט קײן פּאַראיבל נישט האָבן, — און אַז איר װעט האָבן פּאַראיבל איז אױך פאַרפאַלן, — װעל איך אײך זאָגן נאָך מער: איר, ייִדישע שרײבער, האָט כסדר געהאַלטן אין אײן נעמען בײ אונדז, און װאָס האָט איר אונדז געגעבן? אַװדאי האָבן מיר קײן סך נישט געהאַט װאָס צו געבן. נישט דעם עושר, נישט דעם כבוד, װאָס שרײבער האָבן בײ אַנדערע. אָבער װאָס מיר האָבן געהאַט, האָבן מיר געגעבן מיטן פולן האַרצן. מיר האָבן אײך געגעבן ליבשאַפט און געטרײשאַפט און באַװוּנדערונג. מיר האָבן געגעבן, און איר האָט גענומען. און מיט װאָס האָט איר צוריקגעצאָלט? מיט אײערע װערק, מיט אײערע רײד. אפשר דאַרף אַ שרײבער מער נישט צוריקצאָלן. ס'איז גענוג פאַר אים. אָבער פאַר אונדז איז עס געװען װײניק. פאַר אונדז איז אַ שרײבער מער װי אַ שרײבער. ער דאַרף זײן אַ װעג־װײזער, אַ רבי. מיר זענען אַװעק פון הײמען, װוּ מענטשן אין צװײפל האָבן זיך געהאַט אױף װעמען אָנצושפּאַרן. מיר זענען אַװעק פון בתי־מדרשים און שולן. מיר האָבן אין אײך געזען אונדזערע נײע מדריכים. און איר זענט עס נישט געװאָרן. מיר זענען פאַר אײך געבליבן פּובליקום, לײענער, באַװוּנדערער. פאַר־מאַכט אײער בוך אָדער אױסגעהערט אײער רעדע, זענען מיר װידער געבליבן אַלײן. אַלײן, אַן אַ שבת, אַן אַ יום־טוב, אַן אַ װעג אין לעבן. און װײסט איר פאַרװאָס דער עולם איז אָפּגעפאַלן, האָט אױפגעהערט קומען צו די לעקציעס, האָט אױפגעהערט אַרײנצוקוקן אין אַ ייִדישן בוך? צוליב דעם טאַקע! װײל ליטע־ראַטור אַלײן איז װײניק. מיט ליטעראַטור אַלײן קענען מיר זיך נישט שטעלן נישט קעגן דער אָרטאָדאָקסישער שול און נישט קעגן רעפאָרמירטן טעמפּל. אַװדאי נישט קעגן דער אַסימילאַציע. און מער װי ליטעראַטור האָט אונדזער װעלטלעכקײט גאָרנישט. זוכן מען אַן אָנהאַלט, מוז מען גײן צום ציוניזם. דער ציוניזם פאַרענטפערט. אָבער דער ציוניזם פרעמדט אָפּ פון אַלץ, װאָס איר האָט געשאַפן און שאַפט. קומט מען צום ציוניזם, דאַרף מען שױן אײך נישט מער.

„איר זעט: איך האָב געדאַרפט װערן אַ ייִד אין די פופציקער צו באַנעמען דאָס אַלץ. מילא, איך װעל שױן אַזױ פאַרענדיקן מײַנע יאָרן. איך װעל נישט אַװעק נישט פון ייִדישן װאָרט, נישט פון ייִדישן שרײַבער. אָבער װיסן װײס איך, אַז איר האָט געמאַכט אַ טעות. איר האָט געמײנט, אַז מיט ליטעראַטור קען מען בײַ אונדז אױפהאַלטן אַ לעבן, אַ שטײגער, אַ ירושה פון דור־דורות. קוקט זיך אַרום און זעט. נײן, איך װיל נישט צולײגן קײן קױלן צו דעם, װאָס ברענגט איך סײ־װי־סײ. איך װיל נאָר איר זאָלט װיסן, אַז דער עלנט איז נישט אײַערער אַלײן. װאָס מײנט איר — איך האָב אײך דאָ אַװעקגעזעצט אין צימער אין אַ האָטעל, כדי איך זאָל אױף אײך װאַרפן די שולד פון אַ דור, װאָס קען זײַן נשמה נישט געפֿינען? אפשר זענט איר גאָר דער קרבן — איצט דער קרבן אױך פון מיר. װײַל ס׳האָט זיך אַזױפיל בײַ מיר אָנגעקליבן אױפן האַרצן און איך האָב זיך געמוזט אָראָפּרעדן. װען איר זענט צום ערשטן מאָל געקומען אַהער מיט 28 יאָר צוריק, זענען אַזעלכע רײד בײַ מיר אױפן צונג נישט געלעגן. בײַ קײנעם נישט פון אונדז. אָבער איצט — קומט, לאָמיר גײן טרינקען קאַװע!״

אַזױ האָט גערעדט צו מיר מײַן אַלטער פרײַנט יוסף פעדער אײנמאָל אַ שבת בײַטאָג אין אַ האָטעל אין קליװלאַנד. אין אָװנט האָבן זיך בײַ אים אין הױז פאַר־זאַמלט אַ פּאָר מנינים מענטשן. מ׳האָט װידער גערעדט. בײַ אײנעם זענען די קינדער געגאַנגען אין אַ ייִדישער שול, זיך אױסגעלערנט אַ ביסל ייִדיש און האָבן עס דערנאָך פאַרגעסן. איצט רעדן זײ עס נישט מער. אײנער האָט פּרובירט בעמען זײַן קינד יום־כפור אין שול אַרײַן און האָט נישט געקענט אַלײן אױסשטײן דעם גאַנצן טאָג. בײַ אײנעם האָט די טאָכטער אַװעקגעלײגט אַ טענה: — אױב אַלץ, װאָס איר פאַרמאָגט איז מענדעלע און פּרץ און שלום־עליכם, זענען דאָך שעקספּיר און בײַראָן און דיקענס אױך גרױסע שרײַבער — איז צו װאָס דװקא לײענען אײַערע? און אַנדערע האָבן געזוכט אַ טרײסט אין דעם, אַז װי עס זאָל נישט זײַן, װעלן די קינדער אַפילו אָן ייִדיש אין מױל אױך אױסװאַקסן ייִדן — זײ האָבן קײן ברירה נישט, זײ װעלן מוזן.

ביז אין טיף אין דער נאַכט האָט זיך געצױגן דער שמועס, און פעדער, דער באַלעבאָס, איז געזעסן אין אַ װינקל און געשװיגן. ער האָט שױן זײַנס אָפּ־גערעדט. מאָרגן, שפּעט בײַנאַכט, נאָכן פּרץ־אָװנט אין „פּאַבליק אױדיטאָריום״, האָט זיך אַ קאַראַװאַנע אױטאָמאָבילן װידער געצױגן צום פּועלי־ציון צענטער, װוּ מ׳האָט סערװירט טײ און קאַװע און געבעקס און מ׳האָט געמאַכט אַ סך־הכל פון די עטלעכע חדשים אַרבעט, װאָס מ׳האָט אָװעקגעלײגט צו אָרגאַניזירן דעם

פּרץ־אָוונט. דער מאַטאָר פון דער מאַשין איז געווען פעדער. ער האָט געדאַנקט די, וואָס האָבן אים געהאָלפן און איז געקומען צום פסוק:

— נישט אומזיסט איז די טרחה אָוועקגעלייגט געוואָרן. וואָס מ׳האָט באַ־צוועקט מיטן אָוונט איז געווען צו דערוועקן אַ ביסל ענערגיע, אַז עס זאָל ווידער אויפגעבויט ווערן אַ יידישע שול פאַר יידישע קינדער, אַ פּרץ־שול. איצט דאַרף מען עס דורכפירן.

צו די שלושים נאָך פעדערן האָב איך צו זיינע חברים געשריבן:

פאַר מיר זענען פעדערס טענות געווען אַן אָנזאָג פון אַ נייעם אָנהייב ביי אים און אויך ביי אַ סך פון זיין דור. נאָך אַלעמען איז ער געווען אַ יונגער מענטש — אַזעלכע מענטשן קענען נאָך אָנהייבן פון דאָסניי. דאָס, וואָס איך האָב אויפן מאָמענט קיין ענטפער נישט געהאַט אויף זיינע טענות, האָט מיך נישט געשראָקן. וויכטיק איז געווען, וואָס די פראַגע וועגן אַ נייעם וועג האָט זיך געשטעלט פאַר אים און פאַר מיר און פאַר אַנדערע. איינער וועט קיין ענטפער אויפן מאָמענט נישט געפינען. אַלע מיטאַמאָל וועלן דעם ענטפער מוזן געפינען, אויב נישט היינט, איז איבערמאָרגן.

איך ווייס נישט אויב די פּרץ־שול האָט זיך גענומען בויען אין קליוולאַנד און אויב די חברים זיינע האָבן צו פעדערס שלושים ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז אָט דער ווונטש זיינער דאַרף דערפילט ווערן.

אַמעריקאַנער ייִדן וואָס לויפן פון ייִדישקייט

.1

געווען איז עס אַ זומער־קאָלאָניע, אַ שעה פון ניו־יאָרק. נישט קיין האָטעל. אין אַ האָטעל קומען געסט אַרויס אויף עטלעכע וואָכן זיך אָפּצורוען און פאַרווײַלן. אַהער קומען מענטשן מיט זייערע משפּחות אויף אַ גאַנצן זומער. און אין משך פון אַ צענדליק יאָר האָט זיך איינגעשטעלט אַ שטענדיקע באַפעלקערונג, פאַר וועמען דער פּלאַץ בכלל און זייערע געדונגענע שטיבער זענען געוואָרן אַ היים. חוץ דער זומער־קאָלאָניע זענען אין שכנות פאַראַן עטלעכע צענדליק ווינטערדיקע הײַזער, פעסטע, רחבותדיקע. אָט די איינוווינער, די זומערדיקע און ווינטערדיקע צוזאַמען, בילדן אַ „קאָמיוניטי", אַ געמיינשאַפט. דורך יאָרן האָט מען זיך דערקענט און איינגעלעבט. די קאָלאָניע האָט אַן אוידיטאָריום מיט אַן אַכט הונדערט פּלעצער, ווו עס קומען פאַר „טעטיקייטן" יעדן אָוונט פון דער וואָך. די איינוווינער, די זומערדיקע ווי די ווינטערדיקע, צאָלן אַ יערלעכן שטײַער צו אַ קולטור־פאָנד פאַר לעקציעס, קאָנצערטן, טעאַטער־פאָרשטעלונגען, און ס'איז פאַראַן אַ קאָמיטעט וואָס שטעלט אויף די פּראָגראַמען פאַרן זומער און באַזאָרגט די „קרעפטן". הייסט עס — די געמיינשאַפט גופא, דורך אירע דערוויילטע פאָרשטייער, באַשטימט וואָס פאַר אַ פּנים עס זאָלן האָבן איר גייסטיק לעבן.

צווישן די קנאַפּע 175 משפּחות וואָס וווינען אין דער געגנט זענען דאָ בלויז צוויי קריסטלעכע. אַהער האָט ניו־יאָרק אַריינגעשיקט אַן אָפּקלײַב פון איר ייִדישן מיטלשטאַנד און אים אָפּגעקליבן מיט אַלץ וואָס איז דאָ אין אים: כל המינים פאַבריקאַנטן, געשעפטסלײַט, רײַכע און פאַרמעגלעכע, אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, אינזשיניערן, דענטיסטן און צווישן די פרויען אויך לערערינס. די זיידעס און באָבעס, ד"ה יענע, וואָס זייער לשון איז נאָך אַלץ ייִדיש, לאָזן זיך איבערציילן אויף

די פינגער. דער עולם איז אַ מיטליעריקער און יונגער, אַמעריקאַניש פאַרוואָרצלט, מיט אַן ענגלישער דיקציע אין וועלכער ס'איז מער נישטאָ קיין סימן פון „פרעמדקייט". וועגן דעם יונגוואַרג איז אָפגערעדט.

פאַר ייִדן, זעט אויס, האַלטן זיך אויך די פינף משפחות וואָס געהערן צו דער „קריסטשען סייענס" קירכע — אַנדערש וואָלטן זיי דאָ נישט געווינט. זיי האָבן נישט געביטן זייערע ייִדישע פאַמיליען־נעמען. איניקע גיבן נדבות פאַר ייִדישע צוועקן און דריי פון די פינף דערלויבן אַפילו זייערע קינדער צו גיין שבת פרי צום „דאַווענען" מיטן גאַנצן קינדער־קעמפּ (וועגן דעם קעמפּ און דעם שבתדיקן דאַוונען שפּעטער). וואָס האָט געבראַכט אָט די פינף ייִדישע משפחות זיך אָנצושליסן אין דער „קריסטשען סייענס" קירכע? און זייער צאָל איבערן לאַנד — זאָגט מען — איז גאַנץ היפש. זעט אויס, אַז דאָס איז די לייכטסטע, „כשרסטע" פאָרעם פון שמד. אי מ'גייט אַוועק פון ייִדישקייט, אי מ'ווערט נישט געבונדן פון שטרענגע קריסטלעכע דאָגמעס. אַנדערע זאָגן, אַז דאָס האָט צו טון מיט שלעכטע מאָגנס פון איבערגעזעטיקטקייט: ס'ווערט נמאס צו גיין אין דער הײלונג דורך אַ קאַפּיטל פון תהילים אָדער פון נייעם טעסטאַמענט. עס מיינט פשוט — מענטשן דאַרפן האָבן דעם זעלבסט־היפּנאָז פון אמתער אמונה, וואָס זאָל זיי ראַטעווען פון זייער פוסטקייט. ווען עס זאָלן זיך אָפּזוכן „גוטע ייִדן", בעלי־מופת, מיט אַ פּערפעקטן ענגליש אין מויל (אָן ענגליש וועט עס נישט גיין), וואָלטן זיי מסתמא אָט די איבערגעזעטיקטע מענטשן אַריבערגעוווּנען צו ייִדישקייט. אָבער אונדזערע ראַביים מיטן פּערפעקטן ענגליש זענען מאָדערן און ראַציאָנאַליסטיש: זיי קענען קיין אמונה מיט מופתים נישט צושטעלן. און די „קריסטשען סייענס"־אָנהענגער זענען פרום און אויסגעהאַלטן אין זייער גלויבן. געווען אַ מעשה מיט אַ בחורל, וואָס האָט געדאַרפט זינגען ביי אַ יוגנט־פאָרשטעלונג, און האָט מיטאַמאָל געקראָגן אַן אָנצינדונג אין די מאַנדלען (טאַנסיליייטיס). האָט זיך דער דירעקטאָר געבעטן מען זאָל רופן אַ דאָקטער, וואָס זאָל כאָטש אַ שמיר־טון דעם חולה אין האַלדז. אָבער טאַטע־מאַמע האָבן צוריקגעשמייכלט: — ער וועט געזונט ווערן! האָט מען געזאָגט מיט אים וואָס מען באַדאַרף פון אַלטן אָדער נייעם טעסטאַמענט און דאָס בחורל האָט אין אָוונט געזונגען.

און אַז די אַנדערע האָבן זיך איינגעלעבט מיט די פינף משפחות ווי מיט גוטע שכנים, מיינט עס, אַז די מערסטע זענען נישט שאָקירט פון אָט דעם טרוקענעם שמד און האַלטן זיך ביים פּרינציפּ פון הויכער טאָלעראַנץ. אייניקע זענען אָרגאַניזירט אין דעם „פּאָוסט" פון מלחמה־וועטעראַנען, אַנדערע זענען רעפּובלי־

קאַנער אָדער דעמאָקראַטן, מערסטנס „ניו־דילערס‟, אַנדערע זענען קאָמוניסטן אָדער מיטלויפער, נאָך אַנדערע זענען ציוניסטן און מיטגלידער פון „יאַנג־איז־ראַעל‟. די מענער שפּילן צוזאַמען גאָלף, הענד־באָל, טעניס, בייס־באָל, די ווייבער — מאַרזשאַ, ראַמי און ברידזש. ווען די מלחמה־וועטעראַנען פירן דורך זייער באַזאַר און „קאַרניוואַל‟ אויף צו שיקן מתנות צו די קראַנקע סאָלדאַטן אין די שפּיטעלער, העלפן אַרויס אויך מענער און פרויען, וואָס זענען מיטן „פּאָוסט‟ נישט פאַרבונדן, און ווען די „הדסה‟ און די פּיאָנערן פרויען פירן דורך זייער קאָרטן־שפּיל מיט טאָרט און קאַווע פאַר דער יוגנט־עליה, קומען אויך אַנדערע מענער און פרויען שפּילן פּינאָקל און מאַרזשאַן און טרינקען קאַווע. זאָל עמעצער פון דער העלער הויט אויסרופן: ליבע מענטשן, איר לעבט דאָך דאָ אין אַ יידישער געטאָ! — וואָלטן עס אַ סך געהאַלטן פאַר אַן אומגעלומפּערטקייט און גראָבקייט. יעדערער ווייס דאָ וועך מ׳איז און ווו מ׳לעבט, אָבער זאָגן עס איז שוין אַ פּראַגע פון ווי אַזוי און ווער. און גלייכער אַז מען זאָגט גאָרנישט.

למשל: אַז דער כבוד פון עפּעס לעקציע־סעזאָן דעם דערט וערט צוגעטיילט צו אַ גלח, און דער גלח דערציילט וועגן דער יידישער טראַדיציע אין דער וועלט און וועגן אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע און האַלט, אַז יידן האָבן אַ רעכט זיך צו באַשיצן דורך זייערע אָרגאַניזאַציעס — קומט אַ גרויסער עולם און מ׳איז צופרידן. פון אַ קריסטלעכן גייסטלעכן איז אַנגעלייגט צו הערן אַזעלכע רייד. אָבער ווען עס קומט אין עטלעכע וואָכן אַרום אַ רעדנער פון אַ יידישער שוץ־אָרגאַניזאַציע, צו דערציילן וואָס די לאַגע איז און מיט וועלכע מעטאָדן זיין אָרגאַניזאַציע מיינט צו באַשיצן יידישע רעכט — איז שוין דער עולם אַ מאָגערער און די באַגייסטערונג זייער אַ קנאַפּע. דער ייד רעדט זאַכלעכער און אינטערעסאַנטער פונעם גלח — אָבער ער איז אַ ייד און יענער איז אַ גלח. און דאָס זעלביקע געשעט, ווען עס קומט אַן אַנדער פּרייטיק אָונט אַ באַקאַנטער ציוניסטישער רעדנער. עס איז זומער 1946. טאָג־טעגלעך דערציילן די צייטונגען וועגן דער מלחמה אין און אַרום ארץ־ישראל. דאַכט זיך — עס וואָלט געדאַרפט זיין אַ גרויסער עולם וואָס זאָל דעם רעדנער פאַרוואַרפן מיט פראַגעס. אָבער מען זיצט אין דער היים. אין גרויסן אוידיטאָריום — קוים אַ הונדערט מענטשן. ווען דער רעדנער זאָל זיין אַ גוי, וואָלט עס מסתמא אַנדערש געווען. ווען ער וואָלט זיינע כוחות באַהאַלטן הינטער אַזאַ אַלגעמיינער טעמע ווי: „אַמעריקע, ענגלאַנד און דער מיטל־מזרח‟, וואָלטן זיכער געווען מער נייגעריקע, אָבער דאָ איז די יידישקייט און דער ציוניזם צו אָפן אַנאָנסירט געוואָרן, און פאַר אַזעלכע אָפענע רייד „שעמט‟ מען זיך.

דערפֿאַר איז דער זאַל געפּאַקט, ווען עס קומט אַ ראַדיאָ־רעדנערין האַלטן אַ לעקציע וועגן דער וועלט־לאַגע און די פֿאַראייניקטע פֿעלקער. זי גלייבט אין דער „און", גלויבט שטאַרק. פֿון דער „און" קען קומען שלום און זיכערקייט און יושר און מענטשן־רעכט. מ׳דאַרף נאָר וועלן. מיר אַליין דאַרפֿן וועלן. זי שטעקט דעם עולם אָן מיט איר גלויבן. עס שפּירט זיך ממש אין זאַל, אַז דאָ האָט דער עולם געפֿונען אַ נייעם משיח, אַן אַלגעמיינעם, אַ וועלט־משיח, וואָס קען אויסלייזן אויך פֿון די ספּעציפֿישע ייִדישע צרות. זי דערמאָנט נישט קיין ייִדן. חלילה! און שוין דערמיט אַליין איז עס גוט, וואָס מ׳קען גלויבן אין שלום און יושר און מענטשן־רעכט, פֿון וועלכע ייִדן וועלן אויך קריגן זייער חלק, און דאָס וואָרט „ייִד" אינגאַנצן נישט דערמאָנען. און אַז איינער מיט אַ פֿראַגע ברענגט דאָך אַריין דעם ייִדן און וויל וויסן, אויב די „און" קען צונעמען ביי ענגלאַנד דעם מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל, פֿאַרטראַכט זיך נישט די רעדנערין אַ מינוט און ענטפֿערט: זיכער! שרייבט פּעטיציעס! מיט פּעטיציעס קען מען אַלץ פּועלן. נישט קיין אַנדערע ווי מרס. רוזוועלט האָט דער רעדנערין אַמאָל געזאָגט, אַז ווען „פֿרענק" זאָל האָבן געהאַט פּעטיציעס ביי זיך אויפֿן טיש וועגן אַ געוויסן ענין, וואָלט ער דעם ענין דורכגעפֿירט. און עס איז גוט דעם עולם צו הערן, אַז דער נייער משיח קען ברענגען גאולה אפֿילו פֿאַר דעם ייִדן, וואָס וויל ארץ־ישראל. און אויס, און פּטור אַן עסק.

אַז נישט ווערט דער ענין ייִדן צוגעטשעפּעט ווי אַן עק צו אַן אַנדער ענין, ווען מ׳דאַרף אים האָבן פֿון אַרגומענט ווערן. עס גייט אָן אַ סימפּאָזיום אויף דער טעמע: אַמעריקע און דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. די רעדנער זענען היגע איינוווינער. פֿאַקטן זענען ברוך־השם פֿאַראַן מכל המינים און יעדער רעדנער ברענגט מיט זיך אַ פּאַק פֿאַקטן, וואָס שטימען מיט זיין אַנטי־סאָוועטישקייט אָדער פּראָ־סאָוועטיש־קייט. דער זאַל איז פֿול נישט בלויז, ווייל דער ענין איז אַן אַלגעמיינער, אַן אָנרע־גנדיקער, נאָר ווייל דער עולם בכלל האָט ליב אַ געפֿעכט. דאָס ווייבל הינטער מיר זאָגט: „אי וואָנט בלאַד" — בלוט וויל זי, אַ היציקע שלאַכט. טענהט דער רעכ־טער און ברענגט אַרויס אַלע אַמעריקאַנער קריוודעס קעגן רוסלאַנד זינט נאָך דער מלחמה און קיין ייִדן נישט דערמאָנט. טענהט דער לינקער וועגן דעם, אַז דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד באַשיצט די נייע גלייכהייט און די לאַנד־רעפֿאָרמען אין די לענדער אונטער זיין השגחה און אַז די קאַפּיטאַליסטישע טראַסטן ציטערן פֿאַר זייערע אינטערעסן אין יענע לענדער. צום סוף קען ער זיך נישט איינהאַלטן און שטעלט אַריין אין גדן אויך דאָס, וואָס די סאָוועטן האָבן געטון פֿאַר ייִדן. אָבער

אָט שטעלט זיך אַוועק אַ מיטלויפער, אַ כלומרשט נייטראַלער, אַן אָנגעלאָדענער מיט „אמת“, און לייגט אויס אין משך פון אַ האַלבער שעה אַלע קריוודעס וואָס די סאָוועטן האָבן קעגן די קאַפּיטאַליסטישע דעמאָקראַטיעס, אָנגעהויבן פון דער אַמעריקאַנער עקספּעדיציע קעגן די באָלשעוויקעס אין 1918 ביז מינכען און דער אַטאָם־באָמבע. דאָס אַלץ ווערט אַרויסגעבראַכט צו באַווייזן, אַז גערעכט איז מאָ־לאָטאָוו און נישט בוירנס. און אַז מ׳דאַרף דערלאַנגען דעם לעצטן קלאַפּ, איז דער נוסח אַזאַ: אויב אַמעריקע זאָל דערקלערן מלחמה קעגן רוסלאַנד, מוז דאָ ווערן אַ פֿאַשיסטישער רעזשים און אונטער אַן אַמעריקאַנער פֿאַשיזם וועלן ייִדן אומ־קומען. „און איך וויל ראַטעווען — שרייט דער רעדנער אויס — מיך און מיינע קינדער פון אומקום!“. די ווערטער: „מיך און מיינע קינדער“ קענען, פֿאַרשטייט זיך, איבערחזרן אַלע וואָס זיצן אין זאַל. דאָס דאַרף טרעפֿן אין אָנגעווייטיקסטן, ווייל פֿאַרשוויגנסטן פונקט.

מען לויפט פון אָפֿענער ייִדישקייט, אָבער אַנטלויפן פון איר אינגאַנצן קען מען נישט. ערשטנס, זענען דאָ אין דער געמיינשאַפט גופא עלעמענטן, וואָס לאָזן עס נישט און וואַרפֿן זיך אַרויף דערמיט. צווייטנס, איז די צייט אַזאַ, וואָס לאָזט נישט. מוז מען דורכפירן ייִדישע אָוונטן און אונטערנעמונגען. דער קאָמיטעט, וואָס איז דער ממונה איבער פֿאַרווײַלונגען און קולטור, דינגט זיך און טענהט בסדר: צופיל ייִדישקייט! אָבער גיי זאָג זיך אָפּ דורכצופירן אַן אָוונט פֿאַרן פֿאַראיי־ניקטן ייִדישן אַפּיל, וואָס האָט אַזעלכע הומאַניטאַרע צוועקן! אָדער זאָג זיך אָפּ פון געבן אַ טייל פון עולם אַביסל ייִדישע פֿאַרווײַלונג! ווערט עס געמאַכט. און אין אָט די אָוונטן און אונטערנעמונגען שפּיגלט זיך נאָך שאַרפער אָפּ דאָס פּנים פון דער געמיינשאַפט.

ב.

דזשיימס מעקדאָנאַלד, איינער פון די חסידי אומות העולם, האָט לעצטן ווינטער דערציילט וועגן אַ ייִדישן באַנקעט, ווו ער איז געווען דער רעדנער. פון אַלע באַטייליקטע אין דער פּראָגראַם איז ער געווען דער איינציקער, וואָס האָט דערמאָנט דאָס וואָרט „ייִדן“. די איבעריקע זענען געווען פריילעכע האָליוודער „שטערן“ — זינגער, וויצן־זאָגער וכדומה. דער עולם האָט געקויפט — נישט קיין עליות, אויך נישט קיין יתומים אָדער פּליטים צו ראַטעווען — נאָר לידלעך און נומערן פון די אַקטיאָרן. נאָכן באַנקעט האָט מעקדאָנאַלד זיך געווענדט צו

די אָנפירער: ווען איר מאַכט אַן אל מלא רחמים נאָך די אומגעקומענע ייִדן, אָדער זאָגט אַ פּאַסיק קאַפּיטל תהילים, וואָלט עס שטאַרקער געווירקט ווי די האָליוואָדער לידלעך, און איר וואָלט אפשר אויך געזאַמלט מער געלט. אויף דעם איז געקומען אַן ענטפער: אונדזער עולם האָט נישט ליב צופיל ייִדישקייט.

די מעשה איז גילטיק נישט בלויז פאַר האָליוואָדער מאַנהאַטן, נאָר אויך פאַרן ניו־יאָרקער מיטלשטאַנד. אין אונדזער זומער־קאָלאָניע איז צום אָוונט פאַרן פּראַיניקטן ייִדישן אַפילו געקומען זייער אַ גרויסער עולם — אַלע פּלעצער אויסגעפילט. אָבער געקומען איז מען... הערן אַ וואָדעוויל־טרופּע, וואָס מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט פון בראָדוויי. אפשר נישט פון סאַמע בראָדוויי, אָבער אַ וואָדעוויל מיט וויצן־זאָגער, „באַלאַדיסטן“ אין אַ נעגערשן קווינטעט. עס איז געווען אַ פרייִלעכער אָוונט. דער עולם האָט געלאַכט פון די וויצן, פּעפּערדיקע און פּאַרעווע, און ווען ס׳איז אויף דער בינע אַרויפגעקומען דער „באַלאַדיסט“ און גענומען זינגען פּאָפּולערע לידלעך, איז דער זאַל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסן כאָר, אפשר האָט מיטגעזונגען בלויז די יוגנט, אפשר אויך אַ טייל פון די מיטליאָריקע — אין דער פינצטער האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע מיילער זענען אָפן און זינגען מיט. און נאָך דעם ערשטן לידל איז געקומען אַ צווייטס און אַ דריטס און אַ פערטס. די הנאה פון עולם האָט מעכטיק אַרויסגעקוואָלן פון די הונדערטער העלדזער — עס איז געווען א פרייד און אַ נחת.

איבער וואָס די פרייד? איבער וואָס דער נחת? וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער זינגענדיקער זאַל דאָ געהאַט מיט יענע, וואָס אין זייער נאָמען האָט מען אים צונויפגערופן? אַ שטיקל שייכות האָט ער געהאַט. ווען דער רעדנער האָט אָפּגעהאַלטן די 5־מינוטיקע רעדע, האָבן עטלעכע צענדליק מענטשן צוגעטראָגן ביישטייערונגען. און דאָס גאָר! אָבער מער ווי פינף מינוט אויף אַ רעדע און פינף מינוט אויף אַ זאַמלונג איז נישט געווען דערלויבט. מ׳איז דאָ נישט געקומען זיך אָפּעסן דאָס האַרץ צוליב ייִדישע הרוגים, ייִדישע אויסגעוואָרצלטע, ייִדיש אומגליק און פּיין. מ׳איז געקומען הערן אַ וואָדעוויל און הנאה האָבן.

דאָס האָט דער רעדנער גוט געוווּסט, און די 5־מינוטיקע רעדע איז געווען אַ מוסטער פון אַ פאַרעוועער אָפּגעטוענער פליכט — נישט טרויעריק צו מאַכן קיינעם, נישט אַרויפצוואַרפן קיין שאָטן צער אויפן פריילעכן געמיט. ווען איינער פון יענע ייִדן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וואָס פאַר זיי האָט מען געמאַכט די זאַמלונג, וואָלט אַריינגעקומען און געזען וואָס פאַר אַ נחת ער האָט דאָ פאַרשאַפט דעם עולם — ווער וואָלט אים געקענט דערקלערן, אַז דאָס איז דער דרך אַמעריקע?

אין אַט דעם וואָדעוויל־אָוונט פֿאַר דער שארית־הפליטה האָט זיך אַנט־פּלעקט דער גאַנצער כאַראַקטער פון דער אַנטלויפֿערײַ, פון דער גרינגער אַסי־מילאַציע. עס איז אַ פּחד פֿאַר יעדן טראָפּן צער און טרויער. עס איז פֿאַרשלונ־גענקייט אין לייכטער עולם־הזה. עס איז אַנטרינונג פונעם גורל. עס איז איין געשריי: איך וויל הנאה האָבן פון דער וועלט! עס זענען דאָ יידישע צרות — נאָט אייך געלט, אָבער טשעפּעט זיך אָפּ פון מיר און רעדט נישט וועגן דעם.

זענען געווען געציילטע מענטשן, וואָס זענען פון אָוונט אַוועק בלוטיק־באַ־ליידיקטע, צעבראָכענע. מעקדאָנאַלד האָט געמאָנט ביים לאָס אַנזשעלעסער באַנ־קעט אַן אל מלא רחמים, אַ קאַפּיטל תהילים, אָבער ער אַליין האָט כאָטש אַריינגע־בראַכט אין דער פֿאַרזאַמלונג אַ וויזיע פון יידישן אומגליק און גורל. פון אַ קריסט הערט מען. דאָ איז אויך דאָס נישט געווען. קיין וואָרעם יידיש וואָרט נישט. קיין סימן פון אַ יידיש וואָרט בכלל. און עס האָט זיך געשטעלט אַ פראַגע: צי וויסן די יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען באַטייליקט אין „אַפּיל", צווישן זיי אויך דער ציוניזם, ווי אַזוי יידישקייט ווערט פֿאַרשטויסן און געלעסטערט ביי אַט די וואָדעוויל־אָוונטן? ווייל אונדזער קאָלאָניע אין דאָך זיכער נישט די איינציקע, ווו מ'האָט פֿאַר די פֿאַר טויזנט דאָלאַר פֿאַרקויפט דעם קידוש־השם פון מיליאָנען.

און אפשר קענען זיי נישט אַנדערש, די אָרגאַניזאַציעס, דער חלק ליגט אויפן האָלדז, די בודזשעטן זענען אויסגעשטעלט, און אויב דער יידישער מיטלשטאַנד פון אַמעריקע לאָזט זיך אַנדערש נישט אויסבייטלען סיידן מען וועט אים צושטעלן זיין פֿאַרציע עולם־הזה דורך וואָדעוויל — זאָל זיין וואָדעוויל!

און עולם הזה איז אויך דער מיטל צו פֿאַרזיסן דאָס ביסל יידישע קולטור און באַוווּסטזיין, וואָס ווערט צוגעטראָגן. וואָס פֿאַר אַ מין קולטור איז עס?

יידישע אַקטיאָרן דערציילן, אַז זיי האָבן די לעצטע יאָרן אַ סך מער חיונה פון אויפֿטרעטן ביי באַנקעטן פון לאָדזשעס און סאָסייטיס, ביי חתונהס און בר־מצווהס ווי זיי האָבן אַמאָל געהאַט אין יידישן טעאַטער. זיי פֿאָרן אויך אַרום אי־בערן לאַנד און טרעטן אויף אויף פֿאַרווייליונגען פון „דזשויש צענטערס" און „וואַי'ס" (יאַנג מענס היברו אַססן). דער עולם אומעטום איז אַן ענגליש־רעדנ־דיקער — דער זעלביקער מיטלשטאַנד — און מ'דאַרף אים פֿריילעך מאַכן. ווי אַזוי? איך האָב אַנומלט געהאַט דעם נחת צו זען און הערן אַזאַ פֿאַרשטעלונג. דער אַקטיאָר, אַ טאַלאַנטירטער, קען אַפילו אַריינקוקן אין אַ בלאַט גמרא, אָבער די פֿאַרשטעלונג איז געווען אַ שאַרזש אויף אַ רב, וואָס האַלט אַ געדונגענע דרשה פון אַ יידישער ראַדיאָ־סטאַנציע. פֿאַרשטייט זיך, אַז דער רב רעדט אַ באַרבאַ־

דישן ייִדיש. אָבער דער אַקטיאָר האָט עס באַזאָלצן און באַפּעפּערט און ס'איז אַרויסגעקומען אַ קאַריקאַטור פֿון ייִדישן לשון, וואָס קיין שונא ישׂראל האָט קיין ערגערן נישט געקענט מאַכן. דער תּירוץ איז: „דאָס איז דאָס איינציקע וואָס זיי פֿאַרשטייען!" און ער איז גערעכט, דער אַקטיאָר. אָט דער מין פֿאַרשטעלונגען, וואָס מאַכט חוזק פֿון דער „אַלטער" ייִדישקייט, שטעלט צווייפֿאַך צופֿרידן: עס שטילט אַ מין צעשראָקענע, דעגענערירטע בענקשאַפֿט נאָך ייִדישקייט און עס באַרעכטיקט דאָס אַנטלויפֿן דערפֿון.

אָבער חוץ די געוועזענע ייִדישע אַקטיאָרן איז לעצטנס אויפֿגעקומען אַ נײַער מין פֿאַרווײַלער. דאָס זענען אַמעריקאַנער געבוירענע אַדוואָקאַטן, סקול־טיטשורס. זיי האָבן זיך אויפֿגעהאָדעוועט אין ייִדישע היימען אין בראָנזוויל, זיך אָנגעזאַפּט מיטן ייִדישן לשון פֿון טאַטע־מאַמעס און זיידע־באָבעס, האָבן געלייענט שלום־עליכמען אין אָריגינאַל און קענען די אייגנאַרטיקייטן פֿון דער ייִדישער שפּראַך. לעבנדיק מיטן מיטלשטאַנד, האָבן זיי אַנטדעקט, אַז דערציילן ייִדישע וויצן קאָן ווערן אַ פּרנסה, און זיי זענען צוגעטראָטן דערצו „וויסנשאַפֿטלעך": געגומען זאַמלען די וויצן, זיי קלאַסיפֿיצירן און צוגרייטן „לעקציעס" אויף דער טעמע „ייִדישער הומאָר". אַזאַ אָוונט האָט אויך אונדזער קאָלאָניע געהאַט. דער וויצן־דערציילער איז אויפֿגעטראָטן מעשׂה פּראָפֿעסאָר. נאָך מער — האָט זיך אַרויסגעשטעלט פֿאַר אַ הייסן ייִד און ציוניסט. אָנגעהויבן די „לעקציע" דערמיט, אַז אין טראַגישן לעבן פֿון ייִדן איז הומאָר אַלעמאָל געווען אַ שוץ־מיטל און שטאַרקונג, געגעבן מוסטערן פֿון ייִדישע אויסדרוקן, וואָס לאָזן זיך נישט איבערזעצן אין קיין אַנדער לשון, און אין לויף פֿון שמועס זיך אַלעמאָל אַליין איבערגעריסן און אַרײַנגעפֿאַלן אין דעם, וואָס ער האָט גערופֿן „קאָמענט": זיך אויסגעטנהט מיט די „גרויסע פּיר" און באַזונדערס מיט ענגלאַנד, באַרעכטיקט די „הגנה" און גערופֿן צו אַקטיוון ווידערשטאַנד. דער עולם האָט געוווּסט, אַז נאָך יעדער שטיקל דרשה אַזאַ וועט קומען אַ נײַע סעריע אַנעקדאָטן און וויצן אויסגעהערט געדולדיק. אָבער דער וויצן־מאַטעריאַל אַליין האָט נישט באַרעכטיקט די לעקציע וועגן די אייגנאַרטיקייטן פֿון ייִדיש: זיי זענען געווען אַמעריקאַניש־ייִדישע און דערציילט אין ענגליש. דאָס איינציקע וואָס איז געבליבן אין זכּרון איז אַ באַגעגעניש פֿון צוויי פֿאַבריקאַנטן. איינער דערציילט, אַז זײַערער אַ באַקאַנטער איז פּלוצים געשטאָרבן, און דער צווייטער ווערט פֿאַרחידושט: — אין מיטן סעזאָן?

דער לעקטאָר איז געבליבן מיט אונדז אַ פּאָר טעג. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ גוטן שווימער און טעניס־שפּילער, האָט מיט גרויס ערודיציע צוגעקוקט

אַ בייסבאָל־שפּיל, און מיר האָט זיך געדאַכט צו זען אין אים אַן אָנזאָג אויף אַ נייעם טיפּ ייִדן: דורכויס אַמעריקאַניזירט און פאַרוואָרצלט ייִדיש. האָבן מיר גע־שמועסט. ער קען ייִדיש און האָט עס ליב. קענען עס אויך זיינע קינדער? ניין. קענען זיי העברעיש? אַביסל עברי פון סידור. פאַרוואָס נישט מער? נישטאָ קיין ענטפער. די גרינטלעכע קענטשאַפט פון ייִדישער מוזיק איז נישט מער ווי אַ פאַד־זאַך. מיטן מענטש גופא, מיט זיין לעבן און טראַכטן, האָט עס נישט צו טאָן.

איז ווי האָט זיך דער זומער פון 1946 אָפּגעשלאָגן אויף די איינוווינער פון דער קאָלאָניע? מ׳זאָגט, אַז אין איין גרופּע איז יאָ פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש. דאָס זענען די מלחמה־וועטעראַנען. אין פריִערדיקע יאָרן איז מען געווען בלויז אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן און מער גאָרנישט. איצט רעדט מען שוין אויך וועגן ייִדישע קריוודעס צו דער וועלט און מ׳איז גרייט צו זאַמלען געלט פאַר דער „הגנה" און אפשר אין דער שטיל רודערט זיך עפּעס אויך אין די מוחות ביי איינ־ציקע אַנדערע. ווייל עס באַווייזן זיך אַמאָל נייע פּנימער שבת בייטאָג אויף די לאָנקעס פאַר די הייזער, ווו די מיטגלידער פון „יאָנג איזראַעל" קלייבן זיך צונויף לערנען פּרקי אבות, און אומגעריכטע מענטשן האָבן זיך אויך באַוויזן ביי אַן אַנדער מין שמועסן, וועגן וועלכע איך וועל שפּעטער דערציילן.

דערווייל זענען די ייִדישסטע מענטשן אין דער קאָלאָניע די מיטגלידער פון „יאָנג איזראַעל". אין דער גרויסער געביידע פון אוידיטאָריום האָבן זיי אַ צימערל מיט אַן ארון־קודש, סידורים, מחזורים און וויס־בלויע קאַפּלעך, ווו מען דאַוונט פרייטיק אָוונט און שבת פרי. צום דאַוונען קומען פון צוויי ביז דריי מנינים — חוץ די עטלעכע פון עלטערן דור, מענטשן אין די דרייסיקער און אויך אין די צוואַנציקער. און זיי פאַרמעסטן זיך אַ סך גרעסער. אַביסל אַן אַ זייט פון אַריינ־פאַר אין דער קאָלאָניע איז אויף אַ גרויסער שילד געמאָלדן, אַז דאָ וועט זיך אויפבויען אַ שול און ייִדישער צענטער מיט טעטיקייטן רעליגיעזע, דערציִערישע און קולטורעלע. פאַר דעם בנין ווערט געזאַמלט אַ פאָנד, און ווען נישט דער יקרות אויף בוי־ מאַטעריאַלן און די שוועריקייטן ביים בויען וואָלט שוין דער בנין איצט געווען אין דער אַרבעט. זיי וועלן אים אויפבויען. און יעדן שבת ביי־טאָג קלייבט מען זיך צונויף ביי אַן אַנדער ייִדן אויף דער לאָנקע און מ׳לערנט פּרק. מיט אַ יאָר צוריק האָט מען געלערנט אַליין. עס זענען דאָ ייִדן, וואָס וויסן ווו אויפצוזוכן אַ משנה און אַ גמרא און וויסן אויך וואָס אחד־העם האָט געזאָגט. איז יעדער פּסוק ברייט באַהאַנדלט געוואָרן מיט חקירות און פאַרגלייכונגען. דאָס לערנען, נאַטירלעך, איז אויף ענגליש. הייִנטיקס יאָר וווינט אין שכנות אַ ייִד,

עסייען

וואָס לערנט תלמודישע און אַלגעמיינע ייִדישע געשיכטע אין איינעם פון די רבנישע סעמינאַרן. האָט מען געפּועלט ביי אים, אַז ער זאָל זיין דער פּאַרלערנער. לערנט ער דעם פּרק מיט היסטאָרישע אויסטייטשונגען און באַלייכטונגען, רופט אַרויס דיסקוסיעס, ענטפערט אויף פראַגעס. און עס איז אַ מנהג, אַז יעדער איי־נער וואָס לאַדט איין דעם עולם אויף זיין לאָנקע, זאָל נאָכן לערנען אויך מכבד זיין די געקומענע מיט שבת־אויבס. טראָגט מען אַרום די גלעזער פּונטש און די טאַצן מיט פרוכט און זיסן געבעקס, שמועסט מען וועגן דעם נאָר וואָס געלערנטן, און כאָטש דאָס לשון איז ענגליש, איז עס ייִדישלעך און היימיש. און צו דעם פּרק קומען אויך די ווייבער און אַמאָל אויך בר־מצווה־ייִנגלעך, וואָס הערן זיך צו, און דאָס מאַכט די מסיבה נאָך היימישער.

דאָ אין דער קאָלאָניע זענען די „יאָנג־איזראַעליטס“ כמעט אַ זיבעטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. ווען די זעלבע פּראָפּאָרץ זאָל זיין גילטיק פאַרן גאַנצן מיטלשטאַנד, וואָלט געווען אַ באַזע כאָטש פאַר איין פאָרעם פון ייִדישן המשך.

ווי אַזוי קענען מיר אויפהאַלטן ייִדישקייט אין אַמעריקע?

1.

געקומען אַמאָל קיין אמעריקע אַ יונגערמאַן פון דעם מין, ביי וועמען אי־דעען זענען נישט בלויז ווערטער, נאָר מאַנען אויך מעשים, רעאַליזירונג. האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן דער גרופּע, וואָס האָט אָרגאַניזירט די איצט שוין היס־טאָרישע „קלאַריאָן"־קאָלאָניע אין יוטאַ, דורך די עטלעכע יאָר פון דעם נישט־געראָטענעם עקספּערימענט זיך אַמעריקאַניזירט און איז צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק וויטער זוכן אַן אָנווענדונג פאַר זיין אידעאַליזם און ענערגיע. מיר האָבן זיך באַקענט אין די קרייזן פון די ייִדישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוער און זענען שפּעטער אַ קורצע צייט געווען שכנים אין אַ קאָאָפּעראַטיווע, וועלכע ער האָט געהאָלפן גרינדן. דאָס איז געווען מיט צוואַנציק יאָר צוריק. ער איז לאַנג נישט געבליבן קיין תושב דאָרט. עס האָט אים געצויגן צו ברייטערע אַר־בעטן און צום פרייען דרויסן. האָט ער בשותפות מיט אַ חבר פון געוועזענעם „קלאַריאָן" זיך איינגעשאַפט דאָס לאַנד, אויף וועלכן עס שטייט איצט די זומער־קאָלאָניע און אַלע ווינטערדיקע הייזער, און עס האָט זיך אָנגעהויבן בויען אַ ישוב.

איז דעם ייִדן מיט אַ פאַר יאָר צוריק איינגעפאַלן, אַז איך דאַרף קומען פריי־טיק אָונט האַלטן אַ לעקציע אין דערבייִיקן שטעטל, פיר מייל פון דער קאָלאָניע. די לעקציע איז פאָרגעקומען אין אונטערשטאָק פון דער שטעטלשער שול און האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן ניין אַזייגער. אָבער ער האָט זיך געאיילט אָנצוקומען מיט אַ שעה פריִער. צו וואָס? ער דאַרף זיין ביים קבלת־שבת אין שול. עס איז מיר געווען אַביסל מאָדנע. נאָך מאָדנער איז עס געוואָרן ווען איך האָב דערזען

דעם מין קבלת־שבת, וואָס דער יונגינגער רעפאָרמירטער ראַבאַי האָט געפּראַ־וועט — מיט דער דרשה און קינדער־געזאַנג און כלומרשטער פײערלעכקײט דאָך פּאָר מיר אַ קאַריקאַטור פון אַ פּריװיט־נאַכטיקן דאַוונען. מאָדנע איז אויך געװען דער עולם — אַביסל יונגוואַרג — און מער נאָך היימישע ייִדן און זייערע ווייבער, וואָס האָבן זיך אַזוי גרינג געלאָזט רעפאָרמירן, כדי צו ווערן אַמעריקאַניש. אָבער ווען איך האָב אים נאָכן דאַוונען געפרעגט: — ווי קומט איר אַהער? — האָב איך געקראָגן אַן ענטפער:

— אָט דעם מין ייִדן האָב איך אַרום זיך. מיט זיי דאַרף איך לעבן, פון זיי אַרויסשלאָגן אַזוי פיל ייִדישקייט וויפל איך קען. (שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ביי אָט דער קאָנגרעגיישאָן האָט ער אָרגאַניזירט אַ קלוב, וואָס לערנט יעדע וואָך ייִדישע געשיכטע).

איך האָב זיך פאַרשעמט. אָט דאָ איז אַ מענטש, אין וועמען די אידעע פון „גיין אין פאָלק אַריין" לעבט און נעמט אָן ממשותדיקע פאָרמען. ער זוכט אויף ייִדן וווּ זיי זענען, נעמט זיי אויף ווי זיי זענען און גראָבט זיך צום שורש אין זיי.

ביי די טיי און קוכן נאָך דער לעקציע אונטן האָבן יונגע ווייבלעך מיר פאַר־זיכערט, אַז זיי האָבן כמעט אינגאַנצן פאַרשטאַנען וואָס איך האָב גערעדט אין ייִדיש. דאָס האָט אים פאַרשאַפט הנאה: ווידער עפּעס דורכגעבראָכן. צוריקגעקומען אַהיים, האָבן מיר געשמועסט און איך האָב באַמערקט, אַז מיין פריינט, אַ העפטי־קער רויכערער, נעמט נישט קיין פּאַפּיראָס אין מויל אַריין. האָט ער נישט קיין פּאַפּיראָסן? ניין, ער רויכערט נישט שבת. עס מאַכט נישט אויס צי ער זעט יאָ אָדער זעט נישט קיין קלאָרן זין אין אַלע דינים און חומרות. רעליגיע איז דיס־ציפּלין, און אַז מען וויל זיך אָנבאַהעפטן אָן אַ פאָלק, וואָס זיין שטאַרקע שוץ איז רעליגיע, דאַרף מען זיך אונטערוואַרפן דער דיסציפּלין.

ביז ווייט אין דער נאַכט איז געלופטערט געוואָרן ארץ־ישראל, רוסלאַנד, דער חורבן אייראָפּע און נאָך גרינטלעכער — אונדזער אַמעריקע, די ייִדישע קולטור, דער וועלטלעכער נוסח, די אַסימילאַציע, דער כוח פון ייִדישער געשיכטע און טראַדיציע. דער ייִד האָט חלילה נישט געזוכט ביי מיר קיין ענטפערס — ער האָט זיי געהאַט. דורך יאָרן לערנען, דורך יאָרן לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט אַמע־ריקאַנער ייִדן פון כל־המינים, דורך יאָרן טראַכטן וועגן מיטלען פון אויפהאַלטן די ירושה, וואָס דער פאָטער, אַ ייִד אַ תלמיד־חכם, האָט אים איבערגעלאָזט, איז ער דערגאַנגען צו זיינע אייגענע ענטפערס.

ער האָט מיר פאַרדונגען אַ שטיבל אין שכנות פון דער קאָלאָניע און איך

האָב אין משך פון אַ זומער צוגעזען ווי ער פּראַקטיצירט די אַרבעט פון אײַנ־לעבן זיך מיט יעדן מין ייִדן, כּדי אויך אין עולם־הזהדיקן, אָפּגעפרעמדן מיטל־שטאַנד אָנצושלאָגן דעם שורש ייִד. ער איז דער באַלעבאָס. צו אים קומט מען ווענגן אַ קאַליע־געוואָרענעם פריר־קאַסטן, אַן אָפּגעריסענעם שינדל פון דאַך, אַן אָפּגעשווענקטן שטיקל וועג. אָבער ער איז אויך דער אָנפירער. דער קולטור־קאָמיטעט, וואָס דאַרף צוגרייטן דעם זומערדיקן פּראָגראַם, פונקציאָנירט מערסטנס נאָמינעל — דער פּראָגראַם־מאַכער איז ער. און צו אים האָט מען עס די טענה: צופיל ייִדישקייט! מוז ער גיין אַ טריט פאָרויס און אַ טריט צוריק. אַמנאָענטסטן, פאַרשטייט זיך, איז אים דער „יאָנג איזראַעל“. שבת בײַטאָג, בײַ די פּרקי אבות, איז ער אַ שטענדיקער בײַזיצער און מיטשמועסער. אָבער ער איז אויך אַן אײַ־גענער צווישן די מלחמה־וועטעראַנען, איז דער אָרגאַניזאַטאָר פון ווײַבערשן לייען־קרײַז, איז דער מכניס־אורח פון יעדן לעקטאָר, וואָס קומט, און איז אַ טאַטע צו דער יוגנט, וואָס אַרבעט אין קעמפּ. און אַז דער דירעקטאָר פון קעמפּ האָט זיך פאַרעקשנט ווענגן דעם שבתדיקן דאַווענען פאַר די קינדער, איז די עקשנות געווען מערסטנס זײַנע. ער איז אַלץ און אומעטום. און פאַרן זײַן אַלץ און אומע־טום נעמט ער אָפּ זײַן שׂכר — דעם צוטרוי און דרך־ארץ, וואָס דערלויבט אים אויסצוהערן די טענה ווענגן „צופיל ייִדישקייט“ און ווײַטער מאַכן עקספּערי־מענטן.

עס רעדט זיך אַזוי: „מאַכן עקספּערימענטן“. די קאָלאָניע איז אויפגעקומען אין דער צײַט, ווען די אַסימילירטע און אָפּגעפרעמדטע האָבן בּיסלעכווײַז אויס־געפונען, אַז זיי מוזן זיך האַלטן צוזאַמען. נישט ווײַל זיי אַליין האָבן עס געוואָלט, נאָר ווײַל די גוים האָבן זיי באַגעגנט מיט אָפענע אָדער באַהאַלטענע שילדן: „רעסטריקטעד“. האָט מען קיין ברירה נישט געהאַט. אָבער צוגעבן פאַר זיך אַליין, אַז מ׳איז געבונדן מיט עפּעס מער ווי דער געטאָ־פּלויט, וואָס די דרויסנ־דיקע וועלט האָט פאַר זיי אויפגעשטעלט — הס מלהזכיר! אַפילו דער געטאָ־פּלויט, די גוייִשע זינד קעגן זיי, האָט נישט געטאָרט דערמאָנט ווערן. מ׳איז גע־ווען אַמעריקאַנער, וועלט־בירגער און מער גאָרנישט.

ביים ערשטן עקספּערימענט האָט מיך פּריינט געהאַט אַ מיאוסן אָפּשניט. עס איז געווען סוף סעזאָן, און די צופרידענע אײַנוווינער האָבן פון זײַן כּבוד־וועגן אײַנגעאָרדנט אַ געזעגן־אָוונט. איז אים אײַנגעפאַלן, אַז דאָס איז די צײַט זיי צו דערציילן וועגן זייערע טאַטעס זעגנען געווען און מאַנען בײַ זיי אַביסל גע־ריישאַפט צו דעם, וואָס פאַרבינדט זיי מיט די טאַטעס. מער האָט אים נישט גע־

פעלט. פון אַלע אויסגעזעצטע ביי די טישן האָט זיך געפונען בלויז איינער, וואָס האָט געהאַט דעם מוט פאַר אים זיך איינצושטעלן. פון אַלע אַנדערע, וואָס האָבן זיך אויפגעשטעלט אים צו ענטפערן, האָט ער געהערט — פון וועמען בייזער און פון וועמען אַביסל איינגעהאַלטענער — איין איינציקן נוסח: מאַינד יור אָון ביזנעס! (היט אָפּ דיינע אייגענע געשעפטן).

צו די איינוויינער, וואָס האָבן זיך געשטעלט ווי אַ בייזע וואַנט קעגן די עקספּערימענטן, זענען צוגעקומען די שותפים: — דו רוּינירסט אַ געשעפט, ווערסט פאַרטרייבן די מענטשן! אָבער אויף דער זייט פון די עקספּערימענטן זענען געווען די געשעענישן אין דער וועלט און אין אַמעריקע, וואָס האָבן געשלאָגן אויפן יידישן אָדערל אין די געהירן: היטלעריזם, נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע, דער קריסטשען פראָנט, פּראָצענט־נאָרמעס, — און עס איז אויך געווען די עקשנות פון אַן איינצלנעם מענטשן, פאַר וועמען דער ישוב אין זיין רשות איז געוואָרן אַן עולם־קטן, אַ קליין אַמעריקע, אַ לאַבאָראַטאָריע אויסצוגעפינען וויפל און וואָס פאַר אַ מין יידישקייט עס קען זיך צוקלעפּן צום אַסימילירטן מיטלשטאַנד, ווי גרויס עס איז זיין פאַרביסנקייט און ווי אַזוי מען קען זי בייקומען.

אַזוי זענען מיט מי און מאַטערניש קעגן שטענדיקע פּראָטעסטן איינגעפירט געוואָרן די איינצלנע לעקציעס אויף יידישע טעמעס, די פאַרווייַלונג־אָוונטן, די אונטערנעמונגען. וואָס אַ יאָר זענען צום פאַרביסענעם עולם צוגעקומען יידישלעכערע, ווייכערע מענטשן. עס איז צוגעקומען דער „יאָנג איזראַעל", די „הדסה"; עס האָבן זיך געענדערט אַנדערע, אַזוי ווי איצט די מלחמה־וועטעראַנען, און עס איז געוואָרן אַ מינדערהייט — יענע קנאַפּע 40 פּראָצענט, אויף וועלכע מען קען זיך שטיצן. איצט איז די האָפענונג אויף דער שול און צענטער, וואָס דאַרף געבויט ווערן. זאָל נאָר די געביידע אויפקומען; זאָל זיך דאָרט אָנהייבן אַ סעריע אַרבעטן פאַראַלעל מיט די טענץ און שפּילן און לעקציעס און גרויסן אוידיטאָריום. דאָ וועט שוין קיינער נישט זאָגן: צופיל יידישקייט! עס וועט זיך איינשטעלן אַ גייסטיקע סביבה און זי וועט מוזן אויסשטראַלן אַ ווירקונג אויך אויף דער אַנדערער זייט פון דער קאָלאָניע.

סוף יוני זענען מיר געפאָרן פון דאָרף אין טעאָלאָגישן סעמינאַר, ווו די ראַביניקל אַסעמבלי האָט ביי איר יערלעכן צוזאַמענפאָר דורכגעפירט אַ סימפּאָזיום אויף דער טעמע: „וווהין גייט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום?" די זעקס רעדנער, אונטערן פאָרזיץ פון ד"ר שלמה גאָלדמאַן, זענען געווען: חיים גרינבערג, לודוויג

לואיסאָן, ד״ר ש. מאַרגאָשעס, מנחם ריבאַלאָוו, גבריאל קאָהן פון דער אינדיאַנאַפּאָליס, „דזשויִש פּאָוסט״, און איך.

אויפן וועג צוריק שפּעט בײַנאַכט איז מײַן פּריינט אײַנגעפאַלן אַ פּלאַן: צונויפזאַמלען אַן עולם פון דער קאָלאָניע, האַלטן דעם זעלביקן שמועס און דורכפירן אַ דאָפּלטן עקספּערימענט: ערשטנס — זען וויפל מענטשן עס זענען פאַראינטערעסירט אין דער טעמע פון ייִדישן המשך אין אַמעריקע, און צווייטנס — וויפל זענען גרייט אויפצונעמען רייד אין ייִדיש. דער אָוונט איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן. עס איז געקומען אַן עולם פון אַרום 40 מענטשן, פון וועלכע בלויז אײניקע זענען מיר געווען באַקאַנט. די איבעריקע — פרעמדע.

מ׳איז אויפגעשפּרונגען אַזוי שנעל ווי איך האָב געענדיקט. עס האָט זיך פאַרקניפּט אַ דיסקוסיע מיט פראַגעס און ענטפערס און גלאַט רעדעס און מיינונגען, וואָס האָט זיך געצויגן זעקס אָוונטן. איך האָב אין די זעקס אָוונטן געהערט אי אַ סך אַלטע, גוט־באַקאַנטע טענות, אי נײַע. איך האָב אַליין גערעדט אי דאָס וואָס איך האָב פון זיך געהערט שוין פריִער, אי פרישע רייד, וואָס מײַנע בעלי־טענה האָבן אַרויסגערופן. פאַר מיר זענען די זעקס אָוונטן געווען אַן איבערלעבונג פון וועלכער איך האָב געלערנט. אפשר וועט עס אויך זײַן פאַר אַנדערע.

2.

ווער זענען געווען די, וואָס זענען געקומען הערן און אָנטייל נעמען אין אַ שמועס וועגן ייִדישן המשך אין אַמעריקע?

אין סך־הכל האָבן די זעקס אָוונטן געהאַט אַ באַזוך פון אַרום 250. אײניקע פון זיי זענען מיר געבליבן פרעמד. דאָס זענען געווען יענע, וואָס זענען אַרײַנגעפאַלן אויף אַן אָוונט אָדער צוויי, אָפּגעזאָגט זייערס, געקראָגן ענטפערס און אײַנגעזען, אַז ס׳איז נישט זייער קלייזל: אַלטע סאָציאַליסטן פון קאָסמאָפּאָליטישן שניט, אידעיִשע אַסימילאַטאָרן, ווײַבער פאַרקאָכטע אין „אינטערפּעיטה״־מיטינגען, אַ דאַמע פון די „קריסטשען סייענטיסטס״ און — נישט צוגלייכנדיק — אַ פאָר „הדסה״־פרויען, בײַ וועמען די קינדער הייסן קעטרין און פּיטער. עס איז געווען אַ גרופּע שוויגער, וואָס האָט קיין אײן זיצונג נישט פאַרפעלט, צווישן זיי די יונגע פרוי, וואָס וויל רעדן ייִדיש און אַ פּאָרל „פרײַהייט״־לייענער. די אַקטיווע הערער און שמועסער זענען געווען די „יאָנג איזראַעל״, די אַרבעטער־

ציוניסטן, די וועלטלעכע יידישיסטן, אַ פּאַרשטייער פון דער יוגנט, אַ פּאַרטיי־דיקער פון רעפאָרם־יידישקייט און אַ גרופּע אויפן ראַנד צווישן אַמעריקאַנישקייט און יידישקייט. דערקענט האָב איך זיי ביסלעכווייז. ביי דער ערשטער באַגעגעניש זענען מיר די מערסטע געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט, און געזאָגט האָב איך מיינע אומבאַקאַנטע שכנים אומגעפער אַזוי:

ווער עס וויל עפּעס לערנען פון אונדזער געשיכטע, פון די נסיונות, וואָס זע־נען אויף אונדז געקומען אין די לעצטע דורות, אין די לעצטע עטלעכע יאָר, קען איינזען קלאָר: מיר זענען אויסגעטיילט. פריִער האָבן מיר זיך אויסגעטיילט אַליין, דערנאָך האָט אונדז די וועלט גענומען אויסטיילן פון זיך. און צי וואָס טיילט זי אונדז אויס, די וועלט? צו פאַרניכטונג. זי וויל אונדז אָפּווישן. די רשעים טוען עס מיט רציחה, וואָס דערגייט ביז דער אויסראָטונג פון מיליאָנען, די „צדיקים" טוען עס מיט אַרויפגעצוווּנגענער אָדער געשאָנקענער אויסגלייכונג. אַזוי צי אַזוי דאַרפן מיר אויפהערן צו זיין, ווייל מיר „פּאַסן זיך נישט אַריין". מיר זענען די אַנדערשדיקע. און אויב די וועלט פאַרטראָגט און אָנערקענט אַנדערשדיקייט ביי אַזעלכע, וואָס האָבן מאַכט עס צו באַשיצן, קען זי עס אַבסאָלוט נישט פאַרטראָגן ביי אומבאַשיצטע, ביי שוואַכע מינדערהייטן. דאָ רופט עס אַרויס אויפרעגונג און כעס. מיר האָבן זיך אַמאָל דעקלאַרירט פאַר אויסדערוויילטע. פירט די וועלט אַ מלחמה מיט אונדז איבער דעם. האָט דער נסיון פון די לעצטע יאָרן בלוטיקער ווי ווען עס איז אַוועקגעשטעלט די פראַגע: צי לוינט זיך פאַר אונדז צו פירן ווייטער די מלחמה?

אויף דעם ווערן געגעבן ענטפערס. די צענדליקער טויזנטער, וואָס האָבן זיך זינט דעם סוף פון דער מלחמה אָפּגעשמדט אין די קירכעס פון פראַנקרייך, איטאַליע, אונגאַרן, בעלגיע, האָלאַנד און יענע אין די לענדער פון דער סאָוועַ־טישער זאָנע, שמדן זיך נישט רעליגיעז, נאָר קולטורעל — זיי אַלע ענטפערן: ניין, עס לוינט זיך נישט. און די הונדערטער טויזנטער אין די לאַגערן און ערגעץ אַנדערש, וואָס רייסן זיך קיין ארץ־ישראל, און יענע, וואָס האָבן זיך אַ קער־געטון צו דער אַלטער יידישקייט פון שול און טלית, זאָגן: יאָ, עס לוינט זיך. דורך זיי האָט זיך פאַר אונדז אַלעמען, אויך פאַר יידן דאָ, אַוועקגעשטעלט דער גרויסער ממה־נפשך: אויב יידישקייט איז עפּעס אַזוינס צוליב וואָס מען דאַרף איבערטראָגן געטאָס, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, מאַסן־שחיטות און אין בעסערע באַדינגונגען — האַס, דיסקרימינאַציעס, פּראָצענט־נאָרמעס, דאַרף מען וויסן וואָס דאָס איז אַזוינס און קומען צו אַ שלוס — יאָ אָננעמען אָדער נישט אָננעמען. קיין

פשרות גייען דאָ נישט. דער גורל איז איינער, און מיט בלייבן האַלבע יידן, שטיק־לעך יידן, קען מען זיך פון גורל נישט אַרויסדרייען. ס'איז: אַהין אָדער אַהער. און אויב „אַהער" — אין וואָס באַשטייט עס? וואָס איז דער תוך און תמצית פון ייִדישקייט, וואָס קען מאַכן, אַז עס זאָל זיך „לוינען" פריוויליק צו נעמען אויף זיך דעם גורל? אויב קיום — צו וואָס?

אין די לאַנגע מלחמות, וואָס מיר זענען אויסגעשטאַנען, זענען מיר אַריינ־געפאַלן אין אַ סך באַטירלעכע טעותן. מיר האָבן פון מיטלען געמאַכט צילן. וואָס איז לכתחילה געווען בלויז אַ סיג לתורה, איז געוואָרן תורה. וואָס איז געווען בלויז אַ שוץ קעגן דרויסן, איז געוואָרן תוך און תמצית. מיר האָבן פאַרוואַנדלט כלי־זיין אין זין פון לעבן. און דאָס זעלביקע, וואָס מ'האָט אַמאָל געטון מיט אַ סך מצוהס, וואָס האָבן געדאַרפט זיין בלויז אַ סיג, אַ נדר, האָבן מיר אין אונ־דזערע טעג געטון מיט די נייע ייִדישקייט־באַגריפן. עס איז געוואָרן שפּראַך לשם שפּראַך, קולטור לשם קולטור, נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ לשם נאַציאָנאַלער עקזיס־טענץ. הינטער די מיטלען איז פאַרשוווּנדן דער ציל, דער זין פון אונדזער גע־שיכטע: ווייטער צו בויען די היסטאָרישע געשטאַלט פון ייִד, פון עם קדוש.

באַלאַנדזשען מיר אויך איצט מיט דעם מיט וואָס מיר נעמען זיך איבער אין אונדזער פאָלקס־באַנייונג. אונדזערע חלוצים זענען ווונדערלעך, אָבער כאָטש נישט געטריבן פון אַ נאַציאָנאַלער אידעע, האָבן די זעלביקע עקשנות און אויסדויער אויך אַרויסגעוויזן די אַמעריקאַנער פּיאָנערן, וואָס זענען אָנגעקומען צום פּלימוט פעלדז, און אַ סך אַנדערע. מיר האָבן אַ גרויסע און רייכע ליטעראַטור, אָבער נישט גרעסער און נישט רייכער פון אַנדערע. און אויב זי איז פּראָפּאָרציאָנעל יאָ גרעסער און רייכער, האָבן מיר דאָך געהאַט אַ רעזערוו פון שעפערישער ענערגיע, וואָס האָט זיך געזאַמלט אַ פּאָר טויזנט יאָר. אונדזער פילאָזאָפיע איז נאָך נישט איבערגעשטיגן די פילאָזאָפיעס פון אַנדערע, און די באַנייטע בר־כוכבא־גבורה איז זיכער נישט קיין אויסנאַם. יעדעס פאָלק האָט בר־כוכבאס אין זיין געשיכטע אָבער קיין אַנדער פאָלק פאַרמאָגט נישט קיין טראַדיציע פון האָבן געשטאַנען ביים באַרג סיני, פון האָבן געקראָגן די אַנטפּלעקונג פון אַ וועלט־זין, פון האָבן גע־לייגט די באַזע פון אוניווערסאַלער גלייכקייט דורך שאַפן אַ שבת, פון האָבן אַזוי פיל געצאָלט פאַר וועלן צונויפבינדן ערד און הימל. אין קיין אַנדער פאָלק, אויב אַפילו זיי האָבן געשאַפן לעגענדעס וועגן צדיקים און הייליקע, האָט עס נישט אָנגענומען די פאָרעם פון דער ל"ו־לעגענדע ביי אונדז: דעם באַגריף, אַז יעדער דור מוז האָבן זיינע צוויי מאָל ח"י באַהאַלטענע צדיקים, שטילע פּראָסטע מענטשן,

הייליקע האַרעפּאַשניקעס, וואָס אויף זיי האַלט זיך די וועלט. אין דעם איז אונ־דזער אַנדערשדיקייט, און אויב עס דאַרף זיין אַ באַזיגטער, באַרעכטיקטער פּלאַץ אין דער מענטשהייט פֿאַר אַ באַזונדער יידיש פֿאָלק, איז אין אָט דער אַנדערש־קייט דער זין און די באַרעכטיקונג — — —

בשעתן רעדן בין איך געוואָרן קלאָר באַוווּסט אויף דעם, אַז פֿאַר אַ טייל פֿון מיינע צוהערער איז דאָס וואָס איך זאָג — „טערקיש". באַזונדערס פֿאַר די, וועמעס יידיש האַלט זיך אויף דעם וואָס מ׳האָט אַמאָל געהערט פֿון זיידע־באָבע. אָבער דער פֿריינטלעכער קעמפּ־דירעקטאָר האָט גענומען באַטיצן, כדי דערנאָך צו קענען איבער איבערגעבן אויף ענגליש אַ סך־הכל פֿון געזאָגטן און עקספּע־רימענטירן אין דעם פֿאַל, האָב איך געוואָלט מיטן מאַקסימום, האָב איך געזאָגט:

— אויסגלייכונג מיט אַנדערע אויף אַ נאַציאָנאַלן פֿאַרנעם, אַזוי ווי עס וויל דער ציוניזם, קען פֿירן צו באַנייונג און המשך. אָבער יעדע אינדיווידועלע, יחידישע אויסגלייכונג פֿירט בלויז צו דעם, אַז מען זאָל זיך פֿאַרלירן צווישן די אַנדערע און אָפּגעווישט ווערן. און דאָ אין לאַנד גלייכן מיר זיך אויס מיט די אַנדערע ווי יחידים און נישט ווי אַ פֿאָלק. עס מאַכט נישט אויס וואָס די אַסימי־לאַציע פֿאַרשוועכט מיליאָנען, וואָס זי גייט ווי אַ גרויסע כוואַליע און שטעלט זיך איין ווי אַ שטייגער לעבן פֿאַר גרויסע מאַסן. אין די מיליאָנען זוכן די איינ־ציקע אַן אויסגלייכונג מיט דער סביבה נישט ווי מיטגלידער פֿון אַ פֿאָלק, וואָס ווילן באַנייען דאָס פֿאָלק, נאָר ווי איינצלנע, וואָס רייסן זיך אַרויס און ווערן אָפּגעפֿרעמדט פֿון פֿאָלק. יעדער איינער פֿון די מיליאָנען וויל באַנייען אָדער באַ־פֿרייען בלויז זיך אַליין, און באַפֿרייען זיך פֿון היסטאָרישן פֿאָלקס־גורל.

רעדן מיר וועגן יידישן המשך אין אַמעריקע, וועגן איבערנעמען די ירושה פֿון די אומגעבראַכטע — מוז עס מיינען קודם־כל אַריבערפֿלאַנצן אַהער די אַנ־דערשקייט, די באַזונדערקייט, די היסטאָרישע סביבה פֿון ייד. ביים אַמעריקאַנער יידן אָבער, ביי דער גרויסער מערהייט, האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ פֿאָרמולע: איך בין פֿריִער און איבער אַלץ אַן אַמעריקאַנער און אגב אויך אַ ייד. פֿון קיין „אגבי" קען קיין המשך נישט ווערן. אַ צוטשעפּעניש צו עפּעס אַנדערש קען נישט אויפֿ־האַלטן קיין שעפֿערישע קולטור. עס קען נישט באַפֿרוכפּערן. עס קען נישט אַרויס־רופֿן קיין מסירת־נפֿש. עס איז בלויז אַ צוטשעפּעניש. ביי דעם קלענסטן נסיון וואַרפֿט מען עס אַוועק און מען ווערט פּטור דערפֿון.

דער „אגבי"־ייד זוכט כאָטש אַ תירוץ פֿאַר זיין ביסל יידישקייט. די אַנדערע דאַרפֿן עס איינגאַנצן נישט. צו זיי רעדן מיר נישט. קומען מיטן ממה־נפֿשך, מיטן

„אַהער אָדער אַהין" קען מען בלויז צו די, וואָס האַלטן זיך נאָך אין דער עדה, וואָס גייען נאָך יום־כפור דאַוונען, וואָס פּראַווען נאָך צעקלונגענע בר־מצוות פאַר זייערע זין, וואָס דאַרפן נאָך האָבן אַ ראַביי, כדי פון אים צו הערן אַ דרשה וועגן דעם לעצטן סוקסעס־ראָמאַן, וואָס ראַטעווען נאָך דאָס פאָלק ישראל דורך „אינטערפּעיטה"־מיטינגען מיט גלחים, וואָס ווייסן נאָך עפּעס וועגן אַ ייִדיש אָדער העברעיִש בוך און שיקן נאָך אַ קינד אין אַ ייִדישער שול אַריין. רעדן קען מען בלויז צו די, וואָס זענען ווי נישט איז פאַרבונדן מיט ייִדישן טראַכטן דורך אָנגעהעריקייט צו אַ וועלכער נישט איז אויסגעשפּראָכן־ ייִדישער אָרגאַניזאַציע אָדער באַוועגונג.

אָבער גלויבן, אַז עס איז מעגלעך אַרויסצורופן אַן איבערקערעניש אין דער גאַנצער מאַסע פון זיי, איז אומזין. אויך ביי אַ גרויסן טייל פון די שוין כלומרשט־אָרגאַניזירטע, זענען די גייסטיקע אינטערעסן געוואָרן אַ געמיש פון בעיז־באָל און שוץ קעגן אַנטיסעמיטיזם דורך דער סגולה פון „אינטערפעיטה"־מיטינגען. אויב זיי זענען נישט וויניקער פאַרשווענקט פון מבול פון עולם הזה. ביי יעדער פּראָבע אויפצוטרייסלען זייערע איינגעגליווערטע באַגריפן וועט די פּירערשאַפט, וואָס הערשט איבער זיי, אַרויסרופן אַ הייליקן קריג. ווייל די פּירערשאַפט, מעג זי אַליין אַפילו שטיין ווי הויך איבער דער מאַסע, האַלט זיך אויך אויף פשרות, אויף מיטגיין מיט דער אַסימילאַציע, אויף אַן אַפּאַרטוניזם, וואָס איז פּונקט אַזוי אַ פּראָדוקט פון דער אַסימילאַציע ווי די עולם־הזהדיקייט גופא. דאָס איינציקע, וואָס מען קען טאָן מיט דער מאַסע, איז פּרובירן זייען געדיכטער די קערנדלעך פון באַוווסטזיין — אפשר וועט זיך אונטערן דרוק פון אַנטיסעמיטיזם עפּעס אָננעמען. אָבער אויב מען מיינט המשך, אמתן המשך, מוז געמאַכט ווערן אַ נייער אָנהייב.

פון וועמען? עס זענען דאָ אין אַלע באַוועגונגען איינצלנע, וואָס גלייבן באמת, אַז אויף זייער דרך ליגט גאולה און זיי לעכצן נאָך גאולה. זיי זענען דאָ צווישן אָרטאָדאָקסישע ייִדן, צווישן ציוניסטן, וועלטלעכע ייִדישיסטן און אַנדערע. זייערע גלויבנס זענען נישט קיין צופאַל. אונדזער געשיכטע האָט צוגעגרייט דעם פּלאַץ פאַר יעדן איינעם פון זיי, און אפשר זענען זיי אַלע שטראָמען, וואָס דאַרפן זיך צונויפגיסן אין איין טייך — דעם טייך פון באַנייונג פאַר המשך, פאַר קיום. אָט די אַלע דאַרפן זיך צונויפקומען אין נאָמען פון דעם וואָס זיי פאַרבינדט און פּרובירן זיך צונויפרעדן. זיי דאַרפן זיך באַגעגענען נישט ווי פּאַרטיי־מענטשן, וואָס קאָנקורירן צווישן זיך מיט זייערע אידעען, נאָר קודם־כל ווי ייִדן. שוין דער

צונויפרייד אַליין וועט באַשאַפן אַ נייעם מין בית־המדרש, פון וועלכן מענטשן וועלן אַרויס באַנייטע. און מיט דער צייט וועלן מוזן ווערן גרופּעס ייִדן, מנינים ייִדן, וואָס וועלן אפשר בלייבן ביי זייערע פריִערדיקע אידעען, נאָר מיט אַ נייער געדיכטער באַפּאַרבונג פון כלל־ייִדישקייט, פון כנסת ישראלדיקייט. זיי וועלן פאַר זיך אַליין באַשאַפן אַ נייעם, פולן שטייגער לעבן, ווערן גאַנצערע און גאַנצע ייִדן. און דער פאַקט אַליין וועט מוזן האָבן אַ ווירקונג אויף זייער סביבה.

באַנייונג האָט זיך אַלעמאָל אָנגעהויבן פון קליינע גרופּע, וואָס זענען געווען דער קערן. פון זיי, פון די אויסגעהאַלטענע, האָט זיך די ווירקונג געשפּרייט אויף די גרויסע צאָלן. אַזוי זענען געווען די פּרושים, די חסידים, די משכילים, די חובבי־ציון, די ייִדיש־שרייבער. מיר דאַרפן נישט מער ווי עטלעכע צענדליק טויזנט אויסגעהאַלטענע, גאַנצע ייִדן מיט אַ פּעריפעריע פון נאָך אַ הונדערט טויזנט אַרום זיי. אין זייער זכות וועלן שוין לעבן אַלע יענע פון די פינף מיליאָן, וואָס וועלן נישט אינגאַנצן איבעררייסן מיט ייִדישער געשיכטע, זיי וועלן איבער־נעמען די ירושה און טראָגן אויף זיך דעם המשך — — —

דאָס איז אומגעפער געווען דער תמצית פון איבער אַ שעה רייד, וואָס האָבן געדאַרפט דינען ווי אַן אָנרעגונג צו אַ דיסקוסיע. אַז די אָנרעגונג איז געגעבן געוואָרן, האָבן באַוויזן די עטלעכע הענט, וואָס האָבן זיך גלייך אויפגעהויבן. נאָך מער האָבן געדאַרפט קומען דעמאָלט ווען די רייד וועלן איבערגעזעצט ווערן אויף ענגליש. די ערשטע אומגעדולדיקע רעדעס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם זעלביקן אָוונט. די איבעריקע זענען געקומען אין לויף פון די ווייטערדיקע וואָכן.

װאָס נעװינען מיר פון „פאַרשטענדיקונג״ צװישן ייִדן און קריסטן?

ביי די לאַנגע טישן האָבן זיך אין גוטער שכנהשאַפט אויסגעמישט אַלע אידעאָלאָגיעס און איבערצייגונגען און צום װאָרט זענען זיי אויך געקומען — װער װען ער האָט געװאָלט. דראַמעס אין לעבן װערן אויך אָפּגעשפּילט מיט צעפּלאָנטערטע רייד, װאָס בינדן זיך אָפּט נישט — מען דאַרף אַרויסנעמען דעם תּמצית פון זיי. און װאָס אויף דער בינע װערט אָפּגערעדט אין אַ האַלבער שעה און פירט גלייך צום קלימאַקס, דויערט אין לעבן מסתמא חדשים און יאָרן. אויך דאָ װעט אויסקומען אַריינצובריינגען אָרדענונג אין די רייד, כּדי זיי זאָלן קלאָרער אָפּשפּיגלען דאָס, װאָס זיי האָבן באמת אָפּגעשפּיגלט: דאָס ייִדישע טראַכטן פון אונדזער מיטלשטאַנד. אגב איז פאַקטיש אויסגעקומען אַזוי, אַז די ערשטע צום װאָרט האָבן זיך געכאַפּט די „פּאַטריאָטן״ פון אַמעריקאַנישקייט אָדער פון דעם, װאָס זיי באַטראַכטן פאַר אַמעריקאַנישקייט.

דער פּלאַץ איז געװען דאָס גרויסע עס־צימער פון די קעמפּ־אויפפּאַסער.

האָט דער דירעקטאָר פון קעמפּ, װוּ בעיסבאָל פאַרנעמט דעם אויבנאָן, זיך אויסגעדאַכט, אַז איך האָב גערעדט מיט גרינגשעצונג װעגן דער דאָזיקער שפּיל. גרויסע ייִדן האָבן זיך אינטערעסירט מיט בעיסבאָל. סאָלאָמאָן שעכטער ע״ה אַליין פלעגט זיך נאָכפרעגן װוּ האַלט עס מיט די יענקיס, װייל ער האָט איינגעזען — װי עס מוז איינזען יעדער אַמעריקאַנער ייִד, — אַז װאָס מיר זאָלן נישט פאַר־לאַנגען פון זיך װי ייִדן, קענען מיר זיך נישט אויסטיילן פון דער ציװיליזאַציע פון לאַנד. און מיר קענען אויך נישט צוטרעטן צו דער יוגנט אויב מיר װעלן זיך פאַרמעסטן ביי איר אָװעקצונעמען דאָס װאָס איז אירס: ספּאָרט־שפּילן, טענץ,

פאַרווילונגען. און נישט נאָר די יוגנט — אויך דעם עלטערן דור קענען מיר נישט געווינען אויב מיר וועלן אים נישט געבן דאָס וואָס ער זוכט אין דער דרויסנדיקער וועלט. ער אַליין, דער דירעקטאָר, געהערט צו אַן אָרטאָדאָקסישער שול. איז געווען צרות מיטן עולם — נישט געקומען. ביז עס איז זיי איינגעפאַלן צו געבן פּורים נאָך דער מגילה אַ „מינסטרעל־שאָו“ (אַ זינגער־שפּיל) און דאָס איז געווען די רפואה. אַ סך פון די געסט זענען ביסלעכוויז געוואָרן מיטגלידער פון דער שול און זייער טעטיקע. איצט איז שוין איבער אַ צענדליק יאָר זינט דער מנהג פון געבן אַ מינסטרעל־שפּיל נאָך דער מגילה איז איינגעפירט געוואָרן. אמת, מיט ייִדישקייט האָט עס גאָרנישט צו טאָן. אַן אסתר־אחשורוש־שפּיל וואָלט געווען אַ סך ייִדישער, אָבער עס ציט צו דעם עולם. און דאָס איז אונדזער פּראָבלעם — אַריינברענגען די אָפּגעפרעמדטע אין שול אַריין.

— לאָמיר נישט פאַרגעסן — האָט דער דירעקטאָר ווייטער געטענהט — אַז דער אַמעריקאַנער ייִד איז נישט מער קיין איינוווינער פון געטאָ אָדער פון קליינעם שטעטל אין אַמאָליקן רוסלאַנד. ער לעבט אין דער גרויסער אַמעריקע מיט די אינטערעסן און מיטן גייסט פון לאַנד. ווייל מען אים האַלטן אין אַ ייִדישער סביבה דורך דער שול, צי דורכן „דזשויִש סענטער“, מוז מען אים אויך געבן דאָס וואָס ער געפינט אין דרויסן. דער ייִדישער צענטער דאַרף באַפרידיקן אַלע זיינע אינטערעסן — נישט בלויז די ייִדישע. דאָס מיינט נישט, אַז אונדזער לעבן האָט נישט קיין חסרונות. דאָס אומוויסן איז גרויס, דאָס ייִדישע הויז איז פאַרגויאישט. אַנטקעגן דעם דאַרף מען זוכן מיטלען. אָבער זיך אָפּזאָגן פון דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע וועט נישט פירן צו קיין פאַרשטאַרקטער ייִדישקייט, נאָר פאַרקערט — עס וועט נאָך מער דערווייטערן פון אונדז די אָפּגעריסענע.

צו הילף דעם דירעקטאָר איז געקומען אַ געוועזענער ראַביי, וואָס איז איצט אַ דערפאָלגרייכער אַדוואָקאַט. ער איז אַוועק פון דער רעפאָרמירטער רבנות צוליב דעם, ווייל ער איז אַ מענטש מיט אַ געוויסן און האָט נישט געקענט זיין קיין רעליגיעזער פירער. ער איז בכלל נישט רעליגיעז און צווינגט עס נישט אַרויף אויף זיינע קינדער. זיי ווילן נישט זיין קיין ייִדן — איז נישט. אָבער זיין וויסן האָט ער נישט פאַרגעסן. ער האָט ליב זיך אַ פּלפּול צו טון אין ייִדישקייט און ביי אַ חסידישן ניגון ווערט ער אויפגעלויכטן. בעיסבאָל איז פאַר אים אַ נאַציאָנאַלע ייִדישע רפואה.

— מ׳דאַרף קענען דעם גייסט פון דער שפּיל — האָט ער געטענהט — צו וויסן וויפל באַנייונג זי ברענגט אַריין אין דער ייִדישער פּסיכיק. קודם כל —

די באַהערשונג פֿון קערפּער. דערנאָך דיסציפּלין: יעדער איינער שטייט אויף זיין פּאָזיציע און ווייס, אַז ער מוז דורכפירן זיין פונקציע בשלימות און פלינק, היינט — דאָס געפיל פון חברישקייט, דער דזשענטלמענישער אופן פון אַראָפּ־שלינגען אַ מפּלה און די גרייטקייט צו אַ נייעם פּאַרמעסט — דאָס אַלץ איז אַ נייער מין דערציִונג פון ייִדישן כאַראַקטער, אַ דערציִונג, וואָס דער גלות האָט נישט געגעבן.

איך האָב געמוזט באַרויִקן די רעדנער און זיי אויפקלערן, אַז מיין ייִדישקייט לייגט נישט אַרויף קיין איסור אויף ספּאָרט, אויף קערפּערלעכער און פּסיכישער באַנייִונג. אָבער ווען ייִדן קומען זיך צונויף בלויז צוליב ספּאָרט און האָבן נישט קיין שום אַנדערע — ייִדישע — אינטערעסן צווישן זיך, ווערט דער ספּאָרט נישט קיין באַנייִונג, נאָר אַ פּאַרטעמפּונג און פּאַרטיליקונג פון דער ייִדישער פּסיכיק, און וואָס איז שייך דער צונויפפּאָרונג פון דער מגילה מיטן גויִשן געזאַנג־שפּיל בין איך נאָך נישט אינגאַנצן זיכער צי דאָס איז דער ראַיעלסטער וועג צום ייִדישן קיום.

אָבער בעיסבאָל, כאָטש דער געוועזענער ראַביי האָט געפּרובירט מאַכן דער־פון אַ נאַציאָנאַלע רפואה, איז דאָך נישט מער ווי אַ ספּאָרט. איך האָב אָבער פאַר־טשעפּעט אויך עפּעס, וואָס שמעקט שוין פאַר אַ סך אַמעריקאַנער ייִדן מיט אמתער גאולה, עפּעס וואָס האָט דעם הכשר פון גרויסע אָרגאַניזאַציעס און היכּלע אויטאָריטעטן: די „אינטערפּעיטה"־באַוועגונג. אין שויך פון „אינטערפּעיטה" איז מען אויפגעשטאַנען מיט אמתן ברען.

וואָס איז די דאָזיקע גאולה? איר ליכט איז אויפגעגאַנגען אין די היטלער־יאָרן, ווען דאָס פּאַטערל קאָגלין האָט געדרשנט פון דער ראַדיאָ, דער „קריסטשען פראָנט" האָט געבושעוועט אויף די גאַסן און דער דייטש־אַמעריקאַנער „בונד", נישט היינט געדאַכט, צוזאַמען מיט די זילבער־העמדלעך און אַנדערע האָבן פאַר־פּלייצט אַמעריקע מיט טאָנען געבעלס־ליטעראַטור. די אימה איז געווען גרויס און דער אידעאַל איז געוואָרן דאָס וואָרט „טאָלעראַנץ". האָבן זיך געפונען אויך גוטע קריסטן, אַ סך גייסטלעכע צווישן זיי, וואָס האָבן אויף זיך גענומען די מצווה אָפּצושלאָגן די היטלעריסטישע פּראָפּאַגאַנדע. ווי אַזוי? מיט מוסטערן פון שיינעם צוזאַמענלעבן. מ'האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי טישן צוזאַמען — פּראָטעסטאַנטן, קאַטאָליקן און ייִדן און מ'האָט געפּראַוועט „טאָלעראַנץ". ווער האָט געדאַרפט די טאָלעראַנץ? נישט די פּראָטעסטאַנטן חלילה, וואָס צו זייערע קירכעס געהערן דער

קו־קלוקס־קלען און די זילבער־העמדלעך, און נישט די קאַטאָליקן, וואָס האָבן געגעבן אַ פּאַטערל קאַגלין און אַ „קריסטשען פראָנט“. געדאַרפט האָבן עס די ייִדן. פון זייערטוועגן איז מען זיך עס צונויפגעקומען פאַר זייערטוועגן געפּלאַ־נעוועט די דרשות און ליטעראַטור, און זיי זענען עס געווען די איניציאַטאָרן פון דער באַוועגונג. וועלכע ייִדן? מערסטנס יענע, וואָס האָבן אַלעמאָל געגלויבט „טאָ־לערירט“ צו ווערן און זיצן מיט קריסטן ביי איין טיש. און וואָס האָט די טאָלע־ראַנץ־גאולה אויפגעטון? די פּראָצענט־נאָרמעס אין די אוניווערזיטעטן האָט זי דערווייל נישט אָפּגעשאַפט, די דיסקרימינאַציעס קעגן ייִדן אין האַנדל, אינדוסטריע און פּראָפעסיעס אויך נישט און די שילדן „רעסטריקטעד“ פון קריסטלעכע האָ־טעלן און ישובים נישט אַראָפּגענומען. זי האָט געהאַלטן מיטינגען ביי וועלכע קריסטן האָבן גערעדט גוטס אויף „גוטע“ ייִדן און זי האָט אפשר אויך סטימולירט דעם שוין איצט־באַרימטן ספּרינגפילד־פּלאַן פון דערציִען די קינדער אין די פּאַבליק־סקולס מיט טאָלעראַנץ.

אַ מוסטער דערפון איז אַ חנוכה־קריסטמעס שפּיל, וואָס איז איינגעפירט גע־וואָרן אין דער פּאַבליק־סקול אין ספּרינגפילד און וואָס ווערט אויך רעקאָמענ־דירט אין אַנדערע סקולס. זי באַשטייט פון צוויי טיילן: דריי סצענעס וועגן אויפ־שטאַנד און נצחון פון די מאַקאַבייער און דריי סצענעס וועגן געבורט פון יעזוסן. אין די ערשטע — מענטשן און מעשים. אין די צווייטע — גייסטער און מלאכים. די ערשטע — ריינע געשיכטע. די צווייטע — ריינע רעליגיע. פאַרן געבן די קריסטלעכע קינדער אַ בילד פון דער ייִדישער געשיכטע מוזן ייִדישע קינדער איינ־נעמען אַ געדיכטע פּאָרציע קריסטלעכע אמונה. יהודה המכבי און יעזוס, וואָס ווערט באַזונגען פון די דריי פּאַסטעכער און מלאכים ווי גאָטס זון — קיין גלייכער האַנדל איז עס נישט. אָבער יענע, פאַר וועמען טאָלעראַנץ איז גאולה, זעען נישט די אומגלייכקייט. וואָס איז דער חילוק, וואָס זיי פאַרקויפן און וואָס זיי קריגן — אַבי מען זיצט מיט זיי ביי איין טיש און מען פּראַוועט גלייכקייט.

איז אויך דאָ, אַז זיי האָבן דערהערט אַ קריטיש וואָרט וועגן דעם טאָלעראַנץ־האַנדל, האָבן זיי זיך אָנגעצונדן. עס האָט זיך אָנגעכאַפּט דער אַלטער קאָסמאָ־פּאָליטישער סאָציאַליסט, היינט אַ פאַרמעגלעכער ייִד, וועמענס פרוי איז די הויפּט־טוערין אין דער לאָקאַלער טאָלעראַנץ־באַוועגונג.

— די צרה מיט מענטשן איז, וואָס מען מאַכט זיך אַ פּעטיש, אַן אָפּגאָט, פון פּאַרטייטיקע באַגריפן און מען איז בלינד צו דער נייער צייט מיט אירע בייע

אידעען. משה רבינו מיט די עשרת הדיברות איז געווען גוט אַמאָל. אָבער ער איז אַלט, און די וועלט איז געגאַנגען פאָראויס און האָט זיך אַנטוויקלט. איצט פאַר־לאַנגען מיר פון מענטשן, אַז זיי זאָלן זיין מאָראַליש און זאָלן זיך איינלעבן ווי גלייכע מיט זייערע שכנים. זאָל זיך יענער זיין וואָס ער איז אַבי ער איז אַ מאָ־ראַלישער מענטש. און די „אינטערפעיטה״־באַוועגונג ברייטערט אויס די פאַר־שטענדיקונג, דערנענטערט שכנים איינס מיטן אַנדערן און שאַפט גלייכקייט צווישן מענטשן.

אַ דאַמע מיט גלאַטע בלאָנדע האָר, וואָס פאַלן איר אַראָפּ אויף דער פּלייצע האָט זיך אויפגעשטעלט מיט אַ פאָרוווּרף צום רעדנער: וואָס איז ער אַזוי דער־שראָקן טאָמער וועלן מיר זיך מיט עפּעס אָנשטעקן פון די גויים. נישקשה, עס זענען דאָ אויך געוויס גענוג גוטע מענטשן צווישן קריסטן און ס׳איז דאָ, וואָס ביי זיי איבערצונעמען. מ׳האָט דאָ גערעדט וועגן פאַרשטענדעניש צווישן ייִד און קריסט, אָבער די „אינטערפעיטה״ שאַפט אַ סך מער — זי שאַפט אמתע פריינט־שאַפט. (דער זין פון די רייד איז מיר קלאָר געוואָרן שפּעטער, ווען כ׳האָב זיך דערוווּסט, אַז די דאַמע איז פון די קריסטשען סייענטיסטס. דער מאַן — זאָגט מען — איז אַ שטאַרקער שטיצער פון פיטער בערגסאָנס היברו קאָמיטע).

אַ צווייטע דאַמע, אַן אַמאָליקע רוסישע סאָציאַליסטקע, האָט געהאַט אַ ברייטערן צוגאַנג:

— די וויכטיקסטע פּראָבלעם היינט צו־טאָג איז צו מאַכן די וועלט זיכער פאַר אַ פריי מענטשלעך לעבן. עס איז נישט קיין פראַגע פון פעלקער, נאָר פון דער גאַנצער מענטשהייט. אויב מיר וועלן זיך סעגרעגירן פון די קריסטן, וועלן זיך די קריסטן סעגרעגירן אויך פון אונדז. מיר טאָרן זיך איצט פון דער קריסט־לעכער וועלט נישט אָפּשיידן. מיטן אומקערן זיך צוריק צו כשרות וועלן מיר זיך נישט ראַטעווען.

און אַ ייִד מיט אַ גרויסער נחלה אין דער געגנט, וואָס איז באַקערט געוואָרן צו ייִדישקייט ערשט אין די היטלער־יאָרן, איז אַרויסגעקומען מיט אַנדערע איי־גענע טענות:

— ווען די „אינטערפעיטה״־באַוועגונג זאָל זיין שעדלעך פאַר ייִדן, וואָלטן אַזעלכע גרויסע אָרגאַניזאַציעס ווי די „בני ברית״, און אַנדערע נישט געווען אַקטיוו באַטייליקט אין איר. און די „קאָנפערענס אָוו קריסטשענס ענד דזוס״ באַשטייט אויך נישט פון אַבי ווער. אין איר באַטייליקן זיך די וויכטיקסטע

ראַביים, נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייטן. מיר דאַרפן זיך פאַרלאָזן אויף אונדזערע אָנערקענטע פירער — זיי ווייסן בעסער וואָס איז גוט פאַרן שוץ פון ידישע אינטערעסן.

קיין ענטפער אויף די טענות האָב איך אַליין נישט געדאַרפט געבן — ער איז געגעבן געוואָרן פון די מיטגלידער פון „יאָנג איזראַעל". אָט איז אַ סך־הכל:

— קיינער וויל זיך נישט אָפרייסן פון דער קריסטלעכער וועלט. מיר זוכן אייביק שלום מיט איר און זי פירט כסדר מלחמה מיט אונדז. און אַז זי קומט שוין יאָ מיט שלום, נעמט זי אונדז נישט אַן אַזוי ווי מיר זענען, נאָר אַזוי ווי זי וויל אַז מיר זאָלן זיין.

— קען זיין ,אַז אין די הויכע נאַציאָנאַלע קאָמיטעטן פון דער „אינטער־פּעיטה" געפינען זיך אויך שטאָלצע ידן, וואָס זענען גאָרנישט מקריב פאַרן שלום וועלכן מען באָט זיי אָן. אָבער די מערסטע ,וואָס באַטייליקן זיך אין די לאָקאַלע קאָמיטעטן זענען מענטשן, פאַר וועמען די דאָזיקע אַרבעט איז אויך אַ מין אַנטלויפן פון ידן. מען לויפט צו דער טאָלעראַנץ־באַוועגונג, ווייל מען קען דאָרט זיין צווישן גוים. די קריסטן זענען קריסטן, אָבער די ידן זענען מערסטנס קיין ידן נישט.

— און אונדזערע גרויסע שוץ־אָרגאַניזאַציעס זינדיקן אויך דערמיט, וואָס זיי זענען צו אָפט מקריב דעם ידישן שטאָלץ פאַר אַן אילוזיע פון קריסטלעכער שוץ. אָנשטאָט צו דערמאָנען דעם דורכשניטלעכן ידן, וואָס ווערט פאַרפאָלגט פון דער מורא פאַר אַנטיסעמיטיזם, אַז ער דאַרף זוכן שוץ אין זיך, אין זיין אייגענער געשיכטע און גלויבן, רעדט מען אים איין, אַז זיין זיכערקייט ליגט אין קריסטלעכער טאָלעראַנץ. דערמיט שטופּט מען דעם ידן צו נאָך מער געפאַלנ־קייט און שפלות. טאָלערירן טאָלערירט מען עפּעס וואָס איז קלענער, נידעריקער פון זיך אַליין. אַ גלייכן אָנערקענט מען און מ׳האָט פאַר אים דרך־ארץ. אָבער די פון אונדז, וואָס זוכן לאַסקעס ביי די גוים, קענען קיין דרך־ארץ נישט אַרויס־רופן, ווייל אָדער זיי ווייסן קנאַפּ וועגן ידן אָדער זיי באַהאַלטן זייער ידישקייט.

— און ווי קנאַפּ מען ווייסט האָבן מיר דאָ געהערט, ווען מ׳האָט אונדז דערציילט, אַז משה מיט די עשרת הדיברות זענען פאַרעלטערט און אַז די וועלט איז אַוועק פאָראויס. אפשר זענען ידן אויך געגאַנגען פאָראויס... אפשר זענען נאָך משהן אויך געווען נביאים, תנאים, אמוראים, פילאָסאָפן, דענקער, באַנייער ביז צו היינטיקן טאָג. אָבער מען ווייס בלויז דאָס, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט ביי

אַנדערע. וועגן זיך אַליין איז דאָס וויסן געבליבן שטיין ביי משה רבינו און איז ווייטער נישט געגאַנגען. דעריבער ווערט מען אַזוי בטל פאַר פרעמדע און מ׳איז אַזוי שפּל און געפאַלן ביי זיך אַליין. דעריבער ווערט מען אַזוי צעשמאָלצן פון יעדן גוייִשן גוטן וואָרט און מ׳איז גרייט זיך צו פאַרקויפן דערפאַר — — —

עס זענען נישט געווען צום האַרצן די מענטשן פון „אינטערפּעיטה״ די דאָזיקע רייד. זיי זענען נאָך איינמאָל געקומען הערן — אפשר וועט פאָרט עפּעס גיין אויף זייער דרך. און אַז עס איז נישט געגאַנגען, האָט מען זיך ביי די אָוונטן מער נישט באַוויזן.

יוגנט אויפֿן וועג צו ייִדישקייט

אַז מען פּרוּווט זיך צונויפֿרעדן מיט פֿאָלקס־מענטשן וועגן דעם, וואָס זיי האָדעווען אויס קינדער אָן טראָפּן ייִדיש וויסן, הערט מען אָפֿט אַ באַליידיקטן און צומאָל אויך בייזן ענטפֿער:

— מײַנע קינדער זענען גוטע ייִדן.

— מיט וואָס?

— זיי שעמען זיך נישט מיט זייער אָפּשטאַם. זיי שטעלן זיך איין פֿאַר זיך און קענען געבן אַ קלאַפּ אויך.

— און וואָס נאָך?

— וואָס נאָך ווילט איר?

אַזעלכע דיאַלאָגן איז מיר אויסגעקומען צו פֿירן זייער אָפֿט. אין אָט דעם: „וואָס נאָך ווילט איר?" — ליגט אָן אַסימילאַציע, וואָס איז אַ סך ערגער ווי די פֿון „אַמעריקען קאָונסיל אָוו דזשודאַיזם". יענע ציטערט אימת־מוות פֿאַר נאַציאָנאַליזם, פֿאַר אָפּזונדערונג, אָבער זי האָט כאָטש אָן אייגענעם סאָרט ייִדישקייט. די אַסימילאַציע פֿון „וואָס נאָך ווילט איר?" האָט גאָרנישט אויסער דעם אינסטינקט, אַז עס איז מיאוס זיך צו שעמען מיט ייִדישן אָפּשטאַם. אָבער דער אינסטינקט איז אַ געצוימטער. די גרויס־בורזשואַזיע, וואָס לייגט אַריין דעם שולחן־ערוך אין חרם און דערהייבט חזיר־עסן צו אַ דאָגמע, כּדי זיך אויסצוגלײַכן מיט די גויים — קען אַזאַ אינסטינקט נישט האָבן. פֿאַרמאָגן קען עס בלויז דאָס פֿאָלק. און דורך דעם אינסטינקט, אַז עס איז אַ חרפּה זיך צו שעמען מיט ייִדישן אָפּשטאַם, ווערט אָט דער מין אַסימילאַציע אויך אַ בריק צו מעגלעכע איבערקערענישן. דער בחור וואָס קען געבן אַ קלאַפּ ווען מען באַליידיקט זײַן אָפּשטאַם, קען זיך אויך פֿאַרטראַכטן וועגן דעם פֿאַרוואָס מען באַליידיקט אים. און פֿון

מחשבות וועגן דעם קען ער קומען אויך צו אַנדערע: וואָס איז עס, אָט דאָס, וואָס ער באַשיצט? און אַז ער וועט זיך נעמען גריבלען, קען ער זיך דערגריבלען צו עפּעס.

סיי אָט די אַסימילאַציע און איר פילאָזאָפיע, אַזוי אויך דער אופן ווי אַזוי זי קען פירן צו ווידער־דערקענונג, האָבן זיך מיר אַנטפּלעקט מיט פולער קלאָר־קייט אין לויף פון דער דיסקוסיע.

די ערשטע דעקלאַראַציע איז געקומען פון אַ פרוי, וועמען איך האָב שפּע־טער דערקענט ווי אַ טועריו און פירערין אין דער קאָלאָניע. אין דעם סימפּאָ־זיום וועגן אַמעריקע און סאָוועטן־פאַרבאַנד איז זי געווען די ערשטע רעדנערין און האָט זיך געהאַלטן ביים פּשרהדיקן, פרידלעכן „גאָלדענעם מיט": אַלע פעל־קער אויף דער ערד זענען שכנים, און שכנים דאַרפן נישט אַריינקוקן איינער דעם אַנדערן אין טאָפּ אַריין און לעבן גוט צווישן זיך. בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זי געלעבט אין פּוילן, און די רעזשימען אַרום איר האָבן זיך בסדר געביטן: פריִער רוסיש, נאָכדעם דייטש, נאָכדעם ווידער רוסיש און ענדלעך פּויליש. זי ווייס דעריבער, אַז מענטשן זענען אַ סך וויכטיקער ווי די מלוכות אין וועלכע זיי לעבן, און שלום דאַרף מען באַשאַפן נישט אַזוי פאַר מלוכות ווי פאַר מענטשן.

אויך אַהער איז זי געקומען מיטן געדאַנק, אַז עס איז נישט נייטיק זיך צופיל צו גריבלען אין דעם ענין: יידישקייט און אַסימילאַציע. וואָס מיר פאַר־לאַנגען איז, אַז מענטשן זאָל זאָגן אָפן: איך בין אַ ייד. און זאָגט עס איינער, איז גענוג — מער דאַרף מען פון אים נישט פאָדערן.

עס איז געווען איבעריק זיך נאָכצופרעגן, וואָס פאַר אַ הויז — קולטורעל — די פרוי פירט און וואָס זענען אירע קינדער. דער ענטפער איז געלעגן אויבן־אויף. מעג זיין, אַז זי געהערט נישט צו „עמך" און האָט אוניווערזיטעט־דיפּלאָ־מען, אָבער די פילאָזאָפיע איז דיזעלביקע וואָס ביי צענדליקער טויזנטער אַנדערע, און ס'איז נאָך געבליבן דער זעלבער געזונטער פאָלקס־אינסטינקט. דערווייל אָבער נישט מער.

אַ סך ווייטער אין דער באַרעכטיקונג פון „וואָס נאָך ווילט איר", איז גע־גאַנגען אַ צווייטע רעדנערין. אַליין אַ מענטש מיט קולטור, אַ באַהאַוונטע אין יידישע באַוועגונגען און אידעען, האָט זי דערצויגן אַ זון אַן אַמעריקאַנער: אַטלע־טיש־קרעפטיק, מאָראַליש־ציכטיק, מיט אַ סך אַלגעמיינעם וויסן און מיט אַ מוט, וואָס איז זעלטן צווישן אַמעריקאַניש־יידישע יונגעלייט — דעם מוט צו פאַר־

געסן דעם קאלעדוש־דיפלאָם און זיך נעמען צו מלאכה. איך קען אים, דעם פּיליפּן. אין איינעם אַ קעמערל פון זיין באַוווסטזיין ליגט אויך דער ייִד. זאָל קו־מען אַ מאָמענט פון איינשטעלן זיך פאַרן ייִדישן כבוד, וועט ער זיין אויפן פּלאַץ. ער ווייס אויך, וואָס עס טוט זיך צווישן ייִדן. עס איז אָבער נישט זיינס. ער האַלט די טיר צו יענעם קעמערל פאַרמאַכט און וויל נישט מען זאָל עס עפענען. עס איז היימלעכער, בעסער אַזוי.

פאַר אַט דער ייִדישער פּאַסיווקייט פון איר זון האָט זיך איינגעשטעלט די מוטער, ווען זי האָט געטענהט:

— דער ייִד פון דער אַלטער וועלט קען נישט אַריבערגעבראַכט ווערן קיין אַמעריקע. מיר אידעאַליזירן אים צופיל. אין דע ראמתן איז ער געווען גאַנץ ווייט פון אַן אידעאַל. מיר געדענקען די ייִדישע בירזשע־אַגענטן, די שאַכער־מאַכער, די קרעמער מיט דער פאַלשער וואָג און מאָס, די אַנדערע טיפּן. די ייִדישע ליטעראַטור האָט זיי נישט געשוינט און אָפּן אַרויסגעבראַכט. מיט וואָס איז דער אַמעריקאַנער ייִדישער יונגערמאַן, דער געזונטער, ערלעכער, מאָראַליש־ריינער ערגער פון זיי? די טענה איז — אים פעלט ייִדישקייט. אָבער די אַלטע ייִדישקייט קען ער נישט אָננעמען. זי איז אים פרעמד און אָפּט אויך דער־ווידער. אפשר וואָלט עס אַנדערש געווען, ווען איר באַשאַפט אַ סינטעז צווישן העכערן תוך פון ייִדישקייט און די באַגריפן פון מאָדערנעם מענטשן. גיט דעם אַמעריקאַנער יונגנמאַן אַ קאָנקרעטן אידעאַל — נישט פון אַמאָל, נישט אין די הימלען, און איר וועט אים אפשר געווינען.

דאָס איז שוין געווען אַ היפּשער שפּרונג פון יענער, וואָס איז געווען צופרידן בלויז מיט דער דעקלאַראַציע: איך בין אַ ייִד! אָבער פּיליפּ, פאַר וועמען די פאַרטיידיקונג איז געהאַלטן געוואָרן, האָט געלאָזט רעדן זיין מוטער. ער אַליין איז נישט געקומען — נישט הערן און נישט מאַנען עפּעס. געקומען איז אָבער דער הויכער בחור, וואָס האָט נאָר־וואָס אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אין אַדוואָ־קאַטן־שטאַנד (באַר) און איז געווען דער אויפפּאַסער ביים טייך.

מיר קענען עטלעכע מינים פון אונדזער יוגנט: די ציוניסטישע, די רעליִ־גיעזע, די קאָמוניסטישע, די גרויסע מאַסע ייִדיש־אומוויסנדיקע, און מיר ווייסן אויך אַביסל וועגן יענע, וואָס „שטייען אויפן ראַנד" — די אַסימילאַציע איז שוין ביי זיי צעטרייסלט, אָבער וווּהין צו גיין פון איר ווייסן זיי נאָך נישט. זיי טאַפּן אַ וועג, זענען נישט זיכער, האָבן מורא. דיק איז זיכער. מער נאָך — ער האָט אַן אייגענע פילאָזאָפיע פון ייִדישער געשיכטע, אָבער די פילאָזאָפיע איז דורכ־

אויס אַ פּאַסיוּוע. זי איז אים צו גאָרנישט מחייב. פון זיך אַ גוטער ייד בלויז מיט דעם, וואָס ער „שעמט זיך נישט" איז ער דערגאַנגען צו אַ באַרעכטיקונג, אַפילו אַ גאָוההדיקער באַרימעריי, מיט זיך ייִדישקייט. אָבער דערבײַ געבליבן שטיין.

אָט איז דיקס באַרימערישע שיעור־נישט שאָוויניסטישע פילאָזאָפיע:

— די יאָרטויזנטער פון דער פאַרגאַנגענהייט האָבן געשאַפן אַ שאַרפן חילוק צווישן ייִד און נישט־ייִד. די נישט־ייִדישע וועלט לעבט אויף רציחה, צו העכערער מענטשלעכקייט איז דער גוי נישט דערוואַקסן. און ווייל די גויִישע ציוויליזאַציע האַלט זיך אויף מאַכט און רציחה, קען זי זיך נישט אויפהאַלטן. אימפּעריעס קו־מען אויף און פאַלן. אָבער מיר לעבן און לעבן זיי איבער. מיט וואָס פאַר אַ כח? וואָס האַלט אונדז אויף נישט געקוקט אויף אַלע נגישות און אויסראָטונגען? דאָס איז דער פּראָגרעסיוויזם, וואָס איז אַ פונדאַמענטאַלער שטריך אין ייִדישן כאַ־ראַקטער. מיר זענען די טרעגער פון פּראָגרעס. קען זיך די גויִישע וועלט אָן אונדז נישט באַגיין און נעמט אונדז אָן. אָבער בלויז אַזוי לאַנג ווי זי דאַרף אונדז. דאַרף זי אונדז נישט מער, וואַרפט זי אונדז אַרויס, ביז די פאַרגעשריטנקייט וואָס אין אונדז מאַכט פאַר אונדז ווייטער אַ פּלאַץ.

דער ייִד — איז דיק געקומען צום אויספיר — איז גרעסער ווי זיין אמונה. דער ייִד האָט געשאַפן זיין תורה און שאַפט אויך אַרום זיך די באַדינגונגען אין וועלכע ער זאָל קענען לעבן. מיר פון דאַנען וועלן קיין ארץ־ישראל נישט פאָרן, אָבער דער דראַנג צו פּראָגרעס, וואָס איז אַ טייל פון אונדז, וועט אונדז אויך דאָ אויפהאַלטן און מיר וועלן בלייבן אַ פאָלק — — —

פון וואַנען האָבן זיך גענומען די דאָזיקע רייד? עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כאָטש דער פאָטער, אַ מעדיקער, האָט זיך מיטן זון דירעקט נישט אָפּגעגעבן, פאַרמאָגט ער אָבער אַ ביבליאָטעק און האָט מיט זיך אַליין געגעבן דיקן אַ בײַ־שפּיל פון לערנען. האָט דער זון, אַ געקריוודעטער פון דער גויִישער וועלט, פון ערגעץ אויפגעכאַפּט שטיקלעך וויסן און געדאַנקען און האָט זיך אויפגעבויט אַ פילאָזאָפיע, וואָס נעמט נקמה פון די גויִים. אָבער ווהין פירט זי? וואָס פאַרלאַנגט דיק פון זיך אַליין און פון אַנדערע ייִדן? ער האָט געשטילט זיינע קריוודעס מיטן וויסן, אַז ייִדן זענען בעסער, גרעסער, פּראָגרעסיווער און — און ווייטער גאָר־נישט.

האָב איך געמוזט דערציילן דיקן, אַז ער איז נישט דער ערשטער, וואָס זוכט צו פאַרענטפערן די רעטעניש פון ייִדישן אויסדויער און אַז עס זענען גע־

ווען אַנדערע, וואָס האָבן אויפגעבויט פילאָזאָפיעס וועגן דעם פּאַרוואָס גרויסע אימפּעריעס זענען געפאַלן און יידישקייט האַלט זיך. כ׳האָב אים געמוזט דערציילן די לעגענדע וועגן משה רבינוס בילד — אַ בילד, וואָס האָט אַנטפּלעקט שטריכן פון אַ מערדער, אַ ליגנער, אַ שווינדלער אאַז״וו און וועגן דעם ווי אַזוי משה האָט פאַרענטפערט דאָס בילד. אָט דאָס אַלץ איז דאָ אין אים, אָבער ער האָט עס בייגעקומען. און דער חילוק צווישן ייד און גוי באַשטייט אין דעם, וואָס דער ייד האָט כסדר געלעבט אין אַ גייסטיקן און עטישן רעזשים, וואָס האָט אים געהאָלפן בייקומען די רשעות און געמיינהייט אין זיך און מאַכן פון זיך אַן אַנדער מענטש. לאָזט מען אָפּ דעם רעזשים, ווערט דער ייד נישט בעסער — און אַמאָל אויך ערגער — פון אַנדערע. זייך אַ ייד מיינט דעריבער — זיין אַן אַקטיווער אויפהאַלטער פון אַ געדאַנקען־גאַנג, פון אַן איינשטעל אין דער וועלט, פון אַ קולטור, פון אַ גייסטיקן רעזשים, וואָס זאָל געבן כוח בייצוקומען אין זיך דאָס שלעכטס און אַרויסברענגען דאָס גוטס. מעג זיין, אַז יידן האָבן אין משך פון דורות אַנטוויקלט אין זיך פעיקייטן, נייגונגען, טאַלאַנטן, וואָס באַזאָרגן זיי מיטן כוח בייצוקומען די רשעות און זיך אויפהאַלטן. פריערדיקע דורות האָבן אונדז איבערגעלאָזט אַ ירושה. אָבער לעבן אויפן חשבון פון דער ירושה און אַליין גאָרנישט צוטראָגן צו איר, מיינט ערשטנס — לעבן ווי פּאַראַזיטן, און צווייטנס, פירט עס צו דעם, אַז די ירושה ווערט פאַרטאַכלעוועט און מיט דער צייט וועט פון איר גאָרנישט בלייבן. אַ ירושה מוז אויפגעהאַלטן און פאַרמערט ווערן. דאָס האָבן געטון אַלע דורות ביי אונדז און דעריבער קענען מיר זיך איצט באַרימען מיט אונדזער פּראָגרעסיוויזם און בויען דעם גלויבן און קיום אויפן יידישן אויסדויער. איז אויב אונדזער יוגנט דאָ מיינט באמת זיך אויפצוהאַלטן ווי יידן, וועט זי עס מיט קיין פּאַסיווער גאווה און באַרימעריי נישט דערגרייכן. זי מוז, ווי אַלע פריערדיקע דורות, ווערן אַקטיוו און ווייטער אַנטוויקלען דאָס וואָס זי האָט געירשנט פון די אבות.

צו דיקן האָב איך געמוזט רעדן אין זיין לשון. ער האָט מיר אָפּגעענטפערט מיט אַ קורצן: יעס, סער! — און איז אין אַ פּאָר טעג אַרום געקומען פרעגן וועגן אַ יידישער געשיכטע. איך האָב אָנגעקוקט דעם הויכן בחור מיט די אומרויקע אויגן און געצווייפלט אין זיין געדולד זיך אָוועקצוזעצן ביי אַ שווערן באַנד געשיכטע. דעריבער האָב איך אים געעצהט אַרויסצונעמען פון פּאָטערס ביכערשראַנק די יידישע ענציקלאָפּעדיע, בלעטערן און זיך אָפּשטעלן אויף יעדן קעגנשטאַנד, וואָס וועט אים פאַראינטעריגירן. מיט דער צייט וועט ער אַליין וויסן

װעלכע געשיכטע ער װיל לײענען. „טהענק יו, סער" — האָט ער געזאָגט. איך בין נישט זיכער אין װעלכער אַקטיװער ייִדישער גרופּע דיק װעט לאַנדן אַמאָל. ערגעץ װעט ער לאַנדן. ער און די אַנדערע דיקס. אָבער פון אמת װעגן מוז איך דערצײלן, אַז דיק איז געװען דער אײנציקער פון די פופציק־זעכציק יונגעלײט אַרום קעמפּ, װאָס האָט געגומען אַ װאָרט, און אײנער פון בלױז אַ צװײ־דרײ װאָס זענען געקומען עפּעס הערן. פּאָר אַלע אַנדערע חברים און חברטעס זײנע האָבן זיך די דיסקוסיעס — און זײ האָבן געװוּסט װעגן זײ — אָפּגעשפּילט אויף אַן אַנדער פּלאַנעט. אויב איך װיל מלמד־זכות זײן אויף זײ, װעל איך זאָגן: אפשר װאָלט עס עטװאָס אַנדערש געװען װען דער פירער פון דער דיסקוסיע רעדט אויף אַ לשון, װאָס זײ פאַרשטײען.

און צו פיליפּס מוטער האָב איך געזאָגט:

— מיר איז ליב איר זון. מענטשן פון זײן מין זענען װי אַ געטראַנק פון אַ קילן, קלאָרן קװאַל אַרױס. און מיר איז נישט װײניקער װי איר דערװוּידער דער קרעמער מיט דער פאַלשער װאָג און מאָס. אָבער איר זון און יענער קרעמער זענען נישט קײן קעגנזאַץ. אַ קעגנזאַץ זענען: יענער קרעמער און דער היגער ביזנעסמאַן, װאָס הורבעט אַן טױזנטער אויפן שװאַרצן מאַרק. דער חילוק איז װאָס יענער האָט איבער זײן גראָשנדיקן שװינדל געהאַט אַ קאָנטראָל פון אַן אמונה, האָט געקענט זיך אָפּצאַמען פון זיך אַלײן װען ער האָט זיך פאַרװיקלט אין טלית אָדער זיך געזעצט איבער אַ בלאַט משניות. דער היגער קאָמבינאַטאָר אויפן שװאַרצן מאַרק האָט גאָרנישט אויסער די טײסטערס מיט געלט און דער עולם־הזה װאָס ער קען דערפאַר קויפן. די ירידה פון דאָרט איז דאָ פאַרװאַנדלט געװאָרן אין פולשטענדיקער מאָראַלישער דעגענעראַציע.

אַ קעגנזאַץ צו איר װאָלט געװען דער דור פון הויך־מאָראַלישע, מסירת־נפשדיקע יונגע לײט, װאָס האָבן אויך מער נישט געקענט אָננעמען די אַלטע ייִדישקײט און זענען פון דער שול אַװעק אין דער רעװאָלוציע, צו אַן אַסימי־לאַטאָרישן און שפּעטער צו אַ ייִדישן סאָציאַליזם. דעם סינטעז פון ייִדישקײט און די נײע אידעען האָבן זײ זיך אַלײן באַשאַפן. זײ זענען אַלײן געװאָרן די באַנײער פון זיך און אַ סך פון זײ האָבן אַלײן געפונען דעם װעג צוריק צו יענע עלעמענטן פון דער „אַלטער" ייִדישקײט, װאָס זײ האָבן געקענט אַרײננעמען אין זײער װעלט־באַנעם. פאַרװאָס האָבן עס יענע געקענט? װײל נישט געקוקט אויף דער ציװיליזאַציע אַרום זײ איז די טיר צום קעמערל פון זײער ייִדישן באַװוּסט־זײן געבליבן אָפן בײ זײ. די טאַטעס האָבן עס געהאַלטן אָפן. די הײמען האָבן

עס געהאַלטן אָפּן. דאָ האָבן די היימען אַליין פאַרמאַכט די טיר, ווייל זיי האָבן געוואָלט די קינדער באַשיצן פון יידישער טראַגיק, פון יידישן גורל, פון יידישן „אבערגלויבן". האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט זין — ליבע מענטשן, ציכטיקע מענטשן, אָבער אין דער בוכהאַלטעריע פון זייער פאָלק — נולן, ווען עס זאָל זיך האַנדלען אין ראַטעווען מענטשן, יחידים, און זיי באַזאָרגן מיט זיכערע, פריד־לעכע לעבנס, זענען אפשר די פיליפּס געראַטעוועט. אויב די דעמאָקראַטיע און גלייכהייט וועט באמת מקוים ווערן. אָבער ווען עס האַנדלט זיך אין אונדזער פאָלקס־קיום, מיינען די פיליפּס גאָרנישט, אַזוי לאַנג ווי די טירן צו זייער יידישן באַוווּסטזיין זענען פאַרמאַכט.

איך האָב גאָרנישט געהאַט צו דער דאַמע, וואָס איז צופרידן מיט דער דעק־לאַראַציע; איך בין אַ ייד. אויב איר איז ליב, איז מיר ניחא.

די שטילע רעוואָלוציע אין די „ייִדישע צענטערס“

אויך אויף יענער זייט גרענעץ פון ייִדישן לשון (און פון העברעיִשן) נעמט זיך רירן ייִדישע מחשבה און ווילן ביי אונדזערע ברידער אין אַמעריקע. אַביסל וויס מען וועגן דעם ביי אונדז, אָבער אויף קיין סך וויסן פאַרגינט מען זיך נישט. אָט איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון דער אָפּטיילונג פאַר ייִדישע צענטערס ביי דער „דזשוייִש וועלפעיר באָרד“. ביי אונדז האָט מען פון אַלץ, וואָס איז גערעדט געוואָרן ביי דער קאָנפערענץ, אַרויסגענומען די גוטע בשורה, אַז 132 ייִדישע געמיינדעס קלייבן זיך בויען נייע ייִדישע צענטערס, וואָס וועלן אָנטרעפן אַ סך־הכל פון 27 מיט אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר. ביי דער קאָנפערענץ איז גערעדט געוואָרן וועגן אַנדערע ענינים, אַ סך וויכטיקערע ווי די נייע צענטער־בנינים. אָבער יענע ענינים געהערן שוין צו אַן אַנדער מין נייעס.

און פאָרגעקומען איז אויף דער קאָנפערענץ עפּעס וואָס קאָן באַטראַכט ווערן פאַר אַ צווייטן שריט אין אַן אמתער גייסטיקער רעוואָלוציע. אָבער כדי צו באַנעמען די באַדייטונג פון אָט דעם צווייטן שריט דאַרף מען וויסן, וואָס דער ערשטער איז געווען.

מען האָט זיך ביי אונדז נעענטער באַקענט מיט דער „דזשוייִש וועלפעיר באָרד“ ערשט אין די לעצטע יאָרן, ווען זי האָט איינגעפירט דעם „חודש פאַרן ייִדישן בוך“ און אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ יערלעכן אַלמאַנאַך וועגן ייִדישן בוך אין דריי שפּראַכן — ייִדיש, העברעיִש און ענגליש. אָט דער אויפטו איז געווען אַ סימן, אַז עפּעס רודערט זיך אין דער „וועלפעיר באָרד“. געשאַפן געוואָרן איז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און איר אויפגאַבע איז געווען צו זאָרגן פאַר די רעליגיעזע און קולטורעלע נויטן פון ייִדישן סאָלדאַט,

אַז יענע מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט זיך די „באָרד" ביסלעכווייז אַריבער־געוואָרפן אויף אַן אַנדער פעלד: העלפן די יידישע צענטערס און די „וואַיס" אין זייערע יידישע קולטור־פּראָגראַמען. ביסלעכווייז האָט זי די אינסטיטוציעס אַרום זיך פאַראייניקט און איז אַליין געוואָרן די צענטראַלע פון 309 „צענטערס" און „וואַיס" מיט אַ האַלבן מיליאָן מיטגלידער. מיט דעם איז אויך געקומען די אחריות פאַר דעם תוך און גאַנג פון די אָנגעשלאָסענע צענטערס.

וואָס איז לכתחילה געווען די פונקציע פון די וואַיס (יאַנג מענס און יאַנג ווימענס היברו אַסאָסיאיישאַנס)? די גרינדער פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס, גרינטלעך־אַסימילירטע יידן, האָבן געהאַט בדעה בלויז אָוועקצונעמען די יידישע יוגנט פון דער גאַס און זי באַזאָרגן מיט פאַרווייַלונגס־פלעצער, כדי זי זאָל נישט אַוועק אויף שלעכטע דרכים. אוודאי זענען אין דעם פּראָגראַם פון די „וואַיס" אַריין אויך כלערליי קורסן, בילדונגס־מעגלעכקייטן, דראַמאַטישע און מוזיקאַלישע טעטיקייטן, אָבער מיט יידיש וויסן און יידישער קולטור האָט עס געהאַט אַ קנאַפּע שייכות. עד־היום זענען די גימנאַסטיק־זאַלן טאַנץ־זאַלן און שווים־באַסיינען אַ סך „פּאָפּולערער" ווי די קולטור־פּראָגראַמען, און די וואָס באַצייכענען די יידישקייט פון די וואַיס, ווי „שווים־באַסיין־יידישקייט" (סווימינג פּול דזשואישנעס) קאָנען נישט צופיל באַשולדיקט ווערן אין לשון־הרע.

אין תוך גענומען, הייסט עס, זענען די „וואַיס" געגרינדעט געוואָרן אויס נויט. ווען די יידישע יוגנט וואָלט געפינען אָפענע טירן אין די קריסטלעכע וואַיס, וואָלט מען אפשר קיין יידישע נישט געדאַרפט. מען איז אַוועק אין אַ „געטאָ" נישט ווייל מען האָט געוואָלט, נאָר ווייל מען האָט קיין ברירה נישט געהאַט, אָבער אין דער „געטאָ" איז מען אויך געבליבן כמעט ווי נישט־יידן אָדער זייער שלאַבערדיקע יידן. אַ ביסל אַנדערש איז עס צוגעגאַנגען מיט די קאָמיוניטי־צענטערס. אייניקע זענען געבויט געוואָרן אַרום סינאַגאָגעס אָדער טעמפּלען און זענען שוין במילא געווען יידישלעך. אָבער די מערסטע פון די וועלטלעכע, סעקולערע צענטערס זענען אין תוך געווען די זעלביקע געצוווּנגענע געטאָס ווי די „וואַיס". מ'איז געגאַנגען אַהין, ווייל מ'האָט פּשוט נישט געהאַט ווו זיך אויסצולעבן, ווייל צו די גוים גיין האָט מען נישט געקאָנט. אָבער די מאָס פון יידישקייט לגבי דער נישט־יידישקייט אין די קולטור־פּראָגראַמען און פאַרווייַלונגען איז עד־היום זייער אַ נעבעכדיקע. עד־היום וועט ביי אַ רעדנער אויף אַן אַלגעמיינער טעמע, אַ נישט־יידישער, זיין אַ געפאַקטער זאַל, און ביים רעדנער אויף אַ יידישער טעמע — זייער שיטער. די כסדרדיקע טענה פון די צענטער־טוערס איז:

וואָס קענען מיר טון, אַז זיי ווילן נישט קיין ייִדישע טעמעס? און עס זענען דאָ אַזעלכע צענטערס, ווו די דירעקטאָרן באַשטייען דווקא, אַז מען זאָל זיך פירן „נאָן־סעקטאַריען". זאָל זיין איין גוי אויף הונדערט ייִדן, אַבי „געמישט".

אָט די סתירה פון „ייִדישע' צענטערס, וואָס לויפן פון ייִדישקייט, האָט די וועלפעיר באָרד דערשפירט און מיט איבער צוויי יאָר צוריק באַשטימט אַ ספּע־ציעלע קאָמיסיע, אָנגעפירט פון די פּראָפעסאָרן סאַלאָ באַראָן און אָסקאַר יאַ־נאָווסקי, אויסצואַרבעטן אַ פילאָזאָפיע און ריכט־ליניע פאַר די צענטערס. ביי דער נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ אין פרילינג, 1947, האָט די קאָמיסיע צוגעשטעלט אַ באַריכט מיט אַ פּראָגראַם, וואָס איז פאַר דער באַוועגונג מיט איר האַלבן מיליאָן מיטגלידער געווען ממש רעוואָלוציאָנער. זעט אויס, אַז אַ היפּשער טייל פון דער באַוועגונג איז צו דער רעוואָלוציע געווען צוגעגרייט, ווייל מען האָט באַשלאָסן דעם פּראָגראַם פאַרצולייגן פאַר די צענטערס. איצט, סוף סעפּטעמבער, האָבן די צענטערס אָפּגעהאַלטן זייער קאָנפערענץ און אָנגענומען די עיקרים פון דער פילאָזאָפיע און דער פּראָגראַם.

פון דעם וואָס איז דערציילט געוואָרן וועגן די צענטערס איז קלאָר, אַז קיין ייִדישער פּראָגראַם וועט פון זיי נישט אָנגענומען ווערן, סיידן זי וועט זיין אין פולן הסכם מיט דער פרומסטער אַמעריקאַנישקייט. דער ערשטער „אני מאמין" הייבט זיך דעריבער אָן אַזוי:

„דער ייִדישער קאָמיוניטי־צענטער האַלט זיך אויף דער הנחה, אַז דער איינצלנער אַמעריקאַנער ייִד איז פולשטענדיק אידענטיפיצירט מיט יעדן אַספּעקט פון אַמעריקאַנער לעבן און אַז די רעליגיעזע און קולטורעלע אַנדערשקייט פון דער ייִדישער גרופּע און אַנדערע ענלעכע גרופּעס האָט די סאַנקציע פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע". ווייטער, הייסט עס, אַז די ייִדישע אינטערעסן פון אַמעריקאַנער ייִדן זענען בלויז אַ צוגאָב צו זייערע אַלגעמיינע אַמעריקאַנער אינ־טערעסן און עס ווערט דערקלערט, אַז די פאַרבינדונג מיטן ייִדישן צענטער איז אַ פרייוויליקע און בלויז אויף צו באַפרידיקן די ספּעציעלע ייִדישע באַדערפענישן.

אָבער אַזוי שנעל ווי עס איז פאַרזיכערט דער הכשר פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע אויף ייִדישקייט — מעג זיין בלויז ווי אַ צוגאָב צו אַמעריקאַנישקייט — קומט דער צווייטער פּונקט, וואָס רעדט שוין אַן אַנדער לשון.

„דער פּראָגראַם פון ייִדישן צענטער דאַרף זיך אָפּגעבן פריִער פון אַלץ מיט ייִדישן אינהאַלט". אַנדערע טעטיקייטן מעגן זיין וויכטיק, אָבער — „דער ערשטער

און שווערסטער טראָפ דאַרף געלייגט ווערן אויף די גייסטיק־קולטורעלע פּאַק־טאָרן, וואָס בילדן דעם ייִדישן שטייגער לעבן".

דער דריטער פּונקט דערקלערט, אַז דער צענטער, ווי אַ דורכאויס ייִדישע אינסטיטוציע, קאָן נישט זיין קיין געמישטער (נאָן־סעקטאַריען). און דער פערטער, צייכנט אָן די הויפּט־פונקציעס פון צענטער אַזוי:

אין דינען ווי אַן אַגענטור פון ייִדישער אידענטיפיקאַציע.

אין דינען ווי אַן אַגענטור פון ייִדישן צונויפבונד (אינטעגראַציע).

דעריבער דאַרף מיטגלידערשאַפט אין ייִדישן צענטער זיין אָפן פאַר דער גאַנצער ייִדישער געמיינשאַפט; קיינער קאָן נישט אויסגעשלאָסן ווערן צוליב דעם, ווייל ער געהערט צו אַזאַ אָדער אַן אַנדער טעמפּל, אָדער צוליב זיינע פּערזענ־לעכע פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע איבערצייגונגען.

אָט דער באַנעם פון וואָרט „אינטעגראַציע" איז שוין געבויט אויף דער הנחה, אַז אַלע זענען מיר „איין פאָלק". אָרטאָדאָקס און אומגלויביקער, רעפּוב־ליקאַנער און סאָציאַליסט — אַלע האָבן מיר גייסטיקע און קולטורעלע ייִדישע אינטערעסן, מיט וועלכע מיר טיילן זיך אָפּ פון די אַנדערע, און פאַר אַלעמען גלייך דאַרף דער צענטער זיין אַ קולטורעלע היים. „וואָס מיר זענען, זענען מיר, אָבער ייִדן זענען מיר". אַז מען וויל, קאָן מען זוכן סתירות צווישן דעם ערשטן „אני מאמין", אַז ייִדישקייט איז בלויז אַ צוגאָב אאַז"וו. אין דער אַל־ייִדישקייט פון דעם אינטעגראַציע־פּונקט, אָבער מען דאַרף די סתירות נישט זוכן. מען דאַרף געדענקען, אַז אַן דעם ערשטן „אני מאמין" ווי אַ בריק פון אַסימילאַציע צו ייִדישקייט, וואָלט דאָס איצטיקע פּראָגראַם נישט געקאָנט אונטערגענומען ווערן. אויך דער גאַנג איבער דער בריק וועט זיין אַ שווערער, ווייל אין פּונקט פינף גיט מען די איינצלנע צענטערס גאַנצע דריי יאָר צייט אָנצונעמען די נייע פּרינציפּן און פּראָגראַם. אויב זיי וועלן נאָכדעם אויף די פּרינציפּן נישט איינגיין, ווערן זיי אויסגעשלאָסן, אָבער דריי יאָר צייט ווערט געגעבן אויף צו צעקייען און אי־בערקאָכן דעם נייעם צוגאַנג צו די פונקציעס פון צענטער, אויף איבערברענען אין זיך די אַלטע אַסימילאַציע און שלום מאַכן מיטן מוז צו זיין ייִדן.

וואָס די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען, איז בלויז אַ צווייטער שריט אין אַ רעוואָלוציע. ס'וועלן דאַרפן קומען אַנדערע, און דער שווערסטער פון זיי וועט זיין פאַר די פּראָגראַם־מאַכערס צו באַשטימען וואָס עס מיינט „ייִדישער איב־

האַלט" און װעלכע זענען עס די „גײסטיק־קולטורעלע פּאַקטאָרן, װאָס בילדן דעם ייִדישן שטײגער לעבן". פֿאַרן אָרטאָדאָקס איז דאָס זײער קלאָר, אָבער פֿאַר יענע, װאָס בויען אַל־פּאַרטײאישע װעלטלעכע ייִדישקײט, איז עס שױן װײַט נישט אַזױ קלאָר. ייִדיש װיסן, ייִדישע געשיכטע קאָנען זײַן אַל־פּאַרטײיִש. פּראָבלעמען פֿון ייִדישן לעבן איבער דער װעלט קאָנען אױך — בלױז אין אַ באַשטימטער מאָס — זײַן אַל־ פּאַרטײיִש. ייִדישע ליטעראַטור און קונסט קאָנען עס אױך זײַן. אָבער אין דעם פּראָגראַם רעדט זיך װעגן „ייִדישן שטײגער לעבן" (דזשױיִש װעי אָװ לאַיף). װאָס דאָס האָט געמײנט אין משך פֿון דורות אין די אַלטע ישובים אין אײראָפּע — איז געװען קלאָר. עס האָט אַרומגענומען אַלץ: פֿון ישיבה־בחורס ניגון פֿון דער גמרא ביז דעם שבתדיקן טשאָלנט. װיפֿל דערפֿון און אין װעלכער פֿאָר־רעם קאָן צוריקגעשטעלט, באַנײַט און אױפֿגעהיט װערן דאָ? פֿון װאָס און מיט װאָס קאָן אַ ייִדישער שטײגער לעבן געמאַכט װערן דאָ?

די פּראָגראַם־מאַכערס אַלײן װעלן די האַרבע שאלה נישט פֿאַרענטפֿערן. אױך די איצטיקע רעװאָלוציע און דער צוריקקער צום „אָבער ייִדן זענען מיר" זענען אױך נישט געקומען פֿון אײנצלנע מוחות אַרױס. היטלער און אַלגעמײנער אַנטיסעמיטיזם, ארץ־ישראל און פּוסטקײט פֿון לעבן דאָ און איבער אַלץ דער דראַנג צו געהערן ערגעץ (טו בילאָנג) — דאָס אַלץ האָט ביסלעכװײַז צוגעגרײט די מענטשן פֿאַרן פּראָגראַם און דאָס פּראָגראַם גופא. אױך דער האַרבער ענין װעגן שטײגער לעבן װעט מוזן געפֿינען זײַן ענטפֿער נישט אין די אײנצלנע מוחות, נאָר אין די אינערלעכע ברױזענישן און דערקענונגען פֿון ייִדישע מענטשן. יענע, װאָס װעלן לעבן און זיך אױסלעבן אין די צענטערס, — זײ װעלן סוף כל סוף אױסבילדן דעם ייִדישן שטײגער דאָרטן.

מיטן חודש פֿאַרן ייִדישן בוך האָט די װעלפֿעיר באָרד זיך לכתחילה אָװעק־געשטעלט אױף דער ברײטער באַזע פֿון אײננעמען אַלץ, װאָס איז ייִדיש־שעפֿע־ריש: העברעיִש, ייִדיש, ענגליש. מיט דער אַל־ייִדישקײט פֿון די צענטערס װערן טירן געעפֿנט נישט בלױז פֿאַרן װאָרט, נאָר אױך פֿאַרן מענטש. װער עס װעט קומען אין דעם צענטער, דער װעט באַאװירקן זײַן פּראָגראַם. ליגט דעריבער די צוקונפֿט פֿון די צענטערס — און די אינסטיטוציעס זענען די אינסטיטוציעס פֿון דער צוקונפֿט — אױך אין אונדזערע הענט, אין די הענט פֿון די, בײַ װעמען דער װילן צו ייִדישן אינהאַלט איז שטאַרקער און קלאָרער, װי בײַ די ערשטע גרינ־דערס פֿון די דאָזיקע צענטערס. מעג זײַן, אַז מיר אַלײן שטײען אױך פֿאַר אַ סך קשיות און רעטענישן, און נישט אױף אַלץ קאָנען מיר געבן אַן ענטפֿער.

ע ס יי ע ן

אָבער דער ווילן איז ביי אונדז קלאָרער. און אַז מיר וועלן געפינען דעם מוט אַרויסצוגיין פון אונדזערע דלד אמות און זיך צונויפלעבן מיט אונדזערע ווייט־לעבערע ברידער, וועלן מיר העלפן זיי און אפשר אויך זיך אַליין. אפשר קאָן אַמאָל דער יידישער צענטער ווערן דער פלאַץ, ווו מיר און דער אָפּגעפרעמדטער יונגער דור זאָלן זיך ווידער באַגעגענען און צוזאַמען טראַכטן: ווי אַזוי לעבט מען דאָ ווי יידן.

ווי זאָלן אַמעריקאַנער ייִדן באַערן די קדושים?

ווערט שטיין אַ מאָנומענט אויף ריווערסייד־דרייוו ביי דער 84סטער גאַס — אַ שטיינערנער מאָנומענט נאָך די מיליאָנען אומגעבראַכטע אין די גאַז־קאַמערן און די גיבורים פון דער וואַרשעווער געטאָ. מען האָט שוין געלייגט דעם ווינקל־שטיין. מיט גרויס פּאַראַד האָט מען עס געמאַכט. און אויף מאָרגן האָט די „טיימס" אין אַן עדיטאָריעל פּרום צוגעוווּנטשן, אַז דער ווינקלשטיין זאָל ווערן אַן „אייביקער פונדאַמענט פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון גודוויל און פאַרשטענדיקונג אין אונדזער אייגן לאַנד און צווישן אַלע פעלקער פון דער וועלט".

ווערט שטיין אַ מאָנומענט אויף ריווערסייד־דרייוו. דזשאָו דייווידסאָן, דער סקולפּטאָר, וואָס האָט געמאַכט ביוסטן פון פּרעזידענטן און אַנדערע גרויסע לייט, ווערט אים אויסהאַקן פון שטיין און ער ווערט אויפגעשטעלט ווערן קעגנאיבער די ריזיקע אַפּאַרטאַמענט־הייזער, מיטן פּנים צום ברייטן האַדסאָן. און אַז די גוטע שעה ווערט קומען און מען ווערט אים דאַרפן אויפדעקן, ווערט מען מסתמא מאַכן נאָך אַ פּאַראַד און ווידער ווערן גלחים און דיפּלאָמאַטן קומען מיט באַגריסונגען און די „טיימס" ווערט זאָגן נאָך אַ גוט וואָרט און מען ווערט ווידער פאַרשפּרייטן גודוויל.

קיין עפנטלעכער אַקט פון אַמעריקאַנער ייִדן האָט מיט אַזאַ נאַיִווער און ערלעכער אומפאַרשעמטקייט נישט דעמאָנסטרירט פאַר אונדז אַליין אין וואָס פאַר אַ נעצן עס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט דאָס ביסל ייִדישע באַוווסטזיין דאָ ביי אונדז.

האָט איר עפּעס געוווסט וועגן דעם דאָזיקן פּאַראַד און האָט מען אייך גע־לאַדן צום וואָרט — אייך: ה. לייוויק און אהרן צייטלין, יעקב גלאַטשטיין און א. לעיעלעס, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי און ישראל אפרת; אייך, וואָס איר האָט, צוזאַמען מיטן קדוש יצחק קאַצענעלסאָן, ז. סעגאַלאָוויטש און, זיי צו לענגערע יאָרן.

עסייען

אברהם סוצקעווער, חיים גראַדע און אַנדערע, אָנגעשריבן די גרויסע איכה אויף די אומגעבראַכטע מיליאָנען? ניין, אייך האָט מען צום וואָרט נישט גערופן. אייך האָט מען נישט געדאַרפט. וועגן אייך האָט מען אפשר גאָר נישט געוווּסט. ווייל ווער זייט איר בסך־הכל? געטאָ־ייִדן! דורך אייערע געהירן איז דורכגעגאַנגען דער גרויל און די מיסטעריע פון אונדזער אומקום און זיין. איר האָט פינצטערע און ברענענדיקע וויזיעס געזען, איר האָט אַליין געוואָלט מיט דער מיסטעריע זיך צונויפגיסן. איז צו וואָס טויגט איר? ווי אַזוי קאָנען זיך אייערע ברענענדיקע ווערטער צונויפפאָרען מיט די ווערטער פון דעם גלח, וואָס קומט מיט דער ברכה פון זיין עמינענץ, קאַרדינאַל ספעלמאַן, דעם פרינץ פון דער קאַטוילישער קירך?! ווי קומט איר צווישן דיפּלאָמאַטן און הויכגעשטעלטע לייט? קאָן מען דען פון אַלע פּערזן אייערע אַרויסקוועטשן כאָטש איין אונץ פון דעם זיסן גודוויל נאָך וועלכן מיר זענען אַזוי להוט?

האָט איר עפּעס געוווּסט וועגן דעם פּאַראַד און האָט מען אייך גערופן צום וואָרט, איר, נתן עק, בערנאַרד גאָלדשטיין, וולאַדקע און אַלע דאָ, וואָס האָבן זיך מיט ניסים געראַטעוועט, כדי אַהערצו ברענגען די צייכנס פון די געטאָ־פייערן, וואָס האָבן זיך אין אייך איינגעברענט? אייך האָט מען אויך נישט געדאַרפט, חייל איר וואָלט דאָך צום פּאַראַד געקומען מיטן פּראָסטן זשאַרגאָנישן לשון, מיטן לשון אויף וועלכן די גיבורים פון דער געטאָ האָבן מקדש השם און מקדש האומה געווען, און ווי וואָלט איר זיך אַריינגעפּאַסט אין די רייד פון די דיפּלאָמאַטן, גלחים און הויכגעשטעלטע לייט?

און איר, פרומע, אַלטמאָדישע ייִדן, וואָס איר האָט טרערן פאַרגאָסן און תעניתים געפּאַסט אויפן חורבן — האָט מען אייך גערופן צו מאַכן דעם טאָג פון פּאַראַד פאַר אַ טאָג פון געדעכעניש, פון תפילות און תענית? אַוודאי נישט! ווייל, וואָס פאַר אַ פּאָר זענען פּאַראַד און תענית? און אפשר האָבן זיי אויך געשפירט, די פּאַראַד־מאַכערס, אַז דאָס, וואָס זיי טוען מוז אייך זיין פרעמד און דערווידער, ווייל עס איז מעשה־גוייִמדיק, ווייל עס איז אַ פאַרלייקענונג פון ייִדישן גאַנג דורך דורות.

***

מיר זענען אַ פאָלק, וואָס איז זאַט מיט חורבנות און קאַטאַסטראָפעס. וואָס פאַר אַ מאָנומענטן האָבן מיר געשטעלט נאָך אונדזערע אומגעקומענע? מיט וואָס האָבן מיר פאַראייביקט די געדעכעניש פון אונדזערע חורבנות?

נאָכן חורבן בית־ראשון האָט יחזקאל געזען די װיזיע פֿון טאָל מיט טויטע ביינער, און דער צווייטער ישעיה האָט דערלייזונג אָנגעזאָגט. און זיבעציק יאָר שפּעטער האָבן עזרה און נחמיה דאָס פֿאָלק צונויפֿגעבונדן אין אַ נייעם בונד מיט דער תורה. אָט די נבואה און די באַנייונג פֿון בונד מיט דער תורה איז געווען דער מאָנומענט נאָכן ערשטן חורבן.

דער צווייטער חורבן האָט זיך נאָך נישט געהאַט פֿאַרענדיקט, ווען יוחנן בן זכאי האָט געגרינדעט די ישיבה אין יבנה, כדי אויפֿן פּלאַץ פֿון דער פֿאַרברענטער אילוזיע פֿון אַ פּאָליטישער מאַכט אויפֿצובויען די מאַכט פֿון דער תורה, וואָס זאָל דאָס צעשאָטענע פֿאָלק צונויפֿהאַלטן. האָט זי זיך איינגעשטעלט, די מאַכט — פֿריִער אין חרובן ארץ־ישראל און שפּעטער אין בבל, און די משנה און דער תלמוד ירושלמי און בבלי זענען געוואָרן דער מאָנומענט נאָכן צווייטן חורבן.

נאָך גירוש שפּאַניע האָט ר׳ יוסף קאַרו דעם „בית יוסף״ פֿאַרפֿאַסט און דערנאָך דעם שולחן־ערוך. און ר׳ חיים וויטאַל האָט אין נאָמען פֿון אר״י יעדעס וואָרט פֿון יעדער תפֿילה אָנגעלאָדן מיט כוונות און שליחותן. בײדע, דער שולחן־ערוך און דעם אר״יס קבלה־מעשיות האָבן זיך פֿאַרשפּרייט בכל תפוצות ישראל און דעם פֿאָלק אַ נייעם אָנהאַלט און אויפֿהאַלט געגעבן. נאָך גזירת ת״ח ות״ט איז אויפֿגעקומען פֿריִער דער פֿאַלשער שבתי־צבי און דערנאָך דער אמתער ר׳ ישראל בעל־שם־טוב און אָנגעצונדן אַ תורה פֿון ווילן און פֿרייד אין די געפּאַלנסטע פֿון פֿאָלק. דאָס זענען געווען די מאָנומענטן נאָך גירוש שפּאַניע און גזירת ת״ח ות״ט.

ווייל יעדער חורבן, יעדע קאַטאַסטראָפֿע איז ביי ייִדן באַטראַכט געוואָרן פֿאַר אַ נסיון. און נאָך אַ נסיון גייט מען נאָכזוכן די אייגענע דרכים און מען זוכט אין זיך נייע שטאַרקייט צו קענען דעם נסיון אויסהאַלטן. און ייִדן האָבן אַלעמאָל געגלויבט, אַז די שטאַרקייט איז פֿאַראַן — אין אונדז אַליין, אין אונדזער תורה. אויב מיר געפֿינען זי נישט, דאַרף מען בעסער, גרינטלעכער זוכן; טיפֿער, העכער באַנעמען. דורך די נסיונות איז אונדזער אמונה דערהויבן און פֿאַרטיפֿט געוואָרן; דורך זיי האָט זיך דער איינצלנער מענטש געלייטערט און איז געקומען צו טיפֿערער דערקענונג פֿון זיין גורל און אחריות, און דאָס פֿאָלק האָט זיך ענגער צונויפֿגעקניפּט אין אומגליק און נסיון און געשאַפֿן די געבונדנקייט, וואָס מיר רופֿן „ייִדישקייט״.

האָט געפֿעלט גבורה און קדושה אין אַלע געשיכטלעכע נסיונות פֿון חורבן בית־ראשון ביז גזירת ת״ח ות״ט? איז ייִדן אַמאָל איינגעפֿאַלן צו שטעלן שטיי־

נערנע אָדער בראָנזענע מאָנומענטן נאָך די עשרה הרוגי מלכות, נאָך די אומ־געקומענע אין די שלאַכטן מיט די קרייץ־טרעגער, נאָך די פאַרברענטע אויף די שייטער־הויפנס? קינות און תפילות און פּיוטים זענען די מאָנומענטן געבליבן. ווייל דענקמאָלן פון שטיין און בראָנז זענען מעשה גויים. יענע וואָס בויען זיך פעסטונגען פון גראַניט און פירן מלחמה מיט געשלייפטן מעטאַל — זיי שטעלן אויך זייערע העלדן מאָנומענטן פון שטיין און מעטאַל. אונדזער פעסטונג איז געווען אמונה און אונדזער וואָפן דאָס וואָרט — פון זיי האָבן מיר אויך מאָנו־מענטן געשטעלט פאַר אונדזערע גיבורים און קדושים.

און אויך נאָך דעם איצטיקן חורבן, ווען מען האָט אין ארץ־ישראל שוין יאָ פאַרטראַכט אַ מאָנומענט לויט פּלענער פון קינסטלער — וואָס דאַרף עס זיין? אַ ריזיקער בנין, וואָס זאָל אין זיך אַריינעמען אַלע אַרכיוון, אַלע דאָקומענטן און געשיכטלעכע מאַטעריאַלן וועגן די אומגעקומענע קהילות; אויך אַ ביבליאָ־טעק, לייען־זאַלן, אַ ישיבה, אַן אַקאַדעמיע. אויף אַ באַרג אין ירושלים זאָל שטיין נישט אַ שטיינערנער גולם, נאָר אַ בנין, וואָס זאָל אויפהיטן דאָס וואָרט, די גע־שיכטע פון די יאָרהונדערטער לעבן אין די אומגעבראַכטע קהילות. און דער בנין זאָל אויך זיין אַ בית־ועד פאַר אַלע די, וואָס ווילן די געשיכטע לערנען, פאַרשן און נייע ווערטן שאַפן פון דעם, וואָס איז חרוב געוואָרן. דאָס דאַרף זיין דער „יד ושם“ אין ארץ־ישראל.

אָבער די אמתע יורשים פון די אומגעקומענע מיליאָנען זענען מיר דאָך, מיר, וואָס מיט אונדזער צאָל האָבן מיר ווידער געשאַפן אַ ישוב אַזוי גרויס ווי ס׳איז געווען דער אומגעבראַכטער. דער המשך פון גרויסן יידישן לעבן צווישן די פעלקער זענען מיר, נישט ארץ־ישראל. און פונעם ערשטן מאָמענט זינט עס איז באַקאַנט געוואָרן די גרויס פונעם חורבן, האָט מען ביי אונדז געוווסט וואָס ער מאָנט פון אונדז: פאַרצענפאַכן אונדזער אייגענעם געראַנגל פאַר יידישן קיום. עס וועט מער נישט קומען קיין תורה פון ווילנע און וואַרשע — אין ניו־יאָרק און שיקאַגאָ דאַרף זי געשאַפן ווערן. שיפן וועלן מער נישט ברענגען קיין שריי־בער און לערער און קינסטלער, וואָס זאָלן דאָ ווערן פּאָעטן, טוער, פאָלקס־פאַרזאָרגער, רבנים און ראַבאַיס — מיר אַליין דאַרפן זיי אויסהאָדעווען. דער ניגון, די התעוררות פון אַ יידיש לעבן וועט זיך מער נישט אַריבערטראָגן פון דאָרטן — מיר מוזן זיך אַן אייגענעם יידישן ניגון שאַפן. איז וואָס האָט עס געמיינט? אַ גאַנג צו זיך און די העפטיקסטע מילחמה מיט אַלץ, וואָס צעשטערט אונדז פון אינעווייניק און פון דרויסן. עס האָט געמיינט אַ מילחמה פון טויזנטער

רבנים און ראַבאַיס, לערער, רעדנער, טוער מיט דער אַסימילאַציע, וואָס צע־דריבלט אונדז. עס האָט געמיינט הונדערטער נייע קינדער־שולן, מיטלשולן, הויכשולן, קורסן. עס האָט געמיינט פאַרלאַגן פאַר ביכער מיט קאַמפּאַניעס פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון די ביכער. עס האָט געמיינט אַ מילחמה מיטן קריסטמעס־בוים און אַלע אַנדערע פרעמדע זיטן און מנהגים, וואָס האָבן זיך אין ייִדישן הויז אַריינגעריסן. עס האָט געמיינט אַ פּראָנט־אַטאַקע אויף אַלץ, וואָס רייסט אָפּ פון אונדז די יוגנט. עס האָט געמיינט — ווידער שאַפן אַ בונד צווישן פאָלק און זיין תורה — וואָס פאַר אַ זין עס זאָל אין דעם וואָרט „תורה" נישט אַריינגעלייגט ווערן. קיינער האָט נישט דערוואַרט קיין רעוואָלוציע אין דער ייִדישער אַמעריקע, קיין מאַסן־גאַנג צו תשובה אין אַ יאָר און צוויי. נאָך קיין שום פריערדיקער חורבן איז די תשובה און דער נייער בונד מיט דער תורה נישט געקומען אויף מאָרגן. אויך דאָ וועט עס דויערן דורות. אָבער זאָל דער דור פון היינט, דער דור וואָס איז געווען אַן עדות פון חורבן, וויסן, אַז ער לייגט דעם פונדאַמענט, אַז ער וויזט דעם דור פון מאָרגן מיט וואָס און ווי אַזוי ער קען זיין המשך בויען.

און אויב שוין אַ מאָנומענט, האָט דאָך עס ווייניקסטנס געקענט זיין עפּעס פון דעם מין, וואָס ווערט געבויט אין ארץ־ישראל — מיר דאַרפן עס מער ווי דאָרט. ווערן דאָך שוין ווייטער מיליאָנען און מיליאָנען דאָלאַרס אויסגעגעבן אויף נייע צענטערס מיט נייע טאַנץ־זאַלן און גימנאַסטיק־זאַלן און שווים־פּלעצער ווערן דאָך מיליאָנען יעדעס יאָר אויסגעגעבן אויף כלערליי לאָקאַלע צוועקן. האָט מען אויך דאָ נישט געקענט פאַרטראַכטן אַ צענטראַלן אינסטיטוט פון אַ ייִדישער תורה און קולטור — אַ גראַנדיעזן ייִדישן אוניווערזיטעט און מוזיי און אַרכיוו און פאַרלאַג — עפּעס וואָס זאָל סימבאָליזירן דעם פינף־מיליאָניקן ישוב מיט זיין ווילן און דראַנג צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ וואָס אים קומט אין דער ייִדישער געשיכטע; אַן אוניווערזיטעט, וואָס זאָל העלפן צושטעלן די לערער און די טוער, וואָס זאָל הייבן די חשיבות פון ייִדישן לערנען אין די אויגן פון דער אָפּגעפרעמדטער יוגנט.

אָבער דאָס וואָלט דאָך געמיינט גיין צו זיך און טראַכטן וועגן אייגענעם היסטאָרישן המשך. און ווי קען מען גיין צו זיך, אַז מ'האָט דעם גאַנצן גאַנג צו היסטאָרישער ייִדישקייט איבערגעלאָזט פאַר די ייִדן אין ארץ־ישראל, און דאָ לעבט מען נישט מער אין זיך און מיט זיך, נאָר פאַרן דרויסן, פאַר דער גאַס, פאַרן אַמעריקאַנער מאַרק. דער ראַבאַי וואָס האַלט אַ דרשה אין זיין טעמפּל, רעדט, דאַכט זיך, צו ייִדן, אָבער די תשוקה און דער חלום זיינער איז, אַז ער

זאָל זיך קענען דערשלאָגן צו אַ פּאָר פּאַראַגראַפן פון זיין דרשה אין דער „טאַימס" און די דרשה ווערט פאַרפּאַסט מיט אַן אויג אויף דעם, אַז זי זאָל זיך אַריינפּאַסן אין דער „טאַימס". וואָס פאַר אַ פּנים קען האָבן דער כלומרשטער ייִדישער תוך ווען ער דאַרף כּסדר שטימען מיטן גוסט פון אַמעריקאַנער מאַרק? אונדזערע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס רייסן זיך נישט און קאָנקורירן נישט צווישן זיך, אין די גרענעצן פון אַ פאָלקס־לעבן, נאָר טראָגן די קאָנקורענץ און די רייסע־רייען אַרויס אין דרויסן, און דער דרויסן ווערט דער שופט צווישן זיי. און די מגפה פון גודוויל האָט דאָך אַוודאי און אַוודאי אַרויסגעטראָגן אַלץ אין דרויסן אַריין. איז נישטאָ מער קיין „מיר", קיין „ביי אונדז", קיין „צווישן זיך". אַלץ שטייט מיטן פּנים צום דרויסן און טענהט, בעט זיך, חלשט ממש, אַז מען זאָל קענען זאָגן: „מיר ביי אייך", „מיר צווישן אייך", „מיר מיט אייך". און אַז עס קומט אַ חורבן, אַז אַ דריטל פון פאָלק ווערט אויסגעראָטן, אַז עס עפנט זיך אַ תהום, וואָס די וועלט האָט נאָך נישט געזען און פון דעם תהום שיינט אַרויס אַ קדושה, וואָס איז אונדזער אַנהאַלט און אויפהאַלט — אונדזער אַנהאַלט און אונדזער אויפהאַלט — קען מען אויך אַנדערט נישט טראַכטן ווי נאָר: ווי אַזוי קויפט מען זיך פאַר דער דאָזיקער קדושה איין אַ ביסעלע גודוויל. וועלן קינות און תפילות ברענגען גודוויל? וועט אַ קריג מיט דער אַסימילאַציע ברענגען גוד־וויל? וועט אויפהאַלטן פון היסטאָרישן המשך ברענגען גודוויל? אַז מען טראַכט נאָר וועגן איינקויפן זיך אין חן ביי גוים, מוז מען טראַכטן גוייִש. און אויף גוייִש, אויף געצנדינער־גוייִש, מוז פון די קדושים אין די גאַז־קאַמערן און די גבורים פון דער געטאָ ווערן „אַן אומבאַקאַנטער סאָלדאַט", און דעם „סאָלדאַט" דאַרף מען שטעלן אַ אַ שטיינערנעם מאָנומענט, און דעם פאַראַד ביים לייגן דעם ווינקל־שטיין וועט מען קענען פאַרקויפן פאַר אַ היפּשער פּאַרציע גודוויל: מיט מעדאַלן און דיפּלאָמאַטן און אַ קאַטוילישן גלח און אַ פּראָטעסטאַנטישן גלח.

*****

קונסט־קענער ווייסן מסתמא ווי טיף און אָריגינעל אַ סקולפּטאָר עס איז דזשאָו דייווידסאָן. אָבער ווען ער וואָלט געווען אַ ייִד און מען קומט צו אים מיט אַ באַשטעלונג פון אַ דענקמאָל פאַר די מיליאָנען אומגעבראַכטע און די גיבורים פון דער געטאָ, וואָלט ער געזאָגט:

— לאָז מיך אָפּ! עס זענען דאָ אַזעלכע אימהדיקע הייליקייטן, צו וועלכע אַ קינסטלער טאָר זיך נישט צורירן. ווי קען איך וואַגן זיך צו פאַרמעסטן אויף

אַן אײנציקער געשטאַלט, וואָס זאָל סימבאַליזירן אַפילו אַ שאָטן פון דעם תהום פון אומקום, אַפילו אַ שטראַל פון דער גבורה פון געטאָ?

און ער וואָלט געזאָגט:

— אויף פאַר דעם אומבאַקאַנטן סאָלדאַט, דעם פשוטן זעלנער פון שלאַכט־פעלד, האָט מען אין פאַריז בלויז אַ נר־תמיד אָנגעצונדן. ווי קען איך וואָגן אויס־שטאַלטן עפּעס, וואָס זאָל איבערגעבן כאָטש אַ ציטער פון דעם גאַנג פון די טהורים וקדושים?

אָבער ער האָט עס נישט געזאָגט. דער חילול־הקודש האָט אים נישט אָפּ־געשטעלט.. דער ײדישער גאַנג פון אַלע דורות איז נישט אויפגעקומען אַרויס־צורופן אין אים אַ דערווידער־געפיל, אפשר גאָר אַ צאָרן־געפיל, קעגן דער גוײשקייט פון דעם געדאַנק פון אַ שטײנערנעם מאָנומענט. פאַרוואָס זאָל ער זײן בעסער, ײדישער, ווי די וואָס זענען צו אים געקומען מיט דער באַשטעלונג? פאַר אים אויך איז עס אַ טעמע פון אַ „העלד" — אַ העלד פון דער געטאָ. אויף העלדן פאַרשטייען זיך אַלע: אי די ײדן, וואָס וווינען אין ריווערסייד־דרייוו, אי די נישט־ײדן. און אַ „העלד" אויף ריווערסייד־דרייוו דאַרף שטײן אַזוי, אַז ער זאָל זיך אַרויס־זען פון צווישן די גרינע ביימער, אַז ער זאָל קענען טראָגן אויף זיך אי דאָס ליכט פון הימל, אי דעם אָפּשײן פון ברייטן האָדסאָן. און פאַרשטייט זיך, אַז דער העלד דאַרף ניטש איבערשרעקן די מאַמעס מיט די קליינע קינדער און די יונגע פאָרלעך, וואָס שפּאַצירן אויפן דרייוו — ער דאַרף זײן אַ נאָבעלער העלד, אַ העל־דישער העלד. וועט ער שוין מסתמא זײן אַזאַ און וועט זײן גוט פאַר אַלעמען: פאַרן האָדסאָן און פאַרן גרינס, פאַר די גלחים און פאַר די ײדן, וואָס וווינען אַרום דרייוו, פאַר די מאַמעס מיט די קינדער און פאַר די פאַרליבטע פאָרלעך.

וועלן אַמאָל טאַטעס פירן זײערע קינדער און לערער זײערע תלמידים צו דעם מאָנומענט, כדי זיי צו דערציילן די געשיכטע פון חורבן, פון קדושה און גבורה? אפשר... אָבער אַ מאָנומענט אויפן חורבן וועט עס זײן. נישט אויפן חורבן דאָרטן, נאָר אויפן חורבן דאָ ביי אונדז — אויפן חורבן פון ײדישן דרך און ײדישן טראַכטן, פון וועג צו זיך און וועג צו די אבות. עס וועט זײן אַ מאָנו־מענט, וואָס וועט דערציילן ווי ווייט מיר קענען זיך פאַרלירן, אַז מיר זענען גרייט אויך דעם מוראדיקסטן נסיון אונדזערן אַרויסצוטראָגן אויפן מאַרק, כדי פאַר אים אײנהאַנדלען אַביסעלע גודוויל.

געשפּאָלטענע פּערזענלעכקייטן

1.

וואָס נעענטער מ׳באַקענט זיך מיטן טראַכטן פון אַמעריקאַנער יידן — פון די בעסטע צווישן זיי — אַלץ אָפטער שטויסט מען זיך אָן אויף אַ דערשיינונג, וואָס האָט נישט קיין אַנדער נאָמען ווי „געשפּאָלטענע פּערזענלעכקייט“. דורך די מוחות פון אָט די יידן גייט ערגעץ אַ שאַרפע ליניע, וואָס טיילט פאַנאַנדער זייערע צוויי מינים יידישקייט. פון איין זייט ליניע ליגן די אינטערעסן פון ארץ־ישראל, פון די יידן אין אייראָפּע. דאָרט איז מען מוטיק, ווירדיק, מיט טיפער פאַרשטענדעניש און אַפילו מיט ווייטער וויזיע. פון דער צווייטער זייט ליניע ליגן די אינטערעסן פונעם יידישן קיום אין אַמעריקע. שפּאַנט מען נאָר אַריבער אויף דער צווייטער זייט, ווערט מען אָרעם אין געדאַנק, ביטער־קאָנסערוואַטיוו און דאָגמאַטיש.

אַ קלאַסישער מוסטער פון אָט דער געשפּאָלטנקייט איז די פּראָגראַם־רעדע, וואָס דער פּרעזידענט פון דער אַמעריקען דזשויש קאָמיטע, ריכטער דזשאָזעף פּראָסקאַוער, האָט געהאַלטן ביי דער לעצטער 41סטער יערלעכער קאָנפערענץ. די רעדע באַשטייט פון צוויי אומגלייכע טיילן: צוויי דריטל וועגן ארץ־ישראל און דער שטעלונג פון אַמעריקאַנער יידן צו די פּראָבלעמען פון דער יידישער מדינה, און דאָס לעצטע דריטל וועגן אינערלעכע אַמעריקאַנער־יידישע ענינים. די אומגלייכקייט גייט נישט נאָר אויף דעם כמות. פון ערשטן טייל טרעט אַרויס אַ שטאָלצער און ווירדיקער קלוגער ייד, וואָס האָט פאַרוואָרפן אַלע זיינע שרעקן און פאָראורטיילן און קומט אויך צו אַמעריקע מיט שאַרפע, לאָגישע תביעות. פונעם צווייטן טייל — אַ בייזער, ברוגזער קאָנסערוואַטאָר, וואָס קען נישט קאָנטראָלירן

זײַן שפּראַך און פֿאַלט אַרײַן אין שימף־ווערטער דאָרט ווי די לאָגיק פֿון טענות ווערט הינקעדיק.

ס'איז אַ מערקווירדיקע צווייענדיקייט. פֿון אָט דער צווייענדיקייט האָט דאָס איבערלעבכע ייִדישע לעבן אַ סך געליטן ביז איצט און עס וועט ווײַטער לײַדן. מען דאַרף זיך מיט איר באַקענען.

.2

עס איז באמת אַ נחת צו לייענען דעם ערשטן טייל פֿון ריכטער פּראָסקאַוערס רעדע. זײַן גרונט־הנחה איז, אַז נאָכדעם ווי די „און" האָט אָנגענומען איר באַשלוס (פֿון דעם 29סטן נאָוועמבער) איז מער נישטאָ קיין גרונד פֿאַר ביטערקייט און סיכסוכים צווישן ציוניסטן און נישט־ציוניסטן. אַלע זענען גלייך מחויב צו העלפֿן דעם ישוב זיך בויען עקאָנאָמיש, קולטורעל, גייסטיק. נאָך גרעסער איז אונדזער חוב זיי צו העלפֿן איצט, ווען די ערב־מלוכה איז שוין אַרײַנגעוואָרפֿן געוואָרן אין דעם שוידער פֿון גוואַלדטאַטן און בלוט־פֿאַרגיסונג.

מיט שטאָלץ און פֿולער אחריות פֿאַר זײַן אַמעריקאַנער ייִדישקייט וואַרפֿט ריכטער פּראָסקאַוער אָפּ די טענות פֿונעם „קאָונסיל אָוו דזשודאַיִזם" (כאָטש ער רופֿט אים נישט אָן ביים נאָמען), אַז די ייִדישע מלוכה אין ארץ־ישראל שאַפֿט פֿאַר אַמעריקאַנער ייִדן אַ פּראָבלעם פֿון דאָפּלטער לאָיאַליטעט. נישטאָ אַזאַ פּראָבלעם, זאָגט ער. מיר לײַדן נישט פֿון פּאָליטישער סקיזאָפֿרעניאַ, געשפּאָלטענע פּערזענלעכקייט. מיר זענען ביין פֿון ביין און לייב פֿון לייב פֿון אַמעריקע. אָבער דאָס מיינט נישט, אַז ווי אַמעריקאַנער און ווי ייִדן האָבן מיר נישט דאָס רעכט צו פֿאָדערן פֿון אונדזער רעגירונג יושר און הילף פֿאַר דער ניי־געבוירענער מלוכה. עס איז אונדזער רעכט און חוב צו ברענגען צום שטאַטס־דעפּאַרטאַמענט דעם פֿולן זין פֿון די איצטיקע בלוט־פֿאַרגיסונגען אין ארץ־ישראל. ייִדן זוכן נישט קיינעם צו אַטאַקירן און באַהערשן. זיי באַשיצן פּשוט זייערע לעבנס און זייערע היימען.

האָבן מיר דאָס רעכט צו מאָנען פֿון אונדזער רעגירונג, אַז זי זאָל פֿאַר־לאַנגען פֿון זיכערקייט־ראַט צו באַשאַפֿן אַ געהעריקע (אינטערנאַציאָנאַלע) אַרמיי צו באַשיצן ייִדן קעגן אַטאַקעס און העלפֿן דורכפֿירן דעם באַשלוס פֿון דער „און". און מיר האָבן דאָס רעכט צו פֿאַרלאַנגען פֿון אונדזער רעגירונג, אַז ביז אַזאַ אַרמיי ווערט באַשאַפֿן, זאָל אַראָפּגענומען ווערן די עמבאַרגאָ אויף שיקן וואָפֿן קיין ארץ־ישראל. דאָס מינדסטע, וואָס קען געטון ווערן ביז אַן אַרמיי וועט אָנ־

קומען קיין ארץ־ישראל, איז נישט אָפּצוזאָגן געווער צו יענע, וואָס באַשיצן אַ זיך, אי דעם באַשלוס פון דער „און".

און עס איז דאָ אויך ידישע — תנ"כישע — וויזיע אין ריכטער פּראָסקאָווערס פאָרשטעלונג פון דער קומענדיקער ידישער מלוכה. ידישע מאָראַל איז געווען דער גרעסטער צושטייער צו דער וועלט, און די בירגער פון דער נייער מלוכה דאַרפן העלפן אויפלעבן דעם גרויסן עטאָס (גייסטיקן פאַרמעגן) וואָס איז געבוירן געוואָרן פון דער ידישער אמונה. דער פּרינציפּ „ואהבת לרעך כמוך" דאַרף זיין די מאָראַלישע באַזע, אויף וועלכער עס זאָל שטיין די מלוכה.

מען לייענט דעם דאָזיקן טייל פון דער רעדע און מען קריגט דרך־ארץ פאַר דעם ידן, וואָס קען מאַכן אַזוי פיל אי פון אַנדערע, אי פון זיך אַליין.

3.

גאָר אַן אַנדער מענטש הייבט אָן צו רעדן, ווען ער קומט צום ענין אַל־ידישע אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ. ער איז בייז, ער קען זיך נישט קאָנטראָלירן. די פאָרגעשלאָגענע אַלגעמיינע וואַלן צו אַזאַ רעפּרעזענטאַנץ הייסן ביי אים: „די פאַנטאַסטישע פּראָבעס צו האַלטן ידישע וואַלן אין אַמעריקע". און נאָכאַמאָל: די „אַזוי־גערופענע וואַלן", און ווידעראַמאָל „די טראַגי־קאָמעדיע פון די אַזוי־גערופענע וואַלן". וואָס איז שייך דער אינערלעכער דעמאָקראַטיע אין ידישן לעבן, אין נאָמען פון וועלכער מען וויל דורכפירן וואַלן, זאָגט ער: „עס קען נישט זיין קיין גרעסערע פּערווערזיע (קאַריקאַטור) פון אמתן גייסט פון דעמאָקראַטיע"... אַזאַ אופן שאַפן ידישע אייניקייט וועט בלויז ברענגען צו גרעסערער „צעריסנקייט און חילוקי־דעות". און עס קומט אויס ביי אים, אַז די אַל־ידישע רעפּרעזענטאַנץ זוכט נישט מער און נישט ווייניקער ווי צו שאַפן אַ מלוכה אין אַ מלוכה. „עס קען נישט זיין ידישע אָפּגעגרענעצטע טעריטאָריע (ענקלעיוו) אין די גרענעצן פון אַמעריקע. נאָך מער, עס טאָר אַפילו נישט זיין קיין אַנדייט אויף אַזאַ אָפּגעגרענעצטער טעריטאָריע".

עס איז גרינג צוצוגעבן, אַז נישט די וואַלן צום ידישן קאָנגרעס בעת דער ערשטער וועלט־מילחמה, און נישט די וואַלן צו דער ידישער קאָנפערענץ בעת דער צווייטער מילחמה האָבן אויסגעהאַלטן אַלע פאָדערונגען פון דעמאָקראַטיע בכל פּרטיה ודקדוקיה. מען ברענגט נישט אַריין קיין דעמאָקראַטיע אין אַ פאַלק

איבערנאַכט, בפרט נאָך ווען עס זענען כסדר פאַראַן גרופּעס, וואָס שטערן. אָבער אַן אויסדרוק פון פאָלקס־ווילן זענען יענע וואַלן געווען. דאָס איז זיכער, און קיינער האָט נישט באַשולדיקט די אויסגעקליבענע קערפּערשאַפטן, דעם קאָנגרעס און די קאָנפערענץ (אין וועלכע די קאָמיטע האָט זיך, אגב, צייטווייליק באַטייליקט), אַז זיי בילדן אַ מלוכה אין אַ מלוכה. פונקט ווי מען באַשולדיקט נישט דערין דעם פויליש־אַמעריקאַנישן קאָנגרעס, אָדער די אַמעריקען פעדערייזשאָן אָוו לייבאָר, אָדער אין ענגלאַנד די „באָרד אָוו דזשויִש דעפּיוטיס״ — אויך אַן אַל־ייִדישע דעמאָקראַטישע רעפּרעזענטאַנץ.

מען וואָלט געקענט רעדן וועגן אַ „מלוכה אין אַ מלוכה״, ווען די אַל־ייִדישע רעפּרעזענטאַנץ פירט אַ באַזונדערע אינלענדישע און אויסלענדישע פּאָליטיק, וואָס גייט להיפּוך צו דער פּאָליטיק פון אַמעריקע. אָבער די פּאָליטיק פון דער רעפּרעזענטאַנץ, אויב מען זאָל נעמען די ייִדישע קאָנפערענץ פאַר אַ משל, האָט צו טון געהאַט מיט די זעלביקע ענינים, מיט וועלכע עס האַנדלט פּאָליטיש די אַמעריקען דזשויִש קאָמיטע. איז ווען די קאָמיטע גייט צום שטאַטס־דעפּאַרטאַמענט, איז עס כשר, אָבער ווען די רעפּרעזענטאַנץ וועט גיין, וועט עס ווערן טריף. אַז די אַמעריקען דזשויִש קאָמיטע פאַרבינדט זיך מיט דער „אַריסטאָקראַטיש״־אַסימילאַטאָרישער „אַנגלאָ־דזשויִש אַסאָסיאיישאָן״ און מיט דער פראַנצויזיש־יאַהודימשער „אַליאַנס־איזראַעליט״, איז עס כשר, אָבער אַז די רעפּרעזענטאַנץ וועט זיך פאַרבינדן מיט דער „באָרד אָוו דזשויִש דעפּיוטיס״ און ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, וועט עס ווערן טריף.

האַלט ריכטער פּראָסקאַוער, אַז עס איז נישט טריף אַזוי לאַנג ווי מען גייט און ווי מען טוט ווי באַזונדערע קערפּערשאַפטן. זיבן באַזונדערע ייִדישע דעלעגאַציעס וועגן איין און דעם זעלביקן ענין, וואָס פאַרשטענדיקן זיך, זענען גוט. אָבער זאָל חס וחלילה ווערן איין דעלעגאַציע, וועט עס נישט טויגן. פאַרוואָס? ווייל דאַן וועט עס הייסן „איינ׳יקייט״, און איינ׳יקייט איז ביי אים פאַרבונדן מיט איין־פּנימדיקייט. צאָרנט ער: „יוניטי איז נאַט יוניפאָרמיטי״. אָבער וועלכער חסר־דעה האָט ווען עס איז געזאָגט, אַז אין אַן אַל־ייִדישער רעפּרעזענטאַנץ מוזן אַלע יוונים האָבן איין פּנים? ווער האָט אויסגעטייטשט איינ׳יקייט אַזוי, אַז חילוקי־דעות און פּערזענלעכע איבערצייגונגען מוזן פאַרשווינדן?

און דעם פּרעזידענט פון דער קאָמיטע איז זיכער באַקאַנט די איינ׳יקייט און אַפילו די דעמאָקראַטיע (אויב זי איז עס), צו וועלכער עס שטרעבן די וועלפעירבאָרדס, לאָקאַל און נאַציאָנאַל. און אויב מען זאָל מורא האָבן פאַר ייִדישער איי־

ניקייט, מוז מען גלייך אויפרייסן דעם „יוניטעד דזשויש אַפּיל", ווייל אין אים איז אייניקייט אַבסאָלוט דערגרייכט געוואָרן. דער „יוניטעד דזשויש אַפּיל" איז דאָך אַן אמתע „מלוכה אין אַ מלוכה". פאַרוואָס איז ער כשר? דער תירוץ איז, ער האָט צו טון מיט הילף און אויפבוי, בלויז מיט די ייִדן פון יענער זייט ים, און ער רירט לחלוטין נישט אָן דאָס אינערלעכע לעבן פון ייִדן דאָ. אויב אַזוי איז אין אים קיין געפאַר נישטאָ און ער איז נישט קיין „ענקלעיוו". עס גייט אַלזאָ נישט אין אייניקייט, אַזוי לאַנג ווי די אייניקייט איז בלויז פונקציאָנעל. עס גייט בלויז אין דער אייניקייט, וואָס קען חלילה באַשאַפן דעם איינדרוק פון אַ ציל־באַוווּסטן, געבונדענעם קיבוץ פון אַ פאָלק. אָט דאָס טאָר נישט זיין.

4.

איז דאָ קומען מיר צום פסוק.

די אַמעריקען דזשויש קאָמיטע איז דערגאַנגען צו אַ וויזיע פון ייִדישער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ אין ארץ־ישראל. דאָס איז אַ גרויסע דערגרייכונג. זי איז דערגאַנגען צו אַן אחריותדיקער און ווירדיקער שטעלונג בנוגע צו דער ייִדישער מלוכה. זי איז נישט דערגאַנגען צו קיין וויזיע פון אַ ייִדישן קיבוץ אין אַמעריקע און זי האָט מורא דערפאַר. זי ווייסט, אַז ייִדן דאַרפן זיין ביין פון ביין און פלייש פון פלייש פון אַמעריקע. אָבער ווי אַזוי זיי קענען אויך ווערן ביין פון ביין פון פיר־טויזנט־יעריקן ייִדישן פאָלק — דאָס ווייסט זי נישט. אין איר ערנסטן זשור־נאַל „קאָמענטאַרי" לאָזט זי מענטשן רעדן וועגן דעם און ברענגט אַרויס כלערליי שטאַנדפּונקטן. אָבער וויסן ווייסט זי נישט. ווען עס קומט צו ייִדן און ייִדישקייט באַנוגנט זי זיך מיט פאַרעווע, סקאַרבאָווע פסוקים פון די ראַבאַיס וועגן ייִדישער אמונה און אַלמענטשלעכע אידעאַלן, אָבער קיין פאַרשטעלונג פון אַן אָרגאַניזירטן לעבן, וואָס זאָל באַפעסטיקן ייִדישע עקזיסטענץ — דאָס האָט זי נישט.

ייִדן אין אַלע דורות האָבן געפונען די פאָרעם, אין וועלכער זיי האָבן אויפ־געהאַלטן אַ פאָלקס־לעבן — קהילות. אַלע פּאָליטישע רעזשימען האָבן די קהילה אָנערקענט, און די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע וואָלט זי אויך אָנערקענט, ווייל די קהילה איז נישט קיין פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, נאָר אַ ווירטשאַפטלעך־קול־טורעלע אין די ראַמען פון ריין ייִדישן לעבן. אָבער די קהילה וואָלט געדאַרפט קאָנטראָלירן גרויסע צווייגן פון ייִדישער טעטיקייט, וואָס זענען איצט פּריוואַטע

טעריטאָריעס — פילאַנטראָפּיע, ייִדישע פּאָליטיק, שוץ קעגן אַנטיסעמיטיזם. און דערהויפּט ייִדישע דערציִונג. נאָך ערגער: די קהילה וואָלט געוואָרן אַ סימבאָל פון ייִדישער געבונדנקייט. דערפאַר האָט מען מורא — דאָס וויל מען נישט דערלאָזן.

ריכטער פראַסקאָוער האָט אין אָנהייב פון זײַן פּראָגראַם־רעדע זיך פאַררופן אויף ייִדישע היסטאָרישע נסיונות אין גלות־מצרים, גלות בבל, שפּאַנישער אינקוויזיציע אאַז״וו. איז אים מסתמא באַקאַנט פון דער געשיכטע אויך, אַז ייִדן זענען בײַגעקומען די נסיונות נישט בלויז מיטן בטחון, וועגן וועלכן ער רעדט. זיי האָבן צו דעם בטחון אויך געהאַט אַן אָרגאַניזאַציע — אַ פעסטע פאָרעם פון נאַציאָנאַלער צוגעבונדנקייט. זיי האָבן דערצויגן קינדער אין ייִדישקייט. זיי האָבן געפירט מילחמה מיט דער אַסימילאַציע. זיי האָבן געלעבט ווי ייִדן. אַנדערש וואָלטן זיי די נסיונות נישט בײַגעקומען. צדקה און זאָרג פאַר אַנדערע ייִדן זענען אויס געווען אַ טייל פון זייער ייִדישקייט. אָבער מיט צדקה אַליין וואָלטן זיי קיין ייִדן נישט געבליבן. אָבער פון אַמעריקאַנער ייִדן נעמט ריכטער פראַסקאָוער צו דעם מעכטיקסטן וואָפן פון זייער המשך — די אַל־ייִדישע אָרגאַניזירטקייט. ער וויל זיי נישט שענקען דעם באַגריף פון אַ היסטאָרישן קיבוץ. ער האָט מורא אויפצושטעלן איבער זיי אַ גײַסטיקן אויטאָריטעט, וואָס זאָל זאָרגן פאַר די קומענדיקע דורות, ווײַל ער ווערט פאַרפאַלגט פון דער פאַנטאַסטישער (איך נוץ זײַן אייגן וואָרט) מורא, טאָמער ווערט דער געבונדענער קיבוץ אַ „מלוכה אין אַ מלוכה״ און עס וועט וואַרפן אַ חשד אויף זײַן אַמעריקאַנישקייט.

בנוגע צו ארץ־ישראל און אונדזער שטעלונג צו דער ייִדישער מלוכה האָט ער זיך אויפגעהויבן מיט טויזנט קעפּ העכער פון דעם „קאָונסיל אָוו דזשודאַיִזם״. און עס איז פײַנלעך, וואָס בנוגע צום מאָרגן פון דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ איז ער נאָך אַלץ געבליבן אַ נאָענטער שכן פון „קאָונסיל״.

„גודוויל" – דער יידישער און קריסטלעכער נוסח

עס איז נאָוועמבער — צייט פאַר לייטישע מענטשן אַ טראַכט צו טון וועגן קריסטמעס. די „בני ברית" האָט עס שוין געטון. נאָך סוף אָקטאָבער האָט די „אַנטי־דעפאַמיישאָן ליג" פון די „בני ברית", באַקאַנט אונטער די ראשי־תיבות א. ד. ל., אַרויסגעשיקט צו אירע אָפּטיילונגען אַ בריוו מיט אַ גוטע בשורה, נעמלעך:

„איינער פון דער וועלטס גרעסטע פאַבריקאַנטן פון ווינטש־קאַרטלעך עקס־פּערימענטירט היינטיקן קריסטמעס מיט צוויי נייע סעזאָן־באַגריסונג־קאַרטלעך, וואָס ער גיט איבער אויסשליסלעך דער א. ד. ל. עס איז אָנגענומען, אַז ווען עס קומט קריסטמעס־צייט שיקן אַ סך יידן אַזעלכע קאַרטלעך צו זייערע קריסט־לעכע פריינט און קאָלעגן. אַזוי ווי די מענער און פרויען פון „בני ברית" נוצן אַ גרויסע צאָל אַזעלכע קאַרטלעך, פילט די א. ד. ל., אַז די מוסטערן וואָס ווערן דאָ צוגעשיקט, קענען גוט אויסגענוצט ווערן אין משך פון יום־טוב־סעזאָן. די א. ד. ל. לאָזט דערביי וויסן די מיטגלידער פון „בני ברית", אַז זיי האַנדלען אַן אמתע מציאה. אין די קראָמען, וואָס פאַרקויפן דעם מין סחורה, וואָלטן די קאַרט־לעך געקאָסט צו 15 און 25 סענט אַ שטיק. ביי איר קען מען עס קויפן צו 3 און סענט אַ שטיק".

צוזאַמען מיט די צירקולאַרן זענען אויך צוגעשיקט געוואָרן מוסטערן פון די קאַרטלעך אויף גוטן פּאַפּיר און מיט שיינעם דרוק. אויף דער ערשטער זייט פון 5־סענטיקן קאַרטל איז אין גאָטישן שריפט אָפּגעדרוקט דער באַרימטער קריסטמעס־פּסוק: „שלום אויף דער ערד, גוטער ווילן צו מענטשן" און אינעווייניק גייט אין פּראָזע אַזאַ מין נוסח:

„די ברידערשאַפט פון מענטש, וואָס איז ברייטער ווי ראַסע אָדער אמונה, טראָגט אין זיך דעם כח צו לייגן בריקן איבער יעדן תהום פון מיספאַרשטענדע־ניש. אין דעם איצטיקן מזלדיקן (יום־טוב)־סעזאָן, זאָל אייער פרייד באַרייכערט ווערן דורך דעם געפיל פון דער קרובהשאַפט פון דער גאַנצער מענטשהייט, וואָס וועט געבן אייער לעבן אַ טיפערן, זיסערן זין".

אויף דער ערשטער זייט פון 3־סענטיקן קאַרטל איז דאָ אַ בילד פון אַ פאַר־שנייטער לאַנדשאַפט און אַ הויז מיט באַלויכטענע פענצטער — דאָס באַקאַנטע קריסטמעס־בילד — און די רייד וועגן דער ברידערשאַפט, וואָס איז „טיפער ווי ראַסע און אמונה", זענען געגראַמטע.

פון דעם ווי ביליק די א. ד. ל. פאַרקויפט די דאָזיקע קאַרטלעך, קען מען זען, אַז זי טוט עס נישט צוליב הכנסה. מ'שטיינס געזאָגט וואָס אַזאַ 3־סענטיקער געשעפט קען אַריינברענגען! זי ווייס, אַז אַ גרויסע צאָל מיטגלידער פון „בני ברית" שיקן אַלץ איינס אַזעלכע קריסטמעס־קאַרטלעך (קרעמער צו זייערע קונים, דאָקטוירים צו זייערע פאַציענטן, אַדוואָקאַטן צו זייערע קליענטן), וויל זי עס אויסנוצן צו מאַכן פראָפּאַגאַנדע. עס גייט איר אין „גודוויל". עס גייט אין דער אידעע, אַז ברידערשאַפט איז טיפער און ברייטער ווי ראַסע און אמונה, און איינרעדן עס די קריסטן וויל מען דווקא אין פאַרבינדונג מיטן יום־טוב פון קריסטוסעס געבורט.

ווען עס זאָל די מיטגלידער און דער פירערשאַפט פון די „בני ברית" גיין אין פריינטלעכע באַציִונגען מיט שכנים און „קאַסטימערס", וואָלט מען עס געקענט זייער שיין טון, ווען מען זאָל אַרויסשיקן ניי־יאָר קאַרטלעך, ווונטשן צום נייעם יאָר. ניי־יאָר איז אַ וועלטלעכער יום־טוב, און דער ייִד, וואָס באַגריסט דעם קריסטלעכן שכן אָדער קליענט מיטן נייעם יאָר, וואָלט נישט געקראַכן אין יענעמס רעליגיעזן לעבן. אמת — דאָס וואָרט „קריסטמעס" איז אויף די קאַרטלעך נישט דערמאָנט. עס רעדט זיך וועגן „סעזאָן". אָבער אַלע ווייסן וואָס דער „סעזאָן" איז. אַלע ווייסן וואָס צו פאַרבינדן מיט דעם פסוק: „שלום אויף דער ערד" אאַ"וו. דאָס וואָרט „סעזאָן" וועט נישט אָפּשאַפן די „קריסטמעס קעראַלס" און די תפילות, און די יעזוס־פייערלעכקייטן. און אָט אין דעם טיף־קריסטלעכן יום־טוב פאַלט אַריין דער ייִד פון „בני ברית" מיט זיין גודוויל־פּראָפּאַגאַנדע.

פאַרוואָס טוט ער עס? פאַלט אים נישט איין, אַז ערגעץ שטימט עס נישט מיט דער זעלבסטווירדע פון אַ ייִדן? ניין, עס פאַלט אים נישט איין! ער מעסט דעם קריסט מיט זיך אַליין. ביי אים אַליין האָט דער ייִדישער יום־טוב פאַרלאָרן

זיין אינהאַלט און זין, מיינט ער, אַז דאָסזעלבע איז געשען אויך מיטן קריסט. זע־נען די טענות וועגן יידישער זעלבסטווערדע אַרויסגעוואָרפענע. אָבער עפּעס אַן ענטפער פון די קריסטן אויף דער גודוויל־אָפּענסיווע דערוואַרטן דאָך יאָ די יידן פון „בני ברית". אַזאַ ענטפער איז זיי געגעבן געוואָרן. וואָלט געווען אַ יושר, אַז אַט די יידן און די אַנדערע גודוויל־מאַכערס זאָלן אין דעם ענטפער אַריינקוקן. אפשר וועלן זיי עפּעס לערנען.

דער ענטפער קומט פון נישט קיין קלענערער אויטאָריטעט ווי דער וועלט־ראַט פון קריסטלעכע קירכעס, וואָס האָט היינטיקן זומער אָפּגעהאַלטן זיין ערשטן קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם. צווישן די פאַרשיידענע באַשלוסן, וואָס דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען, איז אויך דאָ אַ סעריע רעזאָלוציעס אונטערן נאָמען „דער קריסטלעכער צוגאַנג צו די יידן".

די רעזאָלוציעס ווייסן וועגן די זעקס מיליאָן אומגעבראַכטע און זיי ווייסן אַפילו אויך וואָס פאַר אַ זינד די קירכעס זענען באַגאַנגען דורכדעם וואָס זיי האָבן געהאָלפן פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטיזם: „מיר מוזן אָנערקענען אין פולער עניוות, אַז צו־אָפט האָבן מיר פאַרפעלט אַרויסצווייזן קריסטלעכע ליבע צו אונדזערע יידישע שכנים, אָדער אַפילו אַ פעסטן ווילן פאַר אַלגעמיינער סאָציאַלער גערעכ־טיקייט. מיר האָבן דעם אַנטיסעמיטיזם נישט באַקעמפט מיט אַלע אונדזערע כוחות. די קירכעס אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבן געהאָלפן צו פאַרשפּרייטן דעם באַגריף וועגן יידן ווי די איינציקע שונאים פון קריסטוסן, און דערמיט בייגעטראָגן צום אַנטיסעמיטיזם... מיר פאָדערן אויף אַלע קירכעס, וואָס מיר רעפּרעזענטירן, צו פאַרדאַמען דעם אַנטיסעמיטיזם, פון וועלכן קוואַל ער זאָל נישט שטאַמען, ווי עפּעס וואָס איז אַבסאָלוט דער היפוך פון גלויבן און פון דער פּראַקטיק פון דער קריסטלעכער אמונה. אַנטיסעמיטיזם איז אַ זינד קעגן גאָט און מענטש".

וואָלט אַזאַ רעזאָלוציע פון די קירסטלעכע קירכעס באמת געדאַרפט פירן צו אַן איבערקערעניש אין יידיש־קריסטלעכע באַציִונגען. אַלע פּרעדיקער פון גודוויל וואָלטן זיך געדאַרפט אַרויסלאָזן טאַנצן איבער די גאַסן. וויניקסטנס וואָלט מען דעם טאָג, ווען די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן, געדאַרפט דערקלערן פאַר אַ שותפותדיקן יום־טוב. אָבער גלייך נאָך די ציטירטע ווערטער וועגן דעם, אַז „אַנטיסעמיטיזם איז אַ זינד קעגן גאָט און מענטש" גייט דער פאָלגנדער פּאַ־ראַגראַף:

„בלויז דעמאָלט, ווען מיר וועלן אונדזערע יידישע שכנים געבן איבער־צייגנדיקע באַווייזן, אַז מיר זוכן פאַר זיי די אַלגעמיינע רעכט און ווירדע וואָס

גאָט האָט געשאָנקען אַלע זיינע קינדער, קענען מיר זיך צונויפטרעפן מיט זיי אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל מעגלעך ווערן צו טיילן מיט זיי דאָס בעסטע וואָס גאָט האָט געגעבן אין קריסטוסן".

די גאַנצע רעזאָלוציע, אַלזאָ, וועגן דער קריסטלעכער שולדיקייט לגבי ייִדן וואַקסט נישט אַרויס, חלילה, פון קיין ריין־מענטשלעכן שולד־געפיל, נאָר פון אַ ריין־קריסטלעכן חשבון. גלייך אין ערשטן פּאַראַגראַף דערקלערט די רעזאָלוציע:

„אַלע אונדזערע קירכעס שטייען אונטער דער שליחות פון אונדזער אַלע־מענס האַר: „גייט אין דער וועלט און פּרעדיקט די לערע צו יעדער באַשעפעניש". די דורכפירונג פון דער שליחות פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן אַרייננעמען דאָס ייִדישע פאָלק אין אונדזער מיסיאָנערישער אויפגאַבע". און ווייטער:

„די קירכע האָט געקראַגן די גייסטיקע ירושה פון ישראל און איז מחויב צוריק אומצוקערן זי אין ליכט פון צלם. מיר מוזן דעריבער פּראָקלאַמירן צו די ייִדן: דער משיח, אויף וועלכן איר וואַרט, איז שוין געקומען. דער צוזאָג איז דערפילט געוואָרן דורכן קומען פון יעזוס קריסטוס".

ווען האָט די קריסטלעכע קירכע אַנדערש גערעדט? אָבער אין משך פון הונדערטער יאָרן האָט די קירכע געגלייבט — די לוטעראַנישע ווי די קאַטוילישע — אַז זי קען „אומקערן די ייִדן" זייער גייסטיקע ירושה אין ליכט פון צלם דורך רדיפות, נגישות, בלבולים, אינקוויזיציע, מאַסן־שחיטות. די איבערקערעניש וואָס דער קירכן־קאָנגרעס האָט איצט געמאַכט, באַשטייט אין דעם וואָס ער האָט אָנ־גענומען אַ נייעם מעטאָד: נישט דורך רציחה און בלוט, נאָר דורך גלייכהייט און גוטסקייט. באַווייזן די ייִדן ווי גוט די קריסטן זענען, און עס וועט זיין גרינגער זיי צו ברענגען צום שמד.

און די רעזאָלוציע גייט ווייטער. אַנשטאָט וואָס ביז איצט האָבן זיך מיט מיסיאָנערישער אַרבעט צווישן ייִדן אָפּגעגעבן באַזונדערע „אַגענטורן", דאַרף עס איצט ווערן די שליחות פון דער קירכע גופא אין יעדער שטאָט און שטעטל. „באַזונדערס אין יענע לענדער וווּ ייִדן זענען מיטגלידער פון דער אַלגעמיינער געמיינשאַפט". נישט בלויז די גלחים — אויך די מיטגלידער פון יעדער קירך דאַרפן נעמען אויף זיך די מיסיאָנערישע אַרבעט דורכדעם וואָס זיי וועלן אַרויס־ווייזן „קריסטלעכע ליבע" צו ייִדן. און „באַזונדערע צאַרטקייט" דאַרף מען אַרויס־ווייזן צו משומדים, ווייל צוליב זייער אָנקניפּן זיך אין דער קירך מוזן זיי אָפט איבעררייסן מיט משפחה און פריינט.

דאָס איז דער פולער און אָפענער זין פון קריסטלעכן שותפות אין דער

גודוויל־שפּיל. ווען פּראָפעסאָר לוי פינקעלשטיין האָט איינמאָל איינגעלאַדן אין טעאָלאָגישן סעמינאַר אַ קריסטלעכן געלערנטן און יענער האָט פאַרענדיקט זיין דרשה מיט אַ רוף צו „אמתן גלויבן", האָט מען עס געוואָלט אויסטייטשן ווי אַ „טעות" אָדער „אומטאַקטישקייט". ניין — עס איז קיין טעות ביי יענעם נישט געווען. ביים גלייביקן קריסט הערט די „גודוויל"־אַרבעט בלויז אין באַרעכטי־קונג: באַקערן יידן צו זיין גלויבן. און ווו די גודוויל־קאָמיסיעס זאָלן נישט זיצן — אין סיראַקיוז צי אין דעיטאָן אָדער אין וויטשיטאַ — און וואָסערע פּריינט־לעכע דיבורים די גלחים זאָלן נישט רעדן — זיי האָבן איין ציל: די שליחות פון דער קירך.

איצט לאָמיר פאַרגלייכן. די קריסטמעס־קאַרטלעך פון די „בני־ברית" קומען מיט דער לערע, אַז „די ברידערשאַפט פון מענטש איז ברייטער ווי ראַסע און אמונה און טראָגט אין זיך דעם כח צו לייגן בריקן איבער יעדן תהום פון מיס־פאַרשטענדעניש". דער טייטש איז: אמונה דאַרף אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פאַר ברי־דערשאַפט. אַזוי וויל דער יידישער גודוויל. אויף דעם ענטפערט די קירך: גוטס־קייט צו יידן און ברידערשאַפט מיט יידן ווערן אַ בריק זיי צו ברענגען צום ליכט פון צלם. דער גודוויל־ייד חלשט, אַז מען זאָל פאַרגעסן זיין אמונה און אים אָננעמען פאַר אַ „ברודער". דער גודוויל־קריסט ענטפערט: אמתע ברידערשאַפט פאַר דיר איז דאָ נאָר אין די הענט פון דער קירך.

דער באמת־פרומער ייד, וואָס לעבט מיט יידישער דערפאַרונג פון יאָרהונ־דערטער, האָט עס געוווּסט נאָך איידער דער אַמסטערדאַמער קאָנגרעס האָט אָנגענומען זיינע רעזאָלוציעס. די באמת־פרומע יידן זענען נישט קיין שותפים צו דער גודוויל־קאָמעדיע (און אפשר דראַמע). עס גייען אין דער שפּיל בלויז יענע וואָס האָבן קיינמאָל נישט געקענט קיין יידישע געשיכטע, אָדער מאַכן זיך בלינד און רעדן זיך איין, אַז די ליבעראַלע קירך פון היינט האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר שליחות צו ברענגען דאָס פאָלק ישראל צום ליכט פון צלם.

ווערט מען פרעגן: מיינט עס, אַז עס קען קיינמאָל נישט זיין קיין אמתע פאַרשטענדיקונג צווישן ייד און קריסט? דעם ענטפער דערויף דאַרף מען זוכן אין דער קורצער געשיכטע פון דער עמאַנציפּאַציע. אויך יענע, וואָס האָבן אָפּ־געריסן דעם שטאַט פון דער קירך האָבן אונדז צוגעטיילט גלייכע רעכט בתנאי, אַז מיר זאָלן אויפהערן צו זיין אַ פאָלק. די אַסימילאַציע האָט דעם תנאי אָנגע־נומען, און די אַסימילאַציע האָט קיינמאָל צו קיין פאַרשטענדיקונג נישט געבראַכט.

אַ פאַרשטענדיקונג הייבט זיך אָן איצט, ווען דער נישט־ייד לערנט זיך ביס־לעכווייז צו זען אין דעם יידן אַ מיטגליד פון אַ פאָלק.

דאָס חנפענען זיך צום קריסט און קריכן אים אונטער די נעגל מיט אַזעלכע מנהגים ווי שיקן אים קריסטמעס־קאַרטלעך קען בלויז אויפהאַלטן ביים קריסט דעם באַגריף וועגן יידן ווי אַ קאַנדידאַט פאַר שמד. דאָס זעלביקע — קריסטמעס־ביימער אין יידישע הייזער. וואָס מערער דער ייד קריכט אין רעליגיעזן גבול פון זיין קריסטלעכן שכן, אַלץ מער דערשטיקט ער די מעגלעכקייט פאַר אמתער פאַרשטענדיקונג, ווייל ער הערט אויף צו זיין אַ גלייכער מיטן קריסט: ער ווערט אַן אומגלייביקער וועמעס נשמה דער קריסט דאַרף דערלייזן. גלייכקייט — און מיט איר ברידערשאַפט — וועט קענען איינגעשטעלט ווערן בלויז דעמאָלט, ווען דער קריסט וועט דערשפירן די טיפע צוגעבונדנקייט פון יידן צו זיין אייגענער אמונה און צו אַלץ וואָס איז זיינס; ווען דער ייד וועט אויפהערן צו זיין אַ קריכער און אַנשטאָט זיך איינקויפן אין חן ביים „קאַסטימער“ און שכן, וועט ער זוכן אַרויס־צורופן ביי אים דרך־ארץ צו זיך אַליין.

„רעוואָלוציע" ביי די רעפאָרם־יידן

איך צווישן „ייִדישע" ייִדן זענען שוין פון לאַנג פאַראַן אַזעלכע, וועמען עס ווערט אַלץ מער „טשיקאַווע" זיך אַריינצוכאַפּן אין אַ רעפאָרמירטן טעמפּל און זען וואָס עס טוט זיך ביי יענעם שבט אונדזערן, וואָס האָט אַמאָל געהייסן „יאַ־הודים".

איך זאָג, „אַמאָל געהייסן", ווייל דער נאָמען רינט ביסלעכווייז אויס. אין דעם וואָרט „יאַהודים" איז געווען אי פּרעמדקייט, אי פאַרביטערונג, אי חוזק. דער ייִד פון מזרח־אייראָפּע האָט נישט געקענט מוחל זיין די דייטשע „גלויבנס־גענאָסן" זייער אָנגעבלאָזנקייט, זייער גאווה, זייער אויסגעלײדיקטע, פאַרגוייִשטע ייִדישקייט. די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר האָבן עפּעס איינגעבראָכן אין דער דאָזיקער באַציִונג. מען האָט דערקענט די יאַהודים ווי די גרויסע מנדבים אָן וועמען עס וואָלט נישט מעגלעך געווען קיין „דזשאָינט", קיין לאָקאַלע ייִדישע פילאַנטראָפּיע און לעצטנס אויך נישט קיין גרויסע זאַמלונגען פאַר ארץ־ישראל. מען האָט דערקענט אין זיי מענטשן מיט פּאָליטישן איינפלוס, וואָס קען אויס־גענוצט ווערן פאַר כלל־ישראל. מ'האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן דערקענען אין זיי — ברידער. ווייטע ברידער, מיט פרעמדע מאַנירן און אַ פרעמדן לשון, אָבער ברידער.

פון וועגן אָט דער ברידערשאַפט טאַקע אין דער פילאַנטראָפּיע און דער פּאָליטיק פילט מען ביי אונדז נאָך אַלץ, אַז עס איז געזינטער נישט אַריינצוקוקן אין רעפאָרמירטן טעמפּל און נישט וויסן וואָס דאָרטן טוט זיך. אַזוי פילט דער פרומער און האַלב־פרומער ייִד, אַזוי פילט דער וועלטלעכער, דער ראַדיקאַל. דער טעמפּל שטייט מחוץ פון דעם וואָס הייסט ביי אונדז גייסטיק לעבן, ייִדישע קולטור. ער גייט אונדז נישט אָן. אַז אונדזערער אַ שרייבער ווי ד"ר ש. ביקל גייט איבער די שולן און שטיבלעך זען די „ייִדן דאַווענען", כאַפּט ער זיך פון טשי־

קאָוועס וועגן אַרײַן אויך אין טעמפּל, באַשרײַבט אַ צירלעך־מאַנירלעכע גאָטעס־דינסט, אָבער מען קען זען, אַז אויב עס ווערט אים נישט צו קאַלט אין טעמפּל, ווערט אים אַוודאי נישט וואַרעם.

און דער טעמפּל האָט שוין פון לאַנג אויפגעהערט צו זײַן „עקזאָטיק". ווי פרעמד ער איז אונדז נישט, איז ער אַ נוסח פון ייִדישקייט. ער פאַרבינדט אַרום זיך הונדערט טויזנט משפחות, אַז דאָס זענען די רײַכסטע, די פאַרמעגלעכסטע — במילא אויך די וואָס האָבן די גרעסטע דעה אין אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט. די טעמפּל־ייִדן קומען דאַוונען — אַ סך פון זיי נעמען זייער ייִדישקייט גאַנץ ערנסט. און אין די 75 יאָר זינט די רעפאָרמירטע ייִדישקייט האָט זיך אָרגאַניזירט אין דער „יוניאָן אָוו אַמעריקען היברו קאָנגרעגעישאָנס", זענען אַ סך ענדערונ־גען פאָרגעקומען ביי איר אויך גײַסטיק. אַלע ווייסן, אַז די רעפאָרם איז אַמאָל געווען פאַרביסן אַנטי־ציוניסטיש. הײַנט איז אָט די קעגנערשאַפט געבליבן נאָר אין איין קראַנקן ווינקל. אין דעם וווקס פון אַמעריקאַנער ציוניזם האָבן די רע־פאָרמירטע ראַביים געהאַט גאָר אַ גרויסן חלק. דאַרף מען דערמאָנען אַזעלכע נעמען ווי סטיפען ס. ווייז, אבא הלל סילווער, דזשיימס העלער? ראַביים ציוניסטן זענען דאָ שיעור נישט אין די הונדערטער. און ווער זענען די גרויסע מנדבים פאַר ארץ־ישראל־פאָנדן ווען נישט די דאַוונער אין די טעמפּלען?

אַמאָל האָבן זיך די רעפאָרמער גערופן מיטן געהויבענעם נאָמען: „אַמערי־קאַנער איזראַעליטן". די „איזראַעליטישקייט" איז לאַנג פאַרגעסן געוואָרן. הײַנט הייסט מען פשוט — ייִדן. אין די טעמפּל־פירונגען גופא מערקט זיך אַלץ אַ גרעסערע נטיה צום אַלטן נוסח. און ווער זענען די פירער פון אַזעלכע אינסטי־טוציעס ווי די „דזשויש וועלפעיר באָרד", וואָס פירן אין אַ ייִדישן ביכער־חודש און מאַכן נישט קיין חילוק צווישן העברעיש, ייִדיש און ענגליש? ווער זענען די גבאים פון די לאָקאַלע פילאַנטראָפּיעס, וואָס שטיצן אויך ייִדישע קינדער־שולעס? ווער זענען די גרינדער פון די קאָמיוניטי קאָונסילס, דורך וועלכע מען וויל זיך אַלץ מער דערנעענטערן צום מזרח־אייראָפּעישן ייִדן? אמת, מען וויל אָט דעם ייִדן אַרײַננעמען אין די הענט, אָבער אַן אָנשטעל פון גלײַכקייט, פון דעמאָקראַטיע מאַכט מען דאָך.

און אויף וועמעס חשבון איז געוואָקסן די רעפאָרם־באַוועגונג פון 28 קהילות אין יאָר 1873 ביז 400 קהילות אין יאָר 1948? קיין גרויסע שטראָמען דײַטשע ייִדן זענען אין די 75 יאָר נישט צוגעקומען. זענען עס געווען אויפגעקומענע מזרח־אייראָפּעער, וואָס האָבן די רעפאָרם־שולן אָנגעפילט. און די רעפאָרם־באַ־

וועגונג ווייס, אַז אויסברייטערן זיך קען זי בלויז אויפן חשבון פון די מזרח־אייראָפּעער — אויב נישט פון ערשטן דור אימיגראַנטן, איז פון זייערע קינדער און קינדס־קינדער. און זי טוט עס. זי פאַרכאַפּט נייע טעריטאָריע אין אַזעלכע געגנטן, ווו זי האָט פריִער נישט געוואַגט זיך אַריינצורייסן. און עס געלינגט איר. פאַרוואָס? ווייל עס איז אָנגעוואַקסן אַ נייער דור, וואָס קען פון אַלטן סידור נישט דאַווענען, און דער רעפאָרמירטער סידור איז אים פאַרשטענדלעכער, נעענטער, אַמעריקאַנישער.

און אַט רוקט זיך אָן אַ צייט, ווען די געשיכטע אַליין וועט אָוועקשטעלן דאָס רעפאָרם־יידנטום אין אַ סך אַ גינסטיקערע לאַגע ווי עס איז געשטאַנען ביז איצט.

קיין נייע אימיגראַציע וועט מער דאָס פּנים פון אַמעריקאַנער יידישן קיבוץ נישט ענדערן. און די גרויסע אינערלעכע מלחמות דערנעענטערן זיך צום סוף. די גרעסטע פון די מלחמות איז די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר אָנגעגאַנגען צווישן ציוניזם און אַנטי־ציוניזם. די שאַפונג פון מדינת־ישראל האָט די מלחמה פאַרענדיקט. אויסער אַ קליין הייפל פאַרביסענע, זענען איצט אַלע יידן אין אַמע־ריקע גרייט אויף זיך צו נעמען די אחריות פאַרן אויפבוי פון מדינת ישראל. און דאָס וואָס האָט זיך מיט אַ צייט צוריק אָפּגעשפּילט אַרום דער אָנ־פירונג מיטן פאַראייניקטן ארץ־ישראל־אַפּיל (יו. פּי. איי.) איז זייער כאַראַק־טעריסטיש פאַר דער צוקונפט.

אונז אינטערעסירט דאָ נישט די אינערלעכע פּאַרטייאישע רייסערייען, וואָס האָבן געבראַכט צו דעם, אַז איין דירעקטאָר זאָל רעזיגנירן און אַ צווייטער זאָל פאַרנעמען זיין פּלאַץ. עס איז דאָ אויך נישט וויכטיק ווער עס איז געווען פאַר און ווער קעגן דער איצטיקער פירערשאַפט. פון די פאַרהאַנדלונגען אָבער האָבן זיך אויסגעשיילט צוויי פאַקטן. דיזעלבע זיצונג פון דער עקזעקוטיווע פון דער עקזעקוטיווע פון דער יו. פּי. איי. וואָס האָט אָנגענומען די רעזיגנאַציע פון צע־בונטעווען דירעקטאָר, האָט אויך אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז אין דער פירער־שאַפט פון דעם אַפילו זאָלן די קהילות קריגן 30 פּראָצענט פון די פאַרשטייער. אַז דער טומל איז נישט איינגעשטילט געוואָרן און עס האָבן זיך אָנגעהויבן נייע פאַרהאַנדלונגען, האָט מען שוין געררעדט וועגן דעם, אַז די קהילות זאָלן קריגן 40 פּראָצענט פון דער פאַרשטייערשאַפט. הייסט עס — דאָ איז אָנגעגאַנגען אַ דינגעניש וועגן דעם, וואָס פאַר אַ דעה עס זאָלן האָבן די נישט־פּאַרטייאישע, די יידן פון אַ גאַנץ יאָר. נאָך קלאָרער: עס איז פאַראַן אַ טענדענץ איינצושטעלן אַ

נייע באַציִונג צווישן אַמעריקאַנער יידנטום און מדינת־ישראל. אַמעריקאַנער יידן זאָגן: מיר באַזאָרגן די רעגירונג פון מדינת־ישראל מיט די פאָנדן, וואָס זי דאַרף פאַרן אויפבוי פון לאַנד און די רעגירונג גיט אויס די פאָנדן לויט איר אייגענעם איינזען. מיר זאָגן דער רעגירונג פון ישראל נישט קיין דעה. מיר זאַמלען דאָס געלט ווי יידן, נישט ווי פאַרטיי־מענטשן.

אויב אָט די באַציִונגען צווישן אַמעריקאַנער יידנטום און מדינת ישראל זענען נאָך היינט נישטאָ, וועלן זיי מאָרגן זיין. די אחריות פאַרן אויפבוי פון יידישן לאַנד וועט אויפהערן צו זיין אַ פאַרטיי־אחריות און וועט ווערן אַן אַל־יידישע. און מאָרגן־איבערמאָרגן וועט אויך אויפהערן דער דיפּלאָמאַטישער קריג אין דער „און" און אין וואַשינגטאָן. ישראל וועט קריגן די פולע אָנערקענונג, די גרענעצן וועלן איינגעשטעלט ווערן און די עקזיסטענץ פון מדינת־ישראל וועט ווערן אַ נאָרמאַלער טאָג־טעגלעכער פאַקט אין יידישן וועלט־לעבן.

ווען די גוואַלדיקע היסטאָרישע געשעעניש, וואָס איר צוגרייטונג און אויפ־קום האָט געהאַלטן אונדזער לעבן געשפּאַנט אין משך פון צענדליקער יאָרן, וועט ווערן אַ נאָרמע, אַ טאָג־טעגלעכקייט, וועלן יידן אין אַמעריקע זיך קענען אומקוקן אויך אויף זייער אייגענעם גייסטיקן מאָרגן און שענקען אים אַ סך מער זאָרג און ענערגיע ווי ביז איצט. דעמאָלט וועלן אַרויסשווימען יענע כוחות, וואָס האָבן אָרגאַניזירט די יידן פון אַמעריקע נישט פאַר רעטונג, הילף און פּאָליטיק אין דרויסן, נאָר פאַר אויפהאַלט און באַפעסטיקונג דאָ. וואָס מען האָט געלערנט אין די לעצטע פאַר צענדליק יאָר וועט נישט גיין לאיבוד. און צווישן די געזעלשאַפט־לעכע כוחות, וואָס האָבן זיך דאָ פון ערשטן טאָג אָן געבויט פון און פאַר אַמע־ריקע, איז די רעפאָרמירטע יידישקייט פון גאָר די ערשטע. וואָס פאַר אַ טענות מען זאָל צו איר נישט האָבן — און מיר וועלן זען, אַז זי האָט אַליין צו זיך אַ סך טענות — איר אידעע איז פון ערשטן טאָג אָן געווען אַ זיווג פון יידישקייט און אַמעריקאַנישקייט.

און מען דאַרף זיך אויך נישט איינרעדן, אַז ביי דער רעפאָרם־יידישקייט פייפט דער גייסטיקער דלות פון אַלע ווינקעלעך. זיכער איז זי געוואָרן די יידישקייט פון אַ קלאַס — פון דער העכערער און מיטעלער בורזשואַזיע, וואָס איז באַוועלטיקט געוואָרן פון קולטורעלער אַסימילאַציע. זיכער איז זי עד־היום דורכגעפּרעסן פון אַ מין סנאָביזם, וואָס לאָזט זי נאָענט נישט צוקומען צום יידישן לעבן. זיכער איז זי אַ רעליגיע, וואָס זוכט מער זיך צוצופּאַסן צום מענטש, ווי איבערבויען און דערהייבן דעם מענטש. זי באַדינט, אַנשטאָט צו באַפעלן. אָבער

דאָס מיינט כּלל נישט, אַז זי האָט נישט קיין אידעאַלן און קיין כּוחות. ווען די „יוניאָן" פון די רעפאָרמירטע שולן איז מיט 75 יאָר צוריק געגרינדעט געוואָרן, איז איר באַזע געווען „געטרייע איבערגעגעבנקייט צו די געהויבענע פּרינציפּן פון יודאַיזם און באַוווסטזיין פון ישראלס הייליקע פליכטן". איזיק מאיר וויז, דער גרינדער און באַגרינדער פון דער אַמעריקאַנער רעפאָרם־יידישקייט, איז אויף זיין שטייגער געווען אַ הייסער, איבערגעגעבענער ייד. דער רבנים־סעמינאַר פון דער רעפאָרם, דער היברו יוניאָן קאָלעדזש פון סינסינעטי, האָט אַלעמאָל אַרום זיך געזאַמלט יידישע געלערטע און פאַרמאָגט איינע פון די גרויסע יידישע ביבליאָטעקן אין דער וועלט. מיט אַ יאָר צוריק האָט דער קאָלעדזש פון סינסינעטי זיך פאַראייניקט מיט סטיפען ווייזס ניו־יאָרקער „אינסטיטוט פאַר יידישער רעליגיע", און די כּוחות זענען אויסגעברייטערט געוואָרן.

די רעפאָרם־יידישקייט האָט גענומען באַגרייפן, אַז אויך אַזאַ זאַך ווי ליטעראַטור איז אַן ענין, און מ'האָט איינגעפירט אַ יערלעכע פּרעמיע פאַר אַ ראָמאַן אין ענגליש פון יידישן לעבן. עס אַרבעט אַן אינסטיטוט פון אַרכיטעקטן אויף אַ סטיל פון שול־בנינים, וואָס זאָלן טראָגן אַן אייגנאַרטיקן יידישן כאַראַקטער. עס אַרבעט אַ מוזיק־אינסטיטוט אויף חזנישע נוסחאות. דאָס מיינט — עס וואַקסט אַ באַגריף, אַז צוזאַמען מיטן לעבן אַרום טעמפּל דאַרף אויך געשאַפן ווערן אַן אייגענע קולטור. און צוליעב טאָר מען אויך ביי דער רעפאָרם־יידישקייט נישט אָוועקנעמען דעם פאַרדינסט פון נישט זיין פאַרגליווערט, פון זוכן און וועלן זיך דערגרונטעווען צו נייע פאָרמען און אויסדרוקן פון יידיש־רעליגיעזן לעבן. מילטאָן שטיינבערג און דער פאַרשטאָרבענער יהושע לאָטה ליבמאַן מעגן נישט זיין קיין רעליגיעזע דענקער פון גרויסן פאַרנעם, אָבער אויף זייער אופן זוכן זיי צו דערנעענטערן דעם נייעם מענטש צו די קוואַלן פון דער יידישער אמונה און ווילן געפינען אַ פּלאַץ פאַר דער דאָזיקער אמונה אין דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע.

דעם שאַרפסטן מוסטער פון נישט־פאַרגליווערטקייט האָט די רעפאָרם געגעבן ביי איר 40סטן צוזאַמענפאָר אין באָסטאָן, ווען זי האָט באַשלאָסן אַריבערצוטראָגן איר צענטער פון סינסינעטי קיין ניו־יאָרק. עס איז גרינג נישט אָנגעקומען. עס איז אָנגעגאַנגען אַ לאַנגער און היציקער וויכּוח צווישן די קאָנסערוואַטיוון, וואָס האָבן געוואָלט בלייבן ווייטער אָפּגעזונדערט פון רעש און געטומל פון מיזרח־אייראָפּעיִשן יידישן ניו־יאָרק, און די רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז אויך די רעפאָרם־יידישקייט דאַרף גיין צו עמך. דאָס

איז געווען דער תוך פון געראַנגל. כאָטש מאָטיוון זענען אָנגעגעבן געוואָרן אויף אַנדערע, און געווונען האָבן די רעוואָלוציאָנערן. סינסינעטי טראָגט זיך איבער קיין ניו־יאָרק.

זי טראָגט זיך איבער קיין ניו־יאָרק און קלייבט זיך איינצונעמען פּאָזיציעס אויב נישט צווישן אונדז אַליין, איז צווישן אונדזערע קינדער און אייניקלעך. איז צייט, אַז מיר זאָלן זיך בעסער באַקענען מיט איר, וויסן וואָס זי פאַרמאָגט און אין וואָס עס באַשטייען אירע אינערלעכע געראַנגלען. די פאַרהאַנדלונגען אין באָסטאָן האָבן עס אויפגעדעקט, און מער פון אַלץ — דער באַריכט פון פּרעזידענט פון דער „יוניאָן״. איך האָב שוין אין מיין לעבן געהערט און געלייענט גענוג באַריכטן פון פּרעזידענטן פון ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע — אויף אַזאַ אויפריכטיקייט און זעלבסטקריטיק האָב איך זיך אָנגעשטויסן צום ערשטן מאָל. עס איז דאָ ייִדישע דראַמע אין דעם באַריכט — דראַמע פון אַ גרויסן ווינקל פון אונדזער לעבן. עס איז צייט, מיר זאָלן זי קענען.

דער יונגער דור און דער טעמפּל

זעט אויס, אַז די רעפאָרם־ייִדישקייט האָט אַ צד אין הימל. אַנשטאָט איך זאָל שרייבן נאָך אַ קאַפּיטל אויפן סמך פון געדרוקטע מאַטעריאַלן, האָט מען מיר צוגעשטעלט לעבעדיקע פאַקטן. עס האָט מיך פאַרטראָגן אויף אַן אָוונט צו מיינע זומערדיקע שכנים צווישן קראָטאָן ביים האַדסאָן און פיקסקיל און איך האָב געזען ווי אַזוי עס ווערט געבויט אַ נייער רעפאָרם טעמפּל.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אויך אין אַ פאַרשנייטן שבת־צו־נאַכטס, בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ חבותדיק הויז, וואָס ס'האָט זיך געגרייט אַ קערמעשל, און פון די רייד פון דעם געזעמל האָט זיך פאַר מיר אויסגעשיילט אַ מעשה.

די ייִדן אין דער געגנט, אויף די בערג און אין די וועלדער אַרום קראָטאָן, וווינען צווישן קריסטן. אויב מ'האָט זיך אַמאָל איינגערעדט, אַז מען קאָן זיך אויסמישן מיט די שכנים און זיין בלויז „אַמעריקאַנער", האָט מען זיך ביטער אַנטוישט. די שכנים באַטראַכטן די ייִדן פאַר וואָס זיי זענען און מאַנען פון זיי ייִדישקייט. חוץ דעם האָבן די געשעענישן פון די לעצטע יאָרן ביי אַנדערע צעטרייסלט די זיכערקייט, אַז מען קאָן לעבן אָן דער „ייִדישער ירושה". בקיצור — מ'האָט זיך צונויפגערעדט און באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ ייִדישע קהילה, אַ „קאָמיוניטי".

וואָס זאָל טון די „קאָמיוניטי", און אין וואָס זאָל באַשטיין איר ייִדישקייט? זענען אייניקע גרייט געווען צו בויען אַ שול און איינלאַדן אַ ראַבאַי. אָבער די געגנט פון קראָטאָן איז געבענטשט מיט אַ סך „פּראָגרעסיווע" און פּראָגרעסיווע האָבן אויך אין דער קאָמיוניטי דערזען אַ מיטל צו פאַרשפּרייטן זייער תורה. דעם געדאַנק וועגן אַ שול האָבן זיי אָפּגעשלאָגן און אונטערגעטראָגן אַן אַנדער פּראָגראַם — בילדונג: מען זאָל איינאָרדענען לעקציעס און פאָרומס פאַר די דערוואַקסענע און גרינדן אַ קינדער־שולע. און דעם לעקטאָר מיטן טיטל פון אַ ראַבאַי האָבן זיי אַליין צוגעשטעלט.

אָבער שוין ביי דער ערשטער לעקציע פון יידישער געשיכטע איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס: דער ראַבאַי האָט געטייטשט יידישע געשיכטע על פּי נוסח עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם. האָבן זיך געפונען אַזעלכע וואָס האָבן געוואָלט וויסן וועלכע עקאָנאָמישע סיבות האָבן געטריבן יידן צו גיין אויף קידוש־השם. האָט דער ראַבאַי נישט געגעבן דעם געהעריקן ענטפער. חוץ דעם איז דער ענטפער געווען אַ בייזער און זיין צד, די פּראָגרעסיווע, האָבן זיך געבייזערט צוזאַמען מיט אים.

דערנאָך איז געקומען אַ פּראַגע וועגן פּייערן ימים־טובים — און ווידער אַ צוזאַמענשטויס. דערנאָך: קינדער־שולע. דעם רבונו של עולם האָט מען אין די אינטערעסן פון דער קאָמיוניטי נישט אַריינגעלאָזט. אַלץ האָט געמוזט זיין סעקולער. זאָל די קינדער־שולע אויך זיין אָן רעליגיע?

דאָס אַלץ האָב איך אַרויסגעהערט פון די רייד יענעם שבת־צו־נאַכט. די גרופּע איז נאָך נישט געווען צעשפּאָלטן, נאָר שטאַרק אָנגעבראָכן. אַז איך האָב פאַרלאָזט דאָס הויז, האָט דער עולם, שוין ביים געדעקטן טיש, נאָך אַלץ זיך געטאַמפּערט. איך האָב געגומען אין זינען ווען עס איז שפּעטער אויסצוגעפינען וואָס עס איז געוואָרן פון דער „קאָמיוניטי״, וואָס קריסטן האָבן געצוווּנגען צו אָרגאַניזירן און מאַרקסיסטן ווילן מאַכן פאַר זייערס אַ קלייזל.

אַז איך בין הייַנטיקס מאָל, ווידער אין אַ פּראַסטיקער שבת־נאַכט, אַריינגעפאַלן צו מיינע גוטע שכנים, האָב איך געהערט אַ וויכטיקע נייעס: עס פונקציאָנירט אַ טעמפּל „איזראַעל״, יעדן פרייטיק אָוונט ווערן אָפּגעהאַלטן „סוירוויסעס״, די יוגנט קומט פּינקטלעך צום דאַווגען און גאָר אינגיכן וועט מען מסתמא אויך עפענען אַ קינדער־שולע. ווי אַזוי איז דאָס געשען?

האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די „נישט־פּראָגרעסיווע״ פון דער „קאָמיוניטי״ האָבן זיך אָפּגעריסן און זענען אַוועק פאַר זיך. זיי זענען נישט מער ווי פופציקזעכציק נפשות, אָבער זיי נעמען עס זייער ערנסט. די ימים־נוראים האָט מען אויסגעהאַלטן דעם פולן סדר פון די תפילות און קיינער איז נישט אַוועק פאַר דער צייט. נאָכמער: אין שכנהשן שטעטל האָט די אָרטאָדאָקסישע שול זיך איבערגעשראָקן, אַז טעמפּל „איזראַעל״ וועט ביי איר אַוועקנעמען די יוגנט, האָט זי אויך איינגעפירט אַ טייל תפילות און אַ דרשה אויף ענגליש און ס׳איז געווען אַ „סוקסעס״. און ווו געפינט זיך דער טעמפּל „איזראַעל״? קיין אייגענע געביידע פאַרמאָגט מען נאָך נישט, אָבער עס איז דאָ אין דער געגנט אַ מעטאָדיסטישע קירך, וואָס איז לעצטנס געוואָרן אויסגעליידיקט, ווייל די דאָרטיקע האָבן זיך

אַרויסגעצויגן, און דער פּאַסטאָר איז צופרידן צו לאָזן דעם טעמפּל „איזראַעל" זיך באַנוצן מיט דעם בנין (איך בין אויף מאָרגן געגאַנגען אַ קוק טון אויפן בנין. קיין צלם איז אין דרויסן נישטאָ, איך בין זיך משער, אַז אויך נישט אינעווייניק. דער איינציקער דרויסנדיקער סימן פון קריסטלעכקייט זענען די גאָטישע פענצ־טער).

בין איך געגאַנגען אים זען. עס זענען געווען נאָך עטלעכע יונגע פּאָרלעך אין הויז, און דאָס האָט נישט געטויגט. מיין יונגן פריינט איז נישט אָנגעשטאַנען זיך צו לאָזן „כאַפּן ביי דער האַנט" און ער האָט זיך געגאָנערט: עס איז אין אים קיין איבערקערעניש נישט פאָרגעקומען; ער איז פּשוט דערגאַנגען צו דער רייפער עלטער פון עטלעכע און דרייסיק, ווען אַ מענטש דאַרף ווערן געזעלשאַפטלעך־טע־טיק, איז ער עס געוואָרן. און אויב ווונדער זיך, בין איך אַליין שולדיק; מיר, דער עלטערער דור, האָבן קיינמאָל נישט געוווּסט וויפיל יידישקייט עס איז דאָ אין דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט. מיר האָבן אָט די יוגנט צופיל גע־מאָסטן מיט אונדזער מזרח־אייראָפּעיִשן יידישן אַרשין. מיר פאַרשטייען בכלל נישט וואָס עס מיינט די מעכאַנישע ציוויליזאַציע אַא״וו.

אויף איין מאָמענט האָט ער זיך אויסגעגליטשט: מיט יאָרן צוריק האָט ער געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם אַמעריקאַנער סטודענטן־פאַרבאַנד, און איצט — דעם טעמפּל „איזראַעל". אָבער פון אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישן פאַרבאַנד ביז אַ יידישן טעמפּל איז דאָך עפּעס אַ שפּרונג, ניין? ווי אַזוי מאַכט מען דעם איבערגאַנג פון וועלט־בירגערשאַפט צום רעפאָרמירטן סידור? אויף דעם איז דער ענטפער גע־ווען, אַז אַ מענטש דאַרף ווירקן אין זיין אייגענער סביבה. ער אַליין, וואָלטער, האָט מיט זיין פּערזענלעכן גאָט זיך שוין לאַנג צונויפגערעדט. איצט פילט ער, אַז עס איז זיין חוב צו העלפן אַנדערע פון זיין סביבה צו געפינען אַ וועג צו זייער גאָט.

עס איז קלאָר געווען, אַז דער ענטפער אויף מיין פראַגע ליגט מער אין דעם, וואָס וואָלטער וויל נישט זאָגן, ווי אין דעם, וואָס ער זאָגט. און געגעבן דעם ענטפער האָט מיר אַ צווייטער מיטגליד פון טעמפּל, דער יונגער דאָקטאָר. אים גייט עס ברוך־השם גוט. ער פאַרמאָגט אַן אייגן הויז און האָט אויך אָפּגעקויפט דאָס הויז, וווּ ער האָט זיין קאַבינעט. עס וואַקסן אונטער קינדער. אַ חשובער בירגער דאַרף זיך אידענטיפיצירן מיט עפּעס. און דער טעמפּל איז אים צום האַרצן. ער איז אַוועק פון דער „פּראָגרעסיווער" קאָמיוניטי, ווייל זייער איינצי־

קער ציל איז זיך צוצופּאַסן צו די גוים. קיין ייִדן ווילן זיי נישט זיין. און ער מיינט עס ערנסט מיט זיין ייִדישקייט.

ווי עס זאָל נישט זיין, האָט דער שמועס פאַר מיר אַרויסגעבראַכט יענע „אָביעקטיווע היסטאָרישע באַדינגונגען", וואָס אַרבעטן פאַר דער רעפאָרמירטער ייִדישקייט און איר צוקונפט.

וואָלטער און אַ טייל פון זיין דור זוכן זייער ייִדישע היים. דערווייל איז עס נאָך אַ קלענער טייל פונעם דור. ווער זענען זיי? דאָס זענען יענע, וואָס די רעוואָלוציאָנערע וועלט־אידעאַלן שטימען נישט מער מיט זייער געמיט און זיי זענען גאָרנישט גרייט מקריב צו זיין. זיי זענען שוין אויך געוואָרן גענוג רייך זיך נישט צו לאָזן פירן אין באָד אַריין פון קיינעם. פון דער צווייטער זייט פעלט אין זיי יענער צינד־מאַטעריאַל, וואָס מאַכט אַנדערע יונגעלייט פאַר חלוצים און טרייבט זיי פון אַמעריקע קיין ארץ־ישראל. און מ'דאַרף זיי אויך נישט חושד זיין, אַז עס בויערט זיי אַ גאָט־בענקשאַפט, אָדער אַ גאָט־באַדערפעניש. ניין! דאָס זענען מענטשן פּראַקטישע פון דורכשניטלעכער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ מיט אַ פאַרלאַנג זיך צו פאַרפונדעווען אין זייער סביבה. צוליב אָט דער סביבה זענען זיי ייִדן. עס זענען אפשר פאַראַן צווישן זיי מענטשן מיט עטוואָס גרינט־לעכערע ייִדישע איבערלעבונגען. עס זענען פאַראַן אפשר קינדער פון ייִדישע היימען מיט אַ באַגער צו „געהערן" ערגעץ. אָבער אויף די מערסטע ווירקט די סביבה — די גוייִשע סביבה.

דאָס איז אַ קאַרדינאַלער פאַקט. די אַסימילאַציע האָט זיי אָפּגענאַרט. גע־זעלשאַפטלעך האָט זיי די גוייִשע סביבה איזאָלירט. זיי לעבן אַלץ איינס אין אַ געטאָ און די געטאָ רופט קיין דרך־ארץ נישט אַרויס צו זיך, ווייל דער ייִד, וואָס איז געצוווּנגען צו לעבן אין איר, פאַרלייקנט זיך אַליין. עס איז מיאוס. אַ לאַנגע צייט האָבן זיי די מיאוסקייט דערפון נישט באַנומען. צענדליקער טויזנ־טער פון זיי באַנעמען עס נאָך היינט נישט. אָבער אַ טייל פון דור האָט עס שוין דערשפּירט, און דער איינציקער מיטל מיט וועלכן ער קען זיך מענטשלעך רע־האַביליטירן פאַר די גוים איז — צו ווערן ייִדיש.

דאָס איז אפשר נישט אַזאַ מוז אין אַ ניו־יאָרק אָדער שיקאַגאָ, ווו מענטשן פאַרלירן זיך. אָבער אין קלענערע שטעט, ווו שכנים האַלטן זיך אויפן אויג, קאָן מען באַשיינפּערלעך זען דעם געווינס פון אומקערן זיך צו ייִדישקייט. אַז מען אָרגאַניזירט אַ קהילה און מען רופט דעם מעיאָר און די חשובי העיר זיך צו באַטייליקן אין דער פייערלעכקייט, הייבט זיך די בירגערלעכע חשיבות פון די

מיטגלידער פון דער קהילה. ווען די קירך, וואָס שטייט לידיק, ווערט פאַר־וואַנדלט אין אַ ייִדישן טעמפּל, הייסט עס, אַז די ייִדן האַלטן אויף אַ געפאַלענעם מקום קדוש. די קריסטלעכע פּאַציענטן, וואָס קומען צום ייִדישן דאָקטער, ווייסן, אַז ער האָט ימים־נוראים געדאַוונט. ער איז דיר נישט איינער פון יענע כלומרשטע ייִדן, וואָס האָבן נישט קיין גאָט און קיין פאַרבינדונג מיט קיין זאַך. ער איז אַ מיטגליד פון אַ טעמפּל — אַ מענטש מיט אַ גאָט אין הארץ.

אָבער פון אַלץ וואָס מ׳האָט מיר דערציילט וועגן דעם נייעם טעמפּל האָט אויף מיר דעם שטאַרקסטן איינדרוק געמאַכט דער פאַקט, וואָס צווישן די טיכ־טיקסטע מיטגלידער איז מיין יונגער פריינט וואַלטער און זיין פרוי. וואַלטערן קען איך זינט ער איז געווען אַ ייִנגל. אין דער היים האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף ייִדישע מענטשן, אָבער קיין אינטערעס צו ייִדישע ענינים קיינמאָל נישט געהאַט. איך צווייפל, אויב ער קען דעם אלף־בית. קיין ביכער פון ייִדישן אינ־האַלט זענען אויף זיינע פּאָליצעס נישטאָ. ווו ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט עפּעס צו הערן וועגן ייִדישע פּראָבלעמען האָט ער עס פּשוט איגנאָרירט. אַזוי האָב איך אים געקענט אין משך פון יאָרן. און מיטאַמאָל — וואַלטער שיעור נישט אַ גבאי פון אַ טעמפּל!

אָפענע אידענטיפיקאַציע מיט ייִדישקייט ווערט אַ געזעלשאַפטלעכער מוז פאַרן אַסימילירטן דור ייִדישע אַמעריקאַנער. עס ווערט אַ פּאַספּאָרט צו דער גוייִשער סביבה. און דער רעפאָרמירטער טעמפּל שטעלט צו די לייכטסטע און פּאַסיקסטע פאָרעם פון אידענטיפיקאַציע. אויסער דעם ביסל העברעיִשע תפילות ווערט דאָס איבעריקע געזאָגט אויף ענגליש. קיין שווערער שולחן־ערוך איז נישטאָ. גלייכצייטיק זענען דאָ נביאישע אידעאַלן, וואָס ווערן אָנגעווענדט אין דער אויסטייטשונג פון מאָדערנע פּאָליטישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען. און דער טעמפּל נעמט לכתחילה אָן די ייִדישע עם־הארצות פון זיינע מיטגלידער פאַר אַ פאַקט. ער גיט זיי נישט מער ווי טיי־לעפעלעך פון ייִדישער געשיכטע, פון ייִדישן וויסן. איז עס גרינג — און די מיטגלידער דערפילן זיך אויך ווי טיילן פון אַ ציבור. עס אַנטוויקלט זיך דאָס, וואָס זיי רופן אויף ענגליש: „סענס אָוו בעלאָנגינג“ — דאָס געפיל, אַז מען געהערט ערגעץ.

ווי נאָענט איז עס צו יענער „שעפערישער ייִדישקייט“, וועגן וועלכער מיר מיר רעדן און חלומען? דער מהלך איז זייער אַ ווייטער. און עס איז ווייט אויך פון אַ שטייגער לעבן, וואָס זאָל גאַראַנטירן באַוווסטזיניקן קיום. אָבער עס נעמט אַוועק די בלינדקייט פון אויגן און טויבקייט פון אויערן. עס עפנט אויף אַ טירל

אין פאַרשלאָסענע מוחות. פאַר זיך אַליין װערן די אָפּגעפּרעמדטע װידער ייִדן — דאָס אַליין איז שוין אַ טריט צו עפּעס. דער װאָס האָט אַ לעקציע פון ראַביי. קען ביסלעכװײַז אויך עפּענען אַ בוך פון ייִדישן אינהאַלט. ער קען אָנהייבן נאָכזינגען דעם ייִדישן ניגון װאָס ער האָט געהערט. מיט דער צייט קען זײַן ייִדישקייט פאַר אים װערן נישט בלויז אַ מח־ענין, נאָר אַן עמאָציאָנעלע איבערלעבונג, ער קען אין דעם אַרײַנװאַקסן. ער קען װערן אַ טייל פון ייִדישן װעלט־זײַן. און אפשר װעט די רעפאָרם־ייִדישקייט גופא, אַ דערנעענטערטע צום פאָלק, װערן פאָלקישער, שטײַגערישער און די שטײפע רעליגיע פון די קאַלטע טעמפּל־װענט װעט אָנהייבן אָטעמען מיט נאַציאָנאַלער װאַרעמקייט.

איך װײס — מײַנע חברים פון ייִדיש־לאַנד װעלן זען אַ קנאַפּע טרייסט אין דעם, װאָס דער רעפאָרם־טעמפּל װערט די בריק צו ייִדישקייט און געװינט דעם יונגן דור. אָבער זײַן נישט צופרידן איז װײניק. מען דאַרף באַנעמען דעם זין פון געשעעניש. און מיר דאַכט זיך, אַז אויך מיר פון ייִדיש־לאַנד מעגן זיך פאַרטראַכטן װעגן דעם.

רעליגיעזע ייִדישקייט

די דיסקוסיע וועגן רעליגיע האָב איך אַליין אַרויסגערופֿן, און זי איז נישט געראָטן. נישט געראָטן דערמיט, וואָס דער עיקר, וועלכן איך האָב אָנגערירט, איז נישט אויפֿגענומען געוואָרן, און איך האָב אויף אים קיין אָפּקלאַנג נישט גע־קראָגן. דערפֿאַר האָט זיך די באַציִונג צו רעליגיע מצד פֿאַרשידענע מינים ייִדן אַנטפּלעקט זייער בולט, און דאָס האָט אָפּגעצאָלט פֿאַר דעם, וואָס מיר איז נישט געראָטן.

אַז פֿאַר אייניקע האָט דאָס וואָרט „ייִדישקייט" געמיינט פּיאות, אַ טלית־קטן און אַ כשרע מקווה, איז איבעריק צו דערציילן. מ'האָט געדאַרפֿט אויפֿקלערן, אַז דאָס וואָרט מיינט מער.

פּונקט אַזוי איז נייטיק געווען אויפֿצוקלערן אַנדערע, אַז ייִדישקייט איז נישט קיין קירכע, אַז ס'איז אַ וועלט־באַנעם, וואָס דרינגט דורך דאָס גאַנצע לעבן פֿון מענטשן, אַז עס נעמט אַריין אַ קולטור, זיטן, פֿירונג. צי אַט די אויפֿקלערונג איז אַריינגעדרונגען אין אַלע אויערן, איז אויך אַ ספק. אָבער דאָס שוועבעלע האָט זיך אָנגעצונדן דעמאָלט, ווען כ'האָב דערציילט די ייִדן פֿון „יאַנג איזראַעל", אַז כ'בין איינמאָל געקומען צו זייערן אַ קבלת־שבת און האָב מער נישט געהאַט קיין חשק צו גיין. מ'האָט אָפּגעזופּט אַ מעריב אַזוי ווי מען זאָל זיך איילן צו אַ באַן. מ'האָט אָפּגעזונגען אַ „שלום עליכם מלאכי השרת", און מ'איז נישט געוואָרן. אויב אַזאַ מין דאַווענען וואָלט געווען גענוג פֿאַר די ייִדן פֿון אַמאָליקן בית־מדרש, — און דאָרט איז עס געווען וואַרעמער, שבתדיקער, התלהבותדיקער, — איז עס אָבער נישט גענוג פֿאַר אַ באַוועגונג, וואָס איז אויפֿגעקומען אין אַ הפקרדיקער אומרעליגיעזער סביבה, כדי אַריינצוברענגען באַנייונג און ווידעראויפֿלעבונג אין ייִדישקייט.

האָט דער וועלטלעכער ייִד מיר גלייך צוריק דערציילט, אַז איך בענק נאָך „היימישע מאכלים" און בענק אומזיסט — איך וועל זייער טעם נאָכאַמאָל נישט דערפֿילן. אמונה גייט אונטער, און מען קאָן דעם אַמאָליקן עקסטאַז נישט צו־

ריקבּרענגען. אַט זענען מיר דאָ פינף מיליאָן ייִדן — ביי וויפל פון זיי קאָן מען געפינען אמתע רעליגיעזע התלהבות? מען מוז אַראָפּ פון הימל אויף דער ערד און נישט פאַרלאַנגען פון מענטשן דאָס, וואָס זיי פאַרמאָגן נישט מער.

האָט איינער פון די דאַוונערס אין שולכל נישט פאַרשטאַנען וואָס איך טשעפּע זיך צו זיי. וואָס וויל איך זאָל מען מאַכן פון לכה דודי? נאָך אַלעמען איז שבת בלויז אַ טאָג פון רו; און מיט וואָס פאַר אַ באַזונדערע עמאָציעס זאָל מען אויפנעמען אַזאַ טאָג? אַט ווען עס קומט צו ימים־נוראים, צו ונתנה תוקף — איז עפּעס אַנדערש, דאָרט איז דאָ אימה און ציטערניש און טיפע איבערלעבונג פון דער תפילה.

און אַ צווייטער פון די דאַוונערס האָט מיך אַביסל געמוסרט — געמוסרט מיט חסד: ווען איך זאָל נישט אַריינפאַלן צו קבלת שבת אַן איינציקן מאָל, נאָר קומען כסדר, וואָלט איך זיך איינגעלעבט און דערפילט די נשמה פון דאַוונען אויך ביי זיי.

אָט די פאָרווורפן און מוסר־זאָגעריי זענען מיר געווען צו דער האַנט. עס האָט מיר געגעבן אַ געלעגנהייט זיך דורכצורעדן מיט די ייִדן אָפן.

— ווען איך וואָלט אַפילו געקומען צוואַנציק מאָל צום קבלת שבת, — האָב איך זיי פאַרזיכערט, — וואָלט איך אַלץ געבליבן קאַלט. פאַרוואָס? ווייל איך האָב ביי זיי געפונען בלויז אַ מעכאַנישן צוריקגאַנג און נישט קיין לעבעדיקן גאַנג פאָראויס. גרויסע קריזיסן אין אונדזער געשיכטע האָבן אַלעמאָל אַרויסגערופן באַנייונג און פאַרטיפונג פון דער ייִדישער אמונה. עס האָבן באַנייט די תנאים, די אמוראים, די פילאָזאָפן, די מקובלים, די גרינדער פון חסידות. און מיט יעדער באַנייונג איז אויך געקומען אַן אויסגעברייטערטער און העכערער באַנעם פון דער גאָטהייט — אַזאַ, וואָס האָט פאַרענטפערט די זוכענישן פון דור אָדער די נויטן פון דער עדה. דער גרויסער קריזיס פון אונדזער אמונה האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער אויסגלייכונג, מיט דער בלומרשטער אָפּשאַפונג פון געטאָ, און דורך די לעצטע קריטישע 150 יאָר זענען די מוטיקסטע באַנייער געווען די רעפאָרמער. אָבער זיי האָבן נישט באַנייט, נאָר אויסגעליידיקט. זיי האָבן נישט פאַרטיפט, נאָר צוגעשניטן צו אַ פרעמדער מאָס. זיי האָבן נישט באַלעבט, נאָר פון אַן אמונה, וואָס האָט אַריינגענומען אַלע טעג און שעהן פון מענטשן, געמאַכט אַ קירכלעכע גאָטעסדינסט פאַר איין מאָל אַ וואָך. זיי האָבן באַשאַפן אַ „וויסנשאַפט דעס יו־דענטומס", אָבער קיין איין נייעם פונק פון אמונה, וואָס זאָל שטאַרקן דעם ייִדישן מענטש, נישט אָנגעצונדן.

און אָט זענען מיר אַריינגעפאַלן אין אַן עפּאָכע און ציוויליזאַציע פון ברוטאַלן מאַטעריאַליזם, פון פאַרגרעבטער עולם־הזה, פון טעמפּער ציניזם. ס׳איז בלוטיק אונטערגעגאַנגען די אַלטע בוכהאַלטעריע, וואָס מיר האָבן געפירט מיטן רבונו־של־עולם, — די בוכהאַלטעריע פון: נאַדיר מצוות און מעשים טובים און גיב אונדז פרנסה, אריכת ימים און עולם־הבא. יענער טאַטע אין הימל מיט וועמען מ׳האָט יאָרטויזנטער געפירט אַזאַ בוכהאַלטעריע, האָט באַנקראָטירט. אויב אַלע שחיטות און הריגות פון די פריערדיקע דורות האָבן זיין קרעדיט נישט אונטערגעגראָבן, האָט היטלער אין די אויגן פון אַ ציניש, אומגלייביקן דור אים אינגאַנצן דיסקרעדיטירט. מוז מען אים אַרויסנעמען פון יענער קאַנטאָר, ווו ער איז געזעסן און געפירט די בוכהאַלטעריע פון קרעדיט און דעביט, און אים אַרויפזעצן אויף אַ העכערן הימל, ווו ער זאָל אויך אין אָנגעזיכט פון די זעקס מיליאָן געשאָכטענע און פאַרברענטע בלייבן דער קודשא בריך הוא, דער צענטער פון אונדזערע מחשבות און וועלט־באַנעם. עס מוז קומען אַ באַנייונג פון דער ייִדישער אמונה פון אינעווייניק, פון איר טיפסטן תוך. אין אָנגעזיכט פון אונדזער מוראדיקן אונטערגאַנג, דעם פיזישן און גייסטיקן, פון דער אַטאָמישער באָמבע, פון אַ ברוטאַלער וועלט, וואָס שליידערט זיך מיט אונדז אַרום, ווי מיטן מיסט פון דער ערד, מוז געבוירן ווערן אַ נייער באַנעם פון נצח ישראל. קאָנט איר מאַכן אַזוי, אַז אָט דער באַנעם זאָל אַרויסזינגען פון אַלטן סידור, — מאַכט עס! לאָזט מיך ווייניקסטנס דערשפּירן, אַז איר ווילט עס, אַז ס׳איז דאָ אַזאַ דראַנג אין אייך. וועט עס אויך דער דור דערשפּירן. וועט איר צוציִען צו זיך אַלע די, וואָס זוכן אַן אָנשפּאַר און אַ וועג, ווייל עס איז זיי פינצטער און עלנט אין זייער אומגלויבן — וועט איר אין דער צינישער, פאַרגרעבטער סביבה אַריינברענגען אַ ניי ליכט, און איבערגעגעסענע זוכער פון מופתים וועלן נישט דאַרפן זיך טוליען צו פרעמדע גלויבנס; וועט איר אַליין וויסן, אַז אויב איר זענט עס נאָך נישט, ווילט איר אָבער ווערן באַנייער און איר טראָגט אין אייער אמונה אַריין די התלהבות פון די, וואָס זוכן די ברכה און שפּירן איר אָנקומען.

עס איז קלאָר געווען, אַז דער עולם איז נאָך נישט גרייט פאַר אַזעלכע רייד. אויב דערשפּירן, האָט מען דערשפּירט נישט דעם תוך, נאָר דעם טאָן. האָט זיך אויפגעהויבן אַ יונגע פרוי מיט אַ שבתדיק פּנים און געזאָגט:

— צי קאָן מען פאַרלאַנגען פונעם דורכשניטלעכן מענטשן, אַז יעדער רעליגיעזער אַקט, וואָס ער פירט דורך, זאָל זיין ביי אים דורכגעלויכטן פון אַ טראַנסצעדענטאַלער אידעע? מיין רעליגיעזע באַגייסטערונג איז אין מיר. איך

דאַרף זי מיט זיך אַליין מיטברענגען ווײַזן איך קום און ווען איינער טראָגט מיט זיך זיין אייגענע באַגייסטערונג, ווערט פאַר אים אויך דאָס איינגעשטעלטע, מע־כאַנישע דאַווגען אַ הויכער רעליגיעזער אַקט.

אַ יונגערמאַן, אַ הויכער, אַ געוויקסיקער, האָט דערקלערט:

— איך בין אַן אַמעריקאַנער פון דריטן דור. מיינע עלטערן זענען הי־געַ־בוירענע, און איך פיל, אַז ייִדישקייט דאַרף צוריקגעבראַכט ווערן אין אונדזער לעבן מיט אַלץ, וואָס עס איז געווען: אַלע פירונגען און צערעמאָניעס. פאַר מיר איז רעליגיע: גלויבן אין האַרץ — אין גאָט און אין אַלץ, וואָס איך טו פאַר גאָט. אָבער מיט גלויבן אַליין קאָן מען קיין ייִדישקייט נישט אויפהאַלטן. עס זענען דאָ טיף־גלויביקע אויך צווישן נישט־ייִדן. מיט וואָס זענען מיר אַנדערש פון זיי? מיט אונדזער שטייגער לעבן, ימים־טובים, תפילות, זיטן. צו דעם מוז מען זיך אומקערן. מען מוז לעבן ווי ייִדן האָבן אַלעמאָל געלעבט.

דער, וואָס האָט געהאַלטן דעם רעפעראַט וועגן ייִדישער משפּחהשאַפט, האָט געטענהט:

— קאָן זיין, אַז עס זענען נייטיק שינויים אין אונדזער פירונג. דער פולער שולחן־ערוך קאָן נישט אָפּגעהיט ווערן אין אונדזער סביבה, אין ־׳ באַדינגונגען פון אונדזער לעבן. עס זענען דאָ פירונגען, וואָס פאַלן אַליין אַוועק, און קיינער קוקט זיך מער נישט אום אויף זיי. אַפילו אָרטאָדאָקסישע רבנים וועלן מער נישט מאָנען פון היגן ייִדן דאָס, וואָס זיי האָבן געמאָנט אין דער אַלטער היים. קוקט מען צו און מען שווייגט — און דאָס שווייגן טויג נישט. די, וואָס נעמען זיך אַליין דעם היתר אָפּצושאַפן קלייניקייטן, שאַפן אויך אָפּ עיקרדיקע זאַכן. ווערט אַ הפקרות, אַ פונאַנדערפאַל. וואָלט געדאַרפט זיין אַ הויכע רבנישע אויטאָריטעט, וואָס זאָל זיך נעמען דעם מוט צוצופאַסן די טראַדיציאָנעלע פירונג צום היגן לעבן און זאָגן: אַזוי ווייט קאָן מען גיין אין דער צופּאַסונג און נישט ווייטער. עס דאַרף זיין אַן אויטאָריטעט צו ענדערן, צו פירן אונדז. מיט דעם, וואָס די אָרטאָדאָקסיע פירט אַליין נישט דורך די ענדערונגען, טרייבט זי צו דעם רעפאָרם, וואָס איז אין בעסטן פאַל אויסגעליידיקטע ייִדישקייט, און אין ערגסטן פאַל — אַ וועג צו שמד.

אַן אַנדערער האָט געמאַכט אַ קורצן סך־הכל און איז געקומען צום שלוס, אַז סוף־כל־סוף איז רעליגיע נישט מער ווי טון גוטס, און נאָך איינער האָט געזוכט די פשרה צווישן פּאָליטישער און רעליגיעזער אמונה. מען קאָן דעם מענטשן פון

היינט מער נישט צוריקבֿרענגען אין ענגן קרייז פון רעליגיע און אים הייסן זיך אויסלעבן. פּאָליטישע אידעען און באַוועגונגען פאַרנעמען דעם מוח, און סאָציאַלע גאולה האָט אַרויסגעטריבן דעם גלויבן אין משפּחהשאַפט. אין די אַמאָליקע דורות האָט די ייִדישע אמונה איינגעשלאָסן אויך ייִדישע פּאָליטיק און סאָציאַלע אידעען. היינט קאָן עס מער נישט זיין, ווייל אין דער פּאָליטיק, ווי אין אַלגעמיינע באַ־וועגונגען, זענען מיר בירגער פון לענדער, בירגער פון דער וועלט, אָבער נישט אויסשליסלעך ייִדן. מוז געפינען ווערן אַן אופן ווי אַזוי אונדזער פּאָליטיש און רעליגיעז לעבן זאָל זיך קאָנען ווידער צונויפגיסן און באַווירקן איינס דאָס אַנ־דערע.

דאָס האָט געגעבן דעם געוועזענעם ראַביי די מעגלעכקייט אַרויסצוקומען ווי אַ באַשיצער פון רעפאָרמירטן טעמפּל, פון וועלכן ער אַליין איז אַוועק:

— מען רעדט צופיל וועגן דעם, וואָס דער טעמפּל פאַרפעלט און צעשטערט, און צו־ווייניק וועגן דעם, וואָס ער בויט און שאַפט. אין דער אמתן אין די רעפאָרם אויך אַ וועג צו אַ פאַרטיפטער ייִדישקייט. ווער עס קען דעם טעמפּל, ווייסט וואָס פאַר אַ צוריקגאַנג ער האָט דורכגעמאַכט אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר. אָבער דער טעמפּל האַלט אויף ביי ייִדישקייט אַזעלכע מענטשן, וועמען די אָר־טאָדאָקסיע וואָלט קיינמאָל נישט אויפגעהאַלטן. אין דער שטאָט, ווו איך בין געווען ראַביי, איז אָנגעקומען אַ מענטש, אַ רוסישער אינטעליגענט, אַן אומגלויביקער, און האָט זיך געפילט עלנד. געווען פרעמד צווישן די קריסטן — געאַרבעט אַלס אינ־זשיניער אין אַ גרויסער פאַבריק — און מיט ייִדן קיין מגע־ומשא נישט געהאַט. איך האָב זיך באַקענט מיט אים און זיך דערוווסט, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ בקי אין דער השכלה־עפּאָכע אין דער ייִדישער ליטעראַטור. האָב איך אים איינגעלאַדן צו האַלטן אַ פּאָר לעקציעס אין טעמפּל. ער האָט עס געטון און זיך דערפילט היימיש. אין קרייז פון רעפאָרמירטן טעמפּל האָט ער געפונען מענטשן, וואָס זענען אים אינטעלעקטועל געווען נאָענט, און ער איז געוואָרן אַ טעמפּל־מיטגליד. אַזעלכע ביישפּילן פון כל־המינים מענטשן, פאַר וועמען דער טעמפּל ווערט אַ בריק, קאָן מען געפינען אין די טויזנטער. אויב מען מעסט דעם טעמפּל מיט דער מאָס פון דעם, וואָס מען רופט „גאַנצע ייִדישקייט“, — אוודאי האַלט ער נישט אויס. אָבער ווען מען קוקט אויף אים, ווי אויף איינעם פון די וועגן צו ייִדישן קיום, טאָר מען אים מיט דער האַנט נישט אַוועקמאַכן. וויפל אָפּגעפרעמדטע ער זאָל נישט אויפ־האַלטן אין דער ייִדישער עדה האַלט ער זיי אויף. אַן טעמפּל וואָלטן זיי אינגאַנצן צערונען געוואָרן. און צווייטנס, קאָן קיינער נישט וויסן וויפל נייע פאַרטיפטע ייִדן

עס קאָנען אַרויסוואַקסן פון די, וועמען דער טעמפּל גיט דעם ערשטן אַריינבליק אין ייִדישקייט.

דאָס לעצטע וואָרט האָב איך געהערט שוין נאָכדעם ווי די דיסקוסיעס האָבן זיך געענדיקט, און געהערט אונטער פיר אויגן. דורך אַלע אָוונטן איז געזעסן ביים טיש אַ מענטש און האָט געשוויגן. איך האָב געוווּסט, אַז ער איז אַ פּראָפעסאָר אין איינעם פון די ניו־יאָרקער קאָלעדזשעס, און אַז דאָ, לעבן זיין שטיבל, האָט ער פאַרזייט אַ גאָרטן מיט קוקורוזע און פּאָמידאָרן, און גיט זיך שטאַרק אָפּ דערמיט. האָב איך אים געכאַפּט און געוואָלט וויסן, פאַרוואָס ער האָט זיך די גאַנצע צייט מיט קיין וואָרט נישט אָפּגערופן.

— איך האָב נישט געקאָנט — האָט ער מיר דערקלערט. — איך גיי דאַוונען אין שולכל; און ווען איך זאָג אַרויס אָפן וואָס איך טראַכט, וואָלט געוואָרן אַ סקאַנדאַל.

— פאַרוואָס אַ סקאַנדאַל ?

— איך בין אַנטי־רעליגיעז. איך האַלט, אַז רעליגיע האָט באַנקראָטירט און האָט נישט מער קיין פּלאַץ. מיט אַלע מלחמות, שחיטות און מאַכט־פּאָליטיק האָט רעליגיע נישט מער קיין באַרעכטיקונג.

— אָבער איר גייט דאַוונען ?

— אָט דאָס איז עס! רעליגיע האָט טאַקע באַנקראָטירט, אָבער ייִדן דאַרפן גיין אין שול אַריין. די שול איז דאָס איינציקע, וואָס קאָן זיי צוזאַמענהאַלטן. אין שול פילן זיי זיך פריי ווי ייִדן.

דער טייטש פון די רייד איז מיר קלאָרער געוואָרן, ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דער ייִד איז נישט קיין פּוילער פּראָפעסאָר, נאָר אַ געהילף, אַז צו קיין פולער פּראָפעסאָרשאַפט דערלאָזט מען נישט, ווייל מיט אים איז „געשען אַן אומגליק״ אויפן אַכטן טאָג נאָך זיין געבוירן. איז אים די שול די נאָענטסטע אייגענע סביבה, וווּ ער ווערט נישט גערודפט. קאָן עס נישט זיין אויך אַ טעמפּל? — האָב איך געפרעגט. — יאָ, עס קאָן זיין. אָבער אים איז די אָרטאָדאָקסישע שול נעענטער, ווייל זי פאַרבינדט מיטן טאַטן, מיטן זיידן מיט דער לופט פון היימישן שטעטל.

אויב די פריִערדיקע זענען מיר נישט געווען אינגאַנצן פרעמד, איז אָט דער אומגלויביקער, וואָס קערט זיך אום אין שול אַריין צו זוכן ייִדישע היימלעכקייט, פאַר מיר געווען אַ נייער מענטשן. ער רעדט נישט פאַר זיך אַליין — ער רעדט פאַר טויזנטער אַנדערע. און זיי צו דערקענען, איז אפשר בדאי געווען צו פירן די נישט־געראָטענע דיסקוסיע וועגן רעליגיע.

פרייע ייִדן און פרומע ייִדן וועגן דער צוקונפט פון ייִדישקייט

.1

גרויסע מחנות גייען מיטן שטראָם. זיי מוזן געפירט אָדער מיטגעצויגן ווערן. זענען דאָ ביי אונדז אַזעלכע גרויסע שטראָמען. איינער פירט צו אַסימילאַציע, איינער צו פאַרשידענע מינים ציוניזם, און דער גרעסטער, דאַכט זיך, איז דער, וואָס פירט צו דער זעלבער אַסימילאַציע פון ימים־נוראים־ייִדישקייט, בר־מצווהס און קדיש. קדיש פאַר די עלטערן, ימים־נוראים פאַר זיך און בר־מצוה פאַר די קינדער. ביי בר־מצוה שטעלט זיך עס אָפּ. כדי מען זאָל גיין ווייטער, דאַרף מען שוין האָבן וויסן, ווילן און ווידערשטאַנד צו דער סביבה, און דער מענטשן פון שטראָם פאַרמאָגט זעלטן אַלע דריי זאַכן. אָבער ס'זענען דאָ אויך אַזעלכע, וואָס קענען זיך פאַרטראַכטן. מען דאַרף זיי בלויז אויפרודערן, צעטרייסלען אַ באַהאַלטענעם שורש אין זיי.

ווען ס'איז דערגאַנגען צום לעצטן אָונט פון דער דיסקוסיע, איז אָפּגעמאַכט געוואָרן, אַז די פאַרשידענע צדדים זאָלן פאַר זיך אַליין סומירן דאָס וואָס זיי האָבן פון די פינף אָוונטן אַרויסגעקראָגן. גענומען די עובדא האָבן אויף זיך צוויי: איינער פאַר דער וועלטלעכער ייִדישקייט, דער צווייטער פאַר דער מאָדערנער אָרטאָדאָקסיע. אָבער אומגעריכט איז צו די צוויי צוגעקומען אַ דריטער.

דאָס איז געווען אַ ייִד אַן אינטעליגענט, וואָס צווישן אַ רעגירונגס־אַמט פינף טעג אַ וואָך און שבתדיקן דאַוונען אין שול האָט ער פאַרגעסן, אַז מען דאַרף עפּעס טון אויך מיט די קינדער. שבת אין שול אַריין האָט געפירט דער שטראָם פון

פּערזענלעכער טראַדיציע: דער טאַטע איז געגאַנגען, גייט ער אויך. אגב, פּאַסט זיך עס פאַר אַ מענטש מיט אַ רעגירונגס־אַמט. אָבער אויף די קינדער איז שוין די טראַדיציע נישט חל געווען, און די אייניקלעך הייסן סטענלי און וויוויען. האָבן אים די שמועסן צערודערט, און אַז ס׳איז געקומען צום סוף, האָט ער דער־פילט דעם דראַנג צו מאַכן אַ סך־הכל. גערעדט האָט ער ווי אַ בעל־תשובה, אָבער דאָך ווי אַ מענטש וואָס איז גענייגט צו זוכן חסרונות אין דער געזעלשאַפט, מער ווי אין זיך אַליין.

— מיר האָבן פאַרלאָרן די יוגנט, — האָט ער געזאָגט, — ווייל מיר זענען געווען צופיל פאַרטאָן מיט זיך, מיט אונדזער אייגענעם ווױלזיין און קאַריערעס, און פאַרגעסן צו טראַכטן וועגן דעם, אַז מען דאַרף די קינדער צובינדן צו זיך מיט עפּעס מער ווי בלויז זאָרגן פאַר זייער ווױלזיין און זייערע קאַריערעס. פאַר אַ סך פון אונדז איז שוין איצטער צו־שפּעט עפּעס אָפּצוראַטעווען. אָבער וואָס מיר אַליין קענען מער נישט טון פאַר אונדזערע זין און טעכטער, קענען זייערע קינ־דער יאָ טון פאַר זיי. מיר, די טאַטעס — נישט, אָבער אונדזערע אייניקלעך קענען יאָ אומקערן אונדזערע קינדער צו אונדז.

— ביים ערשטן דור אימיגראַנטן האָבן די קינדער אַסימילירט די טאַטעס מיט די מאַמעס. די קינדער האָבן פון דער פּאָבליק־סקול און פון גאַס געבראַכט דאָס לשון פון לאַנד און נייע זיטן און באַגריפן, און האָבן איבערגעמאַכט די היימען. ביים צווייטן און דריטן דור קען עס געשען פאַרקערט: די קינדער זאָלן אַריינברענגען יידישקייט אין הויז און צוריק באַקערן די עלטערן. איך האָב גע־הערט פון פאַלן, ווען קינדער פון תלמוד־תורה זענען אַהיימגעקומען מאַנען ביי דער מוטער כשרות און שבת־ליכט. מענטשן אַרום תלמוד־תורהס דערציילן, ווי אַזוי יונגע עלטערן אַליין בעטן, אַז מען זאָל מיט זיי לערנען יידישקייט. אָבער נישט די קינדער און נישט די יונגע עלטערן קען מען אַריינצוין אין שולן, וואָס זאָלן זיין פיזיש און פּעדאַגאָגיש הינטערשטעליק קעגן דער פּאָבליק־סקול. פאַר אונדז איז נאָך אפשר געווען גענוג אַ מלמד אין אַ קעלער. זיי קען מען שוין אין קעלער אַריין נישט פאַרנאַרן. עס דאַרף זיין אַ שול אַ שיינע, אַ גרויסע, אַ גוט איינגעאָרדנטע. עס דאַרפן זיין לערער מאָדערנע, געניטע, איבערגעגעבענע. ביידע — די שול און די לערער — דאַרפן וועקן דרך־ארץ. און ווער זאָל אונדז מיט אַזעלכע שולן באַזאָרגן?

— דאָס קען טון בלויז די יידישע געמיינשאַפט, די קהילה. מיר האָבן ביוודזשעטן אויף אַלץ — אויף הילף אין ארץ־ישראל און אין אייראָפּע, אויף

פילאַנטראָפּיע דאָ, אויף כל־המינים אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס. אָבער דער פונדאַמענט פון אונדזער קיום — די ייִדישע דערציִונג פון די קינדער — ליגט אַלץ נאָך אין די הענט פון פּריוואַטע גרופּעס און פּאַרנעמט דעם קלענסטן פּלאַץ אין די ביודזשעטן פון די וועלפעיר־פאָנדס. היילן קראַנקע און אויפהאַלטן מושב־זקנימס איז די זאָרג פון יעדן מיטגליד פון דער ייִדישער געמיינשאַפט. אָבער איינפלאַנצן ייִדיש וויסן אין ייִדישע קינדער איז שוין אַ „פּריוואַטער" ענין. מיט אַט דער לאַגע מוזן מיר פירן אַ מלחמה. מיר מוזנצווינגען די וואָס פאַר־נעמען דאָס פּלאַץ פון אַ קהילה צו בויען, באַזאָרגן און אויפהאַלטן שולן, וואָס זאָלן צוציִען דעם נייעם דור — דעמאָלט וועלן מיר קענען אָפּראַטעווען אַ טייל פון די קינדער און אויך די יונגע עלטערן מיט זיי...

דאָס האָט גערעדט דער מענטש פון שטראָם: ער האָט געמאָנט, אַז מען זאָל פאַר די פּילצאָליקע טויזנטער, וואָס געהערן צו זיין מחנה, באַשאַפן אַ נייעם שטראָם מיט וועלכן זיי זאָלן וועלן מיטגיין. אָבער ווער זאָל אויספּלאַסטערן דעם גלאַטן וועג, איבער וועלכן זיין מחנה זאָל זיך גלוסטן צו גיין? ווער זאָל פירן די מלחמה פאַר איר? ביי אַ פריִערדיקן אָוונט וואָלטן זיך געפונען בעלנים אים די קשיות צו פרעגן. דאָ אָבער האָט עס געהאַלטן ביי נעילה, און די אַנדערע צוויי האָבן געדאַרפט מאַכן די סך־הכלען פאַר זיך אַליין. אָן אַ ווידערקלאַנג זענען זיינע רייד דאָך נישט געבליבן.

פון די צוויי הויפּט־רעדנער האָט די פירשפּרעכער פאַר דער וועלטלעכער ייִדישקייט געזאָגט:

— עס זענען אין די לעצטע יאָרן, אין אונדזער לאַגער אויפגעקומען אַנ־טוישטע און פאַריאושטע און זיי זענען ברוטאַל צו זיך אַליין און צו אונדזער יונגן דור. אונדזער ייִדיש־וועלטלעכע קולטור איז אינגאַנצן אַלט אַ יאָר 70 און מען מאָנט פון איר דאָס, וואָס עס דאַרף נעמען גאַנצע דורות צו דערגרייכן.

— פון וואָס איז אונדזער קולטור אַרויסגעוואַקסן? פון די זוכענישן אין ייִדישן לעבן. מ'האָט מיטן אַלטן שטייגער מער נישט געקענט לעבן. די יוגנט האָט זיך אָפּגעריסן פון דער רעליגיע פון די עלטערן, איז צעטרייסלט געוואָרן פון דער אַרומיקער אַסימילאַציע, איז אָנגעצונדן געוואָרן פון נייע רעוואָלוציאָ־נערע אידעען, און אין דער גרויסער צעטרייסלעניש האָט מען געדאַרפט פאַר זיך אַליין באַשאַפן אַ נייעם ייִדישן אינהאַלט און נייע לעבנס־פאָרמען. דאָס איז אַ פּראָצעס, וואָס דאַרף דויערן דורות, און די צייט איז צו קורץ געווען, אַז מען זאָל דאָס קענען אויסקריסטאַליזירן. מיר האָבן אין די 70 יאָר געשאַפן און אָנ־

געזאַמלט אַ ריזיקן קולטור־פּאַרמעגן, אָבער פּאַרוואַנדלען אים אין אַ נייער משנה האָבן מיר נאָך נישט געקענט. קומען די אַנטוישטע און רופן צוריק צום אַלטן. אָבער צוריקגיין צום אַלטן קענען מיר נישט. מען קען נישט ווידער באַלעבן דאָס שוין איבערגעלעבטע.

— אפשר וואָלטן מיר דערגרייכט אויך מער אין דעם זין פון אויסאַרבעטן אַ נייע לעבנס־פאָרעם, ווען די 70 יאָר וואָלטן נישט געווען קיין עפּאָכע פון געוואַלדיקע סאָציאַלע און פּאָליטישע צעטרייסלונגען. די צייט איז געווען קעגן אונדז. מלחמות, רעוואָלוציעס און נייע סאָציאַלע אָרדענונגען אין אייראָפּע האָבן געבראָכן און חרוב געמאַכט דעם נייעם בנין, וואָס מיר האָבן געבויט. די אימיגראַציע פון מיליאָנען קיין אַמעריקע האָט אַריינגעוואָרפן דעם מענטש אין אַ פרעמדער סביבה, ווו ער האָט פריִער פון אַלץ געדאַרפט זאָרגן פאַר זיין פיזישער עקזיסטענץ. די אַלגעמיינע דערציִונג דאָ איז געווען קעגן אונדז. איצט איז צוגעקומען דער גרויסער חורבן אין אייראָפּע, וואָס האָט אינגאַנצן צעשמעטערט דאָס, וואָס מיר האָבן דאָרט אויפגעבויט. זעען מיר זיך אַרומגערינגלט פון חורבן און אַסימילאַציע. און עס פאַלן אָפּ די הענט. די אידעע פון אונדזער וועלטלעכער ייִדישקייט איז נישט פאַלש, נאָר זי איז אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין אַ שרעקלעכן קלעם. פון אָט דעם קלעם זוכן מיר זיך צו ראַטעווען. מיר זוכן אַן אויסוועג. אָבער פאַרמשפּטן זיך אַליין — אויף דעם האָבן מיר קיין רעכט נישט.

— אויך מיר זענען צו אונדזער איצטיקער ייִדישקייט נישט געקומען מיט־אַמאָל. קענען מיר נישט פאַרלאַנגען פון נייעם דור מער ווי מיר האָבן געמאָנט פון זיך אַליין. זיי וועלן ביסלעכווייז דערשפּירן אין וואָס זיי נייטיקן זיך — זיי וועלן פאָרמירן אַן אייגענעם שטייגער לעבן. אלא וואָס? זיי וועלן רעדן ענגליש? האָבן ייִדן שוין גערעדט אויף אַ סך שפּראַכן (דער רעדנער, משמעות, האָט נישט געשפּירט, אַז ער נעמט זיך אַרויס דעם באָדן פון אונטער די פיס: אויב ער איז מוותר אויף דער ייִדישער שפּראַך, ווערט בטל דאָס שטאַרקסטע פון דער ייִדיש־וועלטלעכער קולטור). מעגלעך, אַז מיר וועלן נישט זיין איינשטימיק מיט אונדזערע קינדער. זענען אונדזערע טאַטעס אויך נישט געווען איינשטימיק מיט אונדז. אָבער אַז די יוגנט וועט געפינען אַ וועג — אין דעם מוז מען גלייבן. און דאָס קען נאָר זיין דער וועג פון וועלטלעכער ייִדישקייט.

דערויף האָט געענטפערט דער ייִד פון דער מאָדערנער אָרטאָדאָקסיע פון „יאַנג איזראַעל". ער האָט געזאָגט:

— די פראַגע איז: המשך פון ייִדן ווי אַ פאָלק. וועגן דעם ווי מיר האַלטן

דאָ דערמיט, האָבן מיר שוין געדעדט געגוג. געווײנלעך וואַרפן מיר די שולד אויף דרויסנדיקע סיבות — פּאָליטישע, סאָציאַלע, עקאָנאָמישע. וואָס איז שייך צו אַמעריקע, באַשולדיקן מיר די אימיגראַציע, די נויטיקייט זיך צוצופּאַסן. מען קען אָנווייזן אויף נאָך אַ סיבה, וואָס האָט געבראַכט צום פאַנאַנדערפאַל פון אונ־דזער גאַנצקייט — דעם אימפּעט, מיט וועלכן די ענדערונגען ביי אונדז זענען פאָרגעקומען. אין דער קריסטלעכער וועלט האָט דאָס אָוועקגיין פון רעליגיע צו וועלטלעכקייט געדויערט יאָרהונדערטער. מיר האָבן עס דורכגעמאַכט אין איין דור. האָט עס אונדז מיטאַמאָל אָפּגעריסן פון אונדזער גייסטיקן יסוד — און מיר האָבן זיך פאַרלאָרן.

— וואָס איז תּוך־ייִדישקייט? א) בונד מיט ייִדן אין אַלע לענדער פון דער וועלט, וואָס האָט אונדז געגעבן דאָס געפיל, אַז אין דער גאָרערע צעשפּרייטקייט אונדזערער זענען מיר איין פאָלק; ב) צדקה, התחייבותן צו דער קהילה, וואָס האָבן די ייִדן אין יעדן פּלאַץ געהאַלטן צונויפגעבונדן אין איין גאַנצקייט; ג) תּורה, וואָס עס מיינט לערנען תּורה לשמה, און ד) אמונה, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן פון ייִדן פאַרוואַנדלט אין אַ רעליגיעזן אַקט. פון אָט די פיר גרונט־עלעמענטן, פון וועלכע ייִדישקייט באַשטייט, געפינען מיר ביי אַמעריקאַנער ייִדן בלויז איי־נעם: צדקה. מיר גיבן געגוג, מיר גיבן אַ סך. כאָטש אויך דאָ פעלט זייער אָפט די כּוונה פון געבן, די שיינקייט פון מתן בסתר. אונדזער געבן איז פאַרבונדן מיט צופיל טומל און טאַראַראַם, וואָס נעמט פון אונדזער צדקה אַוועק אַ טייל פון איר ייִדישן כאַראַקטער. פון די אַנדערע דריי עלעמענטן איז ביי אונדז גע־בליבן זייער ווייניק. דער בונד מיט ייִדן אין דער וועלט איז שוואַך. אַפילו די גרעסטע קאַטאַסטראָפעס האָט אין אונדז נישט אַרויסגערופן יענע טיפע צעטרייס־לונג, וואָס וואָלט געדאַרפט זיין, ווען מיר וואָלטן באמת פילן, אַז יענע ייִדן זענען אונדזערע ברידער. וועגן לערנען תּורה לשמה ווייס מען ביי אונדז אינגאַנצן נישט. אויב עס זיצן ערגעץ אין קלויזן און שטיבלעך ייִדן וואָס לערנען צו־ליבן לערנען, זענען עס אַריבערגעוואָרפענע און נישט אַמעריקאַנער. און וועגן דעם אַז ייִדיש לעבן דאָ זאָל באַהערשט ווערן פון אַן אמתן רעליגיעזן גייסט, איז איבעריק צו רעדן.

ייִדישקייט ווערט ביי אונדז געגומען שטיקלעכווייז. אין ייִדישקייט טוט מען כּסדר ביי אונדז איינהאַנדלען מציאות. קיינער איז נישט גרייט צו נעמען אויף זיך דעם גאַנצן עול. אייניקע טענהן: געגוג צו זאָגן אַז איך בין אַ ייִד. אַנדערע ווילן זיך פאַרלאָזן אינגאַנצן אויף ארץ־ישראל. קען ארץ־ישראל ראַטעווען אונדז

אין אַמעריקע? קען מען בויען קיום אויף אַן איינפלוס, וואָס דאַרף קומען פון איבער טויזנטער מייל? אָט האָבן מיר אַ ביישפּיל. עס וווינען די לעצטע יאָרן אין ניו־יאָרק אַ סך אַזוי־גערופענע יידישע פירער, אַנגעקומענע פון אייראָפּע. מיר זענען דאָ רייך אין גייסטיקע פּערזענלעכקייטן. באַווירקן זיי מיט עפּעס אונדזער לעבן? לחלוטין נישט! ווייל איינפלוס דאַרף מען וועלן אויפנעמען. עס דאַרף זיין אַ סביבה, וואָס איז גרייט אויפצונעמען. עס דאַרף זיין אַ צעאַקערטער באָדן. און מעג אַפילו ארץ־ישראל זיין בכוח אונדז צו באַווירקן, וועט די ווירקונג נישט דערגיין, אויב מיר אַליין וועלן נישט זיין גרייט פאַר איר.

—אַנדערע ווילן זיך ראַטעווען מיט אַ שפּראַך. נאָך אַנדערע ווילן זיך פאַרלאָזן אויף היסטאָרישע חפצים, אויף מוזעען, וואָס זאָלן ביי זיי אויפהאַלטן צוגעבונדנקייט צו יידישקייט. דאָס וועט קנאַפּ וואָס העלפן. דער דרוק פון אַסימילאַציע איז אַ סך מעכטיקער ווי דער גדר פון שפּראַך אָדער די ווירקונג פון מנורות, בשמים־ביקסלעך און יידישע בילדער. אַ באַשיצונג קענען זיין נאָר די תוך־עלעמענטן פון יידישקייט — אַלע צוזאַמענגענומען. אַ באַשיצונג קען זיין נאָר דער פריוויליקער פולער עול. אָן דעם איז קיין המשך נישט מעגלעך.

— מוזן מיר זיך מודה זיין, אַז וואָס איז שייך צום יונגן דור, האָבן מיר אַלע געזינדיקט. איך קען נישט טיילן דעם אָפּטימיזם פון אונדזער יידיש־וועלטלעכן פריינט: אַ יוגנט אָן אַ צוגרייטונג וועט קיין יידישן שטייגער לעבן נישט באַשאַפן, ווי שטאַרק עס זאָל נישט זיין דער דרוק פון אַנטיסעמיטיזם, דיסקרימינאַציעס אאַ״וו. פון גאָרנישט בויט מען גאָרנישט. און מיט בוי־מאַטעריאַל האָבן מיר די יוגנט נישט באַזאָרגט — נישט מיר, נישט די וועלטלעכע יידן. קיינער האָט עס נישט געטון. אויך מיט דער יידישער דערציִונג פון אונדזערע קינדער האָבן מיר געהאַלטן כסדר אין כאַפּן מציאות און געבן זיי שטיקלעך, ברעקלעך, אַנשטאָט אַ פולער יידישקייט.

— דערמיט זענען מיר דורכגעפאַלן און דאָס זוכט מען אין אונדזער קרייז, אין „יאַנג איזראַעל״, צו פאַרריכטן. מיר באַמיִען זיך צו געבן אונדזער יוגנט און זיך אַליין — אויף וויפל מיר האָבן עס פאַרפעלט צו קריגן — אַ באַנעם פון אַ גאַנצער יידישקייט. מיר זוכן צו אַנטוויקלען דאָס געפיל פון אַלוועלטלעכער יידישער געבונדנקייט. מיר זוכן אַריינצוברענגען יידישקייט טאָג־טעגלעכע — פון תורה און פון זיטן. איינס איז קלאָר: קיין שום פאַרבינדונג פון יידן, וואָס שטיצט זיך בלויז אויף ברעקלעך פון יידישקייט, וועט קיין המשך נישט פאַרזיכערן. אויב אַ „קאָמאָן דענאָמינייטאָר״, אַ צד השווה, מוז ער זיין דער העכסטער. אויב המשך

— פאַרלאַנגט ער דעם מאַקסימום. אָן מאַקסימום ייִדישקייט וועט קיין המשך נישט זיין...

עס האָט געדרעגנט אין דרויסן. עס איז געווען שפּעטלעך, אָבער דער עולם האָט געוווּסט, אַז אין עטלעכע טעג אַרום צעפּאָרט מען זיך, און דעריבער, ווי שפּעט עס זאָל זיך נישט פאַרציִען, מוז מען בלייבן ביזן סוף און הערן וואָס דער לעצטער רעדנער האָט צו זאָגן אין סך־הכל. האָט מען זיך צונויפגערוקט נעענטער אַרום די טישן און געהערט.

2.

דער לעצטער רעדנער איז געווען דער וואָס האָט די דיסקוסיע אָנגעהויבן. ער האָט געזאָגט:

מיר האָבן נאָך אַ גרויסן חורבן, אין אַ צייט ווען דער גורל פון אונדזער פאָלק הענגט אויף משקולת, צונויפגערופן ייִדן און פּרובירט זיך מיט זיי צוזאַמענרעדן וועגן ייִדישן המשך. האָבן מיר געזען אַזוי. עס זענען מענטשן געקומען, אָפּגעזעסן אָן אָוונט און צוויי, אָנגעשמעקט זיך מיט דעם וואָס דאָ ווערט גערעדט און זענען אַנטרונען: נישט זייער עסק! געווען זענען דאָס „יענקיס", סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון קאַסמאָפּאָליטישן שניט, וועלט־פאַרזאָרגער, קריסטשען סייענטיסטס, און זאָל זיי לגנאי נישט זיין, אויך ציוניסטן פון דעם מין, וואָס דאַרפן אַלץ פאַר „פּאַלעסטיין" און גאָרנישט פאַר זיך. זיי אַלע זענען דאָ דורכגעגאַנגען ווי דורך אַ פרעמדן קאָרידאָר. דורך די זעקס אָוונטן האָט זיך דער עולם דורכגעזיפּט. ווער זענען מיר געבליבן? מאָדערנע אָרטאָדאָקסן, וועלטלעכע ייִדן, אַר־בעטער־ציוניסטן, אַ רעפאָרמירטער ייִד און אַ גרופּע אַנדערע, וואָס האָבן נישט קיין באַשטימטן דרך אין ייִדישקייט, נאָר גאַרן אים צו געפינען. מען דאַרף אויך צורעכענען דעם פאָרשטייער פון דער יוגנט, איינעם פון זעכציק, וואָס איז געקומען מיט זיין קיום־טעאָריע. דאָס זענען מיר אין מיניאַטור דער קערן פון אַמעריקאַנער ייִדן, וועמען ייִדישער קיום גייט אָן. די שאָלעכץ איז אָפּגעפאַלן, און דער קערן האָט זיך אַליין אָפּגעשיילט. אפשר זענען דאָ נאָך אַ פּאָר גרופּעס, וואָס מען קען צורעכענען צום צעטל פון מי ומי ההולכים — די אַלטע אָרטאָדאָקסיע, אויף וויפל זי איז נישט פאַרגליווערט, די העברעער — און דאָס איז אַלץ אויף וואָס עס קען זיך האַלטן די זאָרג פאַר קיום.

מיר האָבן געפּרובירט זיך צונויפרעדן ווי ייִדן. בשותפותדיקע באַגעגעניש־

פון כל־המינים ייִדן זענען ביי אונדז נישט קיין זעלטנקייט: מ׳רעדט זיך צונויף וועגן צדקה, וועגן פּאָליטיק, וועגן שוץ קעגן אַנטיסעמיטיזם — אַלץ שותּפותן אַזעלכע, „קאָמאָן דענאָמינייטאָרס" פון אַ נידעריקער מדרגה, וואָס האָבן נישט צו טון מיטן תּוך און עצם פון אונדזער גייסטיקן זיין. דאָ האָט אונדז צונויפגע־בונדן דאָס העכסטע — קיום פון ייִדן ווי ייִדן. וועגן אָט דעם תּוך האָבן ביז איצט באַזונדערע גרופּעס גערעדט נאָר צווישן זיך: אָרטאָדאָקסן מיט אָרטאָדאָקסן, רע־פאָרמער מיט רעפאָרמער, וועלטלעכע מיט וועלטלעכע. דאָ האָבן זיך שיטות און ריכטונגען געטראָפן, זיך אויסגעהערט, און כאָטש נישט געקומען צו קיין פולן הסכם, דאָך אויסגעפונען, אַז עס בינדט אַלעמען עפּעס גורלדיקס, אַז מען קען זיך צונויפרעדן, אַז מען קען עפּעס לערנען איינער פון אַנדערן. מיר זענען דאָ גע־ווען אַ לאַבאָראַטאָריע פון לעבעדיקן ייִדישן געדאַנק, און ווען מיר זאָלן באַגרייפן, אַז די פאַרשידענע שטרעמונגען און ריכטונגען פון ייִדישן טראַכטן זענען אַרויס־געוואָקסן פון פאַרשיידענע ווילנס צו המשך און דעריבער זענען אלו ואלו דברי אלקים חיים — וועלן מיר לייגן אַ באַזע פאַר אַ נייער ייִדישער געמיינשאַפט.

עס איז קלאָר: קיום קען זיין נאָר דאָרט, וווּ עס איז דאָ אַ געפיל פון פאָלקס־אָנגעהעריקייט, וווּ דער באַגריף „מיין פאָלק" איז העכער און הייליקער ווי די באַגריפן „מיין פאַרטיי", „מיין אידעע". איז דאָ אַ לאַנד, אַ רעגירונג, אַן איינ־הייטלעכע קולטור — צווינגען זיי אַרויף די הערשאַפט פון באַגריף „מיין פאָלק". ביי אונדז מוזן מיר אַליין דעם באַגריף צוריק אויף זיך אַרויפצווינגען. נישט מיט פילאָנטראָפּיע און אָפּוועהר פון אַנטיסעמיטיזם, נאָר מיטן וויסן, אַז אַלע אונדזערע אידעען און ריכטונגען ציִען צו איין ציל: קיום פון פאָלק. דאַכט זיך, אַז דאָ אין דער מסיבה האָט דאָס דאָזיקע וויסן געשוועבט אין דער לופט. דעריבער האָבן מיר געקענט איינער דעם אַנדערן אויסהערן. און ווען אין הונדערט שטעט וואָלטן הונדערט אַזעלכע גרופּעס קיום־זוכער פון פאַרשידענע לאַגערן געזעסן צוזאַמען און געפּרוּווט זיך צונויפרעדן, וואָלטן מיר אפשר געהאַט אַ יסוד פאַר אַ פאָלק.

איז וואָס האָבן מיר דערגרייכט?

אונדזער וויכטיקסטע דערגרייכונג איז דאָס, וואָס מיר האָבן אַנטדעקט ביי אַ היפּשן טייל פון אונדז אַ בשותּפותדיקן לשון. אַוודאי וועלן מיר אין עטלעכע טעג אַרום זיך פאַנאַנדערפאָרן און די דערגרייכונג וועט דערווייל בטל ווערן. אָבער נישט אויף אַלעמאָל. אויב מיר אַליין וועלן דעם בשותּפותדיקן פאָלקס־דאַך איבער אונדזער קאָפּ נישט אָנהאַלטן, וועלן עס אַנדערע טון. מיר האָבן באַוויזן, אַז ס׳איז מעגלעך.

מיר האָבן אויסגעשיילט פון צווישן זיך יענע, וואָס קענען זיך צונויפרעדן, און האָבן אָפּגעטיילט יענע, וואָס ווילן נאָך דערווייל אין דער כנסת־ישראל נישט אַריינקומען.

מיר האָבן אַלע מודה געווען, אַז מיר זענען זינדיק — ווער מער, ווער ווייניקער — אין פאַרהפקרן דעם יונגן דור. ווער עס האָט געכאַפּט מציאות אין ייִדישקייט, ווער עס האָט צוגעוואָרפן די קינדער בלויז ברעקלעך, ווער עס האָט פאַרקריפּלט די ייִדישע דערציִונג פון די קינדער אַזוי, אַז קיין אָנהאַלט אין פאָלק איז נישט געבליבן. אָבער געזינדיקט מיט דעם, וואָס מיר האָבן דעם דור נישט צוגעגרייט, אַז ער זאָל קענעןביישטיין די אַסימילאַציע, האָבן מיר אַלע, און תשובה־טון — תשובה־טון מיט מעשים — דאַרפן מיר אַלע.

מיר האָבן מסכים געווען, אַז וואָס ארץ־ישראל זאָל נישט זיין פאַר זיך — דאָס פּראָבלעם פון אונדזער המשך ווי ייִדן וועט זי נישט לייזן. עס איז אומזין צו בויען דעם גייסטיקן קיום פון פינף מיליאָן דאָ אויף דעם איינפלוס וואָס אַ מיליאָן ייִדן אין ארץ־ישראל וועט אַהער אַריבערשיקן איבער ימים... און דער חבר פון „יאָנג איזראַעל" האָט געזאָגט אַ טראַגישן אמת ווען ער האָט דערקלערט, אַז אויך איינפלוס דאַרף מען זיין גרייט אויפצונעמען. און אויב דער באָדן וועט זיין שטיינערדיק דאָ, וועט די בעסטע זריעה — פון וואַנען זי זאָל נישט אימפּאָרטירט ווערן — זיך נישט אָננעמען.

עס וואָלט געווען גוט ווען מען זאָל קענען רעגיסטרירן, אַז צווישן די מערסטע פון אונדז איז אויך דאָ אַ הסכם וועגן זוכן אַ פאָרעם פון מאַקסימאַלער ייִדישקייט. אָבער פאַרן רעפאָרמער איז עס פונקט דער היפּוך פון זיין שיטה — זיין גאַנצע פילאָסאָפיע איז צו דערהאַלטן אָפּגעפרעמדטע דורך אַ מינימום. אונדזער פריינט, וואָס מיינט אַז די קהילה זאָל בויען מאָדערנע קינדער־שולן, האַלט נאָך אויך ביים ראַטעווען וואָס לאָזט זיך דורך וויפל עס לאָזט זיך. די וועלטלעכע ייִדן זענען נאָך היפּש ווייט פון אַ קלאָרן באַגריף וועגן דעם, אין וואָס מאַקסימאַלע ייִדישקייט קען באַשטיין לויט זייער נוסח. און כ'האָב מורא, אַז אויך ביים „יאָנג איזראַעל" איז מאַקסימום ייִדישקייט דערווייל אַ ווייטער אידעאַל און נישט אַ קלאָרער פּראָגראַם. אָבער אויב עס זענען פאַראַן צוויי גרופּעס דאָ, וואָס קענען זיך איינס דאָס אַנדערע דערגאַנצן און ביידע זאָלן געווינען דערפון וואָס זיי וועלן נעמען איינע ביי דער אַנדערער, זענען עס — ווי ווילד דאָס זאָל נישט קלינגען — אונדזער וועלטלעכע ייִדישקייט און די מאָדערנע אָרטאָדאָקסיע.

אמת, אַז די צייט איז צו־קורץ געווען פאַר דער וועלטלעכער ייִדישקייט אין

משך פון איר באַוווסטזיניקן לעבן אויסצוקריסטאַליזירן אַן אייגענעם דרך. אָבער נאָר די יידישע ליטעראַטור האָט געזוכט צו אַנטפּלעקן דעם שורש פון נייעם ייִד אין נצח ישראל און אָנפילן אונדזער וועלטלעכקייט מיט דער קדושה פון אונדזער טויזנט־יאָריקן גאַנג. די וועלטלעך־ייִדישע דערציִונג איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון פּאַרטייען און באַוועגונגען, ביי וועמען די צענטראַלע אידעע פון ייִדישן קיום איז צעמאַלן און צעשטויסן געוואָרן פון די האַמערס פון זייערע אייגענע פּאַרטייישע צילן. די ליטעראַטור, די ערלעכע, האָט ווייטער געשפּונען דאָס געוועב פון דער אַנדערשקייט פון ייִדן. די דערציִונג האָט אַלע כוחות אַוועק־געלייגט אויף איינצופלאַנצן דעם באַגריף פון נישט־אַנדערשקייט. זוכן מיר אַרום די טויזנטער יונגעלייט און מיידלעך, וואָס האָבן זיך אַמאָל געלערנט אין ייִדישע שולן, און מיר געפינען בלויז אַ מנין דאָ און אַ מנין דאָרט. די ציוניסטישע שולן, וואָס זענען די קינדער נאָכגעגאַנגען מיט אַ נאַציאָנאַלן אידעאַל, האָבן כאָטש באַוויזן אויפצוהאַלטן גרופּעס יוגנט. די סאָציאַליסטישע, ווו די קלאַסן־אידעאָלאָ־גיע האָט דערוואָרגן דעם נאַציאָנאַלן אַנהאַלט, האָבן דאָס אויך נישט באַוויזן. געפינט מען אַ צענדליק בחורימלעך, וואָס ווילן זיך האַלטן ביים ייִדישן לשון, איז עס אַ נס מן השמים און מען בלאָזט אין אַלע שופרות.

ביי דעם דאָזיקן חרם, וואָס די וועלטלעכע דערציִונג האָט אַרויפגעלייגט אויף אונדזער מעכטיקסטן שול־מיטל — דעם באַוווסטזיין פון ייִדישער אַנ־דערשקייט דורך דור־דורות — האָט קיין ייִדישער דור נישט געקענט אויפוואַקסן און קיין שטייגער לעבן האָט זיך נישט געקענט אויסקריסטאַליזירן. און ווען די מאָדערנע אָרטאָדאָקסיע קנעלט איין מיט אונדז: געפיל פון ייִדישער צוגעבונדנ־קייט איבער דורות און לענדער, תורה לשמה, פאַרוואַנדלונג פון טאָג־טעגלעכן לעבן — אויב נישט אין אַ רעליגיעזן, איז אין אַן אַנדער אַקט פון היסטאָרישער ייִדישער עקזיסטענץ — מעגן מיר זיך צוהערן און לערנען.

אָבער אויך די מאָדערנע אָרטאָדאָקסיע, פון איר זייט, כאַפּט זיך נישט און זעט נישט, אַז זי בויט אינגאַנצן אויף אַ נעכטן און האָט נישט קיין היינט. דער נעכטן איז גרויס. פון תנ״ך ביז די לעצטע פּוסקים איז עס אַ קאָלאָסאַלער פּאַר־מעגן. אָבער ייִדן אין אַלע דורות האָבן זיך אויפגעהאַלטן נישט בלויז מיטן כוח פון אַלטן, נאָר אויך מיט דעם, וואָס זיי האָבן צום גרויסן נעכטן כסדר צוגעגעבן היינטיקס. ייִדישקייט, כדי צו האָבן אַ קיום, מוז זיין שעפעריש, און איר, רבותי, האָט קיין פּאַריִבל נישט, שאַפט גאָרנישט אייגנס. זיך אַליין קען דער מענטש פון אייער דור נישט געפינען אין דעם וואָס אירס האָט אים צו געבן. אויב איר

ווילט אָנווייזן אויף עפּעס היינטיקס, מוזט איר איך ווידעראַמאָל אָנכאַפּן אָן ארץ־ישראל. יאָ, דאָרט ווערט געשאַפן. אָבער אויב איר האַלט, אַז מיר דאָ קענען מיט דער השפעה פון ארץ־ישראל נישט לעבן, האָט איר גאָרנישט אייגנס צוגעטראָגן.

און מיר, די וועלטלעכע, האָבן די גאַנצע אַרבעט פון דער יידישער ליטעראַטור איז געווען ממשיך צו זיין דאָס אַלטע און געבן דעם נייעם מענטשן ווי אַ המשך פון אונדזערע אָבות. מיר האָבן אַ היינט.אָט נעמט דעם איצטיקן חורבן, דעם אומקום פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק. ווי האָט עס אָפּגעקלונגען ביי אייך? וואָס האָט איר געהאַט וועגן דעם צו זאָגן? איר זייט אָפּגעקומען מיט צדקה און תעניתים. און ביי אונדז האָט די פאָלקס־נשמה אויפגעציטערט און צום אַלטן פאַרמעגן פון קינות זענען צוגעקומען נייע געזאַנגען פון פיין און בראָך און ווידערשטאַנד. רעדט איר וועגן אָנפילן אַ הויז מיט יידישן תמצית. קען אַ לעבעדיק יידיש הויז זיין גאַנץ אָן לעבעדיקער יידישער שעפערישקייט?

שעפעריש מיטן כוח פון היינט, וואָס ציט זיין יניקה אי פון נעכטן, אי פון מאָרגן, איז דאָ בלויז אין איין ווינקל אין דער יידישער אַמעריקע — דאָס ווינקל פון יידיש. אויך העברעיִש פּרובירט זיך דאָ איינצוּשטעלן, אָבער קיין גלייכן מיט יידיש אי עס נאָך נישט. און אין דער באַציִונג צו יידיש האָט איר אָנגענומען דעם דרך פון דער אַסימילאַציע: איר האָט מורא פאַר דער אַנדערשקייט. עס איז זייער לייכט צו זיין אַן אַסימילאַטאָר מיט העברעיִש. יעדער אָפּגעריסענער און פאַרפרעמדטער איז גרייט זיך צו בייגן פאַר דער הייליקער שפּראַך. עס איז אַ זאַך פון ווייטן אַמאָל, פון „פרעיער־בוק" אַרויס, און עס שטערט אים נישט אין זיין אָפּגעפרעמדטקייט. יידיש איז אַ לעבעדיקער כוח. יידיש איז אַ סימבאָל פון אַ לעבעדיקן פאָלק, וואָס שאַפט אויך אין „גלות". און אומוויסן וועגן יידיש איז אַ סימן מובהק פון אַסימילאַציע.

איך ווייס — מען דאַרף נאָך אַ סך בריקן אַריבערשפּאַנען ביז די צוויי צדדים, די וועלטלעכע און די אָרטאָדאָקסן, וועלן פועלן ביי זיך איינער פון אַנדערן צו לערנען. אין דער אמתן איז דער מהלך גאָר נישט אַזוי ווייט ווי עס דאַכט זיך. אַז עס האַלט שוין ביי אונדז ביי אַ פרק משניות אויף יידיש, דאַרפן די אָרטאָדאָקסן בלויז צוגעבן, אַז דער פרק משניות אויף יידיש איז דאָך יידישער ווי דער זעלבער פרק משניות אויף ענגליש. אַז מען וועט זיצן אונטער איין דאַך גענוג לאַנג, וועט מען זיך סוף־כל־סוף דעררעדן צו אַ הסכם. עס גייט אין אויפהאַלטן דעם שותפותדיקן דאַך איבערן קאָפּ.

וואָס מיר ווילן, באַזונדערס אין היינטיקן שעת חרם, איז ווידער איינפלאַנצן

אין זיך אַליין דאָס געפיל, אַז יעדער איינער טראָגט אויף זיך אַ טייל אחריות פאַרן קיום פון גאַנצן פאָלק און אַז אונדזערע יחידישע מעשים שלאָגן זיך אָפּ ערגעץ דאָרט ווו דער גורל פון גאַנצן פאָלק ווערט באַשטימט. צי מיר וועלן עס באַנעמען רעליגיעז, צי נאַציאָנאַל, איז קיין חילוק נישט. אַזוי ווי דער אַמאָ־ליקער בית־המדרש האָט געפּילט, אַז ער איז אַ פעסטונג פון קיום, אַזוי דאַרף עס פילן אויך דער היינטיקער. און מיר דאָ זענען געווען אַ בית־מדרש. פון אַ ישוב פון אַרום 400 דערוואַקסענע זענען מיר געווען קנאַפּע צען פּראָצענט — אַרום פיר מנינים — און מיר האָבן געלערנט אונדזער משנה אויך פאַר די אַנ־דערע, וואָס האָבן אונדז מבטל געמאַכט.

בעת מיר, די עטלעכע צענדליק דאָ, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין אַ רעגנ־דיקן אָוונט צו לערנען אַ פּרק אין דער משנה נצח ישראל — וואָס טוען די אַנדערע הונדערטער? זיי שפּילן קאָרטן אָדער פאַרוויילן זיך אויף אַן ענלעכן אופן. אַז איר וועט זיך איינשפּאַרן, וועט איר אַרויסקריגן ביי זיי אַ ביסל צדקה פאַר דעם אָדער יענעם צוועק. אָבער זיצן דאָ איבער דער משנה זענען מיר גע־קומען, נישט זיי. און אַז זייערע קינדער וועלן באַזאָרגט ווערן מיט וועגן צו בייער ייִדישקייט, וועט עס קומען פון דאַנען, און נישט פון זיי דאָרט. איז אויב מען רעדט וועגן אַ קהילה — ווער דאַרף זי זיין? מיר און אַזעלכע ווי מיר, גרופּעס ייִדן פון כל־המינים און ריכטונגען, וואָס וועלן זיך דערערדן צו אַ בשותּפותדיקן גאַנג צו המשך — זיי וועלן ווערן די קהילות. און אויב עס דאַרף געפירט ווערן אַ מלחמה מיט דער מינימאַלער ייִדישקייט, וואָס באַהערשט אונדזער לעבן, קענען נאָר די המשך־ייִדן פירן די מלחמה.

דאָס האָבן מיר דאָ געלערנט.

וועלטלעכע ייִדישקייט

וואָס פאַר אַ מין ייִדן ווערט אויסגעהאָדעוועט אין אונדזערע וועלטלעכע שולן? פון וואָס באַשטייט זייער ייִדישקייט און ווי טיף זענען אירע יסודות?

כדי אויף דעם צו ענטפערן, האָט דער שרייבער און לערער ה. ש. קאַזדאַן דורכגעפירט אַן אַנקעטע צווישן אַ צאָל תּלמידים פון דער אַרבעטער־רינג מיטל־שול, און אין די לעצטע פּאָר נומערן „קולטור און דערציִונג" דרוקט ער גע־שריבענע ענטפערס פון די קינדער וועגן זייער באַציִונג צו רעליגיע, געשיכטע, שפּראַך, און מאַכט דערפון זיינע אייגענע אויספירן. אַ דאַנק אים דערפאַר! ער ברענגט אינפאָרמאַציע פון די סאַמע באַגלויבטסטע עדות.

ווייסן מיר, אַז וועלטלעכקייט מיינט אומרעליגיעזקייט, און דאָס באַשטעטיקן אויך די עדות. פון 19 קינדער, וואָס האָבן געשריבן וועגן דעם, אין וואָס באַשטייט זייער ייִדישקייט, האָבן 5 דעם עניין רעליגיע אינגאַנצן נישט אָנגערירט. פון די איבעריקע זאָגן בלויז 4, אַז אויך רעליגיע איז אַ טייל פון זייער ייִדישקייט. ה' קאַזדאַן מאַכט דעם סך־הכּל, אַז פון די 14 תּלמידים „באַטראַכט דער ווייט־גרעסטער טייל, אַז רעליגיע פאַרנעמט אינגאַנצן נישט קיין אָרט אין דעם סיסטעם פון זייער ייִדישקייט, אָדער גאָר אַ קליין אָרט". דאָס איז ריכטיק. אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ מין רעליגיע, פון וועלכע די קינדער טרייסלען זיך אָפּ? וואָס פאַר אַ באַגריף האָבן זיי וועגן איר?

איז איינע אַ תּלמידה נישט מסכּים מיט דעם, אַז „כּדי צו זיין אַן עכט גוטער ייִד, דאַרף מען זיין פרום ווי דער דין באַפעלט". אַ צווייטער זאָגט: „אַ גוטער ייִד דאַרף שינט (דווקא) גיין אַלע שבתים און ימים־טובים אין שול דאַוו־נען". אַ דריטער: „איך גיי נישט אין שול, איך האַלט נישט אַלע ימים־טובים און איך עס זאַכן, וואָס זענען נישט כּשר". אַ פערטע: „מיין ייִדישקייט באַשטייט פון עפּעס מער, ווי נאָר נישט פאָרן און נישט שרייבן אום שבת און עסן נאָר

כשרות״. אַ פּינפּטע: „איך דין נישט צו גאָט, איך האַלט נישט פון כשר און טריף אָדער מילכיק און פליישיק, — אָבער דאָך האַלט איך, אַז איך בין אַ גוטער ייִד״.

איז אויף וואָס האַלט זיך די ייִדישקייט פון די, וואָס „דינען נישט צו גאָט״ און זענען נישט אָפּגעהיט מיט מילכיקס און פליישיקס? פילאָסאָפירט וועגן דעם איינער אַ בחורל, וואָס אַליין גייט ער גראָד יאָ אין שול יעדן יום־טוב:

„איצט, ווען די וועלט איז מער מאָדערניזירט און רעליגיע שפּילט זייער אַ קליינע ראָלע, דאַרף עפּעס אַנדערש זיין די אורזאַך, פאַרוואָס די ייִדן זענען נאָך אַלץ אַ פאָלק. ייִדיש איז די אורזאַך... ייִדיש איז אַ שפּראַך, וואָס לעבט ווי אַ ייִד לעבט. עס ווערט גערעדט ווו צוויי ייִדן באַגעגענען זיך. דאָס ייִדישע פאָלק קאָן נישט אָנגיין ווי אַ צעשפּרייט פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט אָן אַ שפּראַך. און די שפּראַך איז איצט ייִדיש״.

אין זעלבן נוסח רעדן אויך אַנדערע:

„איך בין אַ ייִד מיט דעם, וואָס איך גיי אין אַ ייִדישער שול און לערן די געשיכטע פון מיין פאָלק. איך שטודיר די ייִדישע שפּראַך. דאָס איז דער גרונט פון פאָלק״.

„מיין ייִדישקייט באַשטייט אין דעם, וואָס איך בין אַ ייִד, ווייס פאַרוואָס און קען די גאַנצע געשיכטע פון מיין פאָלק״.

„איך האָב אַ שפּראַך, וואָס בינדט מיך צוזאַמען מיט די ייִדן אין אַלע לענדער, די שפּראַך, וואָס איך נוץ אין שרייבן און רעדן... איך האָב אַ ליטעראַטור, וואָס איז אפשר די וויכטיקסטע זאַך אין מיין ייִדישקייט. זי בינדט צוזאַמען די ייִדן פון אַמאָל און היינט, די ייִדן פון אַלע לענדער״.

אַזוי גייט עס אויך ביי אַנדערע. און ח׳ קאַזדאַן קומט צום אויספיר, אַז כאָטש קיין איינער פון די 19 תלמידים באַנוצט נישט דאָס וואָרט „וועלטלע:קייט״, איז „דער אינהאַלט פון זייער ייִדישקייט בעיקר אַ וועלטלעכער: ייִדישע שפּראַך און ליטעראַטור, ייִדישער לעבנסשטייגער און די סביבה — דאָס זענען די הויפּט־עלעמענטן פון דער דאָזיקער וועלטלעכער ייִדישקייט זייערער״.

**
*

פון דעם אופן ווי די קינדערשע ענטפערס זענען געשריבן און דעם וויסן, וואָס זיי ווייזן אַרויס, ווערט אַוודאי היימלעך. אויף וואָס די ייִדיש־קייט פון די דאָזיקע קינדער זאָל זיך נישט שטיצן — עפּעס וועט ביי זיי בלייבן. אָבער —

איך ווייס נישט ווי ח׳ קאַזדאַנען און אַנדערע וועלטלעך־יידישע טעאָרעטיקער און פּעדאַגאָגן — מיר איז פון אַ טייל פון די קינדערשע רייד געוואָרן אומהיימלעך.

ווען עס זאָגט אַ קינד מיט 40 יאָר צוריק, אַז ווו צוויי יידן באַגעגענען זיך, ווערט צווישן זיי גערעדט יידיש, אָדער אַז „יידיש לעבט ווו אַ ייד לעבט", וואָלט עס געווען אַ גוזמא, אָבער עס וואָלט נישט געגעבן קיין פאַלש בילד פון דערווירקלעכקייט און אויך נישט פון דער סביבה, אין וועלכער דאָס קינד לעבט. היינט איז עס — פאַנטאַזיע. עס איז נאָך מער פאַנטאַזיע, ווען אַן אַנדער קינד זאָגט, אַז יידיש „בינדט צונויף אַלע טיילן פון יידישן פאָלק". און די פאַנטאַזיע ווערט געפערלעך און פאַרפירעריש, ווען מען דערלויבט אַ קינד צו שאַפן זיך אַזעלכע באַגריפן, אַז היות רעליגיע שפּילט היינט זייער אַ קליינע ראָליע, איז „יידיש די אורזאַך פאַרוואָס יידן זענען נאָך אַ פאָלק". די בחורימלעך מיט די מיידלעך וועלן אויסוואַקסן, זיי וועלן אַרויס פון אונטער דער השפּעה און „פּראָפּאַגאַנדע" פון די לערערס און זיך דערוויסן, אַז יידיש בינדט נישט מער „אַלע טיילן פון יידישן פאָלק", נאָר זי איז אַ מינדערהייט־שפּראַך, און דעמאָלט וועט פּלאַצן דער גאַנצער בנין.

דאָס איז בנוגע שפּראַך. און וואָס די קינדער שרייבן וועגן רעליגיע איז מיר געווען טיף דערווידער. פאַרוואָס האָבן די לערערס דערלויבט אָדער געהאָלפן אויסצואַרבעטן ביי די קינדער אַ באַגריף, אַז רעליגיע איז בלויז גיין אין שול אַריין, נישט פאָרן אום שבת און עסן כשרס? פאַרוואָס זאָל אַ קינד פון אַ יידישער שול זאָגן: „מיין יידישקייט באַשטייט אין מענטשלעכקייט, ברידערלעכקייט מער ווי אין רעליגיעזן צווייג", פּונקט ווי מענטשלעכקייט, ברידערלעכקייט און יידישע רעליגיע זאָלן גיין להיפוך איינס צום אַנדערן? עס קומט אַ דאַנק די לערערס פאַר יענע ענטפערס, ווו די קינדער ווייזן אַרויס טאָלעראַנץ און אַפילו דרך־ארץ פאַר די רעליגיעזע פירונגען פון אַנדערע. אָבער פאַרוואָס אַזאַ שפּלדיקער באַנעם פון רעליגיע ביי יענע, וואָס טרייסלן זיך אָפּ פון איר?

די שול איז דער וואַרשטאַט, ווו די וועלטלעכע יידישקייט אַרבעט אויס אירע „פּראָדוקטן". די שול דאַרף דעמאָנסטרירן צי די וועלטלעכקייט איז בכח אויפצושטעלן אַ דור, וואָס זאָל אונדז ירשענען. און אויב מען קלאָגט פון אַלע זייטן, אַז זי האָט קיין דור דערוויל נישט אויפגעשטעלט, ווער איז די שולד?

**
*

לאָמיר רעדן פּשוט.

דער וועלטלעכער, נישט־רעליגיעזער, ציוניזם קאָן טענהן מיטן לשון פון

יענעם בחורל, אַז היות רעליגיע שפּילט איצט אַ קליינע ראָליע, דאַרף דאָס ייִדישע פאָלק האָבן אַן אַנדער אָנהאַלט, און דער אָנהאַלט איז דאָס ייִדיש לאַנד. דאָס לאַנד, ארץ־ישראל, איז קאָנקרעט. זיין פאַרבינדונג מיט דער ייִדישער געשיכטע איז קאָנקרעט. די מלחמה, וואָס ווערט איצט געפירט פאַרן לאַנד איז אַ קאָנ־קרעטע. די פאַרבינדונג מיטן ישוב דורך דער שפּראַך איז אַ קאָנקרעטע. אויב אַפילו דער ציוניזם זאָל וועלן דעגראַדירן ייִדישע רעליגיע צו אַ באַגריף וועגן מילכיקס און פליישיקס, האָט ער אַ קאָנקרעטע אידעאָלאָגיע פון נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, וואָס צינדט אָן און באַגייסטערט. נישט אומזיסט האָט דער ציוניזם אָרגאַניזירט אַ יוגנט, בשעת די וועלטלעכע ייִדישקייט האָט זי נישט. ווייל וואָס האָט די נישט־ציוניסטישע ייִדישע שול אַנטקעגנצושטעלן אַט דער קאָנקרעטער אידעאָלאָגיע? די קינדער פון א. ר. מיטלשול שטיצן זיך אויף ייִדישער געשיכטע, ייִדישער ליטעראַטור — ד״ה אויף גייסטיקע, קולטורעלע ווערטן. אויב אַזוי — ווו איז דאָס גרעסטע, וואָס ייִדן האָבן געשאַפן ווי אַ פאָלק? נישט די דינים וועגן פליישיקס און מילכיקס, נאָר דער גוואַלדיקער קאָמפּלעקס אידעען וועגן מענטש און זיין פּלאַץ אין דער וועלט, וואָס הייבט זיך אָן פון תורת משה און וואַקסט ביזן בעש״ט און פראַנץ ראָזענצווייגן?

נאָך קלאָרער:

מיר מעגן זיין פּאָליטיש אָנהענגער און שטיצער פון די שטרעבונגען פון ישוב אין ארץ־ישראל. מיר מעגן באַוווּנדערן דעם חלוץ און הגנה־מיטגליד. מיר קענען האָבן די טיפסטע פאַרשטענדעניש פאַר דעם היסטאָרישן זין פון דער אויפקומענדיקער ייִדישער מלוכה. נאָר אויב עס זענען דאָ מענטשן צווישן אונדז — און די ייִדישיסטן דאַרפן עס זיין — וואָס קאָנען נישט איינגיין אויף דעם, אַז דאָס וועלט־ייִדנטום זאָל ווערן אַ גייסטיקע קאָלאָניע פון ארץ־ישראל און לעבן בלויז אין זכות פון דער מלוכה — אויב אַזעלכע מענטשן זענען דאָ, מוזן זיי אויך איינזען, אַז די איינציקע אייגענע אידעאָלאָגיע, וואָס זיי קאָנען אַרויס־שטעלן קעגן דער ציוניסטישער, איז די אידעאָלאָגיע פון אַ גייסטיק־קולטורעלער עקזיסטענץ. ממלכת כהנים וגוי קדוש אַנטקעגן אַ רעפּובליק מיט מיניסטאָרן און אַן אַרמיי. און אויב דער ציוניזם שטעלט אויס די ייִדישע געשיכטע אַזוי, אַז זי זאָל זיך אינגאַנצן דרייען אַרום דער אַקס פון ציון און שיבת ציון, מוזן די וועלט־לעכע איינשטעלן די זעלבע געשיכטע אַזוי, אַז זי זאָל זיך דרייען אַרום דער אַקס פון מענטשלעכער לייטערונג און קדושה. און אויב דער ציוניזם לייגט דאָס געוויכט אויף אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין און דורך ארץ־ישראל, דאַרף

די צווייטע אידעאָלאָגיע לייגן דאָס געוויכט אויף אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אומעטום ווו ייִדן זענען געווען און זענען דאָ.

דאָ קומט אַריין ייִדיש. אין אַ געשיכטע, וואָס אירע הויפּט־עטאַפּן זענען: ערשטע, צווייטע און דריטע מלוכה, איז קיין פּלאַץ פאַר ייִדיש נישטאָ. אָבער אין אַ געשיכטע, וואָס האָט אויך עטאַפּן אין בבל, שפּאַניע, דייטשלאַנד, פּוילן, רוסלאַנד — איז דאָ פּלאַץ פאַר ייִדיש. און קיינער איז נישט מחויב צו געוואַרן זיך אַליין און די קינדער מיט דער איינרעדעניש, אַז ייִדיש איז נאָך אַלץ די שפּראַך, וואָס „פאַרבינדט אַלע טיילן פון ייִדישן פאָלק". זי איז עס נישט מער. אָבער ווי זאָגט איינע פון די קינדער: „ייִדיש האָט געלעבט מיט די ייִדן אין גלות. עס איז געשאַפן געוואָרן אין גלות... ווייל ייִדן האָבן געוואָלט בלייבן ייִדן, האָבן זיי זיך צוזאַמענגעבונדן מיט אַ שפּראַך"... ייִדיש איז דער סימבאָל און אויסדרוק פון ייִדישער שעפערישקייט אין גלות — און דאָס איז גענוג.

אָבער ווען האָט ייִדיש אַ פּלאַץ? ווען דער צובונד צו דער שפּראַך ווערט אַ טייל פון אַ גאַנצער אידעאָלאָגיע, וואָס בויט ווייטערדיקן קיום אויף גייסטיקער שאַפונג. אָבער אויב אַזאַ „אידעאָלאָגיע" קאָן זיך פאַרגינען צו מאַכן פון מענטש־לעכקייט און ברידערלעכקייט בלויז „מאָדערנע" אידעאַלן און רעדוצירן טויזנ־טער יאָרן פון ייִדישער שעפערישקייט אַרום דער אידעע גאָט־וועלט־מענטש צו מילכיקס און פליישיקס — וועט פון איר קיין קיום נישט קומען.

***

עד־היום סטאַרען זיך ביי אונדז מאָדערנע געשיכטע־שרייבער צו פאַרריכטן דעם טעות פון יענע ייִדישע היסטאָריקער, ביי וועמען די געשיכטע פון ייִדישן פאָלק איז געוואָרן אַ געשיכטע פון ייִדישער גייסטיקייט. שוין ש. דובנאָוו האָט זיך מער אָפּגעגעבן מיט געשיכטע פון רעאַלן לעבן. דער קדוש יצחק שיפּער האָט אָנגעשריבן אַן עקאָנאָמישע ייִדישע געשיכטע. פּראָפעסאָר סאַלאָ באַראָן — אַ סאָציאַל־רעליגיעזע. וועגן די געשיכטע־שרייבער אַרום יִווֹאָ איז דאָך אָפּגע־רעדט, אַז זיי פאַרנאַכלעסיקן נישט דאָס עקאָנאָמיש־סאָציאַלע. אָבער אַז מען האָט שוין דעם טעות פאַרריכט, הייבט זיך אָן צו טראַכטן: אפשר איז עפּעס געווען אין דעם, וואָס יענע האָבן אַרויסגעהויבן גראָד די גייסטיקייט. און עס טראַכט זיך אויך: אפשר איז אונדזער אייגענע געשיכטע־שרייבערי שוין אַביסל צו ערדיש, צו מאַטעריעל, צו וועלטלעך.

איך טראַכט עס צוליב דעם, ווייל אַזוי זענען אויך געשריבן די האַנט־ביכער פון יידישער געשיכטע פאַר די שולן, אויף וויפל איך קען זיי. מען האָט זיך געסטאַרעט צו מאַכן פון אונדז אַ לייטיש פאָלק, אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער, אויף ווי ווייט ס׳האָט זיך געלאָזט. און דערפון מסתמא דער באַגריף ביי די קינ־דער, אַז יידישע רעליגיע אין מילכיקס און פליישיקס. אויב איך מאַך אַ טעות, זאָלן מיר די לערערס פאַרריכטן.

און וועלטלעכקייט האָט געקאָנט זיין נישט קיין פאַרלייקענונג, נאָר פאַר־קערט — אַ הומאַניזירונג פון רעליגיע. וואָס טוען געוויסע נאַציאָנאַל־געשטימטע רעפאָרמער? זיי נעמען אַרויס פון אומגעהייערן אוצר פון רעליגיעזער שאַפונג יענע אוניווערסאַלע און נאַציאָנאַלע עלעמענטן, וואָס שטימען מיט זיי, און שאַפן אַ „באַנייטע״ רעליגיע. מיר האָבן אַ סך מער צו נעמען פון זיי. אונדזער ליטע־ראַטור האָט געוויזן דעם וועג דערצו. מיר האָבן אומצייליקע געשטאַלטן, אויף וועלכע עס האָט געקאָנט געבויט ווערן אַ געשיכטע פון רעליגיע אויך פאַר קינ־דער. דורכן חומש, די נביאים, די תנאים און אמוראים, די מיטלאַלטערלעכע גאונים, ביז די גרויסע עטיש־רעליגיעזע געשטאַלטן פון די לעצטע פאַר הונ־דערט יאָר וואָס פאַר אַ מעגלעכקייטן אַרייַנצופירן די יוגנט אין אַ וועלט פון מען יזך אַליין באַפרייען פון אַזוי פיל וועלטלעכע מוראס און פאַראורטיילן — מענטשלעכער דערהייבונג, לייטערונג און קדושה! אָבער כדי דאָס צו טון דאַרף און צי וועט זיין כח דערפאַר?

אויב עס וועט נישט זיין, אויב די וועלטלעכקייט וועט בלייבן שטרענג־וועלטלעך, ווי ביז אַהער, וועט זי קיין קיום נישט בויען.

II

ישראל און די תפוצות

אונדזער חשבון־הנפש פאַר אַ נייער אויסלייזונג *)

אונטערן מבול פון חורבן און טויט, וואָס היטלער פאַרשפרייט, גייט אָן אין אין די געליטענע פעלקער גופא אַן אינעווייניקסטע מלחמה. עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס האָבן דערזען אין דער מפלה און חורבן אַ שטראָף פאַר באַגאַנגענע זינד און זיי זענען גרייט צו מאַכן אַ חשבון־הנפש און טון תשובה. און עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס אויך דער קראַך פון היטלערס באַמבעס האָט זיי נישט אויפגעריסן פון זייער פאַרגליווערטקייט און עס חלומט זיך זיי נאָך דער מלחמה אַ נייע וועלט, וואָס זאָל נישט זיין אויף אַ האָר אַנדערש ווי ס'איז געווען די אַלטע.

די פוילישע רעגירונג איז אַנטלאָפן פון היטלערס אַרמייען, רעשטלעך פון איר זענען דערלאָפן קיין פראַנקרייך, עס איז דאָרט געשאַפן געוואָרן אַ נייע רע־גירונג מיט אַ נאַציאָנאַל־ראַט — און וואָס האָט זי אָנגעהויבן? וואָכן נאָך וואָכן זענען געשטאַנען די רעדנער אין נאַציאָנאַל־ראַט און געמאַכט אַ חשבון־הנפש: וואָס פאַר אַ זינד איז דאָס אַלטע פוילן באַגאַנגען און אויף וועלכע דרכים דאַרף זיך דאָס צוקונפטיקע, דאָס נייע פוילן פאַרנעמען. מ'האָט אָנגעהויבן זוכן אַ זין אין דער עקזיסטענץ פון פוילן. גענעראַל זשעליגאָווסקי, דער אַמאָליקער פאַר־כאַפער („באַפרייער", הייסט עס) פון ווילנע, האָט זיך דערטראַכט צו דעם, אַז דאָס פוילישע פאָלק האָט אַ מיסיע, אַ שליחות אין דער וועלט, און אַז די שליחות איז צו זיין דער פירער פון אַלע סלאַווישע פעלקער. אָבער צווישן די, וואָס האָבן געמאַכט דעם חשבון־הנפש, זענען געווען אויך גענוג אַזעלכע, וואָס האָבן קיין חטאים נישט געזען. מ'האָט, הייסט עס, יושרדיק באַהאַנדלט אי דעם פויער,

*) די סעריע אַרטיקלען זענען געשריבן געוואָרן אין יאָר 1941.

אי דעם אַרבעטער, אי דעם ייִדן. אַלץ איז געווען אין אָרדענונג. און אין דער שטאָט, ווו די פּוילישע גלות־רעגירונג האָט זיך געפונען, האָט מען געדרוקט און פאַרשפּרייט אַנטיסעמיטישע בלעטלעך, ווי מען טוט עס איצט אין לאָנדאָן, און מ׳האָט געגרייט נייעם ייִדן־האַס פאַר אַ באַנייטן פּוילן.

ווען אין ענגלאַנד האָט טשוירטשיל פאַרביטן טשעמבערליינען, איז עס געווען נאָך אַ חשבון־הנפש. מ׳האָט איינגעזעען די זינד. יאָרנלאַנג האָט מען געשטאַרקט מוס־סאָליניס האַנט און מ׳האָט געהאָלפן היטלערן זיך באַפעסטיקן אין דער מאַכט. מ׳האָט געשפּילט אַ מיאוסע שפּיל פון זעטיקן די אַפּעטיטן פון וואָלף, אים פאַרגיטיקן און גלעטן איבער דער וואָלפישער פעל. מ׳האָט דאָס אומגליק אַליין אויף זיך געבראַכט. האָט מען תשובה־געטון. אָבער מיט קיין אָפענע רייד וועגן דעם וואָס פאַר אַ מין דערלייזונג דער נצחון וועט ברענגען — נאָך ביז איצט נישט אַרויס־געקומען. היטלער זאָגט, היטלער מאָלט פאַר זיין פאָלק און זיינע סאָלדאַטן אַ קלאָר בילד פון דעם, ווי די „נייע וועלט" אונטער דער הערשאַפט פון דייטשן „הערנ־פאָלק" וועט אויסזען. דער צווייטער צד רעדט בלויז וועגן נצחון פון דעמאָקראַטיע און באַפרייונג פון פעלקער און האָט מורא אין פּרטים זיך אַריינצולאָזן. פאַרוואָס? ווייל דער חשבון־הנפש איז נאָך נישט אינגאַנצן געמאַכט. עס זענען נאָך אינעם חשבון דאָ טונקעלע פלעצער סיי בנוגע צו דער אָרדענונג אין דער וועלט, סיי בנוגע צו דער אָרדענונג ביי זיך אין דער היים.

אַוודאי ווילן פעלקער מער נישט אונטערדריקט ווערן. אָבער ווי אַזוי וועט קומען די דערלייזונג? אין וואָס וועט זי באַשטיין? דאָס קאָן מען נאָך נישט זאָגן, ווייל מען פירט נאָך אַליין דערווייל די אַלטע קאָלאָניאַל פּאָליטיק. אינדיע פאָדערט זעלבסטשטענדיקייט און מ׳איז נישט גרייט צו געבן. ייִדן מאָנען קלאָרע רייד וועגן ארץ־ישראל און מ׳האָט מורא זיך איינצורייסן אי מיט די ייִדן, אי מיט די אַראַבער. ווי קאָן מען צוזאָגן באַפרייונג אויפן חשבון פון אַנדערע, ווען ביי אונדז אַליין איז נישט אַלץ כשר?

אַוודאי וועט דער תהום צווישן אָרעם און רייך מוזן פאַרשאָטן ווערן. פון איין זייט לאָרדן, מאַגנאַטן, מיוחסים, אַריסטאָקראַטיע, וואָס ווערט געהאָדעוועט צו לעבן אין ווילטאָג און הערשן, און פון דער צווייטער זייט — מוראַדיקער דלות, שמוץ, הונגער. דאָס טאָר אַזוי נישט זיין מער. שווין היינט קומט פאַר אַ דערנעענטערונג פון די קלאַסן. אין די סאַבוויס, אין די שוץ־קעלערן, ווו מען באַהאַלט זיך פון די באָמבעס, טרעפן זיך רייך און אָרעם, מען דערקענט זיך, מען פאַרשטייט זיך. אָבער ווי אַזוי וועט דער תהום פאַרשאָטן ווערן? ווי אַזוי וועט מען אויסגלייכן די רעכט

און פּריווילעגיעס פון די קלאַסן? וועגן דעם טאָר מען נאָך נישט רעדן, ווייל נישט אַלע נאָך זענען פאַרטיק מיטן חשבון־הנפש. אַוודאי זענען שוין אויך איצט פאַראַן צווישן די מעכטיקע אַזעלכע, וואָס פאַרשטייען, אַז עס וועט מוזן אַנדערש ווערן. אָבער נישט אַלע פאַרשטיין. עס זענען דאָ גענוג פאַרגליווערטע אין זייער מאַכט און יחוס, וואָס גלייבן, אַז די אַלטע אָרדענונג איז די בעסטע אין דער וועלט און טאָר אויף קיין האָר נישט געענדערט ווערן. היינט אַמעריקע! זאָל מען אין אַמעריקע דערהערן, אַז ענגלאַנד מאַכט אַ „רעוואָלוציע" — וואָס פאַר אַ געוואַלד וועט זיך דאָס אויפהייבן קעגן רוזוועלטן און זיין הילף!

גייט אָן אַ מלחמה אין די פעלקער גופא: יאָ רעוויזיע פון דער אַלטער אָרדע־נונג, נישט רעוויזיע פון דער אַלטער אָרדענונג. אָבער וואָס גרעסער די געפאַר, וואָס מוראדיקער דער חורבן אַרום, וואָס נאַקעטער די וווּנדן, אַלץ טיפער גראָבט זיך דער חשבון־הנפש אין די מוחות אַריין.

* * *

ביי אונדז, די געליטנסטע פון אַלע, קומט פאַר דיזעלבע מלחמה צווישן חשבון־הנפש און אַלטער פאַרגליווערטקייט, אָבער עס איז אַנדערש און שווערער ווי ביי די אַנדערע.

ביי אונדז האָבן זיך דער חורבן אָנגעהויבן נישט פון היטלערן. היטלערס רדיפות זענען בלויז גרויזאַמער, אויסראָטערישער ווי די רדיפות פון די צאַרן. זיין געטאָ איז בלויז מערדערישער ווי די געטאָ פון מיטלאַלטער. און מיר דאַרפן נישט איצט אָנהייבן צו מאַכן אַ חשבון־הנפש. מיר מאַכן אים כסדר. אויב אין פריערדיקע יאָרהונדערטער האָט דער חשבון־הנפש נאָך יעדער כוואַליע פון שחיטות און אויסראָטונג געפירט מערסטנס אין שול אַריין, האָט ער אין פאַריקן יאָר־הונדערט געפירט צו אַ גאַנצער קייט תחבולות און לייזונגען, וואָס האָט באַדייט אַ פולשטענדיקן איבערברוך און איבערבוי. אין אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט: אין מערב־אייראָפּע — גלייכבאַרעכטיקונג. אין רוסלאַנד — קאָלאָניזאַציע אין די דרום־געגנטן. דערנאָך שיבת־ציון, וואָס איז צום סוף יאָרהונדערט געוואָרן פּאָ־ליטישער ציוניזם. דערנאָך — סאָציאַליזם, באַפרייונג פון קלאַסן און פעלקער. דערנאָך טעריטאָריאַליזם. דערנאָך — נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, פרייע עקזיסטענץ פון אַ קולטור־פאָלק. פון דער צווייטער זייט — אַסימילאַציע, פאַרשווינדונג, צו־נויפמישונג. און אין דערזעלבער צייט האָט דאָס פאָלק אַליין, פון קיינעם נישט

געפירט, געזוכט זיך צו ראַטעווען מיטן אַלטן אויסגעפּרובירטן מיטל — וואַנ־דערונג, אויפבוי פון נייע ישובים און נייע לענדער איבער ימים.

דער חשבון־הנפש האָט זיך אָנגעהויבן שוין פון לאַנג און די לייזונגען, צו וועלכע ער האָט זיך דערטראַכט, האָבן ממשותדיקע דערגרייכונגען צו באַווייזן. גלייכבאַרעכטיקונג? — טוט אַ קוק אויף אַמעריקע, אויף ענגלאַנד — קאָנען מיר פאַרלאַנגען מער ווי מיר האָבן אונטער דער דעמאָקראַטישער אָרדענונג? ציוניזם? —אַ האַלבער מיליאָן יידן אין ארץ־ישראל, אַן אייגן לעבן, אַ נייער יידישער מענטש. עפּנט ברייטער די טויערן, און דאָס, וואָס איז איצט קליין און באַגרענעצט, וועט ווערן גרויס און מעכטיק און אַ ניי יידיש פאָלק וועט אויפגעבויט ווערן. סאָציאַליזם? — פאַרגעסט אויף אַ מינוט די רציחות און פאַרשקלאַפונג פון סטאַ־לינישן רעזשים! קיין פּאָגראָמען זענען נישטאָ, יידן־האָס איז מלוכה־פאַראַט, דער האַנדל־וואַנדל איז אויסגעראָט געוואָרן, אַ יונגער יידישער דור אַרבעט אין די אינדוסטריעס — עס איז פולע גלייכהייט, עס איז דערלייזונג. פרייע עקזיסטענץ ווי אַ קולטור־פאָלק? זעט וואָס פאַר אַ קרעפטיקע יונגע קולטור מיר האָבן אויפ־געבויט אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט. נישטאָ זיך וואָס צו שעמען מיט איר פאַר אַנדערע פעלקער. גיט אונדז אַן אומגעשטערט לעבן, און איר וועט זען ווי עס קאָן אַ פאָלק, אויך אין „גלות" זיך אויפבויען און לעבן ווי אַן אַלט קולטור־פאָלק.

יעדע באַזונדערע תרופה, צו וועלכער דער חשבון־הנפש פון אַ האַלבן יאָר־הונדערט האָט זיך דערטראַכט, האָט עפּעס ממשותדיקס צו באַווייזן, און אויף דעם ממשותדיקן שטיצט זי זיך אין איר ווידערווילן אַריינצוקוקן אין זיך אַליין און זען טאָמער איז נישט אַלץ מיט איר אין אָרדענונג, אַז זי האָט באַוויזן! אַז מען קאָן זען מיט נאַקעטע אויגן, ווי געזעצט זי איז! צו וואָס פאַרטראַכטן זיך? צו וואָס בודק־זיין? צו וואָס זוכן ביי זיך טעותן און חטאים?

ווערט אַ נייער חשבון־הנפש געשטערט פון צוויי צדדים: אי פון די, וואָס האָבן בכלל פיינט ענדערונגען, אי פון די, וואָס האָבן שוין איינמאָל דעם חשבון־הנפש געמאַכט און די ישועה געפונען. די ערשטע, די איינגעגליווערטע, האָבן זיך אגב אַ סך אויסגעלערנט אין משך פון יאָרן. עס איז געווען אַ צייט, למשל, ווען די „ראַבינערס" האָבן געשטורעמט קעגן ציוניזם און געפירט מיט אים אַן אָפענע מלחמה. היינט טוען זיי עס נישט מער. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט לפנים־וועגן נאָכצוגעבן אַביסל, אַפילו מיטצוהעלפן, אַפילו שותפותן מאַכן, אָבער אויף אַן „אָנשטענדיקן" אופן ווייסן זיי ווי אַזוי דעם „שונא" אין די הענט אַריינצונעמען

און מאַכן אים אומשעדלעך. אַמאָל זענען דער מאַגנאַט און דער אַרבעטער געווען אידעאָלאָגישע שונאים. היינט נישט מער. פאַרשטייער פון סאָציאַליזם זיצן פריד־לעך ביי איין טיש מיט די פאַרטרעטער פון גרויס־קאַפּיטאַל, און ווען מען דאַרף, גייט דער סאָציאַליזם זייער ווייל אין שפּאַן ביי דער מאַגנאַטישער אידעאָלאָגיע. זיי האָבן אַ סך געלערנט, די וואָס ווילן, אַז די אָרדענונג זאָל בלייבן פאַרגליווערט, און ווייסן ווי אַזוי טאַקטיש און פיין אומצוגיין מיט זייערע קעגנער אַזוי, אַז די שאַרפע נעגל פון דער אָפּאָזיציע זאָלן ווערן אָפּגעטעמפּט און אָפּגעפּאָלירט.

און די אַנדערע, וואָס זענען אַמאָל יאָ געווען רעוואָלוציאָנער און יאָ גע־מאַכט אַ חשבון־הנפש, האָבן זיך איינגעוואָרעמט און איינגעהיימישט אין די ישועהס וואָס זיי האָבן איינמאָל אַנטדעקט, און די דערגרייכונגען פון די ישועהס זענען לעבעדיקע עדות, אַז מער טראַכטן דאַרף מען נישט.

איז ביי אונדז, די געליטנסטע, שווערער ווי ביי אַלע אַנדערע צו פּועלן, אַז אַ נייער חשבון־הנפש זאָל געמאַכט ווערן.

***

אָבער עס זענען דאָך פאַראַן פאַקטן און געשעענישן, וואָס רייסן די אויגן און באַווייזן, אַז נישט אַלץ איז כשורה מיט די איינגעשטעלטע ישועהס, וויפל יעדע איינע פון זיי זאָל נישט האָבן צו באַווייזן. שוין דאָס אַליין, וואָס די צאָל ישועהס איז אַזוי גרויס און יעדע איינע איז אַזוי פאַרעקשנט אין דער איינציקייט פון איר אמת; וואָס אין די איצטיקע גרויזאַמע טעג אַפילו איז אוממעגלעך צונויפצונעמען אַלע מינים ישועה־ברענגער ביי איין שוץ־אַרבעט — שוין דאָס אַליין איז געוואָרן אַן אָפענע מכה. אָבער איבער אַלעם רייסט די אויגן איין איינציקער מוראדיקער אמת:

מיר גייען אויף צוריק!

קנאַפּע 17 מיליאָן זענען מיר היינט אָדער זענען געווען נעכטן. מאָרגן וועלן מיר עס נישט זיין. מיר גייען אויף צוריק, און די ציפער פון קנאַפּע 17 מיליאָן, צו וועלכער מיר האָבן זיך דערשלאָגן, זעט אויס צו זיין אַ שפּיץ באַרג, וואָס מ׳האָט דערגרייכט, און פון וועלכן מען מוז זיך אַרונטערלאָזן. דער גאַנג אַרונטער האָט זיך אָנגעהויבן, און מיט ערד און זשוויר און שטיינער, וואָס גליטשן זיך אונטער די פיס איז עס אַ גאַנג אַרונטער נישט מיטן אייגענעם ווילן. מען גליטשט זיך, מען ווערט געטריבן און געוואָרפן.

מאָרגן, איבערמאָרגן, זעט עס אויס, וועלן קיין 17 מיליאָן יידן מער נישט זיין. און ווער פאַרשניידט די ציפער? ווער ברענגט אויף אונדז די אויסראָטונג?

צוויי זענען די אויסראָטער: רשעות און יושר. רשעות — דער האַס, די שווערד, די רדיפות, און יושר — די אויסגלייכונג (גלייכבאַרעכטיקונג בלע״ז), אין וועלכער מיר לויפן מיטן קאָפּ פאָראויס און לאָזן זיך מיט גרויס נחת פאַר־טרינקען אַזוי, אַז עס בלייבט פון אונדז קיין סימן נישט.

די וועלט און יענע ביי אונדז, וואָס קוקן אויף זיך אַליין מיט די אויגן פון דער וועלט, זעען בלויז דעם ערשטן אין אויסראָטונג: דורך פייער און שווערד. אויך די ביי אונדז, וואָס זעען ביידע מינים אויסראָטונג, זענען אַזוי צעווונדיקט פון די קלעפּ, אַזוי צעבראָכן פון ווייטיק, אַז מען זעט נישט מער ווי די הרוגים, די געפּייניקטע, די פאַריאָגטע אין די געטאָס, אָבער אין דער אמתן איז דער אומקום דורך האַס און רשעות דער קלענערער אומקום.

עס זיצט אין אונדז שוין זיבן יאָר ווי אַ ווונד היטלערס אויסראָטונג פון די דייטשע יידן. אָבער ווען היטלער זאָל קיינמאָל נישט געבוירן ווערן — וואָס וואָלט געוואָרן פון די דייטשע יידן? מען דאַרף פאַרגלייכן די צאָל „ריינע״ יידן, קעגן וועלכע היטלער האָט אָנגעהויבן די אויסראָטונג־מלחמה, מיט דער צאָל האַלבע, דריטל און פערטל־יידן, וועמען מ׳האָט מיט גוואַלד צוריק אַריינגעוואָרפן אין יידישן קהל אַריין, און דער ענטפער איז אַן אָפּענער: ווען ס׳וואָלט נישט געקומען קיין היטלער מיט רציחה, וואָלט די אויסגלייכונג, דאָס דייטשטום פון די דייטשע יידן, ביסלעכווייז זיי אַזוי אַריינגעזויגן אין קערפּער פון דייטשן פאָלק, אַז אין עטלעכע דורות אַרום וואָלט פון דעם האַלבן מיליאָן דייטשע יידן געבליבן בלויז אַ רעשטל — אַ מין מצבה אויף אַ קבר פון אַן אַמאָל געוועזענעם יידנטום.

די צאָל אומגעקומענע אין די פּאָגראָמען פון דעניקין, פּעטליוראַ און זייערע מיטהעלפער איז מער־ווייניקער אויסגעחשבונט. מען ווייס מיט וויפל קרבנות יידן האָבן באַצאָלט פאַר דער זיכערקייט פון לעבן, וואָס איז געקומען נאָכן בירגער־קריג. אָבער עס איז דאָ אַן אַנדער חשבון, ביי וועלכן מען קאָן נאָך דערווייל נישט אונטערציִען קיין סך־הכל, ווייל די ציפערן שטייגן, שטייגן, שטייגן. וויפל יידן האָבן אין דער געבענטשטער סאָוועטישער אויסגלייכונג אויפגעהערט צו זיין יידן? וויפל האָבן חתונה געהאַט מיט נישט־יידישע ווייבער אָדער מענער און האָ־דעווען אויס קינדער גויִים? וויפל האָבן חתונה געהאַט מיט דער רוסישער אָדער אוקראַיִנישער שפּראַך, קולטור, פירונג און בלייבנדיק יידן אין בלוט און לייב, געוואָרן גויִים אין גאַנצן לעבן זייערן? נישטאָ דערווייל קיין ציפערן. מען ווייסט

בלויז, אַז אין די אַלע גרויסע שטעט, ווו ס'האָט געלעבט איבער אַ העלפט פון די סאָוועטישע ייִדן (ביז דער אויסשטייטונג מיט היטלערס הילף) גייט אָן געגוי דאָס זעלבע, וואָס אין דייטשלאַנד ביז היטלערן, אָבער מעכטיקער, אימפּעטיקער. בערלין האָט געהאַט אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס, טעמפּלען, שולן. מאָסקווע האָט גאָרנישט, אָדער כמעט ווי גאָרנישט. אָט די גרויסע סאָוועטישע שטעט און די אינדוסטריעלע צענטערס מיט די טויזנטער ייִדישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע זענען געוואָרן גוואַלדיקע שמעלץ־קעסלען, אין וועלכע דאָס ייִדישע בלוט און געהירן קאָכט זיך איבער און ס'קומט אַרויס צוריק גוייִש. דעניקין און פּעטליוראַ האָבן אויסגעראָט פיזיש הונדערט טויזנט, צוויי הונדערט טויזנט. דאָ גייט אָן אַ גייסטיקע אויסראָטונג פון מיליאָנען. אַנטקעגן דעם וואָס דער יושר שלינגט איין, איז די אויסראָטונג פון דער רשעות — אַ קלייניקייט.

מען קאָן דעם חשבון פירן ווייטער: פּאַרלוסטן דורך פּוילישע רדיפות און פּוילישער אַסימילאַציע; רומענישע רדיפות און אַסימילאַציע; אונגאַרישע אַסימילאַציע; פראַנצויזישע אַסימילאַציע... ביז מיר וועלן אָנקומען צו אונדזער איי־גענער געבענטשטער רעפּובליק, ווו די רשעות, אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען, שטשירעט בלויז מיט אוממעכטיקע ציין און בלויז דער יושר שטייט מיטן אָפענעם מויל און שלינגט. מען דאַרף דעם חשבון פירן נישט ווי ער איז היינט, נאָר ווי ער קאָן ווערן אין אַ דור, אין צוויי דורות אַרום, און זיך פרעגן: ווי ווייט וועט אַרונטערגעשלאָגן ווערן די ציפער פון 17 מיליאָן אין 50 יאָר אַרום? קיין קלאָרן ענטפער אויף דער בלינדער צוקונפט וועט קיינער נישט געבן. קיין ציפער וועט קיין סטאַטיסטיקער, אַפילו ווען ער זאָל חשבונען מיט כלערליי השערות וועגן צוווּקס און אָפּפאַל, נישט אַוועקשטעלן. אָבער לויט דעם, וואָס די אויגן אונדזערע זען און וואָס געשיכטע דערציילט, איז קלאָר: דאָס, וואָס מיר זענען איצט, וועלן מיר אין 50 יאָר אַרום נישט זיין.

***

איז עס לויט דער מיינונג פון אַ היסטאָריקער, ווי סעסיל ראָט, אַן „אייזערנער געזעץ" אין אונדזער געשיכטע: מיר מוזן אַריינגיסן אונדזער בלוט אין די קערפּערס פון די פעלקער, צווישן וועלכע מיר וווינען; מיר מוזן זיך לאָזן אויפעסן; מיר מוזן פאַרשווינדן. אַז נישט — וואָלטן מיר היינט־צו־טאָג געווען אַ פאָלק פון הונדערטער מיליאָנען. און ווען רשעות זאָל פון דער וועלט פאַרשווינדן, ווען האַס זאָל אונדז נישט רודפן, ווען פייער און שווערד זאָל נישט פאַרטיליקן, ווען עס זאָל קומען די הערשאַפט פון ריינעם יושר — וועט ערשט דער יושר אַליין

עפּענען דאָס מויל און מיט גרויס נחת אונדז שלינגען. גרויס נחת נישט נאָר פאַר אים, וואָס שלינגט, נאָר פאַר די פון אונדז, וואָס האָבן אַזוי ליב זיך צו לאָזן שלינגען.

פאַר זיי איז דער גאַנג אַרונטער פון שפּיץ באַרג פון די 17 מיליאָן גאָר קיין אומגליק נישט. פרעגט אָקאַרשט ביים דייטשן פליכטלינג דאָ, וואָס האַלט, אַז זיין אויפגאַבע אין אַמעריקאַנער גלות איז צו היטן די ריינקייט פון דער דייטשער שפּראַך, ווו ליגט זיין אומגליק? פאַר אים איז עס קלאָר: זיין אומגליק איז, וואָס מ׳האָט אים נישט געלאָזט פאַרשלונגען ווערן. פרעגט ביים סאָוועטישן טשינאָווניק אָדער אַרבעטער, וואָס ער טראַכט וועגן דעם איינדאַרן פון די 17 מיליאָן. ער וועט אויסבטלען אַלע חלומות צו אייער קאָפּ. וואָס גייען אים אָן ייִדן, ווען ער איז געוואָרן ב״ה אַ פולער סאָוועטישער מענטש? פרעגט ביי די ייִדן אין אַמעריקע, וועמען עס קוועלט אָן דאָס האַרץ פון גדולה, ווען זייער ייִדישע פילאַנטראָפיע קאָן זיך אַרונטערשטעלן אונטער אַ שילד פון „נאָן־סעקטאַריען״, זוי אַזוי מען קאָן אויפהאַלטן די ציפער פון 17 מיליאָן. דער ענטפער וועט זיין: צו וואָס אויפהאַלטן? ווען מען קוילעט מענטשן — דאַרף מען זיי ראַטעווען. אויך נישט ווי ייִדן — ווי מענטשן דאַרף מען זיי ראַטעווען. די הומאַניטאַרישקייט פאַרלאַנגט עס. אָבער ווען קיינער טשעפּעט נישט און מענטשן ווילן אויפהערן צו זיין דאָס וואָס זיי זענען — וועמען גייט עס אָן? פאַרקערט! אדרבה!

איז וואָס זאָל זיין?

זענען מיר, וואָס מיר זענען און ווילן זיין ייִדן, מסכים אָדער נישט מסכים מיטן אונטערגאַנג דורך יושר? זענען מיר מסכים אָדער נישט מסכים מיטן איינזערנעם געזעץ פון דער געשיכטע, לויט וועלכן פון די 17 מיליאָן דאַרף ווערן 15 און 13 און 11 און 9? איז פאַר אונדזער קיום ווי אַ פאָלק דווקא נייטיק, אַז מיר זאָלן זיין 17 מיליאָן? און אויב מ׳קאָן זיך באַגיין מיט ווייניקער — און מען וועט מוזן — מיט וואָס זאָלן זיך אויפהאַלטן די „ווייניקער״? ווער איז אָן אויפהאַלטער און ווער איז נישט קיין אויפהאַלטער פון קיום? און ווי באַשיצט מען זיך?

מען זעצט זיך איצט ביי אונדז צוגרייטן טענות און מאָנונגען צו דער וועלט פון נאָך דער מלחמה — מאָנונגען און פאָדערונגען, וואָס זאָלן פאַרזיכערן ייִדישן קיום אויף שפּעטער. מען זוכט גאַראַנטיעס פון דרויסן. וואָס זענען די גאַראַנטיעס פון אינעווייניק? אפשר וועט מען ביי דער וועלט פועלן וואָס מען וויל — אָבער מיט וואָס פועלן ביי אונדז אַליין?

עס איז צייט פאַר אַ חשבון־הנפש.

אַ דור וואָרט אויף אַ ניי וואָרט

עס קאָן זייער זיין, אַז י. ל. פּרצן האָט זיך נישט איינמאָל געבענקט אין שול אַריין. אַז ער האָט געוואָלט געפינען גאַנצע ייִדן, איז ער געגאַנגען צו די זיידעס. ר׳ שלמה, פון דער „גאָלדענער קייט“, און די העלדן פון „חסידיש“ און די „פאָלקסטימלעכע געשיכטעס“ זענען אַלע זיידעס. ביי די אייניקלעך איז קיין גאַנצקייט נישט געווען. מיט די אייניקלעך פון כל־המינים האָט ער געפירט מלחמה. איז געווען נאַטירלעך, אַז עס זאָל זיך אים אַמאָל פאַרבענקען אין שול אַריין, וווּ די אמונה פון די זיידעס איז גאַנץ געבליבן. אָבער ער איז נישט געגאַנגען.

אהרן ווייטער, דער רעוואָלוציאָנער און בעל־תשובה, האָט געקאָנט אַליין אָנטאָן תפילין, אָדער הייסן דעם העלד פון זיין דראַמע „דער שטומער“, ער זאָל עס טון. נתן בירנבוים האָט געקאָנט אויף דער עלטער ווערן אַ פירער פון דער „אגודה“. ביידע האָבן זיך געקאָנט אומקערן צום גאָט פון די אבות. פּרץ — נישט. און ער איז זיכער נישט געווען ווייניקער ייִד פון זיי, און אפשר נישט ווייניקער מאמין. אָבער ער איז פון גאָט אַוועקגעגאַנגען און האָט נישט געקאָנט גיין צוריק, ווי מען גייט נישט צוריק צו דער קינדערוויג. אויך אין דער גאַנצקייט פון זיינע העלדן, די זיידעס, האָט ער געזען נישט גאָט, נאָר געטלעכקייט. יענע, די בעלי־תשובה, האָבן געטראַכט וועגן ראַטעווען זיך, די יחידים. פּרץ, דער ייִד, האָט געזען זיך נישט ווי אַ יחיד, נאָר ווי דעם מענטש פון דור. ער האָט גערעדט פאַרן דור און געוואָלט פירן דעם דור. און פונקט ווי ער אַליין, וואָס איז געווען איינגעוואַקסן אין דער וועלט און אין איר גאַנג פאָראויס, האָט נישט געקאָנט צוריק־גיין צו גאָט, אַזוי — האָט ער געוווּסט — קאָן עס נישט דער דור.

אויך די בעלי־תשובה פון היינט, וואָס קערן זיך אום צוריק צו גאָט פון

די אבות, וועלן אפשר ראַטעווען זיך אַליין, דעם דור וועלן זיי מיט זיך נישט מיטפירן.

ווייסן זיי עס, און זיי פּרובירן משדך זיין דעם גאָט פון די אבות מיט נייע־מאָדנע ווערטער ווי סאָציאַליזם, עטיק און דעסגלייכן. זיי זעען איין ,אַז דעם טאַטנס שול־ייִדישקייט איז אַ היפּש ביסל פאַרשטיינערט און פאַרוואַקסן מיט ווילדגראַז. זיי זענען גרייט צו נעמען אויף זיך די אַרבעט אויסצוויעטן דעם פאַר־וואַקסענעם גאָרטן פון אַלט־ייִדישקייט, פאַרפלאַנצן די בייטן מיט מאָדערנע פּראָ־גרעסיווע אידעען און פּירונגען... אָבער די אַרבעט זעט אויס צו זיין אַן אומ־זיסטע. דער דור וועט אין זייער גאָרטן נישט גיין.

דער דור האָט „מורא" פאַר גאָט. דער ערלעכער אינטעליגענט, וואָס האָט זיך איינגעלעבט מיטן וואָרט ווי מיט אַ באַגריף, וואָס געהערט צו דער קולטור־געשיכטע, וועט מיטאַמאָל פאַר זיך אַליין די ראָד פון דער געשיכטע נישט אַ דריי־טון אויף צוריק. און ווען אַפילו ער זאָל מקנא זיין דעם בעל־תשובה, וועט ער אויך דאָס וואָרט נישט אַרויסרעדן צוליב חילול־השם. עס לעבט אין בלוט דער געבאָט: לא תשא — רעד נישט אַרויס דעם נאָמען אומזיסט. היינטערן נאָמען שטייען ריזיקע געשטאַלטן פון מענטשן, וועמען עס האָבן זיך הימלען אַנטפּלעקט, עס שטייען דורות, וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם, און אויב מען קאָן זיך נישט באַהעפטן אין זייער אמונה, דאַרף מען דאָס הייליקע (פאַר יענע) נישט פאַרשוועכן. שוין די רייד אַליין וועגן גאָט און רעליגיע באַשאַפן אַ מחיצה צווישן בעל־תשובה און דעם אינטעליגענט.

און נאָך שאַרפער איז עס ביים אומגלייביקן פאָלקס־מענטש. אויף אים, אויפן פאָלקס־מענטש, האָט מען שווער און ביטער געאַרבעט צענדליקער יאָרן, ביז מ׳האָט פון אים גאָט אַרויסגעטריבן. עס האָט געאַרבעט די פּאָפּולערע וויסנשאַפט, די אַפּיקורסישע בראַשור, דער סאָציאַליזם, דער אַנאַרכיזם, דער אויסלאַכער, דער אָפּשפּעטער. עס האָט געאַרבעט אַ גאַנצע ציוויליזאַציע, וואָס האָט געלערנט צו גלייבן נאָר אין דעם, וואָס דאָס אויג קאָן זען און די האַנט קאָן אָנטאַפּן. און איצט, ווען עס ווילט זיך אַפילו גיין צוריק און זיין ייִדן, וועט מען נאָכמאַכן דאָס, וואָס דער טאַטע האָט געטון: צינדן חנוכה־ליכט, דרייען דעם פּורים־גראַגער, פּראַווען מאָדערנע סדרים, אָבער אַריינשלעפּן אין זיך מיט גוואַלד דעם אַרויס־געטריבענעם גאָט — דאָס קאָן מען נישט. פּשוט: מען קאָן נישט.

און דער אמת איז, אַז ווען די שטורעמדיקע בעל־תשובה שטורעמען קעגן די, וואָס האָבן פון די לערן־ביכלעך אין די וועלטלעכע שולן אַרויסגעוואָרפן דעם

רבונו־של־עולם, איז עס אַ שטורעם פון אומבאַהאָלפנקייט. די אַרויסוואַרפער זע־נען ערלעך, — זיי גלייבן נישט. און ווען די בעלי־תשובה וואָלטן באמת וועלן באַקערן דעם דור צו זיך, וואָלטן זיי זיך צוגעהערט צו אים, פאַרשטאַנען אים און געזוכט אַ שפּראַך פאַר אים. אמתע ייִדן האָבן עס אַלעמאָל געטון. דברה תורה בלשון בני־אדם: די תורה האָט זיך אַלעמאָל צוגעהערט צו דעם, ווי מענטשן רעדן און געזוכט צו מאַכן זיך פאַרשטענדלעך צו די אויף זייער אייגענעם לשון. און דער רבונו של עולם וואָלט זיכער קיין פאַראיבעל נישט געהאַט אויף די בעלי־תשובה, וואָס זיי לאָזן זיין נאָמען אַרויס. מ׳האָט שוין אַזוי פיל מאָל געטייטשט דעם מדרש: הלוואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו, אַז מען מעג אים נאָכאַמאָל טייטשן: אויב עס גייט אין אַן אַנדער וואָרט, וואָס זאָל נישט אַזוי אָפּשרעקן דעם דור און דאָך פירן צום תמצית פון ייִדישקייט, מעג מען אַרויסלאָזן דאָס אַלטע וואָרט און אָננעמען דאָס נייע.

אויב נאָר דאָס וואָרט זאָל באמת זיין דער שליסל צו דער אמונה אין זיך.

***

וואָס זאָל זיין דאָס שליסל־וואָרט?

עס גייט ביי אונדז אַרום אַ שלל מיט ווערטער, וואָס ווילן געבן דעם איינ־האַלט פון ייִדישקייט: ליטערונג, דערלייזונג, ליבשאַפט, קדושה, וועלט־באַפרייונג, משיח אאַ״וו. דאָס זענען אַלץ ווערטער, וואָס באַצייכענען שטריכן אָדער באַ־שטאַנדטיילן פון ייִדישקייט. אָבער די פראַגע וועגן זין פון ייִדישקייט ווערט גע־שטעלט גאָר אַנדערש:

ווער האָט אין אונדז אַריינגעזעצט דעם דראַנג צו אָט דער ליטערונג, דער־לייזונג, ליבשאַפט אאַ״וו? ווער האָט אונדז אויסגעקליבן פאַר דעם פאָלק, וואָס זאָל זיך לייטערן? ווער האָט אונדז געשיקט איבער דער וועלט אויף רדיפות, חוזק, בילבולים, האַס און שחיטות? ווער האָט אונדז אָנגעלאָדן מיטן כוח ביי־צושטיין? ווער פירט אונדז?

אויף אָט די פשוטע פראַגעס האָבן די אַלטע און די בעלי־תשובה אַן ענט־פער אין איין וואָרט. מיט וועלכן אַנדערן וואָרט קאָן מען דאָס איינציקע פאַרבייטן?

עטלעכע יאָר נאָך דער סאָוועטישער רעוואָלוציע און אַ צענדליק יאָר נאָך דעם, ווי פּרץ האָט פּאָלעמיזירט אי מיט די אָפּגעשטאַנענע אי מיט די אַנטלאָ־פענע, האָט אַ פּאַרטיפּטער רוסישער קריטיקער און פאָרשער, מיכאַיל גערשענ־זאָן, אָנגעשריבן אַ ספרל מיטן נאָמען „דער שליסל פון גלויבן״. אַ פאָרשער מיט

ליכטיקע אויגן, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט זוכן דעם תמצית פון ייִדישן גאָט און האָט דערזען:

אויף דער גאַנצער לענג פון תנ״ך, פון מעשה בראשית ביז די גרויסע נביאים, קומט פאָר אַן אויפהערלעכע מלחמה צווישן גאָט און מענטש, גאָט און ייִדן. איבער וואָס איז די מלחמה? דער בורא עולם וויל, אַז דער מענטש זאָל אים אָנערקענען און פאָלגן, און דער מענטש וויל נישט. מיט די דוממים, מיט די טויטע זאַכן, האָט זיך דער בורא אַן עצה געגעבן: ווו ער האָט זיי אַוועקגעשטעלט, שטייען זיי. איבער זיי איז ער באַלעבאָס. מיט די לעבעדיקע באַשעפענישן און באַזונדערס מיטן מענטשן, קאָן ער זיך קיין עצה נישט געבן: דער מענטש פאָלגט נישט און טוט וואָס ער וויל. פאַרוואָס? ווייל דעם מענטשן האָט ער געשאַפן אין זיין אייגענעם געשטאַלט, אים איינגעטיילט אַ פרייען ווילן, און דער פרייער ווילן גיט זיך נישט אונטער, בונטעוועט זיך כסדר. מאַכט דער בורא קאָנטראַקטן מיטן מענטשן: דו האָב מיך ליב און פאָלג מיך און איך וועל דיך באַזאָרגן מיט אַלדאָס גוטס אויף דער וועלט. אָבער דער מענטש ברעכט די קאָנטראַקטן. שטראָפט דער בורא, רעכנט זיך אָפּ מיטן פאַרזינדיקטן, נאָר דער מענטשן טוט דאָס זייניקע. און עס ווערט געשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז נישט דער מענטש זוכט דעם בורא, נאָר פאַרקערט: דער בורא זוכט דעם מענטשן. ער האָט אים ליב, בענקט נאָך אים, ער קאָן נישט זיין אָן אים. ער איז גרייט כסדר צו געבן צייכנס און באַוויַזן, אַז ער איז דאָ, אַבי דער מענטש זאָל אין אים גלויבן. ער קלאָגט זיך און בעט זיך דורך די נביאים, אַז מען זאָל אים אָננעמען. ער טענהט זיך אויס ווי אַ טאַטע מיט קינדער, ער מאָנט אַ משפט מיטן מענטשן, וואָס האָט זיך פון אים אָפּגע־קערט, ער האַלט אין איין דערמאָנען די גוטס, וואָס ער האָט דעם מענטשן געטון, און פאַרלאַנגט אָפּצאָל לויטן קאָנטראַקט. ער וויל אַריין אין דעם מענטשן און דער מענטש לאָזט זיך נישט, — דער מענטש וויל בלייבן פריי.

דאָ קומט פאָר אַ מלחמה צווישן צוויי ווילנס: דעם ווילן פון באַשאַפער פון דער וועלט, וואָס וויל זיך אין גאַנצן צונויפגיסן מיטן מענטשן, און דעם פרייען ווילן פון מענטש, וואָס וויל זיך נישט אונטערגעבן. דער מענטש ווייס, אַז אָן אים איז די וועלט גאָרנישט. ער איז דער צענטער פון דער וועלט, איר מיטלפונקט. זי האָט אין אים באַשאַפן דאָס העכסטע, צו וואָס זי האָט געקאָנט דערגרייכן. אָבער דערפאַר וויל זי, אַז ער זאָל זיך אונטערוואַרפן די העכסטע צילן, וואָס זי האָט זיך געשטעלט. זי טענהט צו אים: „ווייס און געדענק, אַז דו ביסט אין מיר, פון מיר באַשאַפן און דורך מיר לעבסטו. אויב נישט, וועט יעדע מחשבה דיינע

זיין פאַלש און יעדער שריט דיינער — אַ שריט צום אומקום״. אָבער דער מענטש וויל נישט באַהערשט ווערן.

עס דויערט יאָרטויזנטער, ביז דער מענטש הייבט אָן צו באַנעמען, אַז ער און די וועלט זענען איינס, אַז זיין אייגענער ווילן און דער וועלט־ווילן דאַרפן זיך צונויפגיסן, כדי עס זאָל ווערן האַרמאָניע אין אים און אין דער וועלט. און ערשט דעמאָלט, ווען ער באַנעמט עס, הייבט זיך אָן דער לאַנגער און אייביקער וועג פון צונויפגיסן בײדע ווילנס. איז וואָס פאַר אַ ראָליע האָבן יידן געשפּילט אין באַנעמען דעם מענטשנס פּלאַץ אין דער וועלט?

„ווי אַ געלערנטער אין זיין לאַבאָראַטאָריע״, זאָגט גערשענזאָן, „האָט דאָס קליין פאָלק אין אַ פּיצל לאַנד אָנגעהויבן, דורכגעפירט און פאַרענדיקט, — לכתּ־חילה פאַר זיך אַליין, אָבער אין תוך פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, — די איינ־ציקע אויפגאַבע, וואָס איז דעם מענטשן פאַרגעבן געוואָרן (דערקענען די איי־ניקייט פון וועלט און מענטש); און דעריבער האָט זיך עס אויך דערפילט ווי אַן אויסדערוויילט פאָלק, ווייל עס האָט באַנומען דעם וועלט־היסטאָרישן זין פון זיין באַציאָנאַלן אויפטו.

„דאָס יידישע פאָלק איז געווען דאָס ערשטע צו באַשטימען די אויפגאַבע פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד אין איר פולן פאַרמעסט: עס איז ווייניק צו דערגיין דעם זין פון איינצלנע און באַזונדערע זאַכן, — מען דאַרף אַוועקשטעלן די אויפ־פאַרשונג (פונעם סוד און זין פון אַלץ אַרום) אין אַ וועלט־פאַרנעם. און עס האָט אויף זיך גענומען די ריזיקע אַרבעט, וואָס פון איר האָט געדאַרפט אַרויסוואַקסן די רעטונג פון דער מענטשהייט.

„דאָס יידישע פאָלק (צו דעם האָבן זיך מער אָדער ווייניקער דערנעענטערט אויך אַלע אַנדערע רעליגיעס) האָט אויף אייביק באַפעסטיקט דריי הנחות: ערש־טנס, — ווי פאַרשיידן עס זאָלן נישט זיין די באַשעפענישן, וואָס שטעלן צוזאַמען די וועלט, לעבט אין זיי אַלע איין איינציקער ווילן; צווייטנס, — דער מענטש־לעכער גייסט איז די קאָנצענטרירטע און דעריבער די שטאַרקסטע פאָרעם פון וועלט־ווילן; דריטנס — פון אַלע באַשעפענישן איז דער מענטש, דער איינציקער, פעיִק און באַרופן צו פאַרוואַנדלען דעם הפקר פון די פאַרשיידענע ווילנס, וואָס ראַנגלען זיך איינס מיטן אַנדערן, אין אַן אַלגעמיינער האַרמאָניע״.

אַזוי האָט דערזען דעם גאַנג און די אויפגאַבע פון יידישקייט איינער, וואָס האָט דעם תנ״ך־געראַנגל צווישן גאָט און מענטש איבערגעזעצט אויף זיין אייגע־נער שפּראַך און דערזען דעם געראַנגל צווישן וועלט־ווילן און מענטש־ווילן.

מנחם באַריישאַ

**
*

אָנגענומען, אַז דאָס איז דאָס וואָרט, וואָס וועט קלינגען ווײַל אין די אויגן פון אומגלויביקן דור. נישט גאָט, נאָר וועלט־ייִדן, אָדער פשוט: וועלט. ווי וועט אויסזען דער זין פון ייִדישן גאַנג דורך דעם דאָזיקן וואָרט? ווי אַזוי קאָן מען דורך דעם וואָרט קומען צו אמונה אין זיך און אין אונדזער גורל?

די וועלט איז אַ שלאַכטפעלד, ווו מיליאַסן ווילנס פון לעבעדיקע באַשעפענישן ראַנגלען זיך פאַר זייער פרייהייט. איינס טרעט דעם אַנדערן אויפן קאָפּ און דאָס אַנדערע בייסט צוריק אין פוס. בלוטדורשטיקע חיות ווילן פאַרצוקן און לעמעלעך ווילן נישט ווערן פאַרצוקט. אייניקע זענען שטאַרק און די אַנדערע זענען שוואַך. אייניקע אָטעמען מיט רציחה און די אַנדערע מיט שלום און פריינטשאַפט. אָבער דורך דעם געראַנגל פון די מיליאַסן ווילנס רייסט זיך די וועלט צו האַרמאָניע, צו אָרדענונג, און מיט איר אייגענעם ווילן שאַפט זי אַלץ העכערע ברואים, דורך וועלכע איר דראַנג צו האַרמאָניע זאָל זיך פאַרווירקלעכן. זי שאַפט די בין און די מוראַשקע צו פאַרווירקלעכן דורך זיי אַ סיסטעם פון געזעלשאַפטלעכער דיסציפּלין און אַרבעטס־פאַרטיילונג; די פייגל, וואָס וואַנדערן אין סטאַיעס, צו אַנטוויקלען דורך זיי די אחריות פון מין; די נאַכטיגאַל — צו קענען זינגען; די רויז — אַרויסצוגעבן אַ זיסן ריח. פון אַלע באַשעפענישן אין דער וועלט האָט זי אויסגעקליבן דעם מענטשן, אין וועמען איר ווילן זאָל זיך אַנטפּלעקן אַמפולסטן. זי האָט אים געלאָזט שטייגן פון דער מדרגה פון מענטשן־פרעסער און ווילדן יעגער, ביז ער האָט די נאַטור אַליין איינגעשפּאַנט פאַר אים צו אַרבעטן. זי האָט אַנטוויקלט זיין בלינדן חיהשן מוח ביז דער מדרגה פון קענען טראַכטן און וועלן באַנעמען די סודות און די געזעצן פון דער וועלט. און אין דער מענטשהייט האָט זי אויסגעטיילט פאַרשיידענע פעלקער און זיי אָנגעטיילט מיט ווילן צו זיין אַנדערש ווי די אַנדערע און דאָך צו וועלן לעבן מיט די אַנדערע בשלום.

אויב דער מענטשלעכער גייסט איז די שטאַרקסטע פאָרעם פון וועלט־ווילן, האָבן מיר, ייִדן, אין די פאַר טויזנט יאָר גלות באַוויזן ווי שטאַרק דער מענטשלעכער גייסט איז. דער גלות האָט ביי אונדז אויפגעמאָנט אַ מוראדיקן פרייז. אָבער דאָס איז דער אופן ווי אַזוי די וועלט לייטערט די מינים, וועלכע זי וויל דערפירן צו העכערע מדרגות: דורות קומען, דורות פאַלן אַוועק און נאָר די געראַטעוועטע און פאַרהאַרטעוועטע בלייבן איבער און לייטערן ווייטער דעם מין.

לגבי דעם דרויסן איז עס אַ געראַנגל פון דערהויבענעם מענטשלעכן גייסט מיט רויער מאַכט און רציחה; פון ליבשאַפט מיט שנאה. אינעווייניק איז עס אַ מלחמה פון שטאַרקן מיטן שוואַכן, פון אויסדויער מיט נאָכגיביקייט, פון חיי־עולם מיט חיי־שעה, פון אַ משיח־וויזיע מיט אַן אָנגעפילטן מאָגן. פון דרויסן — רדיפות, פּאָגראָמען, שחיטות. פון אינעווייניק — אָפּגעפאַלענע, נאָכגיביקע, מוסרים, פאַררעטער. אויבן, אויף די הויכע שטאַפּלען פון דער לייטערונג — הייליקע, צדיקים, למד־וואָווניקעס. אונטן — באַרייסער, תקיפים, שווינדלער, קינדער־כאַפּערס, פרויען־הענדלער. קדושים, וואָס גייען צום פייער־שייטער און — משומדים, וואָס פייניקן זיי; פרומע שוסטערלעך, וואָס לעבן איבער אַ טאָג מיט אַ קוואַר שטיקל ברויט, און — צעלאָזענע מאַגנאַטן, וואָס ווילן איבערשטייגן די הפקרדיקע גוישע פריצים; גערשוניס און — אַזעווס; חלוצים אין די קבוצות אין עמק און — יאַגאָדאַ, דער אַפּטייק־פּריקאַזשטשיק, וואָס ווערט דער הויפּט־תליון פון דער גע. פּע. או. — אַלע זענען זיי אַ טייל פון דעם „נאַטירלעכן“, אומפאַרמיידלעכן געראַנגל צווישן דעם העכסטן גוטס און געמיינסטן שלעכטס, צווישן דער העכסטער לייטערונג און געמיינסטער זינקונג.

דאָס איז גלות. דאָס איז דער וועג פון גרויסע נסיונות, פון הויכער עליה און טיפער ירידה. „דאָס דאָזיקע פאָלק — האָבן די אַלטע געזאָגט — איז געגליכן צום שטויב און געגליכן צו די שטערן; אַז זיי זינקען, זינקען זיי ביזן שטויב, און אַז זיי שטייגן, שטייגן זיי ביז צו די שטערן“. אַזאַ מין פאָלק האָט דער וועלט־ווילן געדאַרפט צו קענען גיין צו זיין ציל. מיט „נאָרמאַלע“ פעלקער, מיט נאַטירלעכע, וואָס זיצן אויף זייער ערד, וואָס פירן אַ באַלעבאַטיש לעבן, וואָס האָדעווען אָן פאַרמעגנס, וואָס פירן מלחמות צו ווערן גרעסער און רייכער אויפן חשבון פון אַנדערע — מיט זיי האָט ער עס נישט געקאָנט מאַכן. זיי האָבן צופיל חיי גוף, אַז זיי זאָלן מוזן זיך באַפעסטיקן אין גייסט. צו דעם האָט ער געדאַרפט אונדז, די נישט־נאָרמאַלע, די נישט־באַזעצטע, די גערודפטע, וואָס מוזן האָבן שלום אין דער וועלט און מוזן האָבן ברידערלעכקייט און יושר און פאַרשטענדיקונג פאַרן מענטש און זיין אַנדערשקייט און זיין פרייען ווילן — ווייל אָן דעם קאָנען מיר נישט לעבן. האָט ער אונדז פריער געשלעפט אין איין גלות, אַ באַגרענעצטן — גלות מצרים; דערנאָך אין אַ צווייטן גלות, אַ ברייטערן — גלות בבל, פון וועלכן מ׳איז שוין נישט אינגאַנצן אַרויס, נאָר געבליבן און זיך דערנאָך צעגאָסן איבער אַנדערע לענדער; שפּעטער אין אַ דריטן גלות — גלות וועלט; און ער האַלט אונדז אַזוי און ער גייט מיט אונדז, דער וועלט־ווילן, פון גלות צו גלות, פון קאָנטינענט צו קאָנטינענט, פון

יאָרטויזנט צו יאָרטויזנט, כדי מיט דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער קול־טור, אין יעדער עפּאָכע און אויף יעדן קאָנטינענט אונדז צו מאַכן פּאַרן פּרוביר־שטיין פון מענטשלעכן אמת (ווי אַ פּאָלק באַהאַנדלט יידן, אַזאַ גורל האָט עס) און אונדז ווײטער צו לײַטערן אויף צו קאָנען בײַקומען אַלץ: פון דעם מעכאַניק, וואָס האָט געבויט פּרעהס פּיראַמידן, ביז דעם מעכאַניק, וואָס האָט געבויט היטלערס טאַנקן. פון דער בענקשאַפט נאָך די פיש, וואָס מ׳האָט געגעסן אין מצרים, ביזן פּאַסמאַקעווען און באַלעקן זיך מיט די אויסטערס און ראַקעס, וואָס מ׳עסט אין אַמעריקע. מיר דאַרפן עס בײַקומען און זיך דורכלײַטערן, כדי צו קענען ווײַטער בלײַבן בײַ אונדזער וועלט־היסטאָרישן באַרוף, דעם באַרוף צו בויען די האַרמאָניע צווישן וועלט און מענטש.

**
*

ווערט דער באַנעם פון יידישן גאַנג און דער זין פון גלות אַנדערש דורכן וואָרט „וועלט־ווילן" ווי ער איז געווען דורכן וואָרט „גאָט"? וועט ער ווערן אַנ־דערש דורך אַן אַנדער וואָרט?

לחלוטין נישט! ער קען נישט ווערן אַנדערש. אַ בוים, וועלכן מען דערזעט דורך נײַע ברילן, בלײַבט דערזעלביקער בוים. נישט מער — דאָס אויג, וואָס האָט געקראָגן אַ נײַעם אינסטרומענט פון זען, זעט די געשטאַלט אין אַ נײַער קלאָרקייט אַ וועלט־היסטאָרישער געזעץ, וואָס ווערט ווידעראַמאָל דערקענט דורך דער נײַער חכמה, וואָס דער דור האָט אָנגעזאַמלט (אָדער אפשר דורך דער נײַער נאַרישקייט) בלײַבט דער זעלביקער געזעץ, אָבער ער ווערט קלאָרער פאַרן דור, וואָס טראַכט ווי ער טראַכט. וואָס דאָ ווערט אײגנטלעך געמאַכט איז — אַן איבערזעצונג. אַן אַלטער אמת ווערט איבערגעזעצט אין אַ נײַער שפּראַך.

די אַמאָליקע „איבערזעצער" פון ידישקייט אויפן וועלט־לשון, האָבן פאַר דער איבערזעצונג נישט מורא געהאַט. נישט ר׳ סעדיה גאון, נישט דער רמב״ם, נישט אַנדערע נאָך זיי. די בעלי־תשובה האָבן מורא צו מאַכן די איבערזעצונג. ס׳איז זיכערער און גרינגער צוריק אַהיימצוקומען צו די אַלטע באַגריפן. אָבער ס׳איז גרינגער נאָר פאַר זיי. פאַרן דור בלײַבט זייער גרינגער וועג אַ פרעמדער וועג.

אָדער אפשר איז עס נישט קיין פראַגע פון מורא און מוט, נאָר פון טיפקייט און וויזיע — און דאָס איז אַ גאָט־זאַך. ווי עס זאָל נישט זײַן — דער דור דאַרף דאָס נײַע שליסל־וואָרט. אַן דעם שליסל־וואָרט וועט ער זיך ווײַטער פּלאָנטערן אין אַ שלל מיט אמתע און אויפגעכאַפּטע ווערטער, וואָס וועלן צו קיין אמונה און פעסטן וועג נישט ברענגען.

ארץ ישראל, אונדזער שותּף אָדער יורש?

עס וואָלט געמעגט זיין אַזוי, אַז אין איצטיקע טעג פון חשבון־הנפש זאָלן ייִדן קאָנען רעדן און אויסהערן איינער דעם אַנדערן ווי ייִדן. גייט עס נישט! דער־וועגסטו זיך צו זאָגן עפּעס, וואָס שטימט נישט מיט דער ליניע פון דער אָדער יענער פּאַרטיי, קלעפּט מען דיר גלייך צו אַ צונעמעניש און מען מאַכט דיך פאַר אַ נייער פּאַרטיי. רעדסטו וועגן ייִדישן וועלט־לעבן, ווערסטו אַ גלותיסט. רעדסטו וועגן קיום פון ייִדן — ווערסטו אַ קיומיסט. איז ווען דאָס טוען געשוואָרענע פּאַר־טיי־לייט, איז עס נאָך פאַרשטענדלעך. אָבער ווען דאָס טוט אויך אין אַ פּאָלעמיק אַזאַ ייִד ווי אהרן צייטלין, דער פּאָעט און וואָרט־מייסטער, ווערט עס אַ ביסעלע מאָדנע... און רעדן רעדט זיך וועגן ענינים, ביי וועלכע מען קאָן זיך זייער ווויל באַגיין אָן דער דאָזיקער טעכניק.

די מעשה איז אַזאַ. אין צוויי אַרטיקלען אין „טאָג", דעם 2טן און 18טן סעפּ־טעמבער, האָב איך געפרעגט: וואָס וויל ארץ־ישראל ווערן — אונדזער שותּף אָדער יורש? און געזאָגט, אַז ארץ־ישראל דאַרף „נישט אויסשליסן זיך פון ייִדישן וועלט־פאָלק, נישט פּרעטענדירן אָפּצושאָפן עס און פאַרבייטן עס, נאָר ווערן אַ טייל פון אים — אַ וויכטיקער, דער וויכטיקסטער, אָבער בלויז אַ טייל". איז עס נישט געווען צום האַרצן חבר שלמה גראָדזענסקין פון „ייִדישן קעמפער" און ער האָט מיר געענטפערט מיט טענות, צווישן זיי אויך אַ פּסוק פון אהרן צייטלין: „דער גלות איז געווען אַ מיסטעריע, אָבער ער איז שוין טויט". אָט די „טויט־קייט" פון גלות האָב איך אין „ייִדישן קעמפער" אָפּגעפרעגט און געבעטן די קדיש־זאָגערס נישט צו איילן זיך אַזוי מיט דער באַגראָבעניש: מיר לעבן נאָך! און אַנגע־וויזן, אגב, אויך ווי אַזוי די קדיש־זאָגעריי כשרט די אַסימילאַציע און הפקרות דאָ, און האָב פאַרענדיקט מיט דער בקשה נישט אונטערצוהאַקן דעם יונגן דור די פיס מיט די מזמורים וועגן דער טויטער מיסטעריע. „ס'איז אַ זינד און אַ שקר".

איצט קומט אהרן צייטלין גופא אין „מאָרגן־זשורנאַל" פון 2טן נאָוועמבער נישט בלויז צו באַרעכטיקן די קדיש־זאָגערײַ נאָכן גלות, נאָר מאַכן דערפון אַ נאַציאָ־נאַלע פליכט און אַ מיטל אַראָפּצוברענגען משיחן.

טוט צייטלין ווי אַלע פּאַרטײַ־לײַט און פירט מלחמה מיט מיין „גלותיזם" און „קיומיזם". אין דעם אַרטיקל, מיט וועלכן ער פּאָלעמיזירט, שטייט בפירוש: „וואָס איז אַזוינס גלות? אַ קאָמפּלעקס פון אומגינסטיקע, ביטערע, טראַגישע באַ־דינגונגען, אין וועלכע ייִדן מוזן לעבן". דער טראָפּ איז אויף „ייִדן מוזן לעבן". איז צו וואָס אַרײַנוואַרפן דעם כלומרשטן קעגנער אין אַ פּאַרטײַ „גלותיסטן"? און ווען איך זאָל וויסן פּאָראויס, אַז אויב איך וועל רעדן וועגן ייִדישן קיום, וועל איך ווערן אַ „קיומיסט", וואָלט איך על אפי ועל חמתי גענוצט דאָס וואָרט „עקזיסטענץ" און זיכער געווען, אַז צייטלין וועט דערפון נישט מאַכן אַזאַ פּאַרזעניש ווי „עק־זיסטענציסט". אָבער חוץ די צונעמענישן מיט די פּאַרטייען רעדט צייטלין ווי אַ פּלאָמיקער פּאַרטיידיקער פון דער גלות־פּאַרלײַקענונג, און זײַנע טענות דאַרפן אויסגעהערט ווערן.

איז די ערשטע טענה אַ פּראָטעסט קעגן דעם, „וואָס מען האָט ביי אונדז לעצטנס זיך געמאַכט אַ מאָדע צו רעדן וועגן די זעקס מיליאָן קדושים בלשון „דריטל"... ס'איז דאָך דאָ אַזאַ זאַך ווי נאַציאָנאַלע קוואַליטעט. וואָס־זשע טויג מיר סטאַטיסטיק? ס'האָט געפּלאַצט דאָס האַרץ פון גלות... טאַקע אין דריטל אָבער דאָס האַרץ"! און ווייטער: „און וואָס איז מיט דעם כמותדיקן טייל פון די צוויי דריטל? אין אַמעריקע ווערן די קינדער זײַנע יענקיס, אין אַרגענטינע — אַרגענטינער, אין מעקסיקע — מעקסיקאַנער" אאַ"וו. דער זין פון די רייד איז אַ פּשוטער: אַזוי ווי דאָס האַרץ פון גלות־פּוילן, ליטע — איז פּאַרשניטן געוואָרן, און מיר דאָ, די פּאַרשוועכטע פון אַסימילאַציע, זענען נישט דאָס האַרץ, נאָר עפּעס אַנדערש, במילא מעג מען זאָגן קדיש נאָכן גאַנצן גלות.

איז מסתמא פּאַראַן אַזאַ זאַך ווי נאַציאָנאַלע קוואַליטעט. ארץ־ישראל איז הייליקער פון אַנדערע לענדער און דער תלמיד־חכם איז העכער פון עם־הארץ. אָבער ס'איז אויך דאָ אַזאַ זאַך ווי נאַציאָנאַלע געשיכטע. און צו דער געשיכטע ווענדן מיר זיך אַלעמאָל אין אַן עת צרה נאָך קלאָרקייט און שטאַרקונג. איז וואָס דערציילט די געשיכטע? אַז „דאָס האַרץ" פון גלות איז נישט אַלעמאָל געווען אויפן זעלביקן פּלאַץ. דאָס איז געווען דער גאַנג און דער נס פון אונדזער וועלט־לעבן — דאָס וואַנדערנדיקע האַרץ. פון קאָנטינענט צו קאָנטינענט איז עס געגאַנגען, פון לאַנד צו לאַנד. אַמאָל אין בבל, אַמאָל אין שפּאַניע, אַמאָל אין דײַטשלאַנד,

אַמאָל אין רוסלאַנד־פּוילן. און באַשטאַנען איז דער נס אין דעם, אַז איידער דאָס הארץ האָט אויסגעהויכט דעם אָטעם אין איין לאַנד, האָט עס אָנגעהויבן צו אָטעמען אין אַן אַנדער לאַנד. פון דעם נס האָט ר׳ נחמן קראָכמאַל געמאַכט אַ ייִדישע געשיכטע־פילאָזאָפיע. וועגן דעם נס האָבן ייִדן בכלל געוווּסט.

קאָן מען פאַרשטייט דאָס געפיל פון די, וואָס ווי אהרן צייטלין, אָטעמען נאָך מיט דער לופט פון פאַרשניטענעם פּוילן. אין אַ גרויסער מאָס פילן מיר אַלע אַזוי. אָבער וואָס גרעסער דער בראָך, אַלץ ווייניקער רעכט האָבן מיר ווי ייִדן צו לאָזן זיך פאַרפלייצן פון געפילן, ווי טיף און עכט זיי זאָלן נישט זיין. מען מוז זוכן צייכנס. איז ארץ־ישראל אַ צייכן — ווייזט אַהין דער וועג. אָבער צי קאָן מען, אויב מען איז נישט געשלאָגן מיט בלינדקייט, פאַרזען דעם צייכן אויך פון דעם זעקס־מיליאָניקן ייִדישן קיבוץ, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט? צי קאָן מען פאַרזען דעם צייכן פון די צוויי שטראָמען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיט 65 יאָר צוריק: ביל״ו — קיין ארץ־ישראל און „עם עולם״ קיין אַמעריקע? צי קאָן מען אונדז אָפּפטרן מיטן גרינגן גזר־דין, אַז „אין אַמעריקע ווערן די קינדער יענקיס, אין אַרגענטינע — אַרגענטינער״? ווייס נישט די געשיכטע צו פאַרצייכענען אַסימילאַציע־פּראָצעסן אין בבל, שפּאַניע און אַנדערע לענדער, ווו „דאָס האַרץ״ פון גלות האָט זיך שפּעטער באַזעצט? מיט וואָס האָט זיך געראַנגלט סעדיה גאון און דער רמב״ם? און אַז די ייִדישע אַמעריקע האָט אין די ערשטע 75 יאָר פון איר אויפקום אין אַ מאַטעריאַליסטישער, עולם־הזהדיקער ציוויליזאַציע נאָך נישט באַוויזן זיך אַרויסצוראַנגלען פון טשאַד פון אַסימילאַציע, איז וואָס?

פאַרוואָס־זשע זאָגט מען דעם הויכן קדיש מיט אַזאַ גאווה און התלהבות? ווייל מען איז פאַרשלונגען אין אַ טעאָריע, וואָס מאָנט כלומרשט די פאַרלייקענונג פון „גלות״, און כדי צו קאָנען פאַרלייקענען, מוז מען אויפהערן צו זען די צוויי טויזנט יאָר געשיכטע, וואָס האָבן אַרומגענומען קאָנטינענטן און לענדער, נאָר מאַכן פון זיי איין בייזן, שטעכיקן קנויל, וועלכן מען נעמט אָן מיט איין האַנט און מען וואַרפט אַרויס אין דרויסן. אָדער מען זעט אין „גלות״ עפּעס אַ מין אָנשיקעניש, אַ בלאָטער, וועלכן מען דאַרף אויסשטעכן און פּטור אַן עסק.

צייטלין דעקלאַרירט זיך פאַר אַן אתה בחרתנו־ייִד. וואָלט געדאַרפט זיין אַ ביסל לאָגיק אין דעם. דער „אתה״ מיינט, אַז עס איז דאָ אַ השגחה, וואָס פירט די אויסדערוויילטע אויף וועגן פאַר אונדז אפשר אומפאַרשטענדלעכע, אָבער וועגן וואָס האָבן אַ היסטאָרישן זין. איז וואָס טוט דער מאמין? ער נעמט צוויי

דריטל פון אונדזער היסטאָריש לעבן, פאַרמיאוסט עס מיטן וואָרט „גלות" און וואַרפט עס דער השגחה צוריק אין פּנים אַריין. איז ממשה נפשך: אויב אויסדערוויילט, זענען מיר עס געווען אַלעמאָל און אומעטום און עס איז דאָ אַ זין אין דעם, וואָס מיט אונדז איז געשען. נעמט מען ווידער זאָגן דעות דער השגחה און מען בראַקירט אויס צוויי דריטל פון איר פירונג מיט אונדז — ווו איז די אמונה און מיט וואָס זענען מיר אַן אתה בחרתנו־פאָלק?

איז די מעשה, וואָס איזן איז מען מענטשן פון היינט, דורכגעווייקט און אָנגעזאָפּט מיט אַלע פילאָזאָפיעס און באַגריפן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, און רעדן רעדט מען מיטן לשון פון די אָבות, וואָס דאַרף „יידישן" די באַגריפן פון יאָרהונדערט. צייטלין זעט עס קלאָר, ווען ער פאַרמולירט דעם ציוניזם ווי מאָ־דערנעם משיחיזם. און צו באַרעכטיקן די קדיש־זאָגעריי נעמט ער זיך פאַר שותפים אויך ר' יהודה הלוי און דעם רמב"ם און געפינט ביי זיי „שלילת הגלות". איז ווי קוקט אויס זייער שלילת־הגלות קעגן דעם איצטיקן?

ר' יהודה הלוי און דער רמב"ם און דער אר"י און דער ווילנער גאון — אַלע האָבן געוואַרט אויף משיחן. אַנדערע האָבן אַפילו געוואָלט דוחק זיין דעם קץ און נישט געקענט, ווייל עס איז אַלעמאָל געווען עפּעס אַ שטער. אָבער וואָס האָבן זיי געטון מיט זייער „אחכה לו בכל יום"? האָבן זיי דעם גלות איינגאַנצן פאַרלייקנט? האָבן זיי אָפּגעלייקנט די עבודת הבורא ביז משיח וועט קומען? האָבן זיי מתיר געווען עם־הארצות און מפקיר געווען גרויסע יידישע קיבוצים צוליב נידעריקער „נאַציאָנאַלער קוואַליטעט"? האָבן זיי געזאָגט קדיש אויף דער יידי־שער צוקונפט פון מיליאָנען לעבעדיקע יידן? מ'האָט געהאַט טענות, מ'האָט גע־פרעגט: ווי לאַנג און פאַרוואָס, מ'האָט זיך געדונגען, אָבער אין די טראַגישסטע, בלוטיקסטע מאָמענטן פעסטער זיך געהאַלטן אָן דער תורה און געשטאַרקט דעם מענטש אין זיין צובונד צו דער אמונה. ווער עס האָט דעם גלות־יאָך בטל געמאַכט און פון די עולן גלייך באַפרייט, איז געווען שבתי־צבי — דער פאַלשער משיח.

איז דאָ אַ משיחישער עלעמענט אין ציוניזם — אוודאי. אַנדערש וואָלטן קיין חלוצים נישט געווען. ס'וואָלט קיין א. ד. גאָרדאָן און בערל קאַצענעלסאָן נישט געווען. אָבער וואָס איז דער צווייטער עלעמענט פון ציוניזם, דער מאָדער־נער? דאָס איז דער מאַטעריאַליזם פון 19טן און 20סטן יאָרהונדערט, די גויישע פּאָליטישע פילאָזאָפיע פון אונדזער דור, דער גאַנצער נהיה ככל הגויים גאַנג, איינגעשלאָסן אויך די טאָטאַליטאַרישקייט, דעם „גאָר אָדער גאָרנישט"־באַגריף. און פון וואַנען נעמט זיך די שלילת־הגלות? פון אַלטע משיח־גלויבן? פון יידישער

אמונה? פון ר׳ יהודה הלוי און רמב״ם? חס וחלילה! ווי ביטער עס איז זיי נישט געווען אין זייער גלות, האָבן זיי אים אָנגענומען ווי דעם ווילן פון דער השגחה, האָבן געלעבט אין אים און ווייטער געבויט זייער ייִדישקייט. אייער שלילת הגלות שטאַמט פון פרעמדע, פון טריפע באַגריפן. מיט אייער שלילת הגלות וואָלטן ר׳ יהודה הלוי און דער רמב״ם זיך דערוואָרגן.

**
*

איז דער גלויבן אין „אתה בחרתנו״ אָן אומבאַגרינדעטער, אַ פאַלשער? חלילה! צייטלין פאַלט דאָ אַריין אין אַ סתירה! מיט זיך בלויז צוליב דעם, ווייל ער וויל עפּעס וואָס איז זיינס — דעם „אתה־בחרתנו״־גלויבן — מיט גוואַלד צונויפפּאָרען מיט עפּעס, וואָס קאָן נישט און דאַרף נישט זיין זיינס — די בייזע שלילת הגלות. ער שלעפּט זיך מיט געוואַלד אין עפּעס, וואָס דאַרף אים, דעם פּאָעט און דעם ייִדן, זיין דערווידער.

וואָס איז אונדזער גרעסטער נאַציאָנאַלער קנין אויסער דעם גרויסן אוצר, וואָס גייט ביי אונדז אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „ספר״? דאָס איז די געשטאַלט פון הייליקן ייִדן. זי ציט זיך אין דער מסורה דורך אַ קייט געשטאַלטן פון נחן דורך די אבות ביז די הרוגי מלכות. אָבער ערשט אין גלות ווערט זי אַ פאָלקס־געשטאַלט, וואָס איז מקדש השם נישט בלויז מיטן טויט, נאָר אויך מיטן לעבן.

די פאַרשטאַרקטע יחידישע אחריות פאַרן קיום פון דער אמונה און פאָלק — וואָס ביידע זענען איינס — הייבט זיך אָן ביי אונדז מיטן גלות בבל. די עפּאָכע פון בית שני, ווען מ׳איז כסדר געווען פּאָליטיש אָפּהענגיק פון פרעמדע גרויס־מאַכטן, איז אין אַ געוויסן זין אויך אַ „גלות״־עפּאָכע, און זי הייבט זיך אָן מיט דער כנסת הגדולה — דעם רוף צום יחיד צו ווערן דער טרעגער פון פאָלקס־קיום (אויב קיומיזם איז אַ זידל־וואָרט, איז עס חל אויך אויף די אנשי כנסת הגדולה). דורך דעם קריג צווישן די פרושים און צדוקים, דורך דער אַרבעט פון די פרושים, דורך די בעלי־המשנה און בעלי־התלמוד גייט אין כסדרדיקער פּראָצעס פון בויען אַ גייסטיקע מלוכה און אָנלאָדן דעם יחיד מיט דער פולער אחריות פאַר המשך. ביים בית־ראשון זענען די מלחמות געווען מלוכהשע — דעם קעניגס מלחמות. ביי די חשמונאים, ביי בר־כוכבאן זענען עס שוין פאָלקס־מלחמות מיט אַ שאַרפן עלעמענט פון קאָלעקטיוון קידוש־השם. ביי די עשרה הרוגי מלכות ווערט שוין דער קידוש־השם אַ יחידישער, אַ פּערזענלעכער. מיט אָט דער טראַדיציע, מיט דער אויסשפּרייטונג פון גלות, הייבט זיך אָן אַן עפּאָכע, אין וועלכער

אַלץ ווערט געשטעלט אויף יחידישער אחריות. אָן דעם שוץ פון אַ מלוכה־אָרגאַ־ניזם, אָן אַ לאַנד, אָן עקאָנאָמישער זיכערקייט, אונטער שנאה און רדיפות, ווערט דער ייִדישער מענטש אויפגעפאָדערט זיך צו לייטערן און אויפבויען פון זיך אַ פערזענלעכקייט, וואָס זאָל מיט איר גייסטיקן כוח איבערשטייגן אַלע אַרומיקע. פון דור צו דור, פון לאַנד צו לאַנד גייט דער מענטש דורך נסיונות פון ווילטאָג און שווערד, שוואַכערע פאַלן אַוועק, שטאַרקערע בלייבן און קומען אָפּט אום, דער זין פון ייִדישן זיין ווערט געלייטערטער, פאַרטיפטער, אויסגעברייטערטער — עס בויט זיך אַ גייסטיק־מעכטיקע מענטש־געשטאַלט, דער הייליקער ייִד. דער אתה בחרתנו באַקומט אַ זין. גלות הערט אויף צו זיין אויסנאַם־צושטאַנד — עס ווערט באַשטימונג, גורל, גאַנג. און וואָס קלאָרער עס ווערט דער גורל און גאַנג, אַלץ ווייטער גייט דער ייִד אַוועק פון מאַכן גרים, פון אַריבערציִען פרעמדע צו זיין גלויבן. דער גורל איז זיינער, נישט קיינעמס. זיין שליחות איז צו זיך אַליין, נישט צו קיין אַנדערע. שאול פון תרשיש איז אַוועק מיט אַ שליחות צו אַנדערע, האָט ער גלייך אָנגעהויבן מיט מסחר, מיט פשרות. יעדער איינער, וואָס גייט מיט אַ שליחות צו פרעמדע, מוז גיין אויף מסחר און פשרות — פון יענעם שאולן ביז אונדזערע רעפאָרמער און ביז די לעצטע „בריקן־בויער". ניין, דאָס איז געווען אונדזער אייגענער גורל, און אין דעם גורל אויך אונדזער פלאַץ אין דער וועלט, אונדזער נאַציאָנאַל־אוניווערסאַלע באַשטימונג: צו זיין אַן עם־קדוש.

אין דער יחידישער לייטערונג דורך נסיונות האָט דער מענטש געדאַרפט האָבן אַן אָנשפּאַר אויסער דער ריינער אמונה. ער האָט עס געהאַט אין דעם באַ־גריף פון שכר ועונש, אין עולם־הבא גלויבן, אין משיח־גלויבן, אין גייסטיקן צובונד צום לאַנד פון די אבות, אין צוזאָג פון שיבת־ציון. אָבער דער ענדציל, דער זין פון דעם אַלעם איז געווען די בויונג פון אַן עם־קדוש, וואָס זאָל באַ־שטיין פון הייליקע יחידים. אָט דעם ענדציל האָבן געדינט צוויי טויזנט יאָר נסיונות.

דער שווערסטער, ווייל דער יצר־הרעדיקסטער, נסיון האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער עמאַנציפּאַציע, מיט דער אַסימילאַציע, מיט אונדזער דור. זעגען דורות צעשוווּמען געוואָרן — אין פראַנקרייך, אין דייטשלאַנד, אין אונגאַרן, אין ענג־לאַנד, אין דער סאָוועטישער רוסלאַנד, אין אַמעריקע. אָבער דער שר־האומה האָט זיך באַצייטנס געכאַפּט און גענומען זוכן מיטלען ווי אַזוי אונדזער טויזנט־יאָריקן דראַנג צו פאַרקליידן אין איראָפּעישן פּאָליטישן און נאַציאָנאַלן טראַכ־טן. איז נאַציאָנאַליזם אַזאַ לבוש, ציוניזם אַזאַ לבוש. אָבער פאַרלירן זיך צווישן

פרעמדן לבוש און אייגענעם אייביקן גאַנג טאָר מען נישט. דער גאַנג איז נאָך אַלץ צום הייליקן ייִדן. דער לאַנד־שפּעקולאַנט און קאַבאַרעט־אינהאָבער אין תּל־אביב איז מיט גאָרנישט נישט בעסער פון דעם זעלביקן פאַרשווין אין ניו־יאָרק. דער באַרייסער און הפקר־מענטש איז דער זעלביקער דאָ און דאָרט. דער אויפרייס פון אַ ייִדישער דרוקעריי אין תּל־אביב און שטיינער אין אַ ייִדישער שול אין ברוקלין זענען נאָך אַלץ דערשיינונגען פון זעלביקן מין. און אין דעם גאַוהדיקן ביטול פון ייִדישן לשון מצד דעם ארץ־ישׂראלדיקן פּאָליטיקער און אַמעריקאַנער אַסימילאַטאָר שטעקט די זעלביקע שׂנאה צו ייִדיש פאָלקס־שאַפן — וואָס פאַר אַ געהויבענע טעאָריעס איר זאָלט וועגן דעם נישט צוטראַכטן.

דער גאַנג צום הייליקן ייִד פאַרלייקנט נישט דעם גלות, נאָר פאַרלייקנט דעם טייטש, וואָס איר לייגט אַריין אין דעם וואָרט. דאָס וואָס איר רופט „גלות", איז בכלל נישטאָ. עס איז דאָ די מיסטעריע פון אונדזער גאַנג אין דער וועלט, און זי וועט זיין אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן לעבן.

***

און עס איז נישט נייטיק אַהער אַריינצושלעפּן מאַידאַנעק און די גבורה, וואָס האָט זיך געצויגן פון ארץ־ישׂראל ביז די וואַרשעווער באַריקאַדן. גבורה האָבן אויך אַרויסגעוויזן אַנדערע — קאָמוניסטן און בונדיסטן. און אַ סך גבורה — אויף דעם וועלן ציוניסטן עדות זאָגן. און איליאַ ערנבורג וויס צו דערציילן וועגן אַ סך ייִדישער גבורה אויפן סאָוועטישן פראָנט. און אַמעריקאַנער יונגעלייט, אַסימילירטע און אָפּגעפרעמדטע האָבן אויך אַרויסגעוויזן ייִדישע גבורה.

און די טעאָריע וועגן דעם, אַז מען דאַרף קומען צו גרויסער פאַרצווייפלונג כדי אַרויסצושלאָגן פון איר גרויסע אמונה, איז אפשר אַן אמתע, אָבער וואָס זאָל זיין די אמונה? און ווער האָט די שוללי הגלות געגעבן דאָס רעכט זיך צו קרוינען פאַר די אמתע צער־טרעגער און פאַרצווייפלטע? מיט וואָס פאַר אַ מאָס מעסט מען דעם ווייטיק און יאוש ביי ייִדישע מענטשן, אַז מען זאָל זיך נעמען דעם מוט צו זאָגן עמעצן: מיר האָבן פאַר אייך אַ רפואה — פאַרצווייפלונג? ווער זענען עס די מיר און די איידן? און ווי איז דער דין, אַז אין עמעצנס אויגן וואַקסט די קדיש־זאָגעריי אַרויס נישט פון נאַציאָנאַלער פאַרצווייפלונג, נאָר פון פּאַרטייִישער, גוייִש־אָנגעשטעקטער בלינדקייט, וואָס קען נישט אונטערשיידן צווישן ארור המן און ברוך מרדכי?

צייטלין און די שוללי־הגלות ווילן די פולע גאולה איינמאָל פאַר אַלעמאָל און רעדן זיך איין, אַז מיטן גרויסן קדיש אויפן גלות וועלן זיי דאָס איינקויפן, און וואָס טוט מען, אַז די פולע גאולה ליגט גאָר אין די הענט פון די ענגליש־אַמעריקאַנישע אויל־טראָסטן און פון בריטישן אימפעריאַליזם? אפשר אין דורות אַרום, ווען עס וועט מקוים ווערן דער פסוק „ומלאה כל הארץ דעה", וועט אויך קומען דער משיח פון יושר און אמת און מען וועט קענען ביי אים אויסדינגען פולע גאולה. דערווייל שטייען מיר קעגן אַ בראָך און רשעות און מאַכט־אינטערעסן און ווילן זיך געפינען אין דער וועלט, כדי ווייטער צו ציִען אונדזער גאַנג — אונדזער גאַנג ווי יידן. נישט ווי גלותיסטן, קיומיסטן און אַנדערע צוטשעפענישן, נאָר פראָסט פשוט ווי יידן. און וואָס זעט אַ ייִד אין דעם איצטיקן שעת חרם?

ער זעט אַ פאָלק וואָס איז צעבראָכן, צעבלוטיקט און צעשטויבט. ער זעט ווי די דורותדיקע בענקשאַפט צו ארץ־ישראל, געכפלט אויף מאָדערנע מלוכה־אידעען און מיט דער הילף פון פורעניות, וואָס האָבן געטריבן יידן פון פוילן און אַנדערע לענדער, האָט אויפגעשטעלט אַ ישוב, אין וועלכן עס איז דאָ גבורה און מסירת־נפש און מעגלעכקייטן צו בויען אַ באַזינט נאַציאָנאַל לעבן. ער זעט, אַז דער ישוב קען ראַטעווען הונדערטער טויזנטער פון דער שארית הפליטה, אויב מען וועט אים לאָזן, און זיך דורך זיי נאָך מער באַפעסטיקן. בענטשט ער דעם ישוב און עס ציטערט אים דאָס האַרץ פאַר זיין זיכערקייט און גאַנג.

ער זעט אַ פיל־מיליאָניקן קיבוץ אין אַמעריקע, וואָס הייבט ערשט־אָן אַרויסצוקריכן פונעם זומפּ פון אַסימילאַציע און אָנטאַפּן זיין יידישן דופק, און ער בענטשט יעדן שפּראָץ פון יידישן ווילן און באַוווּסטזיין אין אָט דעם ישוב.

ער זעט אַ פּאָר מיליאָן יידן אין סאָוועטישן רוסלאַנד — יידן ביי וועמען דער בראָך און די גבורה אין דער מלחמה האָבן ווידער דערוועקט פונקען פון יידישקייט און ער בעט, אַז יענע פונקען זאָלן נישט אויסגעלאָשן ווערן, נאָר זיך פאַנאַנדערגליִען און העלפן אומקערן די דורות צו זייער שטאַם.

און ער זעט די יידישע קיבוצים אין ענגלאַנד און פראַנקרייך און דעם איבערבלייב אין אַנדערע לענדער און די נייע ישובים אין אַפריקע און אויסטראַליע, און עס ציטערט אים דאָס האַרץ ווען ער הערט פון וווּ־נישט־איז וועגן אַ שול און אַ בוך און אַ צייטונג. אַלע זיי, אין אַלע לענדער זענען פאַר אים קינדער פון ישראל — ראובן, שמעון, לוי. העכערע נאַציאָנאַלע קוואַליטעט, נידעריקערע

ע ס ײ ע ן

נאַציאָנאַלע קוואַליטעט — ווער איז דער איבערקלייבער? ווער קען אַרויסטראָגן דעם לעצטן פּסק־דין צי דער חלוץ אין ארץ־ישראל אָדער דער היגער לערער אין דער שול און תלמוד־תורה איז מער אָנגעלייגט דאָרט ווו מען וויל אַז עס עס זאָל זיין ייִדישער המשך?

אַזוי זעט עס אַ ייִד — אַ ייִד, וואָס פּרעטענדירט נישט אויף אַלץ־וויסן און פּסקנט נישט און פּסלט נישט.

פאַרלייקענונג פון ייִדישקייט און פון גלות

ביים באַנקעט פון יוגנט און דערציִונג האָט דער הויפּט־רעדנער ד״ר סיימאָן גרינבערג זיך געשלאָגן על חטא אויף דעם, וואָס דער אַלגעמיינער ציוניזם האָט ביז איצט פאַרזען דאָס גייסטיקע לעבן פון אַמעריקאַנער ייִדן. אַנדערע גרופּעס אין ציוניזם, ווי די פּועלי־ציון און דער מזרחי, — האָט ער מודה געווען, — האָבן וועגן אַמעריקאַנער ייִדן נישט פאַרגעסן און אַנגעפירט אַ קולטור־ און דערציִונגס־אַרבעט.

מיר דאַרפן שטרעבן צו דעם, — האָט ער ווייטער געזאָגט, — אַז די ייִדן אין חוץ־לאַרץ זאָלן נישט זיין קיין צווייטקלאַסיקע מיטגלידער פון ייִדישן פאָלק. און כדי צו באַווייזן, אַז אויך אין אַמעריקע איז מעגלעך ייִדישע שעפערישקייט, האָט ער דערציילט, אַז דאָ גייט אַרויס אַ העברעיִשער זשורנאַל און עס זענען פאַראַן העברעיִשע ביכער. וועגן דעם, אַז דאָ איז נאָך אַלץ פאַראַן אַ גרויסע ייִדישע פּרעסע און אַז דאָ איז שעפעריש אַ גרויסע ייִדישע ליטעראַטור — האָט ער, משמעות, „פאַרגעסן״. ער האָט אויך פאַרגעסן, אַז די פּועלי־ציון און דער מזרחי, וואָס האָבן יאָ אַנגעפירט אַ קולטור־אַרבעט אין אַמעריקע, האָבן עס געטון און טוען עס נאָך היינט צום גרויסן טייל אין ייִדיש.

דאָסזעלביקע ד״ר ניומאַן אין זיין שליסל־רעדע און אין דער רעדע ביים עונג־שבת. כדי צו באַווייזן, אַז אויך דער גלות קאָן זיין שעפעריש, האָט ער איבערגעחזרט די טרויִזמען וועגן תלמוד בבלי, וועגן רמב״ם אאַ״וו און אויך גערעדט וועגן דער היגער העברעיִשער ליטעראַטור און דעם אימפּאָרט פון ישראל. אויך דער האָט לחלוטין „נישט געוווסט״, אַז עס איז דאָ אַ גרויסער שעפערישער כוח אין אונדזער לעבן אין אַמעריקע, וואָס הייסט ייִדיש, און אַז אָט דער כוח האָט דאָ עפּעס אויפגעבויט.

וועגן דעם, אַז די מיטגלידער פון דער קולטור־קאָמיסיע האָבן קיינמאָל

נישט געהערט וועגן יידיש, דאַרף מען נישט דערציילן. דאָס וואָרט „יידיש" איז קיינמאָל אויף די ליפּן נישט געקומען, נישט פון די ראַבאַיס אין דער קאָמיסיע, נישט פון די הדיוטים.

אַז איך האָב אָנגעוויזן מיין ציוניסטישן פריינט ביי דער קאָנווענשאָן וויפל טעמפּע שלילת הגלות עס איז פאַראַן אין דער דאָזיקער באַציִונג, האָט ער עס פאַר מיר אויסגעטייטשט:

— דאָס איז נישט קיין שלילת הגלות. דאָס איז פּשוטע עם־הארצות.

גלייב איך נישט, אַז ד״ר גרינבערג לאָזט זיך אַריינשטעלן אין קלאַס עם־הארצים. עס זענען דאָ גוטע ציוניסטן אין אַמעריקע, ווי אַ מנחם ריבאַלאָוו, אַ מאָריס סעמועל, אַ ד״ר שמעון האַלקין, אַ ד״ר ישראל אפרת, וואָס וויסן יאָ וועגן אַ יידישער ליטעראַטור דאָ, און עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז עפּעס דערפון זאָל נישט האָבן דערגאַנגען צו ד״ר גרינבערגן. און וואָס איז שייך צו ד״ר ניומאַנען, איז אויב ער וויסט נישט וועגן אַ יידישער ליטעראַטור, באַדינט ער זיך געוויס מיט דער יידישער פּרעסע, אַז ער זאָל וויסן וועגן איר עקזיסטענץ. ניין, מיין ליבער פריינט, עס איז נישט קיין עם־הארצות! עס איז אַ סך אַן ערגערער ענין!

אָבער איידער איך גיי וויי‍טער, מוז איך זיך באַוואָרענען: איך האָב נישט, חלילה, די מינדסטע כוונה צו באַנייען דעם אַלטן שפּראַכן־קאַמף; ביי מיר איז קיין צווייפל נישט, אַז די שפּראַך פון ישראל דאַרף זיין העברעיִש; איך זוך נישט ביים ציוניזם קיין הסכמה אויף יידיש. אונדזער לשון, וואָס האָט באַפּרוכפּערט דאָס לעבן פון אונדזער פאָלק און איז געהייליקט געוואָרן פון מיליאָנען קדושים, האָט זיין גאַנג און גורל אין אונדזער געשיכטע. עס וועט לעבן אָדער שטאַרבן מיטן זכות פון דעם, וואָס עס האָט אין אונדזער געשיכטע אַריינגעטראָגן. דער ציוניזם קאָן עס פאַרמיאוסן און ער קאָן פאַרטעמפּען די באַציִונג פון זיינע מיטגלידער צו יידיש. ער קאָן דעם וווּנדער פון יידיש נישט אָפּמעקן.

מיר גייט דאָ אין עפּעס אַנדערש: צי קאָנען מענטשן, וואָס מאַכן זיך באַוווּסטזיניק בלינד צו אַ ליכטיקן כוח אין אונדזער לעבן, ווערן די באַנייערס און איבערשאַפּערס פון דעם דאָזיקן לעבן?

ווע‍לן מיר העדן תכלית. דער ענדציל פון יעדן ציוניסטישן קולטור־פּלאַן דאַרף זיין אויפצושטעלן פעסטונג־ווענט קעגן דער אַסימילאַציע. ווען דעם ציוניזם געלונגען אויפצושטעלן די דאָזיקע ווענט, וועט ער האָבן געלייגט אַ יסוד פאַר היסטאָרישן המשך. ווען עס אים נישט געלונגען, איז דער פּלאַן נישט ווערט

קײן פּרוטה. און איצט: וואָס איז ביז הײנט אין אַמעריקע געווען די מעכטיקסטע שוץ־וואַנט קעגן אַסימילאַציע?

איז עס געווען העברעיִש? יאָ, אָבער בלויז אויף אַזוי פּיל אויף וויפל עס איז געווען לשון־קודש, ד״ה דאָס לשון פון דער תורה. דאָס ציוניסטישע העברעיִש קען אָנווייזן אויף אַן אָנהייב פון אַ ליטעראַטור, אויף עטלעכע שולן, קינדער־קאָלאָניעס, אַ צאָל ביכער און שוין. אין די מערסטע פאַלן איז העברעיִש דאָ געווען אַ שותף צו דער אַסימילאַציע. די פאָרמולע „אינגליש ענד היברו״ איז גילטיק סײ פאַר דעם רעפאָרמירטן ראַבאַי אַזוי אויך פאַרן ערגסטן גראָבן יונג, וואָס ווייס נישט קײן צורה פון קײן אלף. פּונקט ווי דער ציוניזם אַלײן האָט היגע ייִדן געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך אויסצוקויפן פון פּערזענלעכער ייִדישקייט דורך אַ נדבה פאַר ארץ־ישׂראל, אַזוי איז דאָס ציוניסטישע „היברו״ פאַר דעם רוב ציוניסטן געוואָרן אַ הייליקייט צו רעדן וועגן דעם, אָבער נישט צו קענען און גע־ברויכן. פּרעגט אַ שטייגער ביי די צענדליקער טויזנטער, וואָס גלאַנצן מיט די אויגן ווען זיי דערמאָנען „היברו״, וויפל פון זיי קענען דאָס לשון און וויפל האָבן עס געלערנט זייערע קינדער.

די וואַנט קעגן אַסימילאַציע אין אַמעריקע ביז איצט איז געווען — ייִדיש. און עס איז געווען נאַטירלעך: ווער עס האָט גערעדט ייִדיש, האָט געלעבט מיט ייִדישקייט. עס מאַכט נישט אויס וואָס פאַר אַ מין ייִדישקייט דאָס איז געווען: מזרחיסטישע אָדער סאָציאַליסטישע. עס איז געווען אַ קאָמפּלעקס ייִדישע אינ־טערעסן, ייִדיש וויסן, ייִדישע האָפענונגען. די וואַנט קעגן דער אַסימילאַציע איז געווען די ייִדישע פּרעסע — אַפילו דעמאָלט, ווען זי איז נישט געווען נאַציאָנאַ־ליסטיש אָדער ציוניסטיש. און דאָס טיפע, דאָס דורותדיקע ייִדישע באַוווסטזיין דאָ אין לאַנד האָט זיך געוועבט דורך דער ליטעראַטור אין ייִדיש. מיטן אויסנאַם אפשר פון דער רעליגיעז־וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור אין ענגליש און העב־רעיִש (פון סאָלאָמאָן שעכטער דורך דוד ניימאַרק, לוי גינזבורג ביז רב צעיר און אַנדערע) איז נישט געווען קײן אַנדער כוח, וואָס זאָל זיך אַזוי גראָבן צום שורש פון ייִדישן היסטאָרישן זיין און אַזוי דערהייבן די געשטאַלט פון ייִד, ווי די ייִדישע ליטעראַטור.

די ציוניסטישע פירערס וועלן מסתמא גאַפן, ווען איך וועל זאָגן: אין די לעצטע הונדערט יאָר זענען געשען דריי נסים אין אונדזער לעבן (איך רעכן זיי נישט אויס כראָנאָלאָגיש) — א) דער גרעסטער נס איז דער אויפקום פון ישוב און מדינת־ישׂראל; ב) דער צווייטער איז — די רעוואָלוציע פון ייִדיש און דער

אויפקום פון דער ייִדישער ליטעראַטור; ג) דער דריטער — דער אויפקום פון ייִדישן קיבוץ אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט. איך נעם אַריין די באַניונג פון העברעיִש אין אויפקום פון ישוב און מדינת ישראל און שטעל אַוועק ייִדיש ווי איינעם פון די דריי, ווייל דער נס פון ייִדיש איז געווען אָן אַן ערך גרעסער. די נייע העברעיִשע ליטעראַטור איז ערשטנס, געווען המשך, און אויף וויפל זי איז געווען ניי, האָט זי זיך געפונען אונטער דער השפעה פון ייִדיש. ייִדיש איז געווען אַן אַנטפּלעקונג. דורך ייִדיש האָט אויפגעבראָכן אַ קוואַל פון פאָלק־שעפערישקייט, וואָס האָט זיך אין משך פון אַ פּאָר דורות דערלייטערט ביז אַ מענדעלע, אַ שלום־עליכם, אַ פּרץ. און ערשט מיט ייִדיש האָט זיך צו אונדז אומגעקערט דער כוח פון ריינער געשטאַלטונג, וואָס עס האָבן פאַרמאָגט די דיכטער פון תנ״ך. און ווי טיף־נאַציאָנאַל, ווי נביאיש־נאַציאָנאַל ייִדיש איז געוואָרן, דערציילט דער פאַקט, וואָס די גרויסע קינה אויפן אומקום פון אונדזער פאָלק האָט געשריבן נישט העברעיִש (מיט איינצלנע אויסנאַמען), נאָר ייִדיש. יאָ, העברעיִש האָט געשיקט די זעלנער פון דער בריגאַדע און חנה סענעש צו ראַטעווען די פליטים. העברעיִש איז געווען פאַרנומען מיטן ליד פון תחיה. אָבער די גרויסע פאָלקס־קינה האָט געשריבן ייִדיש.

און ארץ־ישראל ווייסט עס. נישט אומזיסט איז דער העברעיִשער אוניווערזיטעט ענדלעך איינגעגאַנגען צו עפענען אַ קאַטעדרע פאַר ייִדיש. און די אַמאָליקע מלחמה קעגן ייִדיש האָט זיך אין ישראל געענדיקט. היינט לערנט מען דעם פשט דאָרט אַנדערש: העברעיִש איז דאָס טאָג־טעגלעכע גערעדטע לשון, ייִדיש איז לשון־קודש. זאָל זיין אַזאַ פשטל. אָבער דאָרט, ווו עס איז דאָ אַן ערלעכער צוגאַנג צו ייִדישער געשיכטע און מען קאָן זיך פאַרגינען נישט מער געפירט צו ווערן פון פאַרטייִשער בלינדקייט, זעט מען אויך איין ווי טעמפּ עס איז צו פאַרלייקענען אַ לעבעדיקן און ליכטיקן שעפערישן כוח, וואָס רייסט אויף די אויגן.

צום היגן אָפיציעלן ציוניזם איז עס נאָך נישט דערגאַנגען. ווי אַזוי האָט עס געקאָנט דערגיין, ווען מען איז צענדליקער יאָרן געווען פאַרנומען בלויז מיט די ביזנעס פון זאַמלען מיליאָנען אָדער, אין בעסטן פאַל, מיט פאָליטישע רעזאָלוציעס? ווי אַזוי האָט מען זיך געקאָנט אומקוקן אויף דעם לעבעדיקן כוח פון ייִדיש, ווען אַליין איז מען געוואָרן שותפים פון דער אַסימילאַציע, און די אַסימילאַציע אין איר טעמפּקייט און פאַרריסענער עם־הארצות האָט תכלית שנאה פיינט געהאַט דעם „מאַסן־זשאַרגאָן״? דערצו נאָך האָט דער פאַרטייִשער קאַטעכיזם

געלערנט, אַז דער „זשאַרגאָן" איז אַ פּראָדוקט פון גלות, אַז „זשאַרגאָן" און גלות זענען אַ סינאָנים, און מיר מוזן באַקעמפן אַלץ, וואָס איז גלות. האָט מען געגעסן דאָס ברויט פון ייִדיש — יאָ, די פּובליסיטי פון דער ייִדישער פּרעסע און דעם ערלעכן אידעאַליזם פון די טויזנטער ציוניסטישן, וואָס האָבן געלעבט אין ייִדיש, און וואָס טיפער מ'איז אַריין אין „ביג ביזנעס", אַלץ ציניזשער איז געוואָרן די באַציִונג צו ייִדיש. דאָס ברויט פון דער פּרעסע האָט מען געגעסן, אָבער קיין ייִדיש וואָרט אויף קיין ציוניסטישער קאָנווענשאָן האָט מען מער נישט געהערט. און קיין פּיטסבורג האָט געדאַרפט קומען אַ ייִד פון תל־אביב, מאיר האַרטמאַן, אַז מען זאָל פון זיין מויל דערהערן אַ וואַרעם ייִדיש וואָרט.

ניין, איך נעם זיך נישט אָן די קריוודע און דעם כבוד פון ייִדיש. איך זוך עס נישט ביים אָפיציעלן ציוניזם, און איך וואָלט דעם ענין אַבסאָלוט נישט אָנ־גערירט, ווען דער ציוניזם זאָל ווייטער בלייבן ביי זיינע ביזנעס — פאַרזאָרגן מדינת ישראל מיט נויטיקער מאַטעריעלער הילף. אָבער דאָ איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ נייע ווענדונג. מען האָט זיך דערמאָנט, אַז ציוניזם דאַרף זען אויך פאָלק אויסערן לאַנד און נישט לאַנד אין פאָלק גופא. מען רעדט וועגן שעפע־רישקייט און וועגן דעם, אַז מיר דאַרפן נישט זיין קיין ייִדן פון צווייטן קלאַס. מען רעדט וועגן באַלעבונג און באַנייִונג. און די וואָס רעדן וועגן באַלעבונג, די זענען פּאַרטייִש בלינד צו די לעבעדיקע שעפערישע כוחות אַרום זיי.

קוקט זיך אום רבותי! אין ארץ־ישראל האָט מען בשעת מלחמה געשאַפן אַ לאָזונג: „אם אשכחך גולה תשכח ימיני". אין ארץ־ישראל לייענט מען ייִדיש און מען קען און מען זעצט איבער די ייִדישע ליטעראַטור. אין ארץ־ישראל האָט מען שוין געעפנט אַ קאַטעדרע פאַר ייִדיש. און די אַמעריקאַנער אַסימי־לאַציע טוט אויך תשובה. לייענט דעם „קאָמענטאַר"! באַקענט זיך מיטן נייעם קורס אין די ייִדישע צענטערס! זעט דעם דריי־שפּראַכיקן יאָרבוך, וואָס די וועל־פעיר באָרד גיט אַרויס! איר זענט אָפּגעשטאַנען, רבותי! איר, די גרויסע פּאָלי־טיקער און ביזנעסלייט, לעבט נאָך גייסטיק אין אַ ציוניסטישער קאַסרילעווקע. איר האָט פון אייערע שותפים, דער אַסימילאַציע, איבערגענומען אַ מיאוסע ירושה און איר ווייסט נישט, אַז עס איז שוין צייט פון איר זיך אָפּצוטשעפּען.

איז וואָס וויל איך?

דאָס איינציקע, וואָס איך וויל, איז — זאָגן: די, וואָס גייען מיט שלילת הגלות, קאָנען נישט באַנייען דאָס ייִדישע לעבן אין גלות. און עס איז נישטאָ קיין טעמפּערע פאָרעם פון שלילת הגלות ווי די פאַרלייקענונג פון ייִדיש. און

ווייטער: די, וואָס קומען באַנייען אונדזער לעבן, דאַרפן קודם־כל פאַרמאָגן אהבת ישראל, און עס קאָן נישט זיין קיין אהבת ישראל ביי מענטשן, וואָס נעגירן איינע פון די וווּנדערלעכסטע שאַפונגען פון אונדזער פאָלק. אהבת ישראל מיינט — ליב האָבן אַלע ייִדן, וואָס טראַכטן און פילן ייִדיש, אויסער די מהרסים ומחריבים, און ליב האָבן דאָס, וואָס האַלט אויף און צינדט זייער ייִדישקייט. די, וואָס קאָנען עס נישט, קאָנען אפשר זיין גוטע פאַרטיי־מענטשן, אָבער זיי קאָנען קיין בויערס פון אַ ייִדישער צוקונפט נישט זיין. יעדנפאַלס נישט דאָ.

וואָרפט מען מיר צו: אָבער ייִדיש גייט אַלץ־איינס אונטער, און איר ווייסט עס! עס האָט נישט קיין צוקונפט, און צו וונס זיך פלאָנטערן דערמיט? יאָ, רבותי! עס איז געווען אַ צייט, ווען איר האָט געגלויבט, אַז אויך דער גלות גייט אונטער, און איר זענט גרייט געווען איינצושלינגען די לעצטע רעשטלעך פון אים און אַ סוף. אַן עק! האָט די געשיכטע אַנדערש געפסקנט, און איר זענט געצווּנגען איצט זיך צו דערמאָנען, אַז אין גלות זענען דאָ נישט בלויז געלט־געבערס, נאָר אויך ייִדן. און דאָ איז דער חילוק צווישן פאַרטייִשקייט און ייִדישקייט. די פאַרטיי קוקט מיט אירע ברילן און ווייסט אַלץ פאָרויס. זי פסקנט און פסלט און פאַר־משפט. זי האָט אַ „ליניע״, און דאָס לעבן טיילט זיך אין צווישן דעם, וואָס אויף דער זייט און וואָס אויף יענער זייט ליניע. ייִדישקייט גלייבט, ייִדישקייט האָט ליבשאַפט. ייִדישקייט פרייט זיך מיט אַלץ, וואָס ציט זיך אויף וועלכן־נישט־איז אופן צום שורש. ייִדישקייט קוועלט אָן פון אַלץ אין וואָס עס שפיגלט זיך אָפּ נצח ישראל. ייִדישקייט גייט דורך שטרויכלונגען און שטערונגען און שנאה און בזיונות צו איר תוך און לייטערונג.

אַ צוקונפט פאַר ייִדן דאָ קאָן בויען ייִדישקייט. פאַרטייִשקייט קאָן אויך עפּעס אויפטון. זי קאָן באַזאַלצן אָדער באַצוקערן דאָס היגע אַסימילירטע לעבן מיט אַ ביסל העברעיִש. זי קאָן אַפילו מאַכן אַ סך אַמעריקאַנער ייִדן פאַר פלאַ־טאָנישע ליבהאָבערס פון העברעיִש.

זי קאָן אין זיי איינפלאַנצן אַ געוווינשאַפט צו עסן ישראלדיקע פּאָמעראַנצן און טרינקען ישראלדיקן וויין. נאָך מער — זי קאָן אויפהאָדעווען גרופּעס יוגנט, וואָס זאָלן זיין באַגייסטערטע העברעער און ישראלים. אָבער די פאַרפלייצונג פון אַסימילאַציע וועט זי נישט אָפּשטעלן און קיין שעפעריש ייִדיש לעבן דאָ נישט איינוואָרצלען. ווייל דער נאַציאָנאַלער תוך פון אַלע העברעיִשע לייענערס און פּאָמע־ראַנצן־עסערס וועט ליגן נישט דאָ, נאָר איבער ימען. עס וועט זיין אַן אָפּהענגיקייט פון ישראל, נישט קיין שותפות מיט ישראל.

המשך, היסטאָרישן המשך דאָ קאָן איינפלאַנצן בלויז ייִדישקייט. שותפות מיט ישראל קאָן שאַפן בלויז ייִדישקייט. און ביי שלילת הגלות קאָן קיין ייִדיש־קייט נישט זיין. וועט ישראל פאַרלייקענען דאָס שעפערישע פון גלות, וועט אויך דאָרט קיין ייִדישקייט נישט זיין. דאָ — אַוודאי נישט.

פּ. ס. — עס גייט נאָך אַלץ אַרויס „דאָס ייִדישע פאָלק". וויל איך נישט, חלילה, אָנרירן דעם כבוד פון חשובן העברעיִשן פאָרשער און שרייבער ד״ר שמעון בערנשטיין. אָבער איך האָב דאָ נישט גערעדט וועגן דער פּראָפּאַגאַנדע־מאַשין, נאָר וועגן דער באַציִונג פון דער אָרגאַניזאַציע און דער פילאָזאָפיע הינ־טער דעם קולטור־פּלאַן.

„בונד“ און „בונדיזם“

פוילן איז אָפּגעלייִדיקט פון שונא. די לובלינער רעגירונג איז אַריבער קיין וואַרשע. וואָס פאַר אַן ענדערונגען עס זאָלן אין איר נישט פאָרקומען, וועט איר פּאָליטישע ליניע בלייבן דיזעלביקע. נאָך אײדער וואַרשע איז באַפרייט געוואָרן האָט אַ דעפּעשע געמאָלדן פון לובלין, אַז צום צענטראַלן ייִדישן קאָמיטעט אונטער דער פירערשאַפט פון ד״ר זאָמערשטיין איז צוגעשטאַנען אויך דער „בונד“. אפשר האַנדלט זיך עס בלויז וועגן אַ גרופּע, ווייל אויב דאָס זאָלן טון די קעפּ פון דער פּאַרטיי וואָלט עס געמיינט, אַז דער „בונד“ האָט זיך אָפּגעריסן פון יענעם פּוילישן אונטערערד, וואָס איז געבליבן געטריי דער לאָנדאָנער רעגירונג. און אפשר מיינט עס טאַקע דעם „בונד“.

נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט זיך דער „בונד“ אַ צענדליק יאָר געוואַקלט צווישן דריטן און צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, איז עטלעכע יאָר געבליבן אָן אַן אינטערנאַציאָנאַלן מנין ביז ער איז אין יאָר 1930 צוגעשטאַנען צום צווייטן, דעם אַנטיקאָמוניסטישן. ער האָט אויף דער טעריטאָריע פון פּוילן געפירט אַן אויסגעשפּראָכענע פּאָליטיק בנוגע צו קאָמוניזם, דיזעלביקע וואָס ער פירט איצט דאָ, און מאָסקווע, וואָס האָט זייער אַ גוטן זכרון אויף די זאַכן, וועט זיכער נישט זיין באַגייסטערט פון געדאַנק, אַז אין דער פריינטלעכער פּוילישער רעפּובליק זאָל ווירקן אַ פּאַרטיי מיט אַן אומפריינטלעכער פאַרגאַנגענהייט. עס לייגט זיך אויך נישט אויפן שכל, אַז וואַרשע זאָל זיך שטעלן דינגען מיט מאָסקווע וועגן אַ פּאַרטיי אין דער קליינער ייִדישער מינדערהייט. עס וועט זיין אַ סך רעאַלער ווען דער איבערבלייב פון „בונד“ וועט זיך איינלעבן מיט דער הערשנדיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ווי ער האָט עס געטון נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אָבער דעמאָלט האָט ער נאָך פאַרמאָגט גענוג כוחות איבערצולאָזן אַ טיילביים קאָמוניזם און אַ טייל אָפּצוראַטעווען פאַר זיך. ער האָט געהאַט די ייִדישע אַרבעטער

נישט נאָר פון קרוין־פוילן, נאָר אויך פון די פוילישע טיילן ווייס־רוסלאַנד און וואָלין. ביים ייִדישן איבערבלייב אין פוילן היינט וועט קוים סטייען כוחות זיך צו שפּאַלטן אין צווייען, און די וואָס וועלן נישט גיין מיטן נייעם רעזשים און בלייבן געטריי דער אַלטער פּאָליטיק וועלן קוים קענען עקזיסטירן ווי אַ באַזונדערע גרופּע.

אויב דער ראַטנפאַרבאַנד זאָל מסכים זיין צוריקצושיקן קיין פוילן די עטלעכע הונדערט טויזנט פויליש־ייִדישע פּליטים (און אויב יענע, זאָלן וועלן צוריקגיין), קען מען האָפן, אַז דאָס נייע ייִדישע לעבן אין פוילן זאָל זיך נישט אָנהייבן פון אַזאַ מינימאַלער התחלה ווי עס קוקט איצט אויס. אָבער ווען אַפילו די גראַז־באַוואַקסענע געגנטן פון דער חרובער געטאָ זאָלן צוריק אויפגיין מיט ייִדיש לעבן, האָט אַלץ דער „בונד" — אַזאַ ווי ער איז געווען — נישט קיין האָפענונג צו שפּילן זיין פריִערדיקע ראָלע. און כל־זמן די פּאָליטישע מאַפּע וועט זיין אַזאַ ווי זי ווערט איצט אָוועקגעשטעלט דורך די רויטע אַרמייען, וועט עס אַזוי בלייבן. מוז מען דעריבער אָננעמען, אַז דאָס גרויסע קאַפּיטל געשיכטע פון אונדזערע לעצטע פופציק יאָר וואָס האָט געהייסן „בונד" האָט זיך דערווייל איבערגעריסן.

מען דאַרף זיין אַ פאַרביסענער אַנטי־בונדיסט נישט אָנצונעמען דעם פאַקט ווי אַ טייל פון אונדזער גרויסן אומגליק. נישט די אינערלעכע באַפרייונג, וואָס דער „בונד האָט אין משך פון אַ פּאָר דורות געטראָגן צום ייִדישן פאָלקס־מענטש, נישט די אומצייליקע פאָלקס־העלדן און טוער־געשטאַלטן, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט, וועלן אויסגעמעקט ווערן פון אונדזער געשיכטע. די נייע ייִדישע קולטור און ליטעראַטור וועלן בלייבן דעם „בונד" אייביקע בעלי־חובות. אָבער אויסער די היסטאָרישע פאַרדינסטן לאָזט איבער דער „בונד" אויך אַ לעבעדיקע אידעע — בונדיזם — און די אידעע איז נישט מחויב אונטערצוגיין צוזאַמען מיט דער פּאַרטיי. די פּאַרטיי איז געווען געבונדן צו אַ טעריטאָריע: פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה צו רוסלאַנד, נאָכדעם צו פוילן. די אידעע איז צו קיין טעריטאָריע נישט צוגעבונדן. זי איז אין תוך ברייט און עלאַסטיש גענוג זיך צו קענען צופּאַסן צו יעדער ייִדישער סביבה. די אידעע וואָלט זיך אויך געקענט געפינען אין אַמעריקע, נישט געקוקט אויף דעם וואָס דער „בונד" ווי אַ פּאַרטיי האָט זיך דאָ נישט צוגעקלעפּט. אָבער דאָ געשעט נאָך עפּעס: אויך דער בונדיזם פאַרלירט זיך דאָ, ווייל אויף אים ליגט ווי אַ באַרג דער „בונד".

אַ וועלכע נישט איז ציוניסטישע באַוועגונג קען פאַרקריפּלען דעם ציוניזם,

אָבער זי וועט אים נישט דערשטיקן, ווייל די אידעע, שיבת ציון, איז מיט הונ־דערטער דורות עלטער פון דער באַוועגונג. דאָ איז די לאַגע אַנדערש. נישט דער בונדיזם האָט געבוירן דעם „בונד“, נאָר פאַרקערט. אַרויסגעוואַקסן איז דער „בונד“ פון די עקאָנאָמישע נויטן פון ייִדישן אַרבעטער, שפּעטער געוואָרן זיין פּאָליטישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע און ערשט צולעצט אים געגעבן אַ נאַציאָנאַלע פּראָגראַם. נישט אַליין געגעבן, נאָר דאָס געטון אונטערן דרוק פון ציוניזם, דובנאָוון, זשיטלאָווסקין און מער פון אַלץ אונטערן דרוק פון ייִדישן פאָלקס־מענטש גופא. אמת, דאָס איז צוגעגאַנגען שנעל. פון דער גרינדונג אין 1897 ביז דעם צוזאַמענפאָר אין 1901, וואָס האָט אָנערקענט דאָס ייִדישן פאָלק ווי אַ „נאַציאָנאַליטעט“, איז אַריבער איינגאַנצן פיר יאָר. און נאָכדעם איז שוין אַוועק אַ באַוווסטזיניקע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ. דער ריס אין 1903 מיט דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס האָט נישט געוואָלט אָנערקענען דעם „בונד“ פאַר אַ ייִדישער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי, איז געווען אַ העראָיִשער נאַציאָנאַלער אַקט. די מלחמה מיט די ייִדישע אַסימילאַטאָרן אין סאָציאַליזם, דעם רוסישן ווי דעם פּוילישן, איז געווען אַ נאַציאָנאַלע מלחמה. די קולטור־אַרבעט אין משך פון יאָר־צענדליקער איז געווען אַ נאַציאָנאַלע. דער פּאָליטישער קאַמף אי מיטן צאַריזם, אי מיטן פּוילישן אַנטיסעמיטיזם איז געווען אַ נאַציאָנאַלער. און אַפילו די מלחמה מיטן ציוניזם איז פון אַ ריין־בונדיסטישן שטאַנדפּונקט געווען אַ נאַציאָנאַלע — אַ מלחמה פאַר אַ ייִדישער צוקונפט אומעטום אָנשטאָט בלויז אין ארץ־ישראל. אַזוי האָט זיך אויסגעפורעמט די אידעע פון בונדיזם, וואָס איז אַ צונויפשמעלץ פון סאָציאַליזם מיט ייִדישן נאַציאָנאַלן לעבן איבער גאָר דער וועלט. אָבער איז געבורט ווי אויך אין דער אויספורעמונג פון דער אידעע איז דער סאָציאַליזם געקומען פריִער ווי ייִדישער המשך און האָט אַלעמאָל פאַרנומען דעם אויבן־אָן. דער סאָציאַליזם איז געקומען פון אויבן, די ייִדישקייט פון אינעווייניק. אין די אומצייליקע פּאַרטייִישע דיסקוסיעס וועגן פּראָגראַם און ליניע האָט דער סאָציאַליזם אַלעמאָל פאַרנומען די מוחות אַ סך מער ווי די ייִדישקייט.

ביי אַ לעבעדיקער פּאַרטיי, וואָס שטייט אין טאָגטעגלעכן קאַמף אויף כל־ערליי פראָנטן — פּאָליטישן, עקאָנאָמישן, געזעלשאַפטלעכן, קולטורעלן — האָט זיך די אומגלייכקייט צווישן די צוויי עלעמענטן פון דער אידעע אַזוי נישט אָנגעזען. אָבער אָט ווערן מענטשן געצוווּנגען אַוועקגיין פון דער פּאַרטיי־טעריטאָריע און אויסוואַנדערן אין אַ ניי לאַנד. אָט ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ קלאָרער, אַז דער קיום פון דער פּאַרטיי שטייט אין געפאַר און מען דאַרף איבערפלאַנצן די

אידעע. אָט איז מען געצװוּנגען צו נעמען די אידעע, בונדיזם, און זי צופּאַסן צו דער אַמעריקאַנער סביבה. עס איז קלאָר, אַז נישט בלויז איז די אַלגעמײנע פּאָליטישע לופט אַן אַנדערע, נאָר אויך די ייִדישע. קומט דאָ פּאַר אַ װעלכער עס־איז צופּאַסונג? לחלוטין נישט. מען דאַרף בלויז אַ קוק טון װי עס װערט אין דער פּאַרטײ־פּרעסע געפירט די מלחמה מיטן ציוניזם צו דערזען, אַז די געקומענע פון פּוילן האָבן געבראַכט אַהער נישט דעם בונדיזם, נאָר דעם „בונד״ מיטן גאַנצן אַרסענאַל פון די פּויליש־בונדישע כלי־זין און מען נוצט דעם אַרסענאַל אויף דעם זעלביקן שטייגער, צי עס פּאַסט זיך יאָ, צי עס פּאַסט זיך נישט אַהער.

די מלחמה מיטן ציוניזם אין פּוילן האָט געהאַט אַ בונדיסטישן זין. דאָרט האָט יצחק גרינבוים גערעדט װעגן אַן „איבעריקן״ מיליאָן ייִדן. זשאַבאָטינסקי האָט פאַרהאַנדלט װעגן עװאַקואַציע און בעק איז אין זשענעװע געװען דער מליץ־יושר פון ציוניזם. דאָרט האָט די מלחמה געמײנט — פּאַרטײדיקן די ייִדישע רעכט אויף דער היסטאָרישער פּאָזיציע אין פּוילן. װאָס פאַר אַ זין האָט די מלחמה דאָ? קײנער קלײבט זיך נישט עװאַקוירן קײן מיליאָן ייִדן פון אַמעריקע קײן ארץ־ישראל. דער ציוניזם שטעלט דאָ קײנעם נישט אין געפאַר אויסער די לײט פון „אַמעריקען קאָונסיל פאַר דזשודאַיִזם״. די אַמעריקאַנער פּאָליטיקער, אַרבעטער־פירער, גײסטלעכע, װאָס אַרבעטן פאַרן ציוניזם, טוען עס נישט װײל זײ װילן פּטור װערן פון ייִדן, נאָר װײל זײ זעען אין דאָס רעכט פון אַ היסטאָרישן פאָלק אויף אַ היים. די ייִדישע אַרבעטערשאַפט גופא, אויסער אפשר אַ קלײנער מינדערהײט, איז אַקטיװ אין העלפן די ייִדישע אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל, און װיפיל פּשטלעך בונדיסטישע טעאָרעטיקער און פּאָלעמיסטן זאָלן נישט אויס־טראַכטן, און װאָס עס זאָל נישט געשען מיט דער פאָדערונג װעגן אַ קאָמאָנװעלט, איז דער ישוב אין ארץ־ישראל און די פּאָליטישע פּאָזיציע פון ציוניזם אַ װעלט־היסטאָרישער פאַקט, װעלכן מ׳קאָן נישט בטל מאַכן. װאָס פאַר אַ זין קען דאָ האָבן דאָס קלאַפּן און שיסן מיט די כלי־זין פון אימפּאָרטירטן אַרסענאַל?

אלא װאָס דען? דאָ שטײען אײנס קעגן אַנדערן צװײ היפּאָכדיקע אידעען. דער ציוניזם, באַזונדערס דער אַמעריקאַנישער, איז זינדיק קעגן „גלות״. ער דער־הײבט דעם נאַציאָנאַלן װערט פון ארץ־ישראל און פאַרמינערט דעם װערט פון ייִדישן נאַציאָנאַלן לעבן דאָ. ער נעמט אַװעק שעפערישע ענערגיע פון דאַנען און פאַרװאַרלאָזט דעם המשך דאָ. איז אין װאָס קען דאָ באַשטײן די מלחמה קעגן אים? אין פּוילן, װוּ עס האָט זיך געהאַנדלט װעגן דער פּאָליטישער פּאָזיציע פון דער ייִדישער מינדערהײט, איז די מלחמה געװען אַ פּאָליטישע. דאָ מוז זי זײן אַ

נאַציאָנאַלע, אַ קולטורעלע, אַ גייסטיקע. דער ציוניזם דאָ האָט נישט קיין גלות־פּראָגראַם און דער בונדיזם האָט זי יאָ. אדרבא, קומט אַרויס מיט איר! שטעלט אַוועק קעגן דער ציוניסטישער גלייכגילטיקייט צום המשך אין גלות אייער אייגענע פּאָזיטיווע פּראָגראַם פון יידישער המשכדיקייט. איר האָט דאָך אַמאָל געקענט זיך צונויפקומען אויף צוזאַמענפאָרן, אָפּזיצן טעג און נעכט, דיסקוטירן פּראָגראַמען און אַרויסקומען מיט קלאָרע פאַרשטעלונגען פון דעם וואָס איר ווילט. בנוגע צום סאָציאַליזם דאַרפט איר עס נישט טאָן. איר ווייסט זייער ווויל די דאָליע פון סאָציאַליזם אין אַמעריקע צווישן נישט־יידן און יידן און איר וועט דאָ קיין גרויסע איבערקערענישן נישט מאַכן. אָבער בנוגע צו גלות־יידישקייט קענט איר עפּעס אויפטון. אַמאָל, פאַר רוסלאַנד און פּוילן, האָט איר געשאַפן אָדער אָנגענומען אַ פאָרעם פון אַ טעריטאָריע פאַר יידישן המשך: די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע. יענע פאָרעם פּאַסט זיך נישט אַהער, איז דאָ אפשר איבעריק. און אייערע אַמעריקאַנער חברים האָבן ביז איצט פאַרפעלט צו פאַרטיפן דעם ענין סאָציאַליסטישע גלות־יידישקייט און זיי שווימען מיט דעם שטראָם פון אינעווייניק, וואָס טרייבט זיי צו שולן, צו קולטור־אַרבעטן, אָבער אָן אַ וועלכער עס איז קלאָרער פאַרשטעלונג וועגן דעם אויף וועלכע גרונטזעצלעכע פּרינציפּ און נאַציאָנאַלע יסודות אַ יידישע צוקונפט קען דאָ איינגעשטעלט ווערן. טוט עס איר! צייכנט אָן אָן אויסגעהאַלטענע פּראָגראַם מיט אָן ענד־ציל, ווי איר פלעגט עס טון אַמאָל, הייבט אָן אַ מלחמה דערפאַר אין אייער אייגענער סאָציאַליסטישער אָדער קוואַזי־סאָציאַליסטישער סביבה, ברענגט אַריין אַהין די קלאָרקייט און רעוואָלוציאָניזם, וואָס אָן אויסגעהאַלטענע אידעע פאַרלאַנגט, און דעמאָלט קומט אַרויס פירן אַ מלחמה מיטן ציוניזם. אַ מלחמה אין נאָמען פון אָן עפּעס, פון אַ יש, פון אַ פּאָזיטיווער אידעע. אָבער ווו איז זי, די פּאָזיטיווע אידעע? ווו איז די ראַם, אין וועלכער אים האָט זי אַריינגעשטעלט? מיט וואָס קומט איר שלאָגן אָן אַנדער מעכטיקע אידעע ווען איר האָט נישט מער ווי אָן אַרסענאַל פון אָפּגענוצטע כלי־זין?

די דאָזיקע אַלע טענות וואָלט מען געקענט האָבן צום בונדיזם. ביי אים וואָלט מען געקענט מאָנען קלאָרקייט, וויזיע, פּראָגראַם. אָבער דערביי האַלט עס נאָך נישט. די מענטשן האָבן אָפּגעלעבט אַ לעבן אין אַ פּאַרטיי מיט אירע מלחמות און זיי לעבן נאָך אַלץ אין איר און מיט איר. עס קומט נישט אָן אַזוי גרינג זיך צו זאָגן: די פּאַרטיי איז אַראָפּ פון דער בינע, זאָל לעבן איר אידעע! אַ זייטיקער קען עס, נישט אָן אינעווייניקסטער. אָבער אין דעם כח אָנצונעמען דעם טראַגישן

מנחם באָריישאָ

אמת און וועלן ראַטעוועו די ירושה וועגדט זיך, צי די ירושה קען בלייבן לעבן אָדער זי דאַרף אַרונטער פון דער בינע צוזאַמען מיטן גערשנטן. דער בונדיזם ווי אַן אידע, אַ דורכגעטראַכטע, אַ פאַרטיפטע ,אַ צוגעפּאַסטע צו אונדזער סביבה, אַן אָנגעלאָדענע מיטן אַלטן אידעאַליזם פון די ערשטע יאָרן, קען דאָ ווערן אַ שטאַרקער כח. דער „בונד" מיט זיין פוילישער פּאָליטיק, מיט די דאָרטיקע שנאהס און דאָרטיקן אַרסענאַל, וועט זיך דאָ קיינמאָל נישט צוקלעפּן. און קיינער דאַרף אים נישט. די פראַגע איז: וועט דער בונדיזם זיך לאָזן דערשטיקן פון „בונד" ,אָדער ער וועט האָבן כח זיך אָפּצוראַטעווען.

די בויער פון ישראל

עס איז פאַראַן אַ צוגאַנג — און גראַד דער יידישסטער צוגאַנג — לויט וועלכן איינער מוז נישט דווקא זיין אַן אָרגאַניזירטער ציוניסט כדי דער אויפקום פון מדינת ישראל זאָל ווערן פאַר אים די טיפסטע און נסימדיקסטע איבערלעבונג. פאַרקערט: די פאַרשלונגענקייט אין היימישער ציוניסטישער פּאָליטיק קען אַמאָל ווערן אַ פסיכישע מחיצה צווישן דעם מענטש און דעם נס פון ישראל.

דער צוגאַנג ליגט אין אַן איינציקן באַגריף, וואָס איז דער תמצית פון ידישקייט. דער באַגריף איז: תיקון.

לויטן ווערטערבוך מיינט תיקון — פאַרריכטן, אויסבעסערן, אויסגלייכן. אָבער אין יידישן באַנעם איז תיקון געוואָרן די צענטראַלע אידעע און ציל פון אונדזער רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן לעבן. תיקון מיינט — דערהייבונג, לייטערונג, אויפשטייג צו העכערע מדרגות. „די נשמה זוכט אַ תיקון" מיינט, אַז זי וויל זיך אויסלייטערן פון שלעכטס און געפאַלנקייט און זיך דערהייבן צו ריינקייט און גאַנצקייט. „מתקן זיין די וועלט" מיינט — אויסראַמען דאָס שלעכטס פון דער וועלט און זי דערהויבן צו אַ מדרגה ווו זי זאָל ראוי זיין לעבודת הבורא. אַלץ וואָס איז פאַראַן אין די מאָדערנע באַגריפן: פּראָגרעס, פאָרשריט, באַפרייונג, דערלייזונג — איז דאָ אין באַגריף „תיקון" אָבער עס איז פאַראַן מער. ווייל תיקון איז אויך מאָראַלישע אויסלייטערונג, דערנענטערונג צו געטלעכקייט.

איז ווען מיר זאָלן זיך קענען אויף אַ ווייל באַפרייען פון דער אַלגעמיינער פראַזעאָלאָגיע פון נאַציאָנאַלער „באַנייונג, ווידעראויפלעבונג, רענעסאַנס" אאַ"וו און אָנשטאָט דעם אָננעמען דעם יידישן באַגריף: „נאַציאָנאַלער תיקון", וואָלטן מיר זיך קלאָרער פונאַנדערגעקליבן אויך אין די שייכותן צווישן ציוניזם, מדינת־ישראל און יידישקייט. ווייל תיקון הייבט זיך אָן פון מענטש, פון יחיד. מען קען

נישט מתקן זײַן די וועלט, סײַדן מ׳איז פֿריִער אָדער גלײַכצײַטיק מתקן זיך אַליין, און עס איז נישטאָ קיין תּיקון פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק ווו דער אײנצלנער ייִד זוכט נישט קיין תּיקון פֿאַר זיך.

וואָלט טעאָדאָר הערצל, דער פֿרעמדער, געקענט ווערן דער באַשאַפֿער פֿון פּאָליטישן ציוניזם, ווען ער זאָל נישט דערשפּירן, אַז ער דאַרף זוכן ייִדישן תּיקון פֿאַר זײַן נשמה? און אַזוי די אַלע אָפּגעריסענע, וואָס זענען צום ציוניזם געקומען פֿון זייער פֿאַרלאָרנקייט אין אַ פֿרעמדער סביבה. דאָס גאַנצע ווונדערלעכע און טראַגישע קאַפּיטל פֿון הערצלס פּירערשאַפֿט איז גלײַכצײַטיק אויך אַ קאַפּיטל פֿון פּערזענלעכן תּיקון. ווען דער ציוניזם ברענגט אַרײַן אונדזער היגע אָפּגעפֿרעמדטע יוגנט אין קרײַז פֿון חלוצישן טראַכטן און פֿילן, איז ער די יוגנט מתקן. און אויך דער גביר, וואָס שטיצט די חלוצישע אַרבעט בלויז מיט געלט, איז זיך אין אַ געווויסער מאָס מתקן.

אָבער תּיקון האָט מדרגות — העכערע און קלענערע. די ציוניסטישע באַ־וועגונג אַליין האָט געבראַכט אַ געוויסע מאָס פֿון נאַציאָנאַלן תּיקון צו אַלע די וואָס האָבן זיך אין איר אָנגעשלאָסן. וואָס מער אַ מענטש האָט זיך אין דער אידעע אַרײַנגעטון, וואָס מער זי האָט פֿאַרשלונגען פֿון זײַן טראַכטן און פֿון זײַנע מעשׂים, אַלץ העכער איז געווען די מדרגה, וואָס ער האָט דורך איר דערגרייכט. אָבער צו דער העכסטער מדרגה זענען דערגאַנגען די, וואָס האָבן זיך נישט באַפֿרידיקט מיט טראַכטן און העלפֿן, נאָר זענען אַליין געוואָרן די בויערס פֿון נאַציאָנאַלער באַנײַונג. די באַוועגונג אין חוץ־לאָרץ האָט געקענט מענטשן אָנציִנדן, באַגײס־טערן און זיי געבן מינוטן פֿון עלית נשמה. אָבער זיי זענען געבליבן דאָרט ווו זיי זענען געווען, און אין אַ גרויסער מאָס אויך די זעלביקע וואָס זיי זענען געווען. אין דער חלוציות איז דער מענטש גופֿא געוואָרן אַן אַנדערער. ער האָט זיך גע־מוזט איבערבויען פֿיזיש און מאָראַליש. ער איז אַליין געוואָרן דער נײַער ייִד. ער האָט פֿאַר זײַן באַנײַונג שווער און ביטער געצאָלט מיט פּערזענלעכע אָפּקו־מענישן, לײַדן און אָמאָל אויך מיטן לעבן. ער איז אויף דעם געגאַנגען לשם דער נאַציאָנאַלער גאולה. ווײַל ביידע — זײַן פּערזענלעכע און די נאַציאָנאַלע גאולה זענען פֿאַר אים געוואָרן אײנס. און ער האָט דעם ייִדישן באַגריף „תּיקון" מיט זיך אַליין פֿאַרווירקלעכט אין דער העכסטער מאָס.

פּולער תּיקון פֿאַר דעם נײַעם ייִד האָט נישט געקענט גײן אַנדערש ווי מיט סאָציאַליזם — דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם. אויפֿריכטונג פֿון מענטש און פֿאָלק קען נישט געמאָלט זײַן אָן דער העכסטער מאָס סאָציאַלן יושר. און נישט געקוקט

אויף דעם, וואָס דער סאָציאַליזם פון די קבוצות איז נישט געווען טראַדיציאָנעל־רעליגיעז, האָט זיך פאַר אים הרב קוק ז״ל נישט געשראָקן, ווייל די אמונה און דער ווילן צו אויפריכטונג האָט געבערנט אין די חלוצים. די אמונה איז געקומען פון אַ היליקן מקור, נישט געקוקט אויף דעם וואָס זי האָט זיך פאַרקליידט אין כלומרשטער אַנטי־רעליגיעזקייט.

מיר היטן זיך פאַר ווערטער, וואָס זענען אָנגעזאָפּט מיטן ריח פון אַלט־יידישער פרומקייט, פון קבלה, און מיר רעדן וועגן העלדישקייט, אויסדויער, עקשנות, מסירת־נפש. אָבער ווען מען לייענט די געשיכטעס פון די איינצלנע קי־בוצים און ווי אַזוי זיי לעבן, שמעקט עס מיט קדושה. נאָר אין אַ לופט פון קדושה קענען מענטשן מיט דיפּלאָמען זיך פאַרוואַנדלען אין פאַסטוכער, אין ערד־אַרבעטער און אָננעמען באהבה דעם גאַנצן פערזענלעכן איבערבראָך וואָס מ׳דאַרף אויסטראָגן אויף די אייגענע לייב און ביינער.

און אַז עס איז געקומען צום גרויסן נסיון — דער מלחמה פאַר מלכות ישראל — איז די גאַנצע לופט פון ישוב געווען אָנגעזאָפּט מיט אָט דער קדושה. די סאַבראַס, וואָס זענען געגאַנגען מיט געזאַנג אין שלאַכט אַריין; די מאַמעס, וואָס האָבן קיין טרער נישט פאַרגאָסן איבער די געפאַלענע קינדער; די אַלטע לייט; וואָס האָבן מיט גבורה איבערגעטראָגן דעם וואַסער־מאַנגל אין ירושלים; די פרומע יוגנט מיט די ביקסן אין די הענט — יעדער איינער פון זיי און אַלע צוזאַמען זענען געוואָרן די רעאַליזירונג פון נאַציאָנאַלן תיקון.

אָבער, מ׳האָט נישט גענדאַרפט די מלחמה, כדי צו זען, אַז דער ישוב גייט אַהין. יאָ, עס זענען געווען אויך מוראס און שווערע שאָטנס. וועגן דעם האָבן געדערדט מענטשן מיט יידישע אויגן אין ישוב גופא. מ׳האָט מורא געהאַט פאַר צייכנס פון פאַרגוייִשונג, פאַר אָפּגעריסנקייט פון טראַדיציע, פאַר אויסגעשרויפ־טער ארץ־ישראלדיקער גאווה, פאַר ביטול פון גלות, און שפּעטער פאַר די פאַר־מען פון טעראָר. אָבער דאָס איז געווען די אומפאַרמיידלעכע לינקע זייט פון דער קדושה, די סטרא־אחרא, וואָס אויך זי איז דער נאַציאָנאַלער תיקון באַרופן ביי־צוקומען. און ווען עס האָט זיך אויסגעגאָסן דאָס היטלער־אומגליק און שפּעטער איז דער גאַנצער ישוב געשטעלט געוואָרן צום נסיון, האָט די קדושה בייגע־קומען די טומאה.

פאַר די וואָס האָבן דורך דער באַניייונג פון יידישן מענטש געזוכט די אויפ־ריכטונג פון פאָלק, איז דער ישוב אַליין געווען אַ כסדרדיקער צוזאָג פון גאולה. דאָס באַנייטע פאָלק האָט זיך געבויט פון סאַמע פונדאַמענט — פון דעם יחידס

נשמה. עס האָט זיך געניײטיקט אין פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט פאַר זייַן פולער גאולה. מיטן היטלער־אומגליק איז די פּאָליטישע ראַם געוואָרן אַן עיקר, ווייל אָן איר איז געווען אוממעגלעך אַריינצונעמען אין לאַנד די הונדערטער טויזנטער פון דעם שארית החורבן. אָבער פון דורותדיק־ייִדישן צוגאַנג אַרויס איז די פּאָליטישע ראַם קיינמאָל נישט געווען קיין עיקר. זי איז נישט מער ווי אַ ראַם פאַר אַ בילד, נישט מער ווי דער איינבאַנד פאַר אַ ספר. אמת — ווען מיר האָבן אַרויסגעלאָזט פון האַנט אַ הייליקן ספר און אים אויפגעהויבן צוריק, האָבן מיר געקושט די טאָוולען, אָבער געקושט די טאָוולען צוליבן ספר, וואָס איז אין אים איינגעבונדן.

איז איינע פון די אויפגאַבעס פון ציוניזם געווען צו באַשאַפן די פּאָליטישע ראַם, די מלוכהשאַפט, און צו פירן מלחמה פאַר דער מלוכהשאַפט. און פאַר אַ סך מענטשן, דערהויפּט פאַר יענע, וואָס האָבן די פּאָליטישע מלחמה געפירט און געוווּנען, איז דער דאָזיקער אויפטו געוואָרן אַ ציל פאַר זיך. ניין, די טאָוולען האָבן, חלילה, קיינעם נישט געמאַכט פאַרגעסן, אַז אין זיי איז איינגעבונדן אַ ספר. אָבער די איינבינדער האָבן דעם באַוווּסטזיין, אַז אָן זיי וואָלט זיך דער ספר פונאַנ־דערגעשאָטן.

און אַ צווייטע גרויסע אויפגאַבע איז געווען צו דערהאַלטן און העלפן דעם ישוב עקאָנאָמיש, מאַטעריעל — זאַמלען די געלט־מיטלען, וואָס זענען נייטיק איינצוקויפן דאָס לאַנד, באַזאָרגן די הייזער, די מכשירים, די בהמות, די ווירט־שאַפט פאַר די קיבוצים, די מאַשינען פאַר די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. עס האָט געמוזט קומען פון דרויסן די הילף פאַר די בנינים פון די קינדער־שולעס און פאַרן אויסהאַלטן די שול־סיסטעם; פאַרן אוניווערזיטעט; פאַר דער געזעל־שאַפטלעכער מעדיצין. די וואָס האָבן די מיטלען געשאַפן האָבן מיט רעכט גע־פילט, אַז זיי האָבן אַ חלק אין ישוב. אם אין קמח אין תורה — און זיי האָבן צו־געשטעלט דעם קמח. ווען נישט זייער הילף, זייער מי, זייער געטריישאַפט, וואָלט אַ גרויסער טייל פון דעם, וואָס אין ישוב איז פאַראַן, נישט אויפגעקומען.

סיי די פּאָליטיקער, סיי די געלט־זאַמלער פילן, אַז זיי זענען שותפים צו מדינת־ישראל. ערשט מיט אַ יאָר צוריק האָבן די פּאָליטיקער געפירט די אָפּעג־סיווע אין וואַשינגטאָן און געהאַלטן די גרויסע רעדעס אין דער „און״. זיי האָבן זיך אַליין באַטייליקט אין דעם באַשלוס צו פּראָקלאַמירן די מדינה דעם 14טן מאַי 1948. און וואָס איז שייך צו הילף — צי קלייבן זיי זיך נישט ווייטער זאַמלען הונדערטער מיליאָנען, צי זענען זיי נישט גרייט אויף זיך ווייטער צו נעמען אחריותן

אויף לאַנגע יאָר? היינט ווו איז דער חילוק צווישן זיי און די וואָס שטייען איצט ביים רודער פון מדינת־ישראל? מיט וואָס זענען זיי אַנדערש פון יענע?

ווען מען מעסט ביידע מיט דער מאָס פון פּאָליטיק און אויפבוי, איז אפשר קיין חילוק נישטאָ. ביידע זענען בויערס פון ישראל. ערשט ווען מ׳מעסט זיי מיט דער מאָס פון פערזענלעכן און נאַציאָנאַלן תיקון, קומט אַרויס אַ חילוק אין דער מדרגה. קיינער וועט, חלילה, נישט לייקענען, אַז אויך דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פירער האָט מתקן געווען זיין נשמה מיט זיין אַרבעט, מיט זיין געטריישאַפט, מיט זיין מסירת־נפש. אָבער ער איז געבליבן דאָ ווו ער איז און האָט האָט אַרום זיך קיין גרויסע מאָס נאַציאָנאַלן תיקון נישט באַשאַפן. די אָבער, וואָס זענען היינט די פירער פון ישראל, האָבן דעם תיקון דורכגעפירט אויף זייער לייב און בלוט און האָבן צוזאַמען מיט זיך אַליין מתקן געווען דעם דור אַרום זיי. זיי האָבן אין ישוב איינגעפלאַנצט יענעם גייסט, וואָס האָט אים איצט געהאָלפן געווינען די מלחמה. זיי זענען די סימבאָלן פון נאַציאָנאַלער באַנייונג.

צווישן די פּיאָנערן־פרויען און די מיטגלידער פון „הדסה״ זענען פאַראַן טייערע יידישע טעכטער. ווער פון זיי אָבער וועט האָבן דעם מוט זיך צו פאַרגלייכן מיט יענע מוטערס אין ישראל, וואָס האָבן אַן אַ טרער באַגלייט זייערע געפאַלענע זין צו קבורה? אָרגאַניזירטע ציוניסטן דאָ האָבן אָפּגעגעבן יאָרן אַרבעט און צוגעטראָגן שווערע מטבעות פאַרן אויפבוי פון לאַנד. אָבער קענען זיי זיך אַוועקשטעלן אויף איין ברעטל מיט יענע, וואָס זענען געגאַנגען בויען די ערשטע קיבוצים אין נגב און האָבן אויסגעהאַלטן די מלחמה מיט די עגיפּטער?

דער מחבר, וואָס שרייבט, און דער זעצער, וואָס זעצט, און דער דרוקער, וואָס דרוקט, און דער איינבינדער, וואָס מאַכט די טאָוולען — אַלע זענען שותפים צום ספר. אָן דעם זעצער און דרוקער וואָלט דער ספר געבליבן ליגן אין אַ טישקעסטל און וואָלט קיינעם קיין עלית נשמה נישט געבראַכט. און צוגעגעבן, אַז די בעלי־מלאכה, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיטן ספר, האָבן געוווּסט, אַז זיי טוען אַ חשובע אַרבעט, אַ הייליקע אַרבעט, און זיי האָבן זיך דורכדעם אַליין דערפילט חשובער און דערהויבענער. צי וועט זיי איינפאַלן צו פאַרגלייכן זייער אַרבעט מיטן אינהאַלט פון ספר?

אָבער דאָ איז געשען עפּעס אַנדערש. די פּאָליטיק און די געלט־זאַמלונגען האָבן זיך געניייטיקט אין גרויסע אָרגאַניזאַציעס מיט גרויסע אַפּאַראַטן, און די אָרגאַניזאַציע איז במילא געוואָרן אַ מלוכה און אַ צוועק פאַר זיך. זי האָט איר אינערלעכע פּאָליטיק מיט אַמביציעס און אינטערעסן פון גרופּעס און יחידים.

און כאָטש אַלץ איז אָנגעצילט אויף דער אידעע — וויפיל פון די באַאַמטע ביי די שרייב־טישן און די געלט־געבער האָבן באמת דאָס געפיל, אַז דער האַלב־נאַקעטער מענטש ערגעץ אין אַ קבוצה, וואָס שטייט מיטן גאָפּל און ראַמט אַוועק דאָס מיסט פון די בהמות, איז יידישלעך מיט הונדערט קעפּ העכער פון זיי?

און נאָך עפּעס. ערשט נעכטן האָבן זיך אַנדערע פּאָסטוכער געחברט מיט שאולן און זענען געווען גוטע ברידער מיט אים. איז מיטאַמאָל געקומען שמואל און האָט שאולן געזאַלבט פאַר אַ מלך איבער ישראל. עס איז אמת, אַז שאול איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון אַלע אַנדערע. דאָך איז מען געווען חברים. ווילן עס די אַנדערע פּאָסטוכער נישט אָננעמען: זע נאָר! שאול אַ מלך גאָר!... אָבער שאול איז מלך. ער איז דער סימבאָל פון ישראלס דערוואַקסנקייט צו מלכות. אפילו זיינע חברים פון נעכטן, וואָס האָבן מיט אים געגעסן פון איין שיסל, זאָלן זיך נישט בריקען — דאָס מלכות איז אין זיינע הענט.

אָט די דאָזיקע פּסיכישע מחיצה עקזיסטירט נישט פאַר יענע וואָס האָבן געטראַכט אין טערמינען פון יחידישן און נאַציאָנאַלן תיקון און זענען געשטאַנען מחוץ דעם אָרגאַניזירטן ציוניזם. עס רעדט זיך נישט וועגן געפאַנגענע ביי קעג־נערישע פּאַרטייאישע דאָגמעס, וואָס זענען צוליב קעגנערשאַפט נישט געווען מסוגל אויפצונעמען די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע אין ארץ־ישראל. עס רעדט זיך וועגן יידן מיט אָפענע אויגן, אויך יידן, וואָס זענען געגאַנגען צו פּערזענלעכן און נאַציאָנאַלן תיקון אויף אַנדערע דרכים ווי דער ציוניזם. זיי האָבן דאָ אין לאַנד געקאָנט דערגרייכן יענע הויכע מדרגה, צו וועלכע עס איז דערגאַנגען דער מענטש אין ארץ־ישראלדיקן קיבוץ. אָבער וועלן דאָ בויען אַ יידיש־פּאַרוואָרצלטן נייעם דור האָבן זיי יאָ געקאָנט. וועלן בויען אַ יידישן באַוווסטזיין דורך אַ יידישער קול־טור האָבן זיי יאָ געקענט. איז דער אינערלעכער בונד צווישן זיי און די חלוצים אין ארץ־ישראל געווען אַ סך אַ טיפערער ווי דער בונד צווישן די חלוצים און די היגע מנדבים. ווייל ביידע זענען זיי געגאַנגען צו יענעם תוך, אָן וועלכן קיין שום גאולה איז נישט מעגלעך — צו דער נשמה פון יחיד, וואָס דאַרף קודם־כל זיך אַליין באַנייען. און איצט הייבט מען עס אָן צו באַגרייפן אין מדינת־ישראל. מען דערזעט, אַז נישט געקוקט אויף כלומרשטע „פּאַרטייישע" הילוקי־דעות, איז די אמתע נשמהדיקע פאַרבינדונג געווען מיט די, וואָס האָבן אויך דאָ אונטערגענומען אַן אַרבעט פון חלוציות, פון באַפרוכפּערן מדברדיקן באָדן מיט אייגענעם לייב און לעבן פאַר קיום האומה דאָ.

מען וויל איינשטעלן אַ מאָס: נאָר יענע, וואָס טראָגן פּאַרטיי־קאַרטלעך אין

קעשענע און מישן זיך אין היגער ציוניסטישער פּאָליטיק, זענען מסוגל צו באַ־נעמען דעם נס פון מדינת ישראל. נישט דאָס איז די מאָס. באַנעמען דעם נס קענען אָמטיפסטן און אַמפריידיקסטן די וואָס זעען דעם אויפקום פון ישוב און פון דער מדינה דורך דער גרונט־אידעע פון ידישקייט: תיקון. מען קען זיין אַן אָרגאַניזירטער ציוניסט און שטיין אויף אַ נידעריקער מדרגה פון פערזענלעכן תיקון. דעמאָלט האָט מען נישט קיין שום נשמהדיקע שייכות מיטן תוך פון חלו־ציות. און מען קען שטיין דרויסן פון ציוניזם און פילן די טיפסטע נשמהדיקע נאָענטקייט צו די בויערס פון ישראל, וואָס באַנייען קודם־כל זיך אַליין.

דער נס פון ישראל איז דער נס פון נאַציאָנאַלן תיקון. וואָס טיפער איינער שטרעבט צו זיין אייגענעם ידישן תיקון, אַלץ טיפער נעמט ער אויף דעם נס פון ישראל.

ייִדישע נויט און „אתה בחרתנו“

וואָס בויט ארץ־ישראל?
ייִדישע נויט און —
אמונה.

צוליב דער נויט אַליין וואָלט מען נישט געדאַרפט האָבן דווקא ארץ־ישראל. עס וואָלט געווען גוט אַרגענטינע, אוגאַנדע, בירא־בידזשאַן, בריטיש־גיאַנאַ, אויס־טראַליע. עס וואָלט געווען גוט אַפילו נישט קיין טעריטאָריע, נאָר גלאַט אַן עמיגראַציע ערגעץ־ווו מען וועט לאָזן אַריינקומען און זיך פאַרשמעלצן מיט אַנדערע. אָבער די אמונה וויל ארץ־ישראל. און וויפל מען זאָל נישט גיין אויף איר מיט געוואַלד, מיט פייער און שווערד, בייגט זי זיך נישט און בלייבט ביי איריקן. טאָ וואָס איז אַזוינס אמונה?

אמונה איז דאָס, וואָס גיט דעם מענטשן אַ פלאַץ אין דער וועלט. זי זאָגט צו אים: דו ביסט נישט גלאַט אַזוי אַ באַשעפעניש, וואָס מען האָט אַריינגעוואָרפן אין דער וועלט אַריין זיך אַרומצופלאָנטערן, כאַפּן פון לעבן וואָס לאָזט זיך און דערנאָך פאַרמאַכן די אויגן און ווערן שטויב. עס הייבט זיך נישט אָן! ביסט אַריינגעבוירן געוואָרן אין אַן עדה מענטשן, דורך איר אין דער מענטשהייט אַריין, און דורך איר אין אַ וועלט, ווו אַלץ האָט אַ זין, און די ביסט אַ טייל פון דעם זין. און די אמונה, וואָס וויל דווקא ארץ־ישראל, זאָגט צו דעם ייִדישן מענטש: אין ארץ־ישראל זענען דיינע אבות געווען אַ פאָלק און ווי אַ פאָלק זיך דערהויבן אין דער מענטשהייט און פאַרנומען זייער פלאַץ אין דער וועלט־געשיכטע. כדי דיין אייגן לעבן זאָל ווידער קריגן אַ זין דורך דיין פאָלק, מוזטו ווידער צונויפ־בינדן די קייט, וואָס האָט זיך איבערגעריסן פאַר דיינע אבות מיט אַ פאָר טויזנט יאָר צוריק.

ווייסט דער ארץ־ישראל־בויער, האַנס און פריץ, סאַשאַ און גרישאַ, דזשעק און מאַיק דאַרפן נישט ארץ־ישראל, ווייל זיי זוכן נישט דעם זין פון זייַן אַ ייִד.

זיי זעען אַ זין אין זייך „מענטשן״: דייטשן, רוסן, אַמעריקאַנער. אָבער איך, יעקב און רבקה, זוך צו זען דעם זין און זע אים אין פלאַץ, וואָס מיין פאָלק האָט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק פאַרנומען. דעריבער — ווען עס ווערט מיר קלאָר, אַז כדי זיך צו ראַטעווען פון הונגער און רדיפות און צו ראַטעווען דעם זין פון מיין לעבן אין דער וועלט, מוז איך האַקן שטיינער, טריקענען זומפּן, זיך לאָזן סמאַ־ליען אין דער זון — גיי איך האַקן שטיינער, טרוקענען זומפּן און זיך סמאַליען אין דער זון. און אַז איך וועל דאַרפן דערשאָסן ווערן פון אַ קויל בייאַכט, וועל איך דערשאָסן ווערן, ווייל איך זע אַ זין אין דעם.

גייט עס, הייסט עס, אין זען אַ זין. ארץ־ישראל האָט אַ זין. נו, און דער גלות?

די קשיא מעג זיין אַן אַלטע, אַ דערעסענע, אָבער אַזוי זענען אַלע „אייביקע פראַגעס״, וואָס יעדער דור שטעלט זיך אויפסניי, ווייל דער פריערדיקער ענטפער פאַרענטפערט נישט. וואָס איז דער זין פון גלות?

צוויי טויזנט יאָר אין דער געשיכטע פון דער ערד איז אַ טראָפּן אין ים. אָבער די צוויי טויזנט יאָר פון „אָפיציעלן״ גלות שטעקן נישט אין יענער בליב־דער אייביקייט אידער מענטש האָט אָנגעהויבן זוכן זיין זין אין דער וועלט. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן נאָכדעם, ווי מענטש האָט דערקענט גאָט, האָט געוווסט וואָס איז יושר און אמת, האָט געזען די פאַרבינדונג צווישן הימל און ערד, האָט אויסגעחלומט די געשטאַלט פון אַ משיח. און אויב אין דער „בלינדער״ וועלט איז פאַראַן ערגעץ אַ ווילן, וואָס פירט פון בלינדע שטיקער פּראָטאָפּלאַזמע צו זעענדיקע באַשעפענישן, פון זיי צום האַלב־מענטש און קאַניבאַל, פון אים צו משהן, עמוסן, אַריסטאָטעלן און סאָקראַטן, האָט דאָך דער „בלינדער״ ווילן ערגעץ געפירט אויך אין די צוויי טויזנט יאָר. נישט ווייט געפירט, געגאַנגען הין און צוריק — אָבער דאָך ערגעץ געפירט. אַ טריטעלע דערפירט. איז נאָר פאַר אונדז, יידן, פאַרלאָרן געוואָרן דער זין פון גאַנג? האָט זיך פאַר אונדז מיט דעם חורבן פונעם צווייטן בית אָפּגעשטעלט דער גאַנג פון דער וועלט־געשיכטע, און אַלץ וואָס איז געשען זינט דעמאָלט, איז לויטער הפקרות און אומזין?

און ס׳איז מער ווי צוויי טויזנט יאָר. די דורות שקלאַפעריי אין מצרים דאַרפן אויך גענומען ווערן אין חשבון. און די צעשפּרייטונג איבער דער וועלט נאָך דעם ערשטן חורבן דאַרף אויך גענומען ווערן אין חשבון. די „אַנטדעקונג״ איז שוין לאַנג געמאַכט געוואָרן, אַז זינט מיר האָבן אָנגעהויבן צו ווערן אַ פאָלק, איז עס געווען מער גלות, ווי נישט גלות. איז ממה נפשך:

אויב די װעלט־געשיכטע איז הפקר און זי פֿאַרלענגערט אונדזער לעבן בלויז אויף צו קאָנען אונדז פּײַניקן — זענען דאָך גערעכט די משומדים. לאָמיר אַלע, די װאָס דאַרפֿן בלײַבן אויסער ארץ־ישראל, אָדער די, װעמען עס ציט נישט קיין ארץ־ישראל, אומקערן דער װעלט־געשיכטע די מציאה פֿון זיך אַ פֿאָלק. עס װעלן זיך נאָך געפֿינען אַ פּאָר נאָבעלע פֿעלקער אויף דער ערד, װאָס װעלן טון מיט אונדז דעם חסד און מסכּים זײַן אונדז אײַנצושלינגען. היטלערס ראַסן־טעאָריעס װעלן נישט אַלעמאָל גילטן. װעט עס פֿאַרשפּאָרן אַלע נאַציאָנאַלע רעכט און אויטאָנאָמיעס און ייִדישקייטן מכּל־המינים און פּטור אַן עסק.

איז מען נאָך נישט גרייט אומצוקערן דער װעלט־געשיכטע די מציאה. אַמ־פֿערט מען זיך פֿאַר גלות־ייִדישקייטן, פֿאַר קולטור, פֿאַר טראַדיציע, פֿאַר שפּראַך, פֿאַר קהלשער געבונדנקייט. שפּירט מען דאָך יאָ אין גלות אַ זין, צוליב װעלכן מען װיל לעבן — לעבן און אויפֿהאַלטן המשך. טאָ װאָס איז דער זין?

**
*

מ׳האָט זיך נישט נאָכגעפֿרעגט װעגן דעם זין פֿון גלות אין אַלע יאָרהונדער־טער, װען מ׳האָט געזאָגט: אתּה בחרתּנו מכּל העמים... דו האָסט אונדז אויסדער־װײלט פֿון אַלע פֿעלקער... אין דעם איז געװען דער זין.

משיח האָט געדאַרפֿט קומען און אויסלייזן. אַזוי לאַנג װי ער איז נישט גע־קומען, האָט עס געהייסן, אַז מיר זענען נישט גרייט, נישט מיר, נישט די װעלט. האָט עס געהייסן, אַז מ׳דאַרף זיך װײַטער לײַטערן, רייניקן, זיך דערהייבן. מ׳דאַרף דערגיין צו כּולו זכּאי. אויף דעם זענען מיר אויסדערװײלט. דאָס איז אונדזער באַרוף. אין דעם איז דער זין פֿון אונדזער זײַן, דער זין פֿון גלות.

מ׳האָט פֿאַרלאָרן דעם זין, װען ס׳איז פֿאַרלאָרן געװאָרן דער גלויבן אין דער אויסדערװײלטקייט; װען אַנשטאָט צו װעלן זײַן אַנדערש, איז מען פֿאַרפֿלייצט געװאָרן פֿון באַגער צו זײַן גלײַך, זיך אויסצוגלײַכן.

דאָס איז געװען דער מסחר, װאָס מ׳האָט געמאַכט מיט דער עמאַנציפּאַציע. מ׳האָט געזאָגט צו די פֿעלקער: איר גיט אונדז גלײַכהייט און מיר װעלן אײַך דערפֿאַר אָװעקגעבן דעם אתּה בחרתּנו. „אָװעקגעבן" האָט געמיינט פּראָסט פּשוט — אָװעקגעבן. דאָס הייסט — מיט דער מינוט, װאָס איר גלײַכט אונדז אויס, נעמען מיר אַרונטער די קרוין פֿון אויסדערװײלטקייט פֿון אונדזער אייגענעם קאָפּ און מיר טוען זי אָן אויף אײַערן. נישט מיר, די ייִדן, נאָר איר, די פֿראַנ־

צויזן, דאָס פאָלק, וואָס האָט זיך דערטראַכט צו פרייהייט, גלייכהייט און בדי־דערלעבקייט, זענט פון איצט אָן די אויסדערוויילטע. דעם אתה בחרתנו פון אונדזער סדור וועלן מיר אַרויסוואַרפן. דעם „והשיבנו לציון" אויך — מיר דאַרפן נישט מער משיחן און נישט ארץ־ישראל, ווייל משיח זייט איר, אונדזערע אויס־גלייכער, און ארץ־ישראל איז דאָ, וווּ איר האָט אונדז געמאַכט היימיש. און קיין פאָלק זענען מיר נישט מער — אַ פאָלק זייט איר. און קיין שפּראַך האָבן מיר נישט — אַ שפּראַך האָט איר. אַלץ אייערס.

אַזוי האָט מען דעם מסחר געמאַכט אין פראַנקרייך מיט די פראַנצויזן, אין דייטשלאַנד — מיט די דייטשן, אין פוילן מיט די פּאָליאַקן, אין רוסלאַנד מיט די רוסן. שפּעטער האָט מען זיך געכאַפּט, אַז מ'איז געבליבן ביי גאָלע גאַרנישט. אויב אַלץ אַוועקגעגעבן, קאָן מען דאָך שוין זיך אַליין אויך אַוועקגעבן — זיך אָפּשמדן, און די גלייכהייט וועט זיין פאַרפולט. און ס'איז געגאַנגען אַ שמד! האָט מען געגנומען ביים „אתה בחרתנו" צוריק אָפּדינגען אַ שטיקעלע. אַ ביסעלע זענען מיר יאָ אויסדערוויילטע. אונדזערע נביאים האָבן אַמאָל געזאָגט, אַז מיר דאַרפן ווערן אַ „נס לגויים", אַ מוסטער פאַר די פעלקער, זיי לערנען צדק און יושר. מיר האָבן אַ מיסיע צווישן די פעלקער, און דעריבער דאַרפן מיר בלייבן שטיק־לעך יידן, זענען זיי געוואָרן מיסיאָנערן פון גערעכטיקייט און ליבשאַפט — די פאַבריקאַנטן, באַנקירן, קרעמער, אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים און זשורנאַליסטן פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך.

ווען די אויפקלערונג און דער באַגער צו גלייכהייט האָט זיך אַריבערגעטראָגן פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד קיין פוילן און רוסלאַנד, איז שוין פון „אתה בחרתנו" אַפילו קיין „מיסיע" נישט געבליבן. דאָ איז עס אַריין אין געדיכטן פאָלק אַריין. געטראָגן האָבן דעם באַגער צו גלייכהייט רעוואָלוציאָנערן, ראַדיקאַלן, פייערדיקע אַפּיקורסים, וואָס זענען גענערט געוואָרן אויף פּאָפּולערע וויסנשאַפט־לעכע בראָשורן, און מ'האָט דעם „אתה בחרתנו" דערקלערט אַ פאַרביסענע מלחמה. די אָרעמע צוויי ווערטער פון דער תפילה זענען געוואָרן זידל־ווערטער. מ'האָט זיי פאַרמיאוסט און פאַרחוזקט. און אַזוי איז אויפן פאָלקס־מענטשן גע־גאַנגען דער טעראָר פון אויבן און פון אונטן. אויבן האָט פון „אתה בחרתנו" געלאַכט די בורזשואַזיע, וועלכע האָט אים פאַרקויפט פאַר גאָלדענע געשעפטן, און אונטן האָט אים גערודפט דער „באַוווסטזיניקער" פאָלקס־רעוואָלוציאָנער אין נאָמען פון פּראָלעטאַריאַט.

אַזוי האָט מען פון יידישן מח אַרויסגעקלאַפּט דעם זין פון זיין אַ ייד אין

גלות. און דער „אתה בחרתנו" ביי די נישט־ייִדן האָט געאַרבעט אויף אַלע כלים. דער רוס האָט ברייט גערעדט וועגן דער גרויסקייט פון דער סלאַווישער ראַסע, דער דייטש וועגן — דער גערמאַנישער, דער ענגלענדער — וועגן דער אימפּעריע, ווּ די זון גייט קיינמאָל נישט אונטער, דער אַמעריקאַנער — וועגן לאַנד פון די פרייע. אין יעדער מלוכה־שול האָט מען אין ייִדישן קינד געפּלאַנצט דעם פּאַטריאָטיזם צום לאַנד און די גאווה מיטן פֿאָלק, מיט זיין געשיכטע, זיין העלדישקייטן, זיין קולטור. אין יעדער מלוכה־שול האָט מען דאָס ייִדישע קינד געלערנט, אַז דאָס הערשנדיקע פֿאָלק איז דאָס (אויסדערוויילטע) פֿאָלק, און די אַנדערע זענען אויך פֿעלקער. צווישן די אַנדערע זענען ייִדן נישט געווען. און אַז מ'האָט זיך דערטראַכט צו אַ ייִדיש־וועלטלעכער שול, האָט זיך קיין סך נישט געענדערט. שוין דער פֿאַקט אַליין, וואָס אונדזער שול האָט געמוזט זיין אַ צוגאָב־שול, האָט פֿאַרוואַנדלט דאָס פֿאָלק, וועגן וועלכן מ'האָט דאָרט געלערנט, אין אַ צוגאָב־פֿאָלק, און אַ גרויסער טייל פון די שולן איז געבויט געוואָרן פון די, ביי וועמען די מלחמה מיטן „אתה בחרתנו" איז געווען אַ מין לעבנס־באַרוף. דאָס העכסטע, וואָס מען האָט ביי געוויסע סאָציאַליסטישע קרייזן געקענט פֿועלן (שוין נישט רעדנדיק וועגן קאָמוניזם), איז, אַז מיר זענען אויך אַ פֿאָלק. און וואָס ביי די טאַטעס איז געווען „אויך אַ פֿאָלק", איז ביי די קינדער געוואָרן „אויך מיר אַ פֿאָלק".

מ'האָט דעם „אתה בחרתנו" אַרויסגעיאָגט און מיט אים אויך אַרויסגעיאָגט דעם זין פון לעבן ווי אַ פֿאָלק צווישן פֿעלקער. מ'האָט פֿאַרטריבן די אמונה אין זיך אַליין — דאָס איינציקע, וואָס האָט געהאַט דעם כח זיך צושטעלן קעגן דער עולם הזה, קעגן דעם „אַרום", קעגן די מעכטיקע אתה בחרתנוס פון די אַנדערע. טאָ פֿאַרוואָס זאָל דער פֿאָלקס־מענטש נישט זיין גלייכגילטיק צום אויפהאַלט פון ייִדישקייט? פֿאַרוואָס זאָלן 75 פּראָצענט ייִדישע קינדער אין אַמעריקע זיך נישט האָדעווען ווי ווילד־פרעמדע? פֿאַרוואָס זאָלן אויסגעגליכענע מיליאָנען זיך דווקא וועלן האַלטן ביי דער אויסגעגליכענער ייִדישקייט? אַז ס'האָט קיין זין נישט! צי וואָס דאַרף מען עס!

**
*

איצט, אַז מ'זאָל וועלן רעדן וועגן זין פון לעבן ווי אַ פֿאָלק, דאַרף מען רעדן צו יענער ייִדענע, וועלכע שווערט זיך: „זאָל מיר די נאַטור אָזוי העלפן!" זי איז — די גרעסטע מערהייט. זי איז דורכויס פֿאָלקיש — אַ סימן, אַז זי שווערט זיך. איר שבועה איז פֿאָלקסטימלעך־ייִדיש. מער נישט — זי האָט פון

דער שבועה אַרויסגעוואָרפן דעם „אויבערשטן“ און אַרייַנגעשטעלט די „נאַטור“. פאַר עמעצן מעג עס זיין קאַריקאַטור, אַפּיקורסישע טעמפּקייט. פאַר דער ייִדענע אָבער איז עס אויפגעקלערטקייט, באַוווסטזיניקייט. אַזוי האָט זי געלערנט ביי אירע רבּיִים פון די וויסנשאַפטלעכע בראָשורן אַרויס, פון די לעקציעס און רעדעס. מוז מען זיך פאַרבייגן פאַר דער אַלמעכטיקער ייִדענע מיט דער נאַטור און זאָגן:

— מאַדאַם! (אָדער אפשר: פריינדינע, גענאָסינע, כאַווערטע!) דערלויבט אונדז צו זען — אפשר וועלן מיר ביי דער נאַטור געפינען אַ הכשר אויף אַביסל אמונה, וואָס זאָל געבן אַ זין אונדזער לעבן ווי אַ פאָלק. לאָמיר נעמען די קורצע תפילה, וואָס איז ביי איך אַזוי פאַרמיאוסט, און זען וואָס זי זאָגט.

„אתה בחרתנו מכל העמים, אהבת אותנו — וקדשתנו במצוותיך וקרבתנו לעבודתך“ — דו האָסט אונדז אויסדערוויילט פון צווישן אַלע פעלקער, אונדז ליב געקראָגן און אונדז געהייליקט מיט דיינע געבאָטן און דערנעענטערט צו דער עבודה פאַר דיר.

שטעלט אייך פאָר, מאַדאַם, אַז די בינען אָדער די מוראַשקעס האָבן דעם שכל זיך צו פאַרגלייכן מיט די אַנדערע אינסעקטן און באַגרייפן וואָס פאַר אַ שכלדיקע, דיסציפּלינירטע סאָציאַלע אָרדענונג זיי האָבן אויפגעבויט. וואָלטן זיי די דאָזיקע תפילה געזאָגט נישט נאָר יום־טוב, נאָר אַלע טאָג אין דער וואָך. (און אפשר זאָגן זיי). דער נאַטור־פאָרשער וועט פאָרשן יענע סיבות און אומשטענדן, וואָס האָבן דורך פילע טויזנטער יאָרן אויסגעאַרבעט פון די בינען אָדער די מוראַשקעס אַזעלכע האָרעפּאַשנע געזעלשאַפטלעכע באַשעפענישן, מיט אַ שטרענג־אויסגערעכנטער עקאָנאָמיע, מיט אַ וווּנדערבאַרער קונסט פון בויען צעלן אין בינשטאָקן און טונעלן און מוראַשקע־פּאַלאַצן אונטער דער ערד. דער נאַטור־פאָרשער וועט אויפשטעלן אַ געשיכטע פון געראַנגלען און גרויזאַמע מלחמות, וואָס האָבן אומגעבראַכט אומצייליקע דורות, געשאַרפט דעם אינסטינקט, באַפעסטיקט די געבונדנקייט, איינגעשטעלט אַ געזעלשאַפטלעכע אחריות, אַ דיסציפּלין און שטרענגע מאָראַל ביז עס האָט זיך אויסגעאַרבעט דער איצטיקער מין און זיין שטייגער לעבן. דאָס אַלץ איז אַן אַרבעט פאַרן נאַטור־פאָרשער. אָבער דער מין אַליין, די בין אָדער די מוראַשקע, וואָס האָט אויף זיך אויסגעטראָגן די אַלע נסיונות און באַצאָלט מיטן לעבן פון אַזוי פיל דורות, האָט דאָס פולשטענדיקע רעכט צו זאָגן:

„אתה בחרתנו אהבת אותנו וקדשתנו במצותיך“ — — —

דער מין אַליין האָט דאָס רעכט צו גלייבן, אַז אויסער אַלע אומשטענדן

און נויטן, וואָס האָבן אים געצווונגען צו ווערן וואָס ער איז, איז אויך פאַראַן אַ ווילן אין דער נאַטור אַרויסצוברענגען העכערע, פיינערע מינים באַשעפענישן, און אַז ער, די בין אָדער די מוראַשקע, איז עס אויסדערווילט געוואָרן פון דער נאַטור דעם דאָזיקן ווילן צו דערפילן. פאַרוואָס זאָל ער אַזוי נישט טראַכטן? ער אַליין איז דאָך נאַטור, און דאָס, וואָס ער טוט, טוט דאָך די נאַטור דורך אים — וויל זי דאָך עס מסתמא. און אויב ער, דער מין, איז דערגאַנגען צום העכסטן גראַד פון דיסציפּלינירטן געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן, מיינט עס, אַז דורך אים האָט עס די נאַטור געוואָלט דערגרייכן. פאַר דעם צוועק האָט זי אים באַשיצט און באַשירעמט און אָפּגעהיט. און אַלע פּלאָגן און נסיונות, וואָס ער איז דורכ־געגאַנגען, אין אַלע גרויזאַמע מלחמות מיט די שונאים, וואָס האָבן אים שיעור נישט אומגעבראַכט, האָט פונדעסטוועגן איבער אים די גאַנצע צייט געוואַכט די השגחה, וואָס האָט אַכטונג געגעבן, אַז אַ רעשטל פון אים זאָל אַרויס גאַנץ פון אַלע אָפּקומענישן און העכער שטייגן אין דער פולקאָמענקייט פון מין. מיט זיין לעבן, הייסט עס, פירט ער אויס די געבאָטן פון דער נאַטור און דינט איר מיט זיין עבודה.

דער משל מיט די בינען און מוראַשקעס וואָלט געווען גענוג צו באַווייזן דער יידענע, וואָס שווערט זיך ביי דער נאַטור, אַז דער „אתה בחרתנו" איז אַ נאַ־טור־געזעץ; אַז דורכן „אתה בחרתנו"־געפיל, וואָס זי האָט פאַרפלאַנצט אין פאַר־שידענע מינים באַשעפענישן, זוכט די נאַטור צו אַנטוויקלען אין די מינים די „טאַלאַנטן", מיט וועלכע זי האָט זיי באַטיטלט; אַז אויב אַ פאָלק, וואָס הייסט יידן, האָט זיך פאַרפאַסט אַזאַ תפילה, האָט די נאַטור מסתמא געוואָלט, אַז זיי זאָלן די תפילה פאַרפאַסן און אין איר געפינען שטאַרקייט פאַר אַ געראַנגל, אויף וועלכן זי, די נאַטור, האָט דאָס פאָלק אויסגעקליבן.

אָבער דער משל וועט נישט העלפן, מסתמא, ווייל די יידענע זוכט נישט קיין אמונה אַפילו אין דער נאַטור, ביי וועלכער זי שווערט זיך. צוזאַמען מיטן „אתה בחרתנו" און דעם זין פון יידישן גאַנג האָט מען פון איר אַרויסגעקלאַפּט אויך דעם ווילן אין עפּעס צו זען אַ זין. זי זוכט עס נישט. דער אמת איז, אַז זי און איר גלייכן האָבן עס קיינמאָל נישט געזוכט. מען האָט זיי אַלעמאָל צוגע־טראָגן פאַרטיקע גלויבנס און זיי האָבן עס אָנגענומען. און דער גלויבן אין נישט־גלויבן, אין אַראָפּגעוואָרפענע יאָכן, אין עולם הזה, אין גרינג לעבן, איז לייכטער און באַקוועמער, ווי דער גלויבן אַפילו אין די באַהאַלטענע הויכע כוונהס פון דער נאַטור.

עסייען

**
*

טרייסט מען זיך: פונקט ווי ייִדישע נויט צינדט די אמונה אין ארץ־ישראל, אַזוי וועט אויך ייִדישע נויט — אַנטיסעמיטיזם, דיסקרימינאַציעס, רדיפות — העלפן דערקענען דעם זין פון לעבן אין גלות. אָבער אויב דער חשבון זאָל גע־מאַכט ווערן אויף מער יושר אין דער וועלט ווי עס איז דאָ איצט, איז עס אַ קנאַ־פּער טרייסט: מיט אַ נייער אויסגלייכונג דורך יושרדיקער איינטיילונג פון רעכט וועט אַוועק די דאָזיקע נויט.

דער זין פון גלות, וואָס איז פאָרמולירט געוואָרן אין „אתה בחרתנו", האָט זיך נישט געגרינדט פון רדיפות. ער האָט געהאָלפן זיך פאַרפאַנצערן קעגן זיי, אָבער נישט געצויגן פון זיי קיין יניקה. זיין יניקה האָט ער געצויגן פון אַן אַנדער מין געראַנגל: פון אמת קעגן אמת, וועלט־באַנעם קעגן וועלט־באַנעם, ייִדישן קעגן נישט־ייִדישן. נישט נויט האָט אויפגעהאַלטן דעם זין פון גלות, נאָר אמונה. און אויב דער זין פון גלות דאַרף ווידער פאָרמולירט ווערן אין אַ נייעם אתה בחרתנו — און ער איז פאַראַן, דער זין, און ער ווערט ביסלעכווייז פאָרמולירט — וועט עס ווידעראַמאָל טון נישט נויט, נאָר אמונה.

געראַנגל פון אמת קעגן אמת, פון וועלט־באַנעם קעגן וועלט־באַנעם.

אונדזער ליטעראַטור און אונדזערע שפּראַכן

דער ענין: „אונדזער ליטעראַטור און אונדזערע שפּראַכן" וואָלט געדאַרפט זיין אַ היסטאָריש־ליטעראַרישער. אָבער עס איז מער ווי דאָס. אין אים קומט אַריין אַן עלעמענט אויך אַ פּאָליטישער. מיט אונדזערע שפּראַכן היינט מיינען מיר, נאַטירלעך, — העברעיִש און ייִדיש. און זינט מיר זענען אַריין אין דער עפּאָכע פון וועלטלעכקייט, איז אין די באַציִונגען צווישן די שפּראַכן פאָרגעקומען אַ ויתרוצצו. פון איין זייט האָבן העברעיִש און ייִדיש געזוכט זיך צונויפצולעבן און דערגאַנצן. פון דער צווייטער זייט איז הינטער יעדער שפּראַך געשטאַנען אַ נאַציאָנאַלע פּאָליטיק און פילאָזאָפיע פון ייִדישער געשיכטע, וואָס האָט פון איר געוואָלט מאַכן אַ פּאַרטייִשן וואָפן.

עס איז נישט געווען ביי אונדז קיין שפּראַכן־קריג ביז מיר האָבן אָנגעהויבן טראַכטן אין טערמינען פון אייראָפּעיִשן נאַציאָנאַליזם פון 19טן יאָרהונדערט. אין דער אַלטער געשיכטע האָבן העברעיִש און אַראַמיש זיך איינגעלעבט זייער פרידלעך. העברעיִש האָט בלויז באַפעסטיקט איר געהייליקטע פּאָזיציע דורך דעם שנים מקרא ואחד תרגום. ייִדיש האָט אין איר יוגנט געדאַרפט בייקומען די קעגנערשאַפט פון דער לומדישער וועלט. זי איז עס בייגעקומען, און ווען אַ ייִד האָט געלערנט אַ בלאַט גמרא, האָבן העברעיִש, אַראַמיש און ייִדיש זיך צונויפגעגאָסן אין איין גאַנצקייט. דריי שפּראַכן — איין קולטור. אָט דאָס צוזאַמענלעבן זיך פון די דריי שפּראַכן ביים דורכפירן די העכסטע פונקציע פון ייִדישן זיין — לערנען תורה — איז געווען די בולטסטע דעמאָנסטראַציע פון דער פיל־געשטאַלטיקייט פון אונדזער גייסטיקער ירושה. מיר זענען פיל־געשטאַלטיק אין די קולטור־מיטלען, וואָס די דורות האָבן פאַר זיך געשאַפן, אָבער מיר זענען איינס אין תוך פון אונדזער זיין אויף דער גאַנצער היסטאָרישער לענג און געאָגראַפישער ברייט פון אונדזער צעשפּרייטונג.

ע ס ײ ע ן

דער אײנס איז געװען די אידעע פֿון גאָטס פֿאָלק. דורך דער אידעע זענען מיר געװאָרן מער װי אַ פֿאָלק אין איצטיקן זין פֿון װאָרט; מיר זענען געװאָרן אַ גײַסטיקע װעלט־געמײנשאַפֿט. אַזױ באַנעמט אונדז איצט אױך די מערבֿדיקע קולטור. ייִדנטום, קריסטנטום און איסלאַם זענען װעלט־געמײנשאַפֿטן. עס מאַכט נישט אױס, װאָס מיר זענען אַלע — אָדער מיר גלױבן, אַז מיר זענען — מזרע אַבֿרהם. עטניש מעגן מיר זײַן אַ פֿאָלק, אָבער אין אונדזער פּאָזיציע אין דער װעלט־קולטור זענען מיר אַ װעלט־פֿאַרבאַנד, װעמענס שותּפֿותדיקער אײנס איז אַן אמונה. אונטער דער אײנער אידעע האָבן מיר פּראַקטיצירט קולטורעלן פּלוראַליזם איבער דורות און לענדער און האָבן זיך אױפֿגעהאַלטן.

די אידעע האָט געהאַט איר אינסטרומענט — אַן אוניװערסאַלע שפּראַך, פּונקט װי מיר שטעלן זיך היינט פֿאָר דעם קולטורעלן פּלוראַליזם מיט אײן מלוכה־שפּראַך און פֿאַרשידענע פֿעלקער־שפּראַכן, אַזױ האָט אױך דער פּלוראַליזם פֿון דער ייִדישער װעלט־געמײנשאַפֿט געהאַט זײַן אוניװערסאַלע שפּראַך. איר מאַכט איז געװען קדושה. נישט די מײַסטערשאַפֿט פֿון די נבֿיאים און שפּעטערדיקע גרױסע פּאָעטן, נאָר דער יחוס פֿון די אָבֿות און פֿון באַרג סיני. און זי האָט זיך געקענט פֿאַרגינען טײלן איר קדושה מיט אַנדערע. זי האָט זיך גענומען צװײ מאָל מער װי אַראַמיש, אָבער נישט פֿאַרטײלט איר אינגערע שװעסטער. און אַזױ איז אױך שפּעטער געװען די באַציִונג צו ייִדיש, װען ייִדיש איז געװאָרן אַן אינסטרומענט פֿון תּורה און תּפֿילה. ר׳ לוי יצחק איז נישט געװען באַקאַנט מיטן מאָדערנעם פּאָליטישן נאַציאָנאַליזם און האָט געזוכט, אַז דער טאַטע אין הימל װעט אים גוט פֿאַרשטײן אױך אױף ייִדיש.

די שפּראַכן־פֿראַגע איז אױפֿגעקומען ערשט דעמאָלט, װען מיר האָבן אונדזער אײגענעם באַגריף פֿון גאָטס פֿאָלק אַרײַנגעלײגט אין סדום־בעטל פֿון דעם אײראָפּעיִשן באַגריף: נאַציע. דעם קריג קעגן ייִדיש האָט צוערשט דערקלערט די השׂכּלה, די טאָכטער פֿון דער עמאַנציפּאַציע. דער זשאַרגאָן בײַ איר איז נישט געװען אַזױ אַ שטער צו לשון־קודש, װי צו דער ציװיליזירטער לאַנד־שפּראַך. דער העברעיִזם האָט בײַ איר דעם קריג איבערגענומען, און דער ייִדישיזם האָט געענטפֿערט מיט אַ קעגן־קריג. בײדע האָבן זיך געהאַלטן בײַ אײן פֿרעמדער פּאָליטישער פֿאָרמולע. בײַם העברעיִזם איז עס געװען: „אײן פֿאָלק, אײן לאַנד, אײן שפּראַך“. דער ייִדישיזם האָט דאָס װאָרט „לאַנד“ אַרױסגעװאָרפֿן אָדער אַנדערש אױסגעטײַטשט, און עס איז געבליבן: אײן פֿאָלק, אײן שפּראַך. בײדע זענען

געווען פּאָליטיש. איינע אַ נעגאַציע פון גלות, די צווייטע — אַ נעגאַציע פון ארץ־ישראל.ביידע זענען געווען אַנטי־היסטאָריש.

וואָס עס איז געווען אין די לעצטע פּאָר דורות, איז געווען אַ וווּנדערלעכער שמיץ אין פּנים ביידע קריגס־לאַגערן. מיר קענען נישט אַזאַ עפּאָכע אין אונדזער געשיכטע. ווען קינסטלערישע שאַפונג זאָל דערגרייכן צו אַזאַ שפע און אַזאַ הויך. אמת, אונדזער ליטעראַטור אויף ביידע שפּראַכן איז אַרויסגעוואַקסן פון אַ זיווג מיט אייראָפּעיִשע קונסט־פאָרמען. אָבער זי האָט זיך פון אייראָפּע באַפרייט אַ סך שנעלער ווי אונדזער פּאָליטישער געדאַנק. בלויז ביי געציילטע פּאָעטן אין ייִדיש און העברעיִש האָט אייראָפּע באַהערשט דעם תוך ווי די פאָרעם. ביי די מערסטע האָט דער ייִדישער אינהאַלט פאַרשוועקט אויך די געבאָרגטע פאָרעם. העברעיִש האָט געהאַט אַן אַלטע קינסטלערישע טראַדיציע און האָט זי באַנייט. ייִדיש אין די הענט פון אירע דיכטער אין פּערז און אין פּראָזע איז דורכגעגאַנגען אַן אומפאַרגלייכלעכן אויפבלי. דאָס, וואָס איז געשען מיט אונדזער ליטעראַטור אויף ביידע שפּראַכן, איז געווען אַ מעכטיקע אַפּלייקענונג פון איינ־שטעל אויף אַן איין־שפּראַכיקער ייִדישער קולטור. עס איז געווען אַ נסימדיקע דעמאָנסטראַציע פון אונדזער קולטורעלער פיל־געשטאַלטיקייט. בלויז די, וואָס זענען פאַרבלענדט פון פּאָליטישן האַס אָדער פון טעמפּער עם־הארצות, קענען נישט דערזען דעם נס פון דעם דאָזיקן נס.

בשעת פּאָליטיקער האָבן געפירט אַ שפּראַכן־קריג, האָבן די שפּראַכן גופא, איינע די אַנדערע באַווירקט און באַפרוכפּערט. עס איז איבעריק צו רעדן וועגן דעם, אַז ייִדיש האָט פון אירע ערשטע טעג מיט פולע הויפנס געשעפּט פון די אוצרות פון לשון־קודש. וואָס נעענטער די ייִדישע ליטעראַטור איז געקומען צום דורותדיקן ייִדישן טראַכטן און שטייגער, אַלץ מער האָט זי געשעפּט פון די דאָזיקע קוואַלן. אָבער אויך העברעיִש, ווען זי האָט געוואָלט ווערן שטייגער־שפּראַך, האָט געמוזט שעפּן פון די גרויסע אוצרות פון ייִדישן אידיאָם, וואָס איז דער נשמהדיקסטער שפּיגל פון אונדזער לעבן. דאָס נייע העברעיִש האָט מער ווי אַנערקענט דעם נס פון ייִדיש, ווען עס האָט אין ארץ־ישראל אָנגעהויבן איבערצו־זעצן די וויכטיקסטע ווערק פון ייִדיש.

ווי גרויס עס איז נישט די סתירה צווישן אונדזער שאַפערישקייט און אונ־דזער פּאָליטיק, וועט די פּאָליטיק אויך ווייטער אין אַ גרויסער מאָס באַשטימען די באַציִונגען צווישן די שפּראַכן. ייִדיש האָט פאַרלוירן אַ פאָלק. העברעיִש האָט געוווּנען אַ מלוכה. שטייט העברעיִש היינט־צו־טאָג מיט דער היסטאָרישער און

רעליגיעזער פאַרהייליקונג פון דורות, מיט אַן אייגענער מלוכה, מיט דער גע־טריישאַפט און די סענטימענטן, וואָס די מלוכה רופט אַרויס, און מיט דער שטיצע פון געזעלשאַפטלעכע כוחות, ביי וועמען פאַרהייליקונג פון העברעיִש איז גלייכ־צייטיק פאַרלייקענונג פון יידיש. לעצטנס האָט דער ירושלימער אוניווערזיטעט באַשלאָסן צו עפענען אַ קאַטעדרע פאַר יידיש, און די הסתדרות — צו פינאַנצירן אַ ליטעראַרישע אויסגאַבע אויף יידיש *). מען דאַרף די בידע פאַקטן אָננעמען פאַר אַן אָנזאָג פון אַ נייער קולטור־פּאָליטיק מצד דער רעגירונג פון ישראל. אָבער די פּאָליטיק וועט זיין אָפּהענגיק פון דער ראָל, וואָס מדינת־ישראל וועט פאַר זיך באַשטימען אינעם יידישן וועלט־לעבן. זאָל דער ציוניזם גלייבן, אַז מדינת־ישראל איז באַרופן צו ווערן אַ פולער קיבוץ־גלויות, האָט ער נישט וואָס צו זאָרגן דערפאַר, אַז דער גלות זאָל קענען אויפהאַלטן און אַנטוויקלען זיינע אייגענע אינסטרומענטן פון נאַציאָנאַלן קיום. זאָל אָבער מדינת־ישראל אָננעמען, אַז די גרויסע יידישע קיבוצים בלייבן און אַז זיי דאַרפן בויען זייער נאַציאָנאַלן המשך מיט אייגענע כוחות — וועט זי נישט קענען איגנאָרירן דעם מעכטיקן אינסטרומענט פון יידישער שאַפערישקייט פון די לעצטע יאָרהונדערטער. איז דאָ אַ האָפענונג, אַז אין ביטערן גערענגל פון יידיש מיט די לאַנד־שפּראַכן זאָל העברעיִש אין חוץ־לארץ נישט שטיין מיטן צד שכנגד.

אָבער נישט די באַציִונג פון מדינת־ישראל און פון ציוניזם; אויך נישט דער חסד און די טאָלעראַנץ פון דער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע וועט באַשטימען דעם גורל פון יידיש. זיי קענען אים נישט באַווירקן. באַשטימען דעם גורל וועט די מאָס פון זעלבסטבאַוווסטזיין אין יידיש גופא. מיטן מזרח־אייראָפּעיִשן יידישן פאָלק, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן, איז אויך פאַרשוווּנדן די נאַטירלעכע סביבה פון אונדזער שפּראַך און ליטעראַטור. די קאַלטע, אַזוי־גערופענע אָביעקטיווע גע־שיכטע, האָט אונדז פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג. איז עס נישט מער קיין פראַגע פון העלפן אַ נאַטירלעכן וווּקס, נאָר פון דערהאַלטן און קולטיווירן עפּעס, וואָס דאַרף שלאָגן וואָרצלען אין נייעם און אומפריינדלעכן באָדן. עס איז אַ מלחמה פאַר קיום. זי קען נישט זיין אַנדערש ווי אַ מלחמת־מצוה. זי קען נישט געפירט ווערן סיידן אין נאָמען פון אַ נאַציאָנאַלער אידעע.

אונדזער קיום און אומפריינדלעכע סביבות האָט זיך אַלעמאָל געהאַלטן אויף אַן אידעע. אויך יידיש האָט געלעבט אין זכות פון אידעען, צי זיי זענען פאָרמו־

---

*) „די גאָלדענע קייט".

לירט געוואָרן, אָדער נישט. אין דעם פּעריאָד פֿון עברי־טײַטש איז די אידעע געווען רעליגיעז־נאַציאָנאַלער קיום. אין ישיבה און בית־מדרש איז עס געווען תורה און פֿאָלק. אין חסידות איז עס געווען רעליגיעזע דעמאָקראַטיע. אין דער אויפֿקומענדיקער וועלטלעכקייט איז די אידעע געוואָרן פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע. ביי געוויסע פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיעס איז ייִדיש באַלאָדן געוואָרן מיט אַ פּאָר־קריפּלטער אַנטינאַציאָנאַלער אידעע פֿון היינט קעגן נעכטן. דער ייִדישיזם האָט אים צוגנעקנעפּלט אַנטי־העברעיִשקייט. איצט, ווייניקער ווי ווען־עס־איז, וועט ייִדיש קענען אַרויס אין גרעַנגל פּאַר איר המשך אָן אַ נאַציאָנאַלער אידעע, וואָס זאָל באַרעכטיקן אי די מאָנונגען צום פּאָליטישן נאַציאָנאַליזם, אי דעם ווי־דערשטאַנד צו דער אַסימילירנדיקער סביבה. די אידעע איז פֿאַראַן אין באַנעם פֿון אונדזער היסטאָרישער עקזיסטענץ, וואָס דרינגט דורך די גאַנצע ייִדישע לי־טעראַטור. דאָס איז די אידעע פֿון נצח־ישראל; פֿון אומעטומיקער און אַלט־דורות־דיקער ייִדישער שאַפֿערישקייט; פֿון סינטעז פֿון ייִד און וועלט; פֿון דער פֿיל־געשטאַלטיקייט פֿון אייביקן איינס, מיט וועלכן מיר לעבן.

פֿון דער אידעע דאַרף אויך דרינגען די שייכות פֿון ייִדיש אי צו העברעיִש, אי צו די לאַנד־שפּראַכן. די פֿיל־געשטאַלטיקייט פֿון דער ייִדישער וועלט־געמיינ־שאַפֿט. דאָס וועט נישט אָפּגעשאַפֿט ווערן אויך, ווען דער ישוב וועט ווערן צוויי און דריי מאָל אַזוי גרויס, ווי ער איז איצט. מדינת־ישראל האָט צוגעגעבן בלויז אַ נייע געשטאַלט: אַ טייל פֿון דער גייסט־געמיינשאַפֿט ווערט אָן איין־שפּראַכיקע פּאָליטישע נאַציע. דאָס ייִדיש לעבן פֿון דער נייער נאַציע וועט זיין גאַנצער, אינטענסיווער, פֿולבלוטיקער. עס וועט סטימולירן די ייִדישקייט פֿון די נישט־פּאָליטישע קיבוצים. ווערט דעריבער העברעיִש אונדז צוויי מאָל אייגן: ווי די היסטאָרישע אוניווערסאַלע שפּראַך פֿון דער ייִדישער גייסט־געמיינשאַפֿט און ווי די שפּראַך פֿון אַ נייער פּאָליטישער ייִדישער עקזיסטענץ. אָבער מיר זענען באַ־רעכטיקט צו מאָנען פֿון העברעיִש ברידערלעכקייט, נאָענטקייט און די טראַדי־ציאָנעלע שותפֿות אין גרעַנגל מיט דער פֿיינטלעכער, צעשטערערישער סביבה.

זינט דער עמאַנציפּאַציע, און באַזונדערס זינט דער וואַנדערונג איבער דעם אַטלאַנטיק, זענען די לאַנד־שפּראַכן געוואָרן די אַממערסטן־געגרעדטע צווישן מיל־יאָנען ייִדן. די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע ווערט במילא אויך קולטורעלע און גייס־טיקע. עס איז דעריבער פֿאַרשטענדלעך דער דראַנג „אָנצונעמען" דעם פֿאַקט און אויף ווי ווייט מעגלעך אויסנוצן אויך די לאַנד־שפּראַכן אויף צו וועקן ייִדישן באַוווסטזיין. אייניקע גייען ווייטער און טענהן, אַז ענגליש, שפּאַניש און אַנדערע

זענען פאַקטיש געוואָרן „ייִדישע" שפּראַכן. אָבער מער ווי באַוווסטזיניק קענען די לאַנדשפּראַכן אין אונדז נישט וועקן. דאָס העכסטע, וואָס ייִדן האָבן געשאַפֿן אויף פּרעמדע שפּראַכן, איז געווען אינטעלעקטועלע ייִדישקייט — אַזוי פֿון פֿילאָן דורך סעדיה גאון און דעם רמב"ם ביז דער דייטשער וויסנשאַפֿט דעס יודענטומס און איר המשך אין ענגלאַנד און אַמעריקע. קינסטלעריש, עמאָציאָנעל, שטייגעריש, האָבן די לאַנד־שפּראַכן קיינמאָל גאָרנישט באַפֿעסטיקט אין אונדז, נאָר צע־שטערט און אָפּגעריסן פֿון שורש. די לאַנד־שפּראַך קען וועקן ייִדיש געדאַנק, זי קען באַרייכערן אַבסטראַקטע תורה. זי קען נישט בויען קיין ייִדישן כאַראַקטער, קיין אייגנאַרטיקן שטייגער, קיין נאַציאָנאַל לעבן. מעג זי זיין דער בגד, וואָס מיר טראָגן פֿון פּרי ביז ביינאַכט — אין זין פֿון היסטאָרישן המשך, בלייבט זי אַ דרויסנדיקער און נאָך אָפּטער — אַ נעגאַטיווער פֿאַקטאָר. וויפֿל געטריישאַפֿט מיר זענען נישט שולדיק דער לאַנד־שפּראַך, ווי דעם לאַנד גופא, וווּ מיר וווינען, איז אָבער יעדע פֿאָרעם פֿון אַ ייִדיש לעבן, וואָס זאָל זיך בויען בלויז און אויס־שליסלעך אויף דער לאַנד־שפּראַך, פּשרהדיק, אויבן־אויפֿיק און געפֿעלשט. היס־טאָרישער המשך איז מעגלעך נאָר אין די שפּראַכן, וואָס זענען פֿון אונדז אַליין אַרויסגעוואַקסן.

צום סוף מוז געזאָגט ווערן: דאָס, וואָס האָט ביי אונדז אַזוי וווּנדערלעך אויפֿ־געבליט אויפֿן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, זענען געווען פֿלאַנצן אַריבערגעטראָ־גענע פֿון אַלט־היימישן באָדן. די וואָרצלען, וואָס מיר האָבן געשלאָגן אין דער היגער ערד, זענען שוואַכע און לויזע. די עפּאָכע פֿון אימיגראַנטישן איינלעבן זיך האָט געמאַכט אומהייליק אויך אַ סך דורותדיקע הייליקייטן. נאָכמער איז עס געשען מיט ייִדיש. ביים גרעסטן טייל פֿון זיין אויפֿהאַלטן איז דאָס לשון און זיין ליטעראַטור געווען אָדער אַן אימיגראַנטישער איבערבלייבן, אָדער אַ צולאָג צו פּאָליטישע באַוועגונגען. דאָס מסירת־נפש, וואָס פֿאָלקס־מענטשן האָבן אַרויסגע־וויזן ביים אויפֿהאַלטן און פֿלאַנצן ייִדיש, איז געווען מער עמאָציאָנעל ווי אידעיִש. די שפּראַך פֿון גרויסע נאַציאָנאַלע אוצרות און פֿון קידוש־השם, די שפּראַך, וואָס איז אַליין אַ פֿאָרעם פֿון ייִדיש לעבן און אַ סימבאָל פֿון אונדזער וועלט־זיין, פֿאַר־לאַנגט אַ תיקון נישט מצד אירע שאַפֿער, נאָר מצד אירע אויפֿהאַלטער. אויב ייִדיש איז געוואָרן אַן אינסטרומענט פֿון נאַציאָנאַלן קיום, איז זי עס געוואָרן פֿריִער דורכן ווילן פֿון אונדזער געשיכטע און שפּעטער דורכן ווילן פֿון עטלעכע דורות אירע שאַפֿער. איצט דאַרף קומען דער פֿאָלקס־ווילן, וואָס זאָל שעפֿן פֿון די צוגעגרייטע אוצרות און מאַכן פֿון דעם פּאַרטיקן אינסטרומענט אַ שוץ און קאַמף־

מיטל פֿאַר זײַן קיום. אָבער פֿאָלקס־ווילן, באַוווּסטזיניקער ווילן בנוגע צו גײַסטיקע ווערטן ,קומט נישט פֿון זיך אַלײן. ער דאַרף געצוינדן ווערן. ער דאַרף אָרגאַניזירט ווערן. דאַרפֿן זײַן די צינדערס, די וועקערס — די חלוצים. דאַרפֿן זײַן די מאַמי־נים. איז ווײניק בוך לשם בוך, ליטעראַטור לשם ליטעראַטור, קינדער־שול לשם קינדער־שול. דאָס אַלץ דאַרף אָנגעקניפּט ווערן אין צינדנדיקער נאַציאָנאַלער אידעע. קען ייִדיש ווערן אָט די אידעע און הייליקייט? קען זי פֿאַרבונדן ווערן מיט אונדזער גאַנג אין נצח אַרײַן? אין דעם ווענדט זיך צו אונדזער ליטעראַטור זאָל בלײַבן אַ בוך־ירושה אָדער אַ לעבעדיקער כּוח, וואָס פֿורעמט המשך.

III

אין דער אלטער היים

בריסק - מיין היימשטאָט

אַ רייזע־בריוו פון פוילן

היינט פרי האָט מען מיר געזאָגט:

— אינגיכן וועט מען שוין אויך די לעצטע פאַמיליעס פון די פליטים אַרויסנעמען פון די בתי־מדרשים.

ווייס איך, אַז מען וועט זיי אַרויסנעמען. כאָטש עס וועט נאָך דויערן חדשים, כאָטש אין משך פון די חדשים וועט נאָך דער אַמאָליקער חברה־טשוועקעס בית־מדרש אַליין זיין איינגעטיילט אין קעמערלעך, און אין די קעמערלעך אויף שמאַטעס וועלן זיך וואַלגערן טאַטעס און מאַמעס און אלמנות און קינדער, און פון דעם קוימען אין מיטן בית־מדרש וועט גיין אַ רויך און אָנפילן אַלע קעמערלעך, און פון די אָפענע פענצטער־לעכער וועט אַריינשלאָגן דער ווינט, און פון צעבראָכענעם דאַך וועט אַריינרינען דער רעגן אויף די בעטלעך מיט שמאַטעס, פון וועלכע מען האָט שוין אַזוי פיל מתים אַרויסגעפירט, און אויף די זעלבע שמאַטעס וועלן ווייטער ליגן האַלבע און גאַנצע מתים — כאָטש איך ווייס, אַז דאָסזעלבע וועט ווייטער זיין אין פּיזולס בית־מדרש און אין אַנדערע בתי־מדרשים — אָבער איך ווייס אויך, אַז מען וועט זיי שוין אַרויסנעמען.

נאָך אַ ביסל קרבנות — און דאָס ערגסטע, וואָס איך האָב דערווישט אין מיין היים, די ערשטלעך פון חיהשן חורבן, וועלן אויך אָפּגעראַמט ווערן און אַוועק אין דער געשיכטע. עס וועט בלייבן — געשיכטע.

מענטשלעכע געשיכטע.

אָט האָב איך געלערנט ייִנגלווייז וועגן טאַמערלאַן און טשינגיז־כאַן און אַנדערע פאַרפלייצונגען פון דעם ים, וואָס רופט זיך די מענטשלעכע געשיכטע,

און נישט געוואָלט, נישט געקענט באַגרײַפֿן, אַז דאָס איז פּשוט מענטשלעך לעבן, אַז אין אונדזער לעבן איז עס אַן אומבאַדינגטער, אומאויסשליסלעכער טייל. אָט בין איך דאָך אָפּגעזעסן אין בערלין אַ גאַנצן טאָג צײַט מיט אַן אַלטן חבר פֿון רוסלאַנד, וועלכער האָט מיט אַזוי פֿיל רייד מיר געזוכט אויפֿצוקלערן, אַז אַלץ וואָס האָט דאָרט פּאַסירט, איז אויך בלויז אַן אויסגוס פֿון דער געשיכטע. און דאָ בין איך געקומען אויף צוויי טעג צײַט, בין דורכגעגאַנגען אַ צענדליק גאַסן — און איך האָב עס דערקענט פֿון היינט און אויף אַלע מאָל.

מיט איין מאָל באַגריפֿן, אַז אונדזער פֿרידלעכע, רויִקע, זאַטע טאָג־טעגלעכ־קייט איז נישט די אייניציקע נאָרמע אין לעבן, אַז פֿאַרוויסטונג און שחיטות און דאָס דערפֿירן דעם מענטש ביז דאָס חיהדיקסטע אין אים איז פּונקט אַזאַ נאָרמע, ווי אונדזער פֿרידלעכקייט. אַז אונדזערע רויִקע טעג זענען נישט מער ווי אַ כוואַליע אין דעם שטראָם, און כוואַליעס גייען איינמאָל אַרויף און איינמאָל אַרונ־טער. און מען טאָר קיין טענות נישט האָבן צו קיינעם, מען טאָר נישט שרייען קעגן קיינעם: עס איז נאַטור־געזעץ — פֿרידן פּונקט ווי קריג, זאַט לעבן פּונקט ווי געשוואָלן ווערן פֿון הונגער, קעלער־וווינונגען אין דער ערד, פּונקט ווי ליכטיקע צימערן. קינדער שמייכלענדיקע פּונקט ווי סקעלעטלעך מיט הויט באַ־צויגן.

דאָס איז עס... און עס רעדט נישט יאוש און נישט ראָמאַנטישע אַנטוישונג אין מענטשלעכן פּראָגרעס און אידעאַלן. בלויז קלאָרער באַגריפֿן דעם נאַקעטן זין פֿון וואָרט „לעבן", בלויז נעענטער מיטן הוילן לייב זיך צוגערירט צו דער שוואַרצער ערד, פֿון וועלכער עס קומט בלוּונג און פֿוילעניש און דערזען זיך קלאָרער אין דעם סטיכישן געראַנגל צווישן פֿלייש און זאַמד...

**
*

ווען נישט דאָס דערפֿילן בחוש די דאָפּלטע נאָרמע פֿון לעבן וואָלט אויך איצט, צען טאָג נאָכדעם, ווי איך בין פֿון דער שטאָט אַוועק, נישט קיין כּח געווען צו דערציילן דאָס געזעענע. ווײַל פֿון אָנהייב איז מיר אַלץ נאָכגעגאַנגען די טעמפּע קינדערשע פֿראַגע, פֿון וועלכער איך האָב זיך נישט געקענט אָפּ־טשעפּען:

— צו וואָס האָבן זיי עס געדאַרפֿט?

פּשוט נעמען קאַנען נאַפֿט, גיין פֿון איין הויז צום אַנדערן, און צינדן, צינדן, צינדן... צו וואָס?

אַט גייען מיר צו צו אַ פּלאַץ, אויף וועלכן איך האָב אַמאָל אַ הויז געקענט. מרדכי איטלערס הויז, נישט „הויז", נאָר „מויער" — עס איז געווען שטאָלץ אין דעם נאָמען. דאָס איז געווען דאָס גרויסע געשעפט, אין וועלכן איך פלעג יינגל־ווייז איינקויפן מיינע שרייב־מכשירים. דאָ איז געווען די בעקעריי פון „טערק", וווּ מען פלעגט זיך אַריינכאַפּן אַ נאַש־טון. דאָ אויפן ראָג איז מען געשטאַנען און נאָכגעקוקט די מיידלעך, וואָס גייען פאַרביי. און מרדכי איטלערס אייניקל, דער צאַרטער בחור, וואָס איז מיט מיר אינאיינעם אין שול געווען — האָט דאָס געדאַרפט זיין דער יורש פון דעם מויער.

— דערקענט איר עס?

וואָס קען איך דאָ דערקענען? חורבות פון ציגלנע ווענט, איינגעפאַלענע לעכער פון טירן און פענצטער, מיט מאָך און גראָז באַוואַקסן, הורבעס ציגל און ערד אין מיטן און אויף די חורבות — קינדער שפּילן זיך אין דער מאָרגן־זון.

— ווער זענען די קינדער?

ענטפערט מען מיר נישט, נאָר מען ווייזט מיר אויף אַ ווינקל אין דער וואַנט, פון וועלכן עס שטעקט אַרויס אַ בלעכענער קוימען און עס גייט אַ רויך, און דערנאָך — ביים האַנט מיך גענומען — איך בין דאָך אַ פרעמדער און ווי אַ קינד אין מיין פרעמדקייט — ביים האַנט גענומען און אַרונטערגעפירט עטלעכע שטיינער, וואָס ליגן ווי טרעפּלעך אין אַ קעלער אַריין, און אָנגעקלאַפּט אַ טירל, האָט זיך עס געעפנט. האָבן זיך דערזען עטלעכע איילן ערד מיט אַ בעטל און אַ טישל און אַ קוימענדל, און פון מיין טובה וועגן האָט מען ביי דער פרוי אַ פרעג געטון:

— זאַלבעווייפלט וווינט איר דאָ?

— זאַלבעפינפט וווינען מיר דאָ.

און אין נאָך אַ טירל אַזוי, און אין נאָך אַ טירל.

אַוועק פון דעם הויז צום צווייטן. דאָ איז געווען וואַרהאַפטיגס בוך־געשעפט און דאָ האָט געוווינט דער און דער דאָקטער. אַוודאי געוווינט — איך געדענק. און פון די בערגלעך ערד, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אויפן אָרט פון די אַמאָליקע צימערן, וואַקסן אַרויס יונגע, דינע גרינע ביימלעך. גרינע ביימלעך שאָקלען זיך צווישן די ציגעלנע חורבות. און פון די באַלקאָנען, וואָס זענען דאָ און דאָרט געבליבן הענגען אויף די ווענט, רייסט זיך אַרויס דער געדיכטער ווילדער גראָז, וואָס איז אָנגעוואַקסן. און אין אַ פינפטן „הויז" דאַרף מען קריכן איבער די בערג ביז מען דערגייט צום טירל פון דער לאָך, וווּ די מענטשן וווינען. און אין אַ

צענטן „הויז״ האָבן זיך שוין די רעשטלעך פון די ציגלנע ווענט אַפגעשפּאָלטן דאָרט.

חורבה נאָך חורבה אַזוי, גאַס נאָך גאַס אַזוי. דאָ צווישן עטלעכע חורבות האָט זיך שוין עמעצער אַ בײדל אויפגעשטעלט. אַ הײזל אויפגעשטעלט. שטײט דאָס הײזל אַלײן צווישן די חורבות. דאָרט גײט שוין אַ גאַנצע גאַס אַוועק, אַ גאַס, וואָס איך דערקען נישט, וואָס איך האָב קײנמאָל אירע הײזער נישט געזען. גײ איך און װײס נישט װוּ איך גײ. איך, וואָס האָב דאָ יעדן הויז און װינקל געקענט, װײס נישט, װער די גאַסן זענען. איך װעל דאַרפן װאַרטן ביז בײנאַכט, ביז עס װעט פינצטער װערן, ביז איך װעל מער קײן הײזער נישט זען — װעט מיך דער־מאָלט דער אינסטינקט פון מײן קינדעהײט פירן איבער די גאַסן און איך װעל װיסן װוּ איך גײ. איצט, אין דער פרי, װײס איך נישט. איך זע און װער צעמישט פון זען.

און מען דערקלערט עס מיר:

— איצט איז גאָלד! װען מיר זענען די ערשטע אַנגעקומען, זענען אַלע גאַסן געװען מיט װילדן גראָז באַװאַקסן, װי די באַלקאַנען און די חורבות דאָ. װילדע חיות זענען צװישן די גאַסן אַרומגעלאָפן — איצט איז גאָלד.

גאָלד און פרײד... מיט גאָלד שײנט פון װײטן דער צלם פון קלױסטער, װעלכן מ׳האָט געשאַנעװעט. און שפּעטער דערזע איך, אַז אױך די גרױסע שול האָט מען געשאַנעװעט... די שול אױך... שפּעטער באַגרײף איך, אַז די חיה, אָט די לינקע זײט אונדזערע, פאַרמאָגט שרעק — שרעק פאַר הײליקטימער. אָבער דערװײל װײס איך נאָך נישט דערפון. דערװײל גײ איך צו חרובע יאַטקעס און זע די ייִדן און ייִדענעס אין אױפגעשטעלטע בײדלעך מיט דעם מסחר זײערן. איך זע די גאַס און דעם בית־מדרש פון די קינדער־יאָרן מײנע מיטן װילדן גראָז אױס־געגליכן. דער בית־מדרש אונדזערער, מיטן אַלטן מורה־הוראה אױבנאָן, מיטן זילבערנעם קול פון אױבער־שמש, װאָס פלעגט דאַװנען שחריתים, מיט מײנע פּאַנען און גראַגערס און בערעלאַך — און שפּעטער — מיטן ניגון פון די ישיבה־בחורים, װאָס איך פלעג אונטערהערן זומער אין קאַניקול־צײט.

— צו װאָס האָבן זײ עס געדאַרפט? — גײט מיר נאָך די טעמפּע און קינ־דערשע פראַגע.

***

— נײן, איך װיל זיך נישט אָפּרוען. לאָמיר װײטער גײן.

מײנע באַגלײטער װילן זײן גוט צו מיר. אָבער אַז איך װיל נישט גײן צו

זיך אין אכסניא זענען זיי צופרידענער. זיי ווייסן נאָך נישט, אַז איך וועל דאָ שפּעטער אויסגעפינען אַ נאַטור־געזעץ, — ביי זיי איז עס אומגליק, זייער אומ־גליק, וועלכן די וועלט האָט נאָך נישט איננאַנצן דערזען, און אַז עס איז גע־קומען אַ מענטש אַ היימישער און ער וויל זען — אדרבא, זאָל ער זען! זאָל וויסן די וועלט!

— איז אין פּיוולס בית־מדרש?

— ווו איר ווילט.

דעם בית־מדרש קען איך דאָך. און אַז עס שטייט אַ מנין ידן און דאַוונט, — ווייס איך דאָך אויך. ניין, נישט דאָס דאַרף מען מיר ווייזן.

אין הויף אַריין, צו דער זייטיקער טיר, צו יענעם טייל בית־מדרש, וועלכער איז נאָך אַלץ אָפּגעטיילט מיט אַ ווענטל פון די דאַוונער און איז אַליין מיט ברעט־לעך אין קליינע, קליינטשקע קעמערלעך איינגעטיילט. און עס הייבט זיך אָן — די סדרה בתי־מדרשים...

נישט די בערג שמאַטעס אין יעדער קעמערל, נישט דער גערוך פון זיי, נישט די רויכערדיקע קוימענס, נישט די פאַרגעלטע קינדער אויף די הענט, נישט די מעשיות וועגן יעדן געלעגער, וויפל עס זענען שוין אויף אים אויסגעשטאָרבן דאָ, און אַפילו נישט די פּנימער פון די ווייבער, וואָס רינגלען אַרום און טענהן, טענהן, טענהן:

ווען?

נאָך איין בית־מדרש, נאָכן צווייטן און דריטן ווערט מען מיד פון דעם, צע־טרייסלט, אויסגעשעפּט, מען וויל אַוועק צו זיך און פּרוּוון פאַרגעסן, און עס ווערט אַפילו געבוירן אַ דערווידער־געפיל צו אָט דעם גאַנצן „יאָמער־טאָל". אַן אומערלעך, אַ נישט־מענטשלעך, אַן עגאָיִסטיש חיה־געפיל, אָבער אַ דערווידער־געפיל. זינדיק, אָבער אמתדיק. נאָר איינס בלייבט פון אַלעם דעם, איינס קען נישט אַוועקגיין און וועט בלייבן ביזן סוף:

דער טאָן פון זייערע רייד.

עס גייט נישט אַוועק, דער טאָן, ווייטער, ווי זייערע ד׳ אמות דאָ. זיי ווילן נישט מער, ווי איין געלעגער פאַר צווייען. איין געלעגער פאַר דרייען זאָל זיין — און אַ סוף! אָבער עפּעס, כאָטש עפּעס זאָל געגעבן ווערן. און עס איז דאָ איין טאָן אַ וויסן, אַז אויך די איצטיקע רייד וועלן נישט העלפן. עס איז דאָ אַ רעזיג־נאַציע נאָך זעקס־זיבן יאָר וואַלגערן זיך דאָ. עס איז דאָ אַ געצוווּנגנקייט — מען דאַרף שוין נישט רעדן און עס איז נישטאָ נאָך וואָס, אָבער דאָס הינטישע לעבן

האַלט זיך נאָך אין די לייבער און מען מוח. עס איז דאָ אין טאָן די גלייכגילטיקייט, וואָס איז געקומען נאָך אַלע מתים, פון דאַנען אַרויסגעטראָגענע.

אָט דאַכט זיך, אַז עס וועט זיך באַלד דורכרייסן אַ האַס אין דעם טאָן. איינע פון די ייִדענעס וועט זיך נעענטער צורוקן און אויפהייבן די פויסטן אויף מיר. און עס וועט מיר לייכטער ווערן. צו וואָס בין איך געקומען פון מיין הויז איבערן ים מיט די געפּאַרבטע ווענט, מיט רויטע מויערן, מיט די הויכבאַנען און אונטערבאַנען — צו וואָס בין איך געקומען זיך אַוועקשטעלן קוקן אויף זיי? זאָל זי מיר דערלאַנגען מיט די פויסטן!... אָבער מען רוקט זיך אָפּ, די ייִדענע, וואָס וועט קיינמאָל סיי־ווי די פויסטן נישט אויפהייבן, און מ׳רעדט ווייטער מיט דער זעלבער רעזיגנאַציע: זיי ווילן נישט מער ווי צוויי, ווי דריי אין אַ בעט...

שפּעטער דורכן טאָג זע איך די אַנדערע, די שוין געראַטעוועטע. מ׳האָט פאַר זיי הייזער אויסגעבויט, וואָס זיי רופן באַראַקן — און יעדער איינע פאַמיליע געגעבן צו איין גרויסן צימער מיט אַן אויוון אין מיטן. מ׳האָט פאַר זיי דערנאָך שענערע הייזער אויסגעבויט און יעדע פאַמיליע געגעבן צו איין צימערל מיט אַ קיך. ווווינען זיי צו זעקס, צו אַכט, צו צען נפשות אין דעם צימער, אין דעם צימערל מיט אַ קיך. איין פאַמיליע און צוויי פאַמיליעס אין אַ דירה. און עס איז זיי גוט. און זיי זענען צופרידן. און זיי האָבן שוין קיין טענות נישט. גאָרנישט — צו קיינעם נישט. נאָר איינס — וואָס קיין ברויט איז נישטאָ — דאָס טויג נישט. אָבער ווייטער איז גוט. אַלץ איז גוט.

איך בין פון אַ לאַנד געקומען, ווו דאָס פופציק־שטאָקיקע הויז רייסט זיך צום הימל אַלץ העכער, ווו יעדע מאַכט שפּאַרט זיך אַלץ ברייטער, יעדע רייכקייט וויל ווערן מעכטיקער, יעדע זאַטקייט — ראַפינירטער ,יעדע געזונטקייט — שענער, ווו עס איז קיין מאָס נישטאָ און קיין גרענעץ נישטאָ. ווייטער, העכער, ברייטער! איך אַליין בין דאָ אַהער געטריבן געוואָרן פון פאַרלאַנג זיך ברייטער צו מאַכן, מיטן רידל פון זייער אומגליק טיפער אויסצוגראָבן די קאַנאַלן, איבער וועלכע עס פליסט דאָס בלוט פון מיין בונד מיט זיי, מיט דער וועלט.

און דאָ גייט מען ערגעץ נישט און מ׳וויל שוין ערגעץ נישט גיין. דריי נפשות אויף אַ געלעגער וויל מען — און נישט מער. און דאָס אומגליק, צו וועלכן איך בין געגאַנגען, איז שוין קיין אומגליק נישט. עס איז אַ רעזיגנאַציע, טויטער אמת, נאַטור־געזעץ. אַזוי איז עס, אַזוי דאַרף עס צו זיין, אַנדערש קען עס נישט זיין.

קום אַרויס ווייטער אויף דער גאַס און דו וועסט זען:

אָט פאָרט דער וואַסער־פירער מיטן פערדל אַראָפּ צום טייך אָנצושעפּן וואַ־

סער פּאָר זיינע קונדן. נישט ווייט פון אים שטייט אַ דראָזשקע און דער פורמאַן וואַשט אין טייך די בלאָטע פון די רעדער אַראָפּ. דער פורמאַן וואַשט, דער וואַסער־פירער שעפּט דאָס וואַסער און צעפירט עס איבער דער שטאָט און מ׳טרינקט עס — און עס איז גאָרנישט — אַזוי דאַרף עס צו זיין.

אָט איז דער אַמאָליקער פיש־מאַרק, אויף וועלכן עס שטייען ייִדענעס מיט טישלעך גרינס און פּרוכט. אויף די פינגער איבערציילן די דאָרע בּאַרעלעך און קליינע קאַרטאָפל, הויפּטלעך קרויט, וואָס זענען אויסגעלייגט אויפן טישל. געהערט דאָס טישל — איין טישל בלויז — צו דריי ייִדענעס — טענהן זיי — יאָ, זיי טענהן שוין — צו גרויסע שטייערן נעמט מען פון זיי, ווען נישט די שטייערן — וואָלט שוין גוט געווען, גוט געווען... דריי ייִדענעס אויף איין טישל מיט עטלעכע קאַרטאָפל — ווען נישט די גרויסע שטייערן וואָלט שוין גוט געווען.

און אָט איז די אלמנה מיט די פינף יתומים. באָרוועסע און נאַקעטע. אַז זי וועט פאַרקויפן אַ פּאָר פונט ברויט אַ טאָג, וועט זי פאַרדינען אַ זלאָטי, אַ גילדן אַ גאַנצן, און עס וועט איר גוט זיין. איר מיט די פינף קינדער פאַרן גילדן אַ טאָג — עס וועט איר גוט זיין...

מער וויל מען נישט. מער דאַרף מען נישט. עס איז נישט אָרעמקייט, עס איז נישט הונגער, עס איז נישט אומגליק, עס איז בלויז — אמת. אמת פון השגות חיהשע, אמת פון נאַרמאַלן נישט דערעסן, אמת פון אויסגעווייקט זיין אין צרות ווי אַ הערינג אין זאַלץ.

עס איז די געשיכטע דורכגעגאַנגען, האָט אַראָפּגעריסן גאָר די רייסעניש און וועלעניש און בענקעניש, האָט אויסגעגליכן מיט ווילדן גראָז, וואָס וואַקסט אַרויס פון די חורבות — און אַ נייעם אמת געגעבן: דעם אמת פון חורבות אויף דער ערד.

איך הייב עס אָן צו באַגרייפן, אָבער איצט וויל איך אַוועקגיין דערמיט, צו זיך אַוועקגיין און זיך אָפּרוען.

**
*

— איר וועט מיר דערלויבן, חברים!

זיי האָבן נישט געוווּסט, די ליבע מענטשן, אַז אויפן אָרט פון דער אכסניא, אין וועלכער זיי האָבן מיך אַריינגעפירט איז אַמאָל אַ הויז געשטאַנען, און אַז אין דעם הויז האָט אַמאָל מיין כלה געוווינט, אַז פון מיין אייגענעם דאַך־שטיבל קעגנאיבער פלעג איך אַרויסקומען און זען, צי זיצט נישט מיין כלה אויפן באַלקאָן.

אויך איצט האָב איך פון מיין צימער אַן אָפענע טיר אין גאַס אַריין און קען זען אונדזער אַמאָליק הויז קעגנאיבער. און דאָס האָבן זיי יאָ געוווּסט, מיינע אַלטע חברים: דערמאָנט מיר אַפילו, וועלכע לידער איך האָב אַמאָל אין אָט דעם שטיבל געשריבן.

קלאַפּט מען אָן און עס קומט אַריין אַ ייִדענע, אַן אַלטינקע, אַ קליינינקע. דאָס פּנים אין קנייטשלעך ברוינלעך־בראָנז, און זי זאָגט מיר גאָרנישט, נאָר זי הייבט זיך אויף צו מיר און נעמט מיך אַרום און קושט, און איך קוש זי צוריק אין די ברוינע קנייטשלעך אַריין און הער ווי זי רופט מיך דורך טרערן מיט אַ פאַרצויגענעם ייִנגלשן נאָמען און קען די הענט פון מיר נישט אָפּלאָזן, קען די הענט נישט אָפּלאָזן.

און אַז זי באַפרייט מיך — דערקען איך זי — עס איז דאָך די באַלעבאָסטע אונדזערע, די באַלעבאָסטע פון דעם הויז. און זי רעדט שנעל און דראָבנע: וועגן דער מאַמען מיינער ע״ה רעדט זי און ווידער וועגן מיר און וועגן איר אייגענעם זון, וואָס האָט חתונה געהאַט און האָט קראַנקע קינדער און עס גייט אים נישט גוט. ניין — עס גייט אים נישט גוט.

די געשיכטע איז דורכגעגאַנגען. האָט אָפּגעווישט די אַמאָליקע היים — און עס גייט נישט גוט איר זון.

— ביסט דאָך מסתמא מיד פון וועג, זונעלע, וועל איך שוין אַוועקגיין, וועל איך שוין אַוועקגיין.

אַוועקגעגאַנגען די באַלעבאָסטע. איך וואַרט אויס אַ ווייל, גיי אַרויס אויפן קאָרידאָר פון דער אכסניא, מעסט דעם שטח פון די טרעפּ ביז צו מיין צימער און וויל באַרעכענען לויט דער אָפענער טיר אין גאַס אַריין, צי איז עס נישט די טיר פון אַמאָליקן באַלקאָן, צי איז נישט דאָס זעלביקע צימער, איצט אויף דער העלפט צעשניטן...

אַ פאַרמאַטערטער און שלעפעריקער מאַך איך די חשבונות און ווייס, אַז דאָס חשבון איך מיט אַ כיוון: עפּעס וויל איך זיך פאַרנעמען מיט אַזעלכעס, וואָס זאָל דאָס געזעענע פון מיר אָפּצאַמען און איך זאָל נישט טראַכטן דערפון. פון אַלע זייטן שפּאַרט זיך עס, און איך גיי אַרום און מעסט דאָס צימער און וויל זיך איינרעדן, אַז מיר איז זייער וויכטיק דאָ עפּעס אויסצוגעפינען.

ביז איך קען נישט מער. אַזוי ווי אויפן שיף דער ים־קראַנקער, וואָס מאַכט זיינע הכנות צו דעם אומפאַרמיידלעכן, פאַרשליס איך די טיר אויפן שליסל, נעם דעם שליסל אַרויס און לייג מיך אויפן בעט.

פון די טעג וואָס גייען

פון אויבן

אַז די ריזיקע בערג מיט פוך אונטער אונדז — די ווייסע וואָלקנס — רייסן זיך פֿאַנאַנדער, זעט מען ווייט אונטן ברוינע און גרינלעכע שטיקער ערד מיט שנירלעך וואָס וויקלען זיך צווישן זיי. מען זעט אויך פּירקאַנטיקע פּלעקן — דעכער. מער גאָרנישט. קיין לעבעדיקן נפש, קיין אויטאָמאָביל. פון דער הויך פון אַכט טויזנט פוס ווערן קלענערע זאַכן, אַ פשיטא שוין לעבעדיקע ברואים, אויס־געמישט מיטן גרין, מיטן ברוין. אָבער ווי פֿאַרשווומען עס זענען נישט די קאָ־לירן פון דער ערד ציִען זיי דיך מיט אַ נאָגעניש, וואָס שטעלט זיך אין האַלדז און דו זאָגסט:

— איך וועל זיך אַראָפּלאָזן צוריק.

נישט ווייל עס טרייסלט די שיף אָדער דער ווייכער שטול איז נישט ווייך גענוג. די שיף גייט גלאַט מיט איר אומאויפהערלעכן געברום, די פּראָפּעלערס יאָגן זיך מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז מ׳זעט נישט מער ווי רייַנע לופט, דער שטול איז ווייך, דער הימל אין קיילעכדיקן פענצטער בלאָ — עס איז רו און זיכערקייט אויף די כוואַליעס פון דער לופט. אָבער דו ווייסט יעדע סעקונדע, אַז אָט די רייזע דורך דער בלאָקייט איז נישט מער ווי אַ שפּיל. דאָס האָבן ייִנגלעך, וואָס מאַכן זיך כלערליי שפּילצייג, אויסגעטראַכט אָט דעם לאַנגן, שמאָלן וואַגאָן מיט די פופציק שטולן, מיט די גרויסע פליגל, מיט די מאָטאָרן, מיט די דין־געטאָקטע בלאָנדע מיידלעך, וואָס טראָגן דיר אונטער אַ צייטונג און אַ טעפּעלע קאַווע — דאָס האָבן ייִנגלעך צוגעטראַכט אַ קונץ אַזאַ ווי אַזוי שנעלער דורכצושניידן שטח. אָבער עס איז נישט מער ווי אַ קונץ, און אין דער אמתן געהערסטו נישט אַהער. ביסט נישט פון דער לופט, ביסט פון דער ערד. צו איר געהערסטו. און אַפילו

ווען דו זאָלסט זיך מיטשפּילן מיטן ייִנגלשן שפּיל פֿון שוועבן איבער די וואָלקנס, ציט עס דיך צוריק אַהיים, אַראָפּ, צו דער גרינער, צו דער ברוינער, צו דער זאַמדיקער ערד, צו דער אומענדלעכער פֿעסטקייט אונטער די טריט, און דו טוסט זיך טרייסטן:

— איך וועל זיך באַלד אַראָפּלאָזן צוריק.

ווייל אויב פֿליִען אין די הימלען אַריין, פֿלי איך דאָך אין די אמתע אומ־ענדלעכקייטן ווען איך גיי אַרום אונטן אויף דער ערד. ווי הויך קען זיך אויפֿ־הייבן אָט די מעטאַלענע באַפֿליגלטע שיף? איז נישט איינמאָל — איז דריי מאָל אַכט טויזנט פֿוס. יאָ, זי וועט ווייזן דעם קונץ. זי וועט נעמען דעם חומר מיינעם, אָט דעם נסימדיקן געבוי פֿון ביין און פֿלייש און בלוט און מאַרך, און וועט אים אַרויפֿטראָגן אויף עטלעכע צענדליק טויזנט פֿוס און — מה בכך? האָט זי אים אַרויפֿגעטראָגן. וועמען? מיך. אָבער איך, וועמען זי טראָגט, בין דאָך אַליין אַזאַ וווּנדערלעכע מאַשין, אַז וויפֿל טויזנטער יאָרן די ייִנגלעך זאָלן נישט צוטראַכטן אַלץ פּיפּיקערע און גאונישערע קונצן, וועלן זיי אַזאַ מאַשין נישט צוזאַמענשטעלן. זיי קענען עפּעס מאַכן מיט מיר, אָבער נישט מאַכן מיך. דער סוד פֿון מיר איז נאָך ווייטער פֿון זיי ווי דער ווייטסטער שטערן. און וויפֿל בייע חכמות זיי זאָלן נישט צוטראַכטן, וועלן זיי סוף כּל סוף נישט זיין מער ווי ייִנגלעך וואָס שפּילן זיך — דאָס מאָל מיטן קונץ פֿון זיין פֿלינקערע באַלעגאָלעס.

און איך בין געווען און וועל זיין, און די הויך פֿון די אַכט טויזנט פֿוס איבער וועלכע איך טראָג זיך, וועט אויף אַ האָר נישט אָפּשוואַכן דעם דראַנג אין מיר זיך צו וועלן אויפֿהייבן אַהין ווו די מאָטאָרן וועלן קיינמאָל נישט גרייכן. אַמאָל האָב איך אָנגעפֿילט די בלאָקייטן איבער מיר מיט מלאכים און שׂרפֿים. היינט האָט מען מיר צו וויסן געטון, אַז דאָרט זיינען אומענדלעכע רוימען. אָבער די ליידיקע רוימען פֿון היינט פֿילן מיך אָן מיט נישט ווייניקער פּחד ווי די מלאכים און שׂרפֿים פֿון אַמאָל, און וואָס איז מיר דער חילוק: אויף דער ערד גופֿא אָדער עטלעכע טויזנט פֿוס איבער איר. פֿאַרקערט! דאָרט אונטן בין איך — איך, דער אַלעמאָליקער, דער רייפֿער, דער וואָס ציט פֿון דער ערד דעם ווילן דורכצודרינגען די בלאָקייטן. דאָ אויבן בין איך אַ ייִנגל, אַ שותּף צו אַ ייִנגלשער שפּיל. דאָרט בין איך אַ טאַטע, אַ זיידע. דאָרט וואַרט אויף מיר דער זאַמד, מיט וועלכן איך וועל זיך צונויפֿמישן. דאָרט איז מיין אָנהייב און סוף. דאָרט איז מיין וועלט און איר דערקענונג. און אַז די וואָלקנס רייסן זיך פֿאַנאַנדער און עס באַ־ווייזן זיך די שטיקער ברוין און גרין, טרייסט איך זיך:

— איך קום צוריק.

פון דער זוניקער בלאָקייט אין קיילעכדיקן פענצטער אַריין דרינגט דער שמייכל פון דעם וואָס האָט מיך באַשאַפן, וואָס האָט די יינגלעך אָנגעטיילט מיט דער תאווה אויסצוטראַכטן קונציקע שפּילצייט, וואָס זעט ווי עס שווימט אונדזער שיף איבער די בלאָע לופטן. קען דאָך די שיף אויך ווערן אַ משחית. קען זי דאָך שפּרייטן אויך בראַנד און טויט. יאָ, זי קען זוען די וואָס האָבן זי אויסגע־טראַכט פאַרגעסן ווי נישטיק עס איז זייער שפּילצייג און ווי אייביק אומענדלעך עס איז די הויך, וואָס זיי וועלן קיינמאָל נישט דורכדרינגען. שמייכלט דער יושב בשמים און פרעגט: — געדענקסטו די ערד?

— איך בענק צו איר, טאַטע!

אין טעאַטער

פון די באַרבאַרישע לענדער ביים שוואַרצן ים האָט יאַזאָן צוריקגעבראַכט אין גריכישן קאָרינט די קעניגלעכע טאָכטער מעדעאַ מיט איר באַרבאַרישער ווייבלעכקייט און כישוף און געהאַט מיט איר צוויי זין. פון ליבע צו יאַזאָנען האָט מעדעאַ אינדערהיים אַ ברודער דערהרגעט און נאָך מעשים אָפּגעטון. אָבער אַז יאַזאָן איז מיד געוואָרן פון איר ווילדער ליבשאַפט, האָט ער זי איבערגעלאָזט און זיך געקליבן בעמען די היימישע גריכישע טאָכטער פון קאָרינטער קעניג פּאַר אַ ווייב. איז דער קעניג געקומען זאָגן מעדעאַן, אַז זי מוז גלייך, אין טאָג פון מאַנס חתונה, פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אָבער מעדעאַ האָט זיך אָפּגעבעטן אויף עטלעכע שעה. אין די עטלעכע שעה האָט זי פאַרסמט דעם מאַנס כלה און איר פאָטער, און כדי עס זאָל נישט בלייבן קיין סימן פון לעבן, אין וועלכן זי און יאַזאָן זענען צוזאַמענגעשמאָלצן, האָט זי געטויט אירע צוויי זין. אַזוי דערציילט דער גריכישער טראַגיקער די געשיכטע פון ליבע, האַס און נקמה.

מיט אַ שטימע, וואָס איז לויטער מוזיק און באַוועגונגען פון אַן עלאַסטישן קערפּער, וואָס זענען אויך לויטער מוזיק, האָט דזשודיט אַנדערסאָן, אין ראָבינסאָן דזשעפערס נוסח פון דער אַלטער טראַגעדיע, אויסגעזונגען די ליבע, דעם האַס און די נקמה און אָנגעפּילט די רייד מיט מעשים מיט וואָרהאַפטיקייט. זי האָט דאָס אור־ווייבערישע סובלימירט און אויב נישט געצוווּנגען, האָט זי געוואָלט מיך צווינגען צו גלייבן, אַז אַזוי איז עס געווען — מעדעאַ האָט אירע זין מיט אירע אייגענע הענט אומגעבראַכט אויס נקמה פון פאַלשן מאַן. זי האָט דעם תוך פון

דער גריכישער טראַגעדיע — דעם באַנעם פון דער וועלט ווי אַ גערא͏ַנגל פון אור־כוחות אויף טויט און לעבן — מיט אַלע אירע כוחות געוואָלט רעאַליזירן.

און עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך געזען ווי אַן אַנדערע — נישט אין אַ גריכישער טראַגעדיע, נאָר אין אַ האָליוווּדער מעלאָדראַמע — האָט דערשאָסן אירן אַ געוועזענעם געליבטן, וואָס האָט זיך אויך געקליבן חתונה צו האָבן מיט אַ ייִנגערער. דאָ האָט די פּאַרראַטעטע דווקא אַליין פֿריִער חתונה געהאַט און גע־לעבט אין עושר, אָבער די אַלטע ליבע האָט געבריט אין איר, און אַז דער אַמאָ־ליקער געליבטער האָט זיך איינגעקויפט די ליבע פון איר שטיפטאָכטער און ס׳האָט געהאַלטן ביים אָט־אָט, איז זי געקומען מיטן רעוואָלווער און — — —

איז מיר געווען דערווידער אי די גריכישע טראַגעדיע, אי די האָליוווּדער מעלאָדראַמע, אָבער זאָגן אַליין וואָס מיר איז דערווידער האָב איך, דער מאָדער־נער, מורא געהאַט — טאָמער פאַל איך אַריין אין אַנטי־גויִישקייט. האָב איך מטריח געווען די מאַמע, עליה־השלום, אַז זי זאָל גיין מיט מיר אין טעאַטער און זען די „מעדעאַ“. אָבער די מאַמע האָט עס לחלוטין נישט פֿאַרשטאַנען. האָב איך עס געמוזט איר דערקלערן און אויסטייטשן, און ערשט נאָכדעם האָט זי אויף מיר געעפֿנט די בלאָע אויגן מיט אימה און איבערגעפרעגט:

— מיינסטו צו זאָגן, מיין זון, אַז זי האָט דערהרגעט אירע אייגענע קינדער כדי נקמה צו נעמען פון מאַן?

— יאָ, מאַמע.

— גלייב עס נישט, מיין זון! עס שטייט געשריבן, אַז ביי חורבן ירושלים האָבן מאַמעס געגעסן זייערע אייגענע קינדער. איז דאָך עס געווען אַ שטראָף פון אויבערשטן. אָבער אַז אַ מאַמע זאָל אומברענגען אירע קינדער, ווייל דער מאַן איז פון איר אַוועק — אַפילו אין אַ טעאַטער דאַרף מען אַזוינס נישט גלייבן. און אַפילו, אַז דו וועסט מיר איינרעדן, אַז זי איז געווען אַ מכשפה און געדינט דער עבודה־זרה — איז וואָס? אַז מ׳האָט מקריב געווען קינדער צו דער עבודה־זרה, איז דאָך עס געווען אַ גאָט, מ׳שטייגס־געזאָגט. אָבער פאַר אַ מאַן, ווי מ׳זאָל אים נישט ליב האָבן, וועט פּלאַצן דאָס האַרץ — נאָר ווי קען אַ מאַמע שלעכטס טון אירע קינדער?

און מיט אַמאָל האָט זי זיך אַ כאַפּ געטון:

— מילא, דאָס אַרט מיך נישט — מאַלע וואָס מען טראַכט אויס. וואָס מיך אַרט יאָ, זעסטו, איז וואָס די מענטשן אין טעאַטער האָבן געכאַפּט אַזעלכע קעל־

בערנע התפעלות פון דעם שפּיל. זאָג מיר, מיין זון, זענען ייִדישע קינדער אויך געווען אין דעם טעאַטער?

— געווען, מאַמע.

— אַז ווי איז צו די אויגן וואָס זעען עס — האָט זי אָפּגעזיפצט. — אויף וואָס ייִדישע קינדער לויפן און אין וואָס מען גלייבט!

אויף דער האַליווודער מעלאָדראַמע האָב איך שוין די מאַמע ע״ה נישט מטריח געווען. אָבער ווען איך האָב אַ טראַכט געטון וועגן דעם, אַז צווישן די ייִדישע טעכטער, וואָס זיצן אין טעאַטער און פאַרכליניען זיך מיט דער שיסערקע וועט זיך מסתמא נישט געפינען קיין איינע, וואָס זאָל זיך אַזוי אָפּרעכענען מיט אַ געוועזענעם געליבטן, האָב איך געהערט ווי די מאַמע זאָגט:

— אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען כאָטש דערפאַר. פאַרט ייִדיש בלוט!

בליי

אַכצן יאָר בין איך אַלט געווען, ווען איך האָב דערשפּירט דעם ריח פון געשמאָלצענעם בליי אין דער זאַץ־מאַשין און זיך צום ערשטן מאָל אָפּגעבריט די פינגער מיט אַ הייסער שורה פון דער מאַשין אַרויס. קיינמאָל האָב איך אַ שמערץ נישט גענומען אַזוי גרינג און אַ ברי נישט אַרומגעטראָגן מיט אַזאַ נחת.

דאָס איז געווען אין דער זעצעריי פון וואַרשעווער „היינט". די שורות נייעס, וואָס כ'האָב געשריבן, האָבן גלייך געדאַרפט אויסגעגאָסן ווערן און גיין אין עמוד אַריין און אַז ס'איז געווען אַן איבערפלוס פון נייעס, האָב איך געדאַרפט קירצן, מעקן און אַכטונג געבן ווי דאָס געבליבענע שטעלט זיך אויס.

מעטראַפּאַזש, ר' יאַנקעלע אונטערהענדלער, אַ נידעריקן ייִדן, אַ ברייט־פּלייציקן, מיט אַ יאַרמולקע און ברייטער גראָלעכער באָרד, איז עס געווען האַלב אַ שפּאַס, האַלב אַ חידוש צו אַרבעטן מיטן אַכצן־יאָריקן בחור און האָבן אים איבער זיך פאַר אַ „באַלעבאָס". און אַז עפּעס האָט נישט געשטימט, פלעגט ער אַריינשרייען צו מיר:

— רב מנחם!

איך האָב זיך געשעמט פאַרן „רב", אָבער ער האָט געטענהט, אַז ער קען מיך נישט רופן „פאַניע", און איז געבליבן ביים זייניקן. פלעגן מיר שטיין צו־זאַמען ביים עמוד ביז דער לעצטער שלאָס איז פאַרשרויפט געוואָרן און די „פאָרעם", איבערגעדעקט מיטן מאַטריצן־טאָוול, איז געגאַנגען אונטערן פּרעס

און איז צוריקגעקומען מיט אַן אויסגעקוועטשטער מאַטריץ. ער האָט מיר אַפילו מוחל געווען ווען איך האָב איינמאָל, אין גרויס אימפּעט, צעשאָטן אַ פערציק־פופציק שורות זאַץ איבערן דיל ביים סאָמע שליסן דעם עמוד. ער האָט געפילט, אַז די מיסטעריע פון הייסן בליי לעבט פאַר מיר ווי פאַר אים, כאָטש אַליין איז ער נאָך געווען געווינט צום האַנט־זאַץ, צו די קעסטעלעך אלפן און ביתן.

יאָ, ס'איז געווען מיסטעריע, שיכּרות און אַזאַרט. דער שטיין, פון וועלכן מען בויט אַ בית־המדרש, איז נישט כּולו חומר. נאָך איידער דער בית־המדרש ווערט אויפגעבויט, טראָגט שוין דער שטיין אין זיך די כּוונות פון דעם וואָס וועט געדאַווענט און געלערנט ווערן צווישן די ווענט. נאָך ווייניקער חומר איז דער בליי פון וועלכן עס ווערן געגאָסן שורות. די אותיות אויף דער בלייערנער שורה נעמען אַוועק פון דער מאַטעריע דאָס חומרדיקע. און ווי לאַנג לעבט אַזאַ שורה? ביז זי גייט איבער וואָס זי וויל זאָגן. דערנאָך גייט זי צוריק אין שמעלץ־קעסל, ווערט צעשמאָלצן אויף הייסער פליסיקייט כּדי ווידער אַרויסקומען מיט נייע אותיות און ווערטער און זאָגן עפּעס אַנדערש. און הינטער דער זאַץ־מאַשין שטייט אַ וועלט מיט געשעענישן, איבערקערענישן, שטרייטן, אידעען, וויזיעס — און אַלץ גייט פון איר צו די קלאַווישן פון דער זאַץ־מאַשין און דורך די בלייענע שורות קומט עס אַרויס צוריק צו דער וועלט מיט מעלדונג, מיט אָנזאָג, מיט אויסטייטש, מיט מחשבה, מיט חלום. און הינטער דער זעצעריי פון דער צייטונג גייט אַ געיעג נאָך דער לעצטער געשעעניש, דער לעצטער בשורה, דעם לעצטן וואָרט — אַ געיעג מיט רייץ, מיט אַזאַרט.

איך געדענק די זומערדיקע וואָכן ווען איך בין געווען נאַכט־רעדאַקטאָר, מיט אַן אויער אָנגעשפּיצט אויפן טעלעפאָן און מיט אַן אויג אויף דער לעצטער טעלעגראַמע. ביז פיר פאַרטאָג פלעגט מען האַלטן אָפן די לעצטע פאָרעם, און אַז מ'איז פאַרטיק געוואָרן, האָב איך זיך נישט פאַרגונען צו גיין אַהיים שלאָפן, נאָר באַגלייט די לעצטע מאַטריץ אין צווייטן הויף אַריין, אין דעם געביי וווּ עס איז געשטאַנען די ראָטאַציע־מאַשין, געקוקט ווי עס ווערט אויסגעגאָסן די לעצטע האַלב־קיילעכדיקע פּלאַטע, ווי זי ווערט אָנגעטאָן אויפן וואַל פון דער מאַשין און ווי די מאַשין הייבט אָן גיין און אַרויסוואַרפן די ערשטע פּעקלעך צייטונגען. דער נס פון די נאָר־וואָס אָנגעשריבענע שורות אין פרישן טינט אויף דער אָפּגעדרוקטער צייטונג האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו זיין נס. ניין, עס איז נישט געווען קיין מעכאַנישע אַרבעט. עס איז געווען אַ מין עבודה, און דאָס הייסע בליי איז געווען דאָס מאַטעריאַל און דער אינסטרומענט פון דער עבודה.

עסייען

פון יענעם הויף אויף כלאָדנע אַכט, פון אַלץ וואָס דאָרט איז געווען, איז געבליבן אַ הויפן שטיינער אין געטאָ־מדבר. פאַר מיר איז עס געווען הייס — מיין ערשטער באַהעפט מיטן זודיקן, צאַפּלדיקן וואָרט אין הייסן בליי, מיין בונד אויף אַלעמאָל מיט דער מיסטעריע און אַזאַרט פון וואָרט און בליי. דורך אַלע יאָרן זינט דעמאָלט ציטערט עס אויף אין מיר ווען איך דערנעענטער זיך צו די זאַץ־מאַשינען, צו די אויסגעשטעלטע קאַלאָנעס בלייענע שורות, צו די עמודים זאַץ אין די אייזערנע פאַרשרויפטע ראַמען.

די טעג האָב איך ווידער דערפילט דעם היימישן ריח. בין אַריין אין דער זעצעריי פון „טאָג״ עפּעס צו פאַרריכטן אין אַרטיקל, וואָס איז שוין געווען איינ־געשלאָסן. און אַז דער מעטראַפּאַזש האָט גענומען אויפשרויפן דעם עמוד, כדי צו בייטן די פאַר שורות, האָב איך געזאָגט:

— עס איז היימלעך מיטן ריח פון בליי.

האָט ער געענטפערט:

— ווען איר שטייט דערביי גאַנצע טעג וואָלט עס אייך געקראָכן פון האַלדז.

אפשר איז ער גערעכט פאַר זיך. איך אָבער האָב אויפגעציטערט. דורך דעם ריח פון בליי האָט זיך מיין יוגנט צוריק פאַרבונדן מיט דער עלטער וואָס רוקט זיך אָן און איך האָב דערשפּירט:

איך בין ווידער אינדערהיים.

וואַרשע — אַ נישט־דערקענטע שטאָט

אָפּגעלעבט אַ צענדליק יאָרן אין אַ שטאָט, אויסגעטראָטן אַלע גאַסן און פּלעצער, באַגעגנט טויזנטער פּנימער, וואָס האָבן שוין צוליב די באַגעגעניש־ן אַליין אויסגעקוקט ווי באַקאַנטע, און אַוועקגעפאָרן מיט אַ געפיל, אַז דו לאָזט איבער אַ היים און ווער קען עס נישט זיין היים? און אָט בין איך צוריק געקומען ווידער אין אַ צענדליק יאָר אַרום, גיי איבער די אַזוי באַקאַנטע גאַסן און פּלעצער, טרעף באַקאַנטע פּנימער, און אַלץ, וואָס איך זע, איז אַזוי ניי און אומגעריכט, אַזוי ווי איך זאָל עס באמת דערזען צום ערשטן מאָל.

אָט די שוסטערלעך אויף סמאָטשע גאַס מיט די שמאָלע אָפּענע קרעמלעך, מיטן ליילעך אין דער טיף, הינטער וועלכן עס באַהאַלטן זיך אַ קוימען און אַ בעט און אַ הויזגעזינד — זענען זיי דאָ דעמאָלט אויך געווען? און די ייִדענע אין שטעלכל ביים טראָטואַר מיטן ביסל קוילן און שפּענער? און די קרעמערלעך אַרונטער אויף נאָוואָליפּיע מיט די קאַפּאָטעדיקע ייִדעלעך און קליינע היטעלעך אויף די קעפּ? און די הויפן מיטן צעגראָבענעם שטיינערנעם ברוק און די אָפּגעקראָכענע הייזער און די מאָגערע פערדלעך פון די דראָשקעס אויף די גאַסן און די בערדיקע פורמאַנעס — זענען אַלע אַזעלכע אויך פריִער געווען?

איך גיי איבער די נאַלעווקעס, איצט, ווייניקער טומלדיק ווי אַמאָל, און דערקען די טיפע הויפן — יעדער הויף אַ גאַס און מאַרק פאַר זיך — מיט די שרייענדיקע שילדן איבער די טירן פון אַלע זייטן הויף, מיט די טומלדיקע פור־מאַנעס מיט די פאַרשמייעטע ייִדן און ייִדענעס. און כאָטש איך וויים, אַז די נאַלעווקעס זענען פאַראָרעמט, אַז זיי קענען זיך נישט פאַרגלייכן מיט זייער אַמאָל, קוקן מיר ערשט אויס די הויפן פאַרביקער, לעבעדיקער, רייכער — דאַכט זיך. ווי קען עס געמאָלט זיין? דערמאָן איך זיך, ווי איך פלעג אַמאָל דורכלויפן די

טומלדיקע גאַס און מורא האָבן זיך אָפּצושטעלן אין איר וואַכעדיקן ליאַרעם. איינמאָל — געדענק איך — האָב איך פאַרנדיק אויף אַ דראָשקע אָנגעהויבן שרייען — אַט גלאַט אַזוי פון בחורשער צעלאָזנקייט אָנגעהויבן אַרויסלאָזן קולות, כדי דעם טומל פון דער גאַס אַריבערשרייען. און אַלעמאָל געפילט זיך לייכטער, באַפרייטער, ווען די נאַלעווקעס זענען געבליבן הינטער מיר.

אוודאי האָב איך געוווּסט וועגן דער גאַס. ווען אין די יאָרן פון באָיקאָט האָב איך אין דער צייטונג געפירט די אָפּטיילונג „פון דער פוילישער פּרעסע" און זיך געקריגט מיט דער „דוואַ גראָשע" — האָב איך געוווּסט, אַז די נאַלעווקעס האָבן געעפנט פאַר פוילן דעם גרויסן רוסישן מאַרק, אַז אין האַנדל פון קרוין־פוילן זענען די נאַלעווקעס דער פונדאַמענט. אָבער דער גרויסער „רוסישער מאַרק" האָט זיך מיר פאַרקערפּערט אין געשטאַלט פון קאַווקאַזער יידן מיט דער שוואַרצער פּאַפּאַכע, שוואַרצער קלאַסישער באָרד און זילבערנעם גאַרטל, וועלכן איך האָב איינמאָל געטראָפן אויף דער גאַס און זיך צוליב אים אָפּגעשטעלט, ווייל ער איז געווען אַזוי אויסטערליש אין דעם געלויף פון די קליינע הימישע אידע־לעך מיט די קליינע היטעלעך מיט די לאַנגע געשפּאָלטענע רעק.

איך גיי פון דער טומלדיקער, אָרעמער יידישער טייל שטאָט אין דער גויישער און רייכערער. בלייב שטיין פאַר געביידעס, וואָס דאָס געשטאַלט זייערס איז זי־כער ערגעץ פאַרבליבן ביי מיר, און דאָך קוקן זיי מיר אויס ניי, ווי קיינמאָל ביז ערשט נישט געזען. איך ווייס, עס איז נישט אמת. בלייב איך שטיין און צווינג פון זכרון אַרויס די געדעכעניש פון דעם, וואָס שטייט פאַר די אויגן, אָבער דאָס, וואָס קומט מיר אויף, איז בלייך, צעשוווּמען, אָן אַ פּנים. ווי קען עס געמאָלט זיין, אַז אַט די סטרוקטור פון דער געביידע, די קאַרניזן און באַלקאָנען זאָלן נישט האָבן איבערגעלאָזט אין זכרון עפּעס מער, ווי די צעשוווּמענקייט? אָבער אַזוי איז עס און געדעכעניש קען זיך נישט פאַרמעסטן מיט דעם לעבעדיקן.

האָב איך פאַרגעסן? ניין, אַזוי פיל פאַרגעסן קען מען נישט. איך האָב פּשוט נישט געזען. אין דעם אימפּעט פון יונגשאַפט צווישן 17 און 27 בין איך אַזוי געטראָגן געוואָרן פון זיך, אַז איך האָב פּשוט נישט געזען. נישט קיין גאַסן, נישט קיין הייזער, נישט קיין מענטשן, געזען קאָנטורן פון ווענט און פון פנימער, אָבער גאָרנישט הינטער די ווענט און הינטער די פּנימער. אָפּגעלעבט אַ צענדליק יאָר אין אַ שטאָט, געוווּסט יעדן גאַנג און דורכגאַנג אירן, אָבער נישט גע־קענט. אַזוי ווי דער ייד אויף ריוואָלי־גאַס אין פּאַריז, וואָס גייט טויזנט מאָל פאַר־ביי דעם לוווּר און זעט אים און קען אים נישט.

דערמאָן איך זיך, וואָס איז מײנס געװען אין מײנע צען יאָר װאַרשע. עט־לעכע טוץ שרײבער און אַזעלכע, װאָס האָבן געװאָלט זײן שרײבער. עטלעכע טוץ אַקטיאָרן און אַקטריסעס. עטלעכע טוץ אינטעליגענטן פֿון בײדע געשלעכטן אָדער אַזעלכע, װאָס אינטעליגענטלען זיך — און דערמיט האָט זיך דער קרײז געשלאָסן, פֿאַרמאַכט און איז ברײטער נישט געװאָרן. מער קײנעם נישט אָרזנגענומען.

אַזוי!... גײען מיר אַרויס איבער דער שטאָט ניו־יאָרק מיט טענות צו זיך, פֿאַרװאָס מיר האָבן אַזױ װײניק געזען פֿון דער שטאָט און פֿון לעבן אירן, פֿאַר־װאָס ביז איצט קען מען בלויז אויף די פֿינגער אָנצײלן די ביכער, װאָס שילדערן אונדזער ניו־יאָרקישקײט, אונדזער אַמעריקאַנישקײט. און דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, װאָס האָט הינטער זיך אַ געשיכטע פֿון יאָרהונדערטער און אַ טראַדיציע פֿון דורות — װאָס האָבן מיר געזען און װאָס האָבן מיר געגעבן? װער האָט װאַרשע דערקענט?

נאַלעװקעס און דזשיקאַ־גאַס, סטאַװקי און סמאַטשע — האַנדל, אַרבעטער־שאַפֿט, אָרעמקײט. נאָװאָליפּיע, נאָװאָליפּקי, קאַרמעליצקאַ — אָרעמע אינטעליגענץ, קלײנער סוחר, באַלעבאָס. דערנאָך עלעקטאָראַלנע און בעליאַנסקע — בריקן צו די רײכע, די אַסימילירטע. דערנאָך מאַרשאַלקאָװסקע און די אַלעען, אַרונטער ביז צו אַלעיע שוכאַ — גבירישקײט, פּראַקן, קוטשערס. און דאָ אַלט־שטאָט און װאָליע מיט דער אונטערװעלט, און דאָ געגנשע און מוראַנאָװ מיטן באַלעבאַטישן ייִדנס, און דער מאַרק אַרום אײזערנעם טויער און דער גזשיבאָװ — אַלץ אַזױ אָפֿן, אַזױ קלאָר, בײ אונדז ביז מען קלײבט זיך אַרײַן אין טענעמענט־הויז און מען הײבט אָן זיך אַרײנפּאַסן, ביז מען ציט זיך אַריבער אין אַפּאַרטמענט־הויז, ביז מען ציט זיך איבער אין אַן אײגן הויז, ביז מ׳בלײבט שטײן אויף אַ שטאָפּל און מ׳פֿונדעװעט זיך אײַן אין אַ שיכט: אַרבעטער, קרעמער, באַלעבאָס — בײ אונדז גײען יאָרן אַװעק, דאַרף מען פֿריִער אַלײן זיך אײנלעבן, דערנאָך דעם מענטשן דערקענען און אַלץ איז פֿליסיק, פֿאַרענדערלעך, נײַ און יעדעס מאָל מיט נײַע װענט פֿאַרשטעלט. דאָ ציט זיך אַ שטאָט געאָגראַפֿיש אויסגעלײגט פֿאַר ראַמאַנען. יעדער שיכט איז פֿעסט, יעדער װינקל האָט זײן קאָליר און געשטאַלט. יעדער פֿאַרװאַנדלונג מיניעט זיך פֿאַר די אויגן, װי די װאַסערן אין דער זון, אין אַן אָפֿענעם טײַך. ראַמאַנען ליגן צװישן דער נאַלעװקעס און דזשיקע, צװישן נאָװאָליפּיע און טעאַטער־פּלאַץ, צװישן יעדע צװײ גאַסן, װאָס אַ שטח פֿון אַ מײל טײלט זײ אָפּ. װוּ זענען די ראַמאַנען?

מ׳האָט זײ נישט געזען, װײל מ׳האָט נישט געקוקט אַהין, װוּ זײ ליגן.

פאַר דעם ייִדישן אַרבעטער און בעל־מלאכה איז וואַרשע געווען אַ שטאָט, פאַר דעם ייִדישן סוחר, פאַר דעם קרעמער איז וואַרשע געווען אַ שטאָט, פאַר דעם ייִדישן שרייבער — בלויז אַ צענטער. אַ צענטער, וווהין מ'האָט געקענט ברענגען זאַמאָשטש און קוטנע און קאַידאַנאָוו און זיי דאָרטן אויסלעבן. קוטנע אין קוטנע איז אומהיימלעך געווען, אָבער קוטנע אויף מאַרשאַלקאָווסקע, אין די אַלעען, אין קאַפע, אין טעאַטער, אין פאַרלאַג — איז געוואָרן אַן ענין, און אין דער ליטעראַטור האָט זי זיך אויסגעשפרייט איבער וואַרשע און פאַרפלייצט דאָס אייגענע לעבן פון דער האַלב־מיליאָניקער ייִדישער שטאָט.

דער פראַנצויז וואָס איז געקומען פון קליינעם שטעטל קיין פאַריז ,איז געוואָרן אויך אַ פאַריזער אין דער ליטעראַטור. דער רוס איז געוואָרן אַ פעטערבורגער, אַ מאָסקווער. דער ייִדישער שרייבער, וואָס איז געקומען קיין וואַרשע, איז געבליבן אַ זאַמאָשטשער, אַ קוטנער, אַ קאַידאַנאָווער. קאַפּיטלען, דערציילונגען, שטריכן ערגעץ ווו ביי פרצן, אַשן, נאָמבערגן, רייזענען. שפעטער אַ פאָר גרינטלעכערע טענער ביי י. י. זינגערן. אפשר קען עמעצער נאָך עפעס דערמאָנען. און אויסגעשעפט אין אַ גאַנצער ליטעראַטור איז וואַרשע — מיט אַ לעבן אין שטיבער און קעלערס, אין מסחר און פאַבריק, מיט קלאַסן־קאַמף און אידעען־קאַמף, מיט פעלקער־צוזאַמענשטויס און קעגנזייטיקן איינפלוס, מיט היסטאָרישן הינטערגרונד און פערספעקטיוון, מיט — מיט — מיט — ווער קען אַלץ אויסרעכענען, וואָס עס פאַרמאָגט אין קינסטלערישע מעגלעכקייטן אַ האַלב־מיליאָניקע שטאָט ?

— פאָרט אַהיים קיין בריסק! — האָט מיר אַמאָל דער גרויסער זאַמאָשטשער געזעצט — דאָ קען מען קאַליע ווערן.

מען האָט געקענט! פאַרוואָס זאָל מען נישט האָבן געקענט, ווען דער וועג איז געלעגן פון צימער אויפן פערטן שטאָק ביז דער רעדאַקציע און פון דער רעדאַקציע ביזן קאַפע און פון קאַפע צוריק אין זעלבן צימער צו זיך אָדער צו עמעצן אַנדערש? אַלץ, וואָס איז אין מיטן די עטלעכע פונקטן, איז נישט אָנגעגאַנגען, דאָס אויג נישט פאַרנומען, דאָס האַרץ נישט אָנגערירט. און אַפילו דער ייִד, דער קאַמאַשן־שטעפער אויפן פערטן שטאָק, וואָס האָט דאָס צימער פאַרדונגען און האָט אין זיין דירה געאַרבעט מיט פועלים און געהאַט אַ ווייב מיט קינדער — דער ייִד איז אָנגעגאַנגען אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל דאָס ווייב פלעגט אַמאָל אַריינטראָגן דעם „לאָקאַטאָר" לכבוד שבת אַ שטיקל געפילטע זיסע וואַרשעווער פיש. דאָס אַלץ — און מער גאָרנישט.

האָט דען דער גרויסער זאַמאָשטשער אויסער דער „קעלער־שטוב״ און די „דריי נייטאָרינס״ און דעם יונגנמאַן, וואָס גייט אַרויס אין קראַשינסקיס גאָרטן צו דער סדר־נאַכט און די „פיר דירות״ — „פיר צוואות״ — האָט ער דען געזען מער אויפן וועג פון דער גמינע ביז זיין שרייבטיש, דעם שרייבטיש פון דער „גאָלדענער קייט״ און „אַלטן מאַרק״ און „חסידישע און פאָלקסטימלעכע געשיכטן״? געגאַנגען שפּאַצירן דורך טוואַרדע און גראַניטשנע און קרולעווסקע צום זאַקסישן גאָרטן, אָדער דורך מאַרשאַלקאָווסקע און ניי־וועלט אין די אַלעען אַריין, געזעסן אין קאַפע, געערעדט אין „הזמיר״ אויף לעשנע — אָבער דאָס אַלץ זענען געווען בלויז געאָגראַפישע פּונקטן, דורך וועלכע עס האָט זיך דורכגעטראָגן דער „אַלטער מאַרק״ און ר׳ יוחנן מלמד, זיי — די לעבעדיקע, זיי — די אינהאַלטפולע.

נאָך נישט געקומען די צייט פאַר דער טוואַרדע און גזשיבאָוו און מאַרשאַל־קאָווסקע, אַז זיי זאָלן דערזען ווערן. אַ שטעטלדיק פאָלק האָט ערשט אָנגעהויבן קינסטלעריש זיך אויסצולעבן און עס איז אַרויסגעקומען אין דער גרויסער שטאָט אַריין, קודם־כּל, מיט דעם אייגענעם פאַרמעגן — מיט דער שטעטל. דאָס קינסט־לעריש אויג האָט נאָך נישט געקענט מעסטן מער ווי די פינף־זעקס היימישע גאַסן מיט די אָפענע שטיבלעך מיט די שכנים, וואָס מ׳קען אַלעמען אויפן אויג. אויף דעם קליינעם שטח האָט זיך דער אינהאַלט אָנגעקליבן געדיכט און שווער, איינ־געשטיקט און צונויפגעפּרעסט. מ׳האָט קודם־כּל געדאַרפט אָט דעם אינהאַלט פון זיך אויסלאָדן ביז מ׳זאָל אָנהייבן לערנען די אויגן צו אַ נייער מאָס: צו הייזער שטיינערנע און פיר־שטאָקיקע, צו הויפן דאָפּלטע און דרייענדיקע, צו מסחר, וואָס גייט איבער לענדער, צו אַרבעט אין פאַבריקן און פאַבריקלעך מיט טויזנטער, צו פעלקער־קאַמף און אידעען־קאַמף אין היסטאָרישן פאַרנעם. ביז מ׳האָט דאָס ערשטע אויסגעלאָדן און דאָס צווייטע זיך געקענט אָנהייבן לערנען, זענען דורות אַוועק און מיט די דורות — די מענטשן.

איז געבליבן די גרויסע שטאָט — אַ נישט־דערזעענע. און ערשט גיי איך איבער די גאַסן, קוק, זע, טרעף אַלטע באַקאַנטע, רעד מיט זיי — און גיי אַוועק פון יעדער באַגעגענטער זאַך און מענטשן מיטן געפיל, אַז דאָ האָב איך פאַר־לאָרן. כסדר, אויף יעדן טריט פאַרלאָרן. צען יאָר אָפּגעלעבט, און מענטשן זענען געווען אין גערעאַנגל. מיט הויפנס, מיט פולע שטראָמען האָט מען עס אויף מיר געוואָרפן —און איך בין פאַרבייגעגאַנגען און גאָרנישט גענומען. נישט אומגע־קוקט זיך. און זאָל איך איצט וועלן צוגייען צו דעם אַלעם נאָענטן און אייגענעם,

איז ער אַזוי נײַ און אומבאַקאַנט — און וואָס וועל איך באַווײַזן דאָ אויפצוטון, אויף אַ ווײַל אַ געקומענער אַ קוק צו טון און אַנטלויפן?

דער ייִד פון פּאַפּיראָסן־קרעמל דערפרייט זיך מיט מיר. איצט זע איך, אַז דאָס גאַנצע קרעמל איז אַזוי גרויס, ווי אַ גרויסער שרײַב־טיש און אויף די פּאָליצעס איז אַזוי ווייניק סחורה, אַזוי ליידיקלעך. אָבער ער מיט ליכטיקע אויגן דערציילט מיר, אַז דורך דער צייט האָט אים דאָס ווײַב צוויי קינדער געבוירן, געזונטע זאָלן זיי זײַן! אַזוי? מיינט עס, אַז דעמאָלט, ווען איך פלעג יעדן טאָג צו אים אַרײַנגיין, האָט ער קיין קינדער נישט געהאַט און דעריבער זענען זיי אַזוי אומעטיק געווען — ער און דאָס קליינע ווײַבל זײַנס. און איך האָב עס קיינמאָל נישט געזען. איצט האָט ער צוויי קינדער, און איינס — אַ ייִנגעלע, אַ בלייכס. נו, טאָ זאָל זײַן מיט גליק!

מײַן באַקאַנטע, וואָס האָט מיט יאָרן צוריק פאַרלאָרן איר מאַן, טרעפט מיך אָן און שטעלט זיך שמועסן. וויפל הומאָר און קלוגע געמיטלעכקייט אין אירע רייד! דאָס הייסט, אַז מיט אָט דער געמיטלעכקייט האָט זי עס געקענט אַרבעטן די אַלע אַכצן יאָר, אויסהאָדעווען אַ גרויסן זון, לעבן פאַר אים, טראָגן אויף זיך די ליבשאַפט פון געשטאָרבענעם מאַן און אַלץ אַזוי אויסזען מונטער און שמייכלדיק. פאַרוואָס האָב איך עס פריִער קיינמאָל נישט געזען אין איר?

מענטשן, לעבעדיקע מענטשן פון נישט־געשריבענע ביכער אַרויס טרעפן מיך אָן, אַנטפּלעקן זיך אין פשוטע רייד, פילן אָן די שעהן און מינוטן פון טאָג. אין אײַלעניש לויף איך פאַרבײַ זיי — און ווידער קען איך דאָס געגעבענע נישט נעמען און דאָס, וואָס קומט אין האַנט אַרײַן, מוז איך לאָזן הינטער זיך. וועל איך ווידער אַוועק — און עס וועט בלײַבן די שטאָט אַ נישט־דערזעענע, אַ נישט־דערקענטע און איבערלאָזן דאָס געפיל פון עוולה, וואָס איך בין קעגן איר באַגאַנגען, און די בענקשאַפט נאָך איר.

חברים, וואַרשעווער! איר, וואָס האָט שוין דאָס שטעטל איבערגעלעבט און אין דער שטאָט זיך אײַנגעוואָרצלט — לאָזט מיר זי דורך אײַך דערקענען, אַז ווען איך וועל אין מײַן אַמאָליקער היים נאָך אַמאָל קומען, זאָל זי זיך מיר נישט דאַרפן אַנטפּלעקן אַזוי נײַ און אומבאַקאַנט, ווי זי איז עס הײַנטיקס מאָל געווען.

י. ל. פּרץ, דער רבי

אַ מיטלמעסיק צימער מיט צוויי פענצטער אויף אַ זייטיק געסל, מיט אַ קוימען פון אַ פאַבריק אַנטקעגן. ביי איין פענצטער בלומען־טעפּ, און ביים אַנדערן אַ שווערער שרייב־טיש. אַ קושעטקע, אַן אַלטער בעל־הבתישער ספרים־שראַנק, אַ סעריע לעוויטאַנס פּייזאַזשן אויף די ווענט און ערגעץ ווו איבער אַ וואַנט שטענדיק אַ נייער פּאָרטרעט פון בעל־הבית, וואָס האָט ליב אַזוי אָפּט זיך צו לאָזן מאָלן פון יונגע קינסטלער.

און ווען דער בעל־הבית פונעם צימער, י. ל. פּרץ, האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק פאַרלאָזט די דאָזיקע וווינונג, ווו ער איז אָפּגעזעסן אַ היבש ביסל יאָרן, האָבן יונגע שרייבעד טענות געהאַט צום פאָלק ישראל:

— אַז מען זאָל נישט פאַרמאָגן אַזאַ צימער אויף אייביק, מאַכן פאַר אַן אייגנטום פון דער ייִדישער ליטעראַטור!

ווייל עס איז ווירקלעך שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, אַז אויפן אָרט פון דעם שרייב־טיש, דער קושעטקע, דעם ספרים־שראַנק, די בלומען־טעפּ וועט עמעצער, אַ פרעמדער, אַנדערע מעבל אַוועקשטעלן. אַז אויפן טיר זאָל אַן אַנדער בלעכל אָנגעקלאַפּט ווערן, און אַז קיינעמס פוס זאָל שוין מער נישט קומען אָנקלינגען אין דער טיר, ווו ס׳פלעגט שטענדיק אַנטקעגן אַרויס דער נידעריקער דיקלעכער ייִד מיט די דורכדרינגענדע שוואַרצע אויגן און ברייטן שלום־עליכם פון דער פעסטער האַנט מיט די קורצע פינגער. ס׳איז געווען, אַזוי ווי מען זאָל אַ היים פאַרלירן, נישט קיין שטוב פון אַן איינצלנעם, נאָר אַ היים, צו וועלכער עס האָט געצויגן אַלדאָס שענסטע, וואָס די יונגע ליטעראַטור האָט פאַר די לעצטע 15—20 יאָר באַשאַפן; אַ היים, ווו אַלץ איז אויפגעצויגן, אויסגעלייטערט געוואָרן, פון וואַנען אַלץ איז אויף דער ייִדישער גאַס אַרויס מיט אַ צייכן פון איין שטרעבן, איין שאַפן, איין גרויסע אייניקייט.

עסייען

***

דער היסטאָריקער וואָס וועט הערן וועגן פּרצס גרויסער ווירקונג אויף דער גאַנצער ליטעראַטור פון אונדזער עפּאָכע, וועט אפשר גיין זוכן סימנים פון דער ווירקונג אינעם סטיל, אין די פאָרמען, אינעם שאַפן פון די שרייבער — ער וועט עס אָבער נישט געפינען.

נישט דער סטיל, וואָס פּרץ האָט אַריינגעבראַכט אין דער ליטעראַטור, נישט זיינע פאָרמען האָבן פאַראייניקט אַרום אים אַלץ, וואָס האָט נאָר אַרויסגעשפּראָצט אויפן פעלד פון שיינעם יידישן שאַפן — געשאַפן האָט זיך דער בונד נאָר אַרום דער פּערזענלעכקייט פון פּרצן, געצויגן האָט צו אים זיין אויפריכטיקייט און ליבע צו יעדן שטריך, וואָס איז קינסטלעריש און יידיש, נאָענט געפילט האָט מען זיך צו דער שטענדיקער יוגנטלעכקייט פון אָט דעם באַיאָרנטן יידן, וואָס קען דער טרייסטער און ליבסטער חבר זיין פון יעדן 17-יאָריקן יינגל, וואָס קען מיט זיינע דורכדרינגלעכע אויגן יעדן געפיל צעגלידערן און אויפן וועג אַרויספירן, וואָס קען מיט זיין האַרציקן שמועס דאָס באַהאַלטנסטע און יידישסטע אין יונגן מח אויפוועקן.

„פּרצס שולע" — זאָגט מען וועגן דעם גאַנצן דור שרייבער, וואָס האָט זיך אין יענעם צימער דערצויגן. ס'איז נישט אמת: „פּרצס היים" — דאַרף מען זאָגן, קען עס דען הייסן אַ שולע? און דער פירער פון איר האָלט:

— קומט צו מיר איינער, וואָס הערט מיך אויס און לאָזט זיך פון מיר פירן, בין איך נישט זיכער מיט אים. הערט ער מיך אָבער אויס און טוט זיך דאָס זייניקע, ווייס איך, אַז פון אים וועט זיין אַ לייט.

קען עס דען הייסן אַ שולע? און דאָך איז פּרץ דער „רבי", דאָך זענען אַלע די „תלמידים". ווי הייסט — אַ רבי, וואָס שעצט זיינע תלמידים נאָר דעמאָלט ווען זיי גייען דווקא נישט אין זיינע דרכים? תלמידים, וואָס האָבן ליב דעם רבין, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי גייען אַוועק פון אים? געוויס אַזוי! ווייל עפּעס האָט מען פון רבין דאָך געלערנט, עפּעס, פון וואָס ס'איז גאָר נישט גערעדט געוואָרן, דאָס עפּעס איז ליבע — ליבע צום פאָלק, פאַר וועלכן עס ווערט גע־שאַפן. טיפער ערנסט צו דער ליטעראַטור, אין וועלכער עס ווערט עטוואָס אַריינ־געטראָגן, און אַכטונג, טיפער אַכטונג צו יעדן אייגענעם וואָרט, וואָס דאַרף אין דער ליטעראַטור אַריינגעבראַכט ווערן.

ס'איז נישט קיין דערציילונג געוועזן דאָס, וואָס דער שרייבער האָט גע־

בראַכט פּרצן אויף זײַנע מבינות — ס'איז געװען נאָך אַ ציגל אינעם גרױסן און פעסטן בנין פון דער ליטעראַטור, װאָס װערט געבױט. אַזאַ ציגל דאַרף קרעפטיק זײַן, אַזאַ ציגל דאַרף שטרעבן דערצו, אַז ער זאָל זיך קענען דורות־לאַנג האַלטן, װײַל פּאַר דורות װערט געבױט דער בנין, װוּהין ער װערט אַרײַנגעלײגט.

און נישט קײן ליד אָדער פּאָעמע האָט דער דיכטער געבראַכט פּרצן לײענען — ס'האָט זיך געפּילט, אַז עס דאַרף זײַן אַ קאַרניז, אַ געזימס, אַ באַפּוצונג צום גרױסן בנין — זאָל עס דעריבער פּאַרדינען זײַן אָרט, זאָל עס האָבן קראַפט אױסצוהאַלטן.

האָט אפשר פּרץ, דער רבי, געלאָזט פילן, אַז ער איז דער אַרכיטעקט פון דעם בנין? חלילה! דער 17־יעריקער יינגל איז צום באַיאָרטן ייִדן געגאַנגען, װי צו זײַנעם אַ חבר, װאָס בײדע טון זײ דיזעלבע אַרבעט, נאָר געפּילט האָט דאָס ייִנגל, אַז דער עלטערער חבר, װאָס הײסט פּרץ, פּאַרמאָגט אַזױ פיל ליבע, האַר־ציקע און אױפריכטיקע, צו זײַער אַלגעמײנער אַרבעט, אַז מען קען און מען דאַרף אים אָנטרויען דעם װערט פון ציגל אָפּצושאַצן.

און עס איז דאָך אַזױ לײַכט און גוט צו אַרבעטן, װען עס איז דאָ עמעצער, װעלכן מ'האָט ליב, װען ס'איז דאָ אַן אױג, װאָס קוקט אױף יעדער שריט מיט ליבע און ערנסט! קען מען דען לײַכט אָװעקמאַכן מיט דער האַנט די אָנגע־שריבענע סקיצע, װען מ'װײס, אַז דער, װעלכן מ'האָט ליב, צײלט און קלײַבט יעדעס װאָרט פון דער שפּראַך? איז לײַכט זיך צו לאָזן אָנרעדן פון געלט־יצר־הרע, ביליק צו מאַכן דאָס אײגענע שאַפן, װען מ'פילט אַן אױג, װאָס באַמערקט יעדע פאַלשע ליניע, יעדן פאַלשן קלאַנג?

„דע לפני מי אתה עומד!“ — האָט שטענדיק דאָס אױג דערמאָנט. דער דאָזיקער „װער“, פּאַר װעלכן מ'דאַרף מיט ערפורכט שטײן, איז דער טױזנט־יאָריקער ערנסט פון ביכער־פאָלק, װאָס פּאַר אים גײט מען אַ ליטעראַטור שאַפן. און אַזױ װי די שטילע פרומקײט פון טאַטנס שטוב, װאָס האָט אַ װאַנט פון אײ־ביקײט װײַטער געצױגן, אַזױ האָט אױך דער טיפער ערנסט אַרױסגעהױכט פון יעדן װינקל אין דעם צימער אױפן רױשיקן געסל.

איז פון דעם צימער אַרױסגעװאַקסן אַ דור שרײַבער, װאָס לײַדט אפשר זײַער אָפט הונגער — װײַל צו אָרעם איז נאָך די ליטעראַטור — אָבער ערנסטע און טרײַע דינער פון איר, דער אָרעמער. און איז הונגער און אײגענער בױט װערט מען אָפט פאַרזונקען אַזױ, אַז מ'קען זיך דערצו אַלײן דערנאָך נישט געפּי־

נען... אָבער פאַרזונקען אין תהום פון גראַשנדיקער וואַכעדיקייט — דאָס לאָזט מען זיך נישט, דאָס פאַרשטייט מען אפשר נאָך נישט. און טוט עס אַמאָל איינער, נוצט ער אויס זיין פעדער פאַר די הונדערטער שורות פון טאָג־שרייבעריי און ווערט דערפון אינערלעך געפייניקט. אָבער זאָט, קערן זיך פון אים אָפּ די בליקן פון חברים:

—ער האָט געפעלשט!

ווערט פאַר אים, ווי פון זיך פאַרשלאָסן די טיר פון רבינס הויז, און די הונגעריקע אוןליידנדע ווערן פעסטער איינגעשלאָסן אין זייער טיפן ערנסט, ווי עס ווערן פרימער די קינדער פון אַ הויז, פון וועלכן עס האָט זיך איינער, אַן אָפּטריניקער אָפּגעריסן.

דאָס איז דער גייסט פון דעם יונגן דור שרייבער, דער גייסט פון רבינס שטוב אָנגעוויעט.

**
*

וואָס איז געשען ערשט, אין גרויסן חורבן, מיט יענעם צימער, וואָס איז דעם רבינס היים געווען?

אויף זיבן ימים צעשפּריים זענען די, וועלכע דאָס צימער האָט דערצויגן, גרוי איז געוואָרן דער קאָפּ פון רבין. און ווער ווייסט, צי אויפלעבן וועט נאָך דאָרט די היים פון ייִדישן שאַפן אויף די שטיינער פון גרויסן חורבן?

ווער ווייסט — אפשר איז גאָר באַשערט, אַז דאָ, אין אַמעריקע, זאָל זיין דער פלאַץ, ווו עס זאָלן דעם רבינס שוואַרצע דורכדרינגלעכע אויגן ווידער זיין היים שאַפן, ווו עס זאָלן אים, טרייע און אויפריכטיקע אין דער גרויער אַרבעט, זיינע תלמידים אַרומרינגלען און מיטן אַלטן לידל זיין אַלטן קאָפּ באַקרוינען:

— אונדזער רביניו,
רביניו, רביניו! — — —

אַ לעגענדע פון אַ פאָלק, אַ צויבער פון אַ יום־טוב

עס איז נאָך שווער ביי היינטיקן טאָג רויִק צו שרייבן וועגן פּרצן. יעדן איינעם, וואָס האָט מיטגעלעבט די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור פאַר די לעצטע יאָרצענדליק און געשפּירט דאָס ווונדערלעכע און לעגענדאַרישע, וואָס איז אין דער ליטעראַטור פאַרבונדן געווען מיט פּרצס נאָמען. און נאָך שווער איז רויִק צו רעדן וועגן פּרצן דעם, וואָס האָט אויף זיך אַליין געפילט די שטראַלן פון דער לעגענדע, וואָס איז אַליין געווען איינגעכישופט אינעם צויבער, וועלכער האָט געשוועבט אַרום פּרצס פּערזענלעכקייט.

פאַר יעדן אויפריכטיקן און נאַיִון לעזער אין דער ווייטער פּראָווינץ איז יעדער געליבטער שריפטשטעלער און דיכטער — אַ שטיק לעגענדע. מען האָט זיך ליב צו דערציילן מעשות וועגן אים, וועגן זיין אַרט לעבן, גיין, אָנטאָן און רעדן. יעדעס איינצלנע אומבאַדייטנדע וואָרט זיינס טראָגט זיך פון ליפּן צו ליפּן זיינע פאַרבענקטע פאַרערער און מען זוכט אין דעם אַ באַזונדערן זין, אַ באַזונדערע באַדייטונג. אין דער נאָענטקייט פון שריפטשטעלער אָבער ווערט אָפטמאָל צערונען די לעגענדע. עס בלייבט דער איינדרוק פון אָריגינעלן אינטערעסאַנטן מענטשן, וועלכער האָט וואָס צו זאָגן, אָבער דאָס צויבעריש־לעגענדאַרישע פאַרשווינדט.

וואָס נעענטער אָבער מען איז צוגעקומען צו פּרצן — אַלץ שטאַרקער האָט זיך די לעגענדע געפילט. עס איז נישט געווען קיין לעגענדע פאַר דעם ווייטערן נאַיִון לעזער פון דער פאַרוואָרפענער פּראָווינץ. נישט קיין לעגענדע פאַר דעם בחור, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט אַ פּאַק לידער אין קעשענע. נישט קיין לעגענדע

פאַר דעם מיידל וואָס ליבט זיך אין די לידער פון דיכטער. פרץ איז געווען אַ לעגענדע פאַר יעדן איינעם וואָס האָט אים געקענט, און וואָס נעענטער, און וואָס מער מען האָט אים געקענט, אַלץ צוויבערלעכער איז די לעגענדע געוואָרן.

„דער גרעסטער יידישער שריפטשטעלער" — האָט מען געטראַכט וועגן פרצן, איידער מען האָט אים געקענט. „דער גרעסטער ייד פון זיין דור" — האָט מען געזאָגט, ווען מען האָט פרץ דערקענט.

האָט פרץ אַ נייע משיח־אידעע אויסגעפונען? איז ער אַ פירער פון אַ פאָלקס־באַוועגונג געווען? האָט ער מיט זיך מאָסן צו אַ נייער אויסלייזונג מיט־געפירט? ניין — ער איז נישט קיין טעאָרעטיקער, נישט קיין פירער געווען. — און דאָך דער גרעסטער ייד געווען. ווייל ער האָט די נשמה פון אַ גאַנצן פאָלק אין זיך געטראָגן, און גייענדיק אַליין אויפן וועג פון ליכט און זון — האָט ער די נשמה פון גאַנצן פאָלק אויפן שטראַלנדיקן וועג אַרויסגעפירט.

דאָס האָב איך אין מיין מאַמעס לויטערע אויגן געזען אין יענע אָוונטן, ווען איך פלעג זיצן נעבן איר און די בלעטלעך פון פרצס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" פאַרלייענען. דאָס האָב איך געהערט אין מיין טאַטנס אונטערזינגען נאָכדעם, ווי ער האָט די מעשה וועגן „בריסקער רב מיטן ביאַלער רבין" איבערגעלייענט. דאָס האָב איך באַמערקט אין איינגעבויגענעם קאָפּ פון מיין יינגערן ברודער, ווען ער איז איבער פרצעס בוך געזעסן. און איך אַליין — צי בין איך דען נישט אינגאַנצן אַ ווערק פון אים, פון זיין וואָרט און צויבער? און איר אַלע, וואָס דאָס יידישע וואָרט איז אייך האַרציק און טייער, וואָס דאָס יידישע ליד וועקט פרייד אין אייער האַרצן, וואָס יעדער ציטער פון דער ניי־אויפגעוועקטער נשמה מאַכט אויך אייך ציטערן — איר אַלע, צי זיינט איר דען נישט די קינדער פון זיין גייסט; צי איז דען נישט דער אויסגעשטראַלטער וועג, אויף וועלכן איר גייט אַצינד, דער וועג, וואָס ער האָט פאַר אייך אויסגעשפּרייט?

אָבער צו אייך זענען נאָר ווייטע אָפּקלאַנגען דערגאַנגען פון דער זינגעדיקער נשמה זיינער; צו אייך האָט נאָר אַ ווייט ליכט דערגרייכט פון דעם, וואָס האָט אייביק געשטראַלט. פרץ איז אינגאַנצן אַ לויטערע נשמה געווען, און עס איז נישט געווען קיין אין באַוועגונג אין אים, וואָס זאָל די לויטערקייט נישט אָפּ־שלאָגן.

עס זענען דאָ שרייבער, וואָס ווען איר לייענט זיי, פילט איר, אַז אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, האָט ער פון זיך אין דעם ווערק אַרויסגעזויגן. און עס זענען דאָ זאַכן, וואָס ווען איר לייענט זיי, פילט איר, אַז דאָס האָט איינער נאָר פאַר־

בייגייענדיק אַ וואָרט געוואָרפן, און ער אַליין מיט זיין גאַנצן פאַרמעגן איז ווייטער אַוועקגעגאַנגען.

פּרץ איז שטענדיק ווייטער אַוועקגעגאַנגען. ווייל ער אַליין איז דער גייענדיקער לעבעדיקער קוואַל געווען; ווייל ער אַליין איז דער אינהאַלט געווען פון אַ גאַנצן פאָלקס־לעבן אין זיין זינגענדיקייט און יום־טובדיקייט. ווייל ער אַליין איז דער „שלמה״ געווען, וואָס האָט זיך איינגעשפּאַרט קיין הבדלה נישט צו מאַכן, כדי עס זאָל די וואָך נישט אָנקומען, ווייל זיין אייגענער וועג איז געווען פון די וואָס:

אַזוי גייען זיי,
זינגענדיק און טאַנצענדיק,
אי, גרויסע, גרויסע ייִדן
שבת־יום־טובדיקע!

און ווען פּרץ האָט גערעדט, האָט איר נישט געקענט קיינמאָל פאַרגעסן דאָס וואָרט, וואָס איז פון זיינע ליפּן געפאַלן: אַ נשמה האָט אייך אָנגערירט, און יעדע באַרירונג פון אַ נשמה לאָזט אַ צייכן אויפן גאַנצן לעבן. אַזוי האָט ער אין שטוב גערעדט, אַזוי האָט ער אויפן גאַס גערעדט, אַזוי האָט ער פון דער עסטראַדע גערעדט.

עס איז בשום־אופן געווען אוממעגלעך איבערצוגעבן פּרצס אַ רעדע, און דעם איינדרוק פון זיין רעדן. איך האָב מורא אין שאַבלאָן אַריינצופאַלן, וועלנדיק דאָס טון. נאָר יעדע פראַזע יעדער געדאַנק זיינער האָט אויפגעבליט ווי אַ צייטיקע בלום און פאַרשיכורט ווי אַ בלום, האָט אין אייך אַליין אַנטפּלעקונגען געמאַכט, און ווען ער האָט געענדיקט רעדן, האָט איר אָפט נישט געקענט קומען צו זיך פון איבעררעשונג, ווייל עס האָט זיך אייך געדאַכט, אַז איר האָט זיך אַליין נאָך אַמאָל געפונען.

דאָס האָט זיך אַליין נאָך אַמאָל געפונען פּרץ. פּרץ, וואָס האָט זיך אייביק געזוכט, וואָס האָט יעדעס מאָל אין זיך אַ נייעס אַנטפּלעקט, אָבער זיין אַנטפּלעקונג איז געווען אַנטפּלעקונג פון אַ נשמה פון אַ גאַנצן פאָלק, און זענט איר אַ קינד פון דעם פאָלק געווען, האָט איר געמוזט דערפילן, אַז דורך אים אַליין זענט איר אויך ווידער אַנטפּלעקט געוואָרן.

און מען האָט דעריבער קיינמאָל נישט געקענט וויסן, וואָס וועט פּרץ זאָגן היינט און מאָרגן — ער איז שטענדיק אומדערוואַרטעט, שטענדיק איבעררעשנד

געווען. דעריבער האָט מען שטענדיק געציטערט יעדעס מאָל, ווען מ׳האָט גע־דאַרפט פון פרצן אַ וואָרט אויסהערן. דעריבער האָט איר שטענדיק אין זיך געטראָגן דעם יראת־הרוממות געפיל, ווען איר האָט זיך געדאַרפט צו אים דערנעענטערן.

ער איז דאָך שטענדיק נאָענט געווען, נאָענט, ווי נאָר עס קען אַ נאַקעטע נשמה זיין. אָבער נישט אַלע האָבן אין זיך דעם מוט און די גאַנצקייט צו קומען אין דער נאַענטקייט פון אַ נאַקעטער נשמה — און איר האָט דעריבער שטענדיק דעם פחד געפילט, אַזוי ווי איר זאָלט זיך דאַרפן פאַר אַ בית־דין שטעלן.

דער בית־דין איז מילד געווען און צערטלעך, ווייל ער איז פול ליבע געווען. האָט מען אים נאָר דערפאַר מיט אומבאַגרענעצטע ליבע און דאַנקבאַרקייט גע־צאָלט, אָבער קיינמאָל דעם ציטער פאַר אים נישט פאַרלאָרן. און האָט מען זיך זינדיק געפילט, איז מען אַנטלאָפן פון אים און אים אויסגעמיטן, אָבער קיינמאָל נישט אויפגעהערט ליבן, קיינמאָל נישט אויפגעהערט ציטערן. און דער טאָג, ווען מען האָט אין זיך ווידער דערפילט דעם מוט פאַר אים זיך צו שטעלן, איז געווען אַ יום־טוב, אַ טאָג פון אויסלייזונג, אַ טאָג פון ווונדער, וואָס איז געשען.

און די מעגלעכקייט פון ווונדער איז דאָך שטענדיק צווישן אונדז אומגע־גאַנגען, די מעגלעכקייט פון אַ נייער אויסלייזונג, פון אַ נייער אַנטפּלעקונג, פון אַ נייעם ווידערגעבורט. און דער וואָס האָט אין זיך די ווונדער געטראָגן, איז אַ לעגענדע געוואָרן, אַ לעבעדיקע, צווישן אונדז גייענדיקע.

עס וועט די צייט פאַרהיילן דעם בראָך אין האַרצן פון דער אָוועקגעריסענער לעגענדע און דאַן וועלן אין מח דייטלעכער אַרויסשווימען די בילדער און דערי־נערונגען פון איר צויבער און ווירקונג.

איצט איז נאָך אַזוי אומבאַשטימט דאָס געפיל אין ווייטיק, אַז ווען מ׳וויל עטוואָס רויִקער רעדן וועגן דעם, וואָס איז אָוועקגעגאַנגען, קען מען נאָך די ווערטער אין מח נישט אָפּזוכן, און גענוג, ווען מען זאָגט:

אַ לעגענדע פון אַ גאַנצן פאָלק, אַ צויבער פון אַ גרויסן יום־טוב האָט זיך פון אונדז אָפּגעטון.

מנחם באָריישאָס ווערק:

1) פוילן. — פּאָעמע, 19 זייטן, פאַרלאַג א. גיטלין, 1914, וואַרשע.

2) אַ ריננ אין דער קייט. — אויסוואַל פון לידער און פּאָעמעס; 127 זייטן. ליטעראַרישער פאַרלאַג, 1916, ניו־יאָרק.

3) זאַמד. — ליריש־עפּישע לידער, 208 זייטן, פאַרלאַג „אידיש", 1920, ניו־יאָרק.

4) זאַוול רימער. — אַ כראָניק אין 16 קאַפּיטלען, 224 זייטן. ב. קלעצקין, 1923 וואַרשע.

5) דער גלגול. — פּאָעמע, דיאַלאָג אין צוויי באַגעגענישן, 145 זייטן. ב. קלעצקין, 1927, וואַרשע.

6) דער פּאַסטוך דוד. — ביבלישע דראַמע, 149 זייטן. ב. קלעצקין 1932, וואַרשע.

7) דער קריזיס אין יידיש. — רעפעראַט. 32 זייטן. פאַרלאַג ציקאָ, 1940, ניו־יאָרק.

8) דער גייער. (צוויי בענד) — קאַפּיטלען פון אַ לעבן, 512 זייטן. אַרויסגעגעבן פון קאָמיטעט „דער גייער". 1943, ניו־יאָרק.

9) דער גייער (איין באַנד) — צווייטע אויפלאַגע. פאַרלאַג „מתנות", 1943, נ.־יאָרק.

10) אַ דור. — אָפּקלייב פון לידער און פּאָעמעס, מיט אַ נאָכוואָרט „מיט דעם דור", 307 זייטן. פאַרלאַג „מתנות", 1947, ניו־יאָרק.

11) הורך דורות. — צוויי פּאָעמעס: משה, חשבון אויפן אַש. (י. ל. פּרץ) ביאָגראַפיע געשריבן פון לעאָ פינקעלשטיין און אַ ביבליאָגראַפיע, 277 זייטן. פאַרלאַג „מתנות", 1950, ניו־יאָרק.

12) *The Story of Yiddish*. 23 זייטן, אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס, 1946, ניו־יאָרק.

דערשינען אויך אויף שפּאַניש אין אַרגענטינע אין 1949.

אין פאַרלאַג „יידבוך" זענען ביז איצט דערשינען:

1) **י. ל. פרץ** — דריי חסידישע דערציילונגען
אַלבום־פאָרמאַט, געכתיבהט פון קינסטלער משה פייגענבלום.
2) **ח. ש. קאַזדאַן** — מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור (אויספאַרקויפט)
3) **י. י. טרונק** — כעלעמער חכמים
4) **שלמה סיימאַן** — אַמאָליקע יידן (אויספאַרקויפט)
5) **פּראָפ. ליבמאַן הערש** — אויף דער גרעניץ פון צייטן
6) **יצחק פערלאָוו** — אין אייגענעם לאַנד
7) **י. י. טרונק** — דער פריילעכסטער ייד אין דער וועלט (אויספאַרקויפט)
8) **ש. סיימאַן** — תוך־יידישקייט
9) **נ. ב. מינקאָוו** — זעקס יידישע קריטיקער
פּרעמירט געוואָרן דורך דעם פאָנד פאַר יידישע ליטעראַטור
ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.
10) **אברהם זאַק** — אין אומרו פון יאָרן
פּרעמירט געוואָרן דורך דער מ. סטאָלאַר־פּרעמיע
פון „די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס.
11) **יוסף רייך** — וואַלד אין פלאַמען
12) **מ. וו. בערנשטיין** — אין לאַבירינטן פון תקופות (אויספאַרקויפט)
13) **לעאָן קאָברין** — מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע (2 טיילן)
14) **יצחק פערלאָוו** — דזשעבעליאַ (ראָמאַן)
15) **ברוך ריווקין** — ה. לייוויק — זיינע לידער און דראַמאַטישע ווערק
16) **מלכה לי** — דורך קינדערשע אויגן.
17) **יעקב פאַט** — די לערערין אסתר
18) **שלמה סיימאַן** — וואָרצלען
19) **משה דלוזשנאָווסקי** — „האַרבסט אין ווייַנגאָרטן"
(דערציילונגען און דראַמעס)
20) **מנחם באָריישאָ** — עסייען.

אין דרוק:

משה אייזענבוד — געלעבט הינטער קראַטן
ל. בערנשטיין — ערשטע שפּראָצונגען

אין צוגרייטונג:

פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — די ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פראַנקרייך
מרדכי וו. בערנשטיין — ביים סוף פון 1000 יאָר אשכנז
דוד איגנאַטאָוו — דערציילונגען

MENACHEM BORAISHA

SELECTED ESSAYS

★

"IDBUJ"

BUENOS AIRES

1956

HECHO EL DEPOSITO QUE MARCA LA LEY

Industria Argentina

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 15 DE JUNIO DE 1956,
EN LOS TALL. GRAF. "ZLOTOPIORO HNOS.", GASCON 1231, BS. AIRES.

M. BORAISHA

ENSAYOS

★

Editorial
"IDBUJ"
de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina

Buenos Aires — 1956